STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04795

DER HAVER

V. Marguerite

Permanent preservation of this book was made possible
by the Levi Family Foundation
in memory of
Robert E. Levi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויקטאָר מאַרגעריט

דער חבר

יידיש: פּועה ראַקאָווסקי

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב

וואַרשע, 1927

WIKTOR MARGERET

TOWARZYSZ

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB

Warszawa, Dzika 31

Druk. „RECORD" Warszawa, Dzika 18

אַ הקדמה פֿון מחבר

„ביכער האָבן זייער מזל", – האָט געזאָגט דער רוימישער דיכטער האָראַצי.

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן װעגן צוויי ענג-צונויפֿגעבונדענע ראָמאַנען – אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַ ראָמאַן אין צוויי ביכער.

נאָך מײנע װערק „די יונגע מיידלעך" און די „פּראָסטי-טואירטע" האָט מיך דער געדאַנק װעגן צווילינג-ראָמאַן, דער „חבר" און די „בחורטע פּסדר באַשעפּטיקט. און האָט מיך זומער 1921 העגרי דוווערנאַ דרינגנד אויפֿגעפֿאָדערט מיטצואַרבעטן אין אַ צייטשריפֿט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן.

אין איילעניש האָב איך סקיצירט אַ פּאָר קאַפּיטלען, דעם פּראָיעקט צו איין טייל פֿון „חבר" (דעם „חבר" האָב איך געזאָלט שרייבן פֿריער) די אַרבעט איז דערשינען אין די „פֿרייע װערק" אונטערן טיטל „די פֿרוי אונטערוועגס". דאָס האָט געזאָלט זיין דער געמיינזאַמער נאָמען, אונטער װעלכן איך האָב לכתחילה געװאָלט צוזאַמענפֿאַסן ביידע װערק.

אַזוי ווי די ערשטע אַרבעט איז אָבער, לויט מיין מיינונג
נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך, האָב איך גע-
ענדערט מיין פּלאַן און אָנגעשריבן איין אַטום „בחורטע“.

און אויף דעם אופן איז עס געשען, אַז דאָס דאָזיקע בוך,
וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אַלס דאָס צווייטע, איז דאָס
ערשטע אַריינגעפאַלן אין פייער פון דער קריטיק און געמוזט
אַריבערטראָגן אַלע אָנפאַלן פון יענער געזעלשאַפט, וועלכע האָט
זיך, לויט איר אייגענער מיינונג, תיכף דערקענט אין די דאָ-
זיקע בולט געשילדערטע בילדער.

אין איין שיינעם טאָג וועל איך מיר מאַכן דאָס פאַרגע-
ניגן און איבערגעבן מיט אַ געמישטן געפיל פון פרייד און
פאַרגעכטונג די אייגנטימלעכע געשיכטע, וואָס עס האָט פּאַסירט
מיטן דאָזיקן בוך, וואָס די קנאה און שנאה האָט בלויז פאַר-
פילפאַכט זיין דערפאָלג.

איך וועל אָבער נישט וואַרטן ביז יענער צייט, כדי צו
באַדאַנקען די אַלע — פּראָווינציעלע און אויסלענדער, וואָס האָבן
ליב פּראַנקרייך — וועלכע האָבן מיר אין טויזנטער צושריפטן
אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע...

אַ מחנה אומבאַקאַנטע פריינט, וואָס זייערע בריוו האָב
איך צוגעלייגט צו יענעם דעקרעט, וועלכער האָט מיר פאַרשאַפט
כבוד, האָבנדיק בדעה מיך צו קאָמפּראָמיטירן... אַ דאָקומענט,
וואָס זיין טפשות און אומלעגאַליטעט וואַרפן זיך אַזוי אין
די אויגן, אַז מ׳האָט קיין מוט נישט געהאַט אים צו פאַרעפנטלעכן,
כאָטש די צייטונגען פון דריטן יאַנואַר האָבן שוין געהאַט גע-
מאָלדן אין די אַמטס-בלעטער וועגן זיין באַפאָרשטייענדיקער
פּובליקאַציע.

איך אַליין האָב זיך ערשט מיט פינף חדשים שפּעטער ווען אים
דערוווּסט אַ דאַנק דער געפעליקייט פון אַן העכערן יוסטיץ-
באַאַמטן. דער טעקסט — אַ מייסטערווערק פון אַ יעזואיטישן
אָדער (קאַלוויניש) שפּיזבירגער, וועט אַרויסרופן אַ געלעכטער
ביים צוקונפטיקן לעזער.

בינו לבינו האָב איך מיטן „[illegible]“, [illegible] וועלכן איך [illegible]

בלויז זאָגן איין זאַך, אַז ער איז, ווי אַלע מיינע שריפטן אַ בוך פון גוטן גלויבן" — צוגעלייגט אַ נייעם בוישטיין צום ווערק, וואָס איך האָב אָנגעהויבן אין יאָר 1896 מיטן „באַנקראָט" און „נייע פרויען".

אין „חבר" דערשיינען ווידער עטלעכע פערזאָן פון דער „בחורטע". אויב מיינע איבערגעשפּיצטע שונאים וועלן אפשר נישט פאַרשאַפן אניקע רעמבערט אַזאַ גרויסן פרסום, בין איך אָבער זיכער, אַז פאַרדרוס וועט זי ביי זיי אַרויסרופן נישט ווייניקער ווי מאַניקע.

אַלס לאָגישע קאָנסעקווענץ פון מיין שטודירן די ווייבלעכע זייטן, באַקומט פאַקטיש דער „חבר" דאָס פולשטענדיקע רעכט צו רעדן אָפן וועגן אַלץ ווי דאָס פאָדערט די ערלעכקייט פון דער נאַטוראַליסטישער שול, צו וועלכער ס'געהערט דער דיכטער פון ווערק „דער צייט-פאָדעם".

ביי אַלע מיינע ווערק, היסטאָרישע אַרבעטן אָדער ראָמאַנען, האָב איך בלויז געהאַט איין קינסטלערישע דאגה: דעם אמת, און איין אידעאַל: דאָס לעבן. ס'אַרט מיך גאַנץ ווייניק, וואָס איך האָב אַרויסגערופן אַ שלעכטע שטימונג ביי די צבועים פון אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישן די אייפערזיכטיקע, די נישט פאַרגינער. איין פונקט נאָר וויל איך אָבער אויפקלערן. געוויסע פיינע מענטשן האָבן עס צעקלינגען און אַנדערע, ווי דער שטייגער איז, האָבן עס איבערגעחזרט, אַז איך האָב אָנגעשריבן די „בחורטע" מיטן צוועק רייך צו ווערן.

מ'מוז אָבער מודה זיין, אַז נאָך אַלט און דרייסיק ביכער, וואָס איינס, די „פראָסטיטואירטע", דערשינען אין יאָר 1907, האָט אַרויסגערופן נישט קיין קלענערע אויפרעגונג, האָב איך זיך מיט דער דאָזיקער אויסרעכענונג אַביסל פאַרשפּעטיקט. איך האָב נישט נויטיק געהאַט צו וואַרטן ביז מיין זעקס און פופציקסטן יאָר, כדי צו פאַרזיכערן מיט ביליקע מיטלען מיין עקזיסטענץ, וועגן וועלכער איך האָב, אַ דאַנק מיין אַרבעט, קיינמאָל קיין דאגה נישט געהאַט.

איך וואָלט אויף אַזעלכע רכילות בכלל נישט רעאַגירט,

ווען איך זאָל נישט שטרעבן מיין גוטן נאָמען, נישט בלויז דיין צו האַלטן, נאָר אויך צו פּאַרפעסטיקן.

וואָס מיר ווערן עלטער, אַלץ דייטלעכער ווערט פאַר אונז די נישטיקייט, פון געוויסע השערות, די פּוסטקייט פון די פּאַרמאַלי־טעטן — די עמודי־התוך — די גרונט־יסודות, אויף וועלכער עס באַזירט די סאָציאַלע קאָנווענציע — און אויב מיר באַדויערן יאָ עפּעס, איז עס אויסשליסלעך די קורצקייט פון לעבן, כדי צו קענען ווייטער אַרבעטן און דערפירן אונזער ווערק צו שלימות.

לכל הדעות בין איך אין דערמיינונג, אַז איך האָב דאָ גע־מאַכט אַ שריט פאָרויס.

די חעלדינס, וועלכע איך האָב ביז איצט געפּרוווט אַרויס־רופן צום לעבן, ווי צום ביישפּילן: אין די „מאָדערנע פרויען״, די „יונגע מיידלעך״ די „בחורטע״ גופע, זענען בלויז געווען בירגערלעכע טיפּן אין קריזיס פון דער עוואָלוציע.

אויסער מאַניקען, וועלכע פּראָקלאַמירט אויסדריקלעך דאָס רעכט פון דער פרוי אויף אַבסאָלוטע סאָציאַלע גלייכהייט, בויגן נאָך אַלע די קעפּ — זיך צופּאַסנדיק צו דער עפּאָכע — פאַרן קאָמפּראָמיס פון דורות — אַלטן יאָך.

אַניקע רעמבערט, אַניקעס פּאַקטישע נאָכפאָלגערן אין דער פראַגע וועגן פיזישער באַפרייאונג, גייט אַוועק אַ סך ווייטער פון איר בנוגע דער עמאַנציפּאַציע פון גייסט.

מאַניקע בלייבט שטיין אויפן האַלבן וועג אין ביי דער ערשטער געלעגנהייט קערט זי זיך אים צוריק צו דער נאַטיר־לעכע אָרדענונג, נישט געקוקט דערויף, וואָס איר גליקלעכע הייראַט שטייט אין סתירה מיט דער סאָציאַלער אָרדענונג. אַניקע אָבער, גייט רויִק און אויסגעהאַלטן צום ענדציל פון אירע איבערצייגונגען. דער רייכטום אין די דערציִונג פון דער ערשטער, זענען געווען די פאַרבאַדינגונגען פון איר פאַלן פּונקט ווי איר אורשפּרינגלעכע אַנשטענדיקייט, איינע פון די סיבות, וואָס אַ טייל קריטיקער באַטראַכטן דאָס אַלס איר ווידערדערהויבונג. ווייניקער עקזאַלטירט, באַוווסטזיניקער און באַגאַב־

טער, דערגרייכט די צווייטע פולשטענדיק איר ציל וואָס זי האָט זיך אָנגעמערקט.

דאָס ציל בײַ וועלכן דער מענטש גופא ליידט, אונטער די געזעצן, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן. וויפל לעבנס, איבער-הויפט ווייבלעכע, ווערן צעבראָכן נישט דערגרייכנדיק די דאָזיקע פרייהייט, וואָס צו אירע הויכקייטן האָט זיך אניקע, אַלס פירערין פאָרקעמפפערין, אַזוי שטאַרק געריסן!

דער שטח צו דעמדאָזיקן צוקונפטסלאַנד ציט זיך אויף אַזעלכע אומוועגן, וואָס קיינער קען זיי נישט פאָראויסזען. פונקט ווי די אויסערלעכע אומשטענדן, אונטער וועלכע דידאָזי-קע באַפרייונג וועט דאָך אַמאָל דערגרייכט ווערן.

אויף דעם אופן, איז אניקע לעבן איר מאַן נישט די צו-ריקגעזעצטע און הכנעהדיקע ווייב פון נעכטן, נאָר צערטלעך ליבנדער וועג-חבר, וואָס באַגלייט אים פרייוויליק און מיט גלייכע טריט אויף זיין וואַנדערשאַפט צום מאָרגן. און אויב זי באַפוצט איר קורץ געשוירענע האָר מיט אַ בחורשער קאָקאַר-דע, טוט זי עס נאָר צוליב דעם, כדי צו באַווייזן, אַז, דערפי-לענדיק איר אויפגאַבע אַלס פרוי, איז זי פעיק דורכצופירן אַלע מענלעכע לייסטונגען.

דאָס איז דער אייגנטלעכער זין פון דער „פרוי אונטער-וועגס‟ פון דער „צוקונפטס-פרוי‟ און איך וויל בלויז איין זאַך — אַז געוויסע פעמיניסטינס, וועלכע אָפּשירן זיך אַלס קעמפפערינס פאַר פרויען געוויסע רעכט און זענען דערביי ווייניקער רעוואָ-לוציאָנער ווי זיי באַהויפטן און אַפילו ווייניקער ווי זיי מיינען, זאָלן דאָס מאָל אַרויסווייזן מער פאַרשטענדעניש.

פונקט ווי מיין גאַנצע וועלט אַנשויאונג. אַזוי האָב איך אויך נישט געענדערט מיין פילאָזאָפישע איבערצייגונג און אַלס עפּיגראַם צום „חבר‟ ווי צו דער „בחורטע‟ וואָלט איך אויפגע-שריבן די שורות ווי מיט אַכצן יאָר צוריק אויף מיין ווערק „די פראָסטיטואירטע‟.

„אונזער שקלאַפין אָדער אונזער הערשערין! ווען וועלן מיר שוין ענדלעך אויפהערן צו באַהאַלטן פאַר זיך אַליין דאָס

אמתע געזיכט פון דער פרוי אונטער דידאַזיקע צוויי מאַסקעס? ווען וועלן מיר ענדלעך באַגרייפן, אַז זי וועט נישט אויפהערן צו זיין אונזער פיינט, כל זמן אונז וועט נישט געלונגען צו מאַכן איר פאַר אונזער פריינט? ווען וועלן ענדלעך געשאַפן ווערן גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן פאַר אַלע מענטשלעכע באַשעפענישן? איין-איינציקע מאָראַל און איין-איינציקע גערעכטיקייט?"

די נאַטור קען נישט קיין חטא. ערשט די דערציִהונג האָט'ס דערפונדן.

קאַמיל מאָקלער. פון דער פיזישער ליבע

ערשטער טייל

1

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער איינגאַנגס=טיר אין דער קאַמער, וואָס האָט איר גלייכצייטיק געדינט אַלס קאַבינעט, טואַלעט=צימער און קיך, האָט אַנקע זיך געהאַלטן אין מיטן וואַשן, אויסדריקנדיק דעם גרויסן באָד=שוואָם איבערן איינגעבויגענעם קערפּער.

— אפשר איז'ס פּאַולאַ?.. — אָבער ניין, זי האָט דאָך דעם שליסל.

אַ נאַקעטע איז זי געשטאַנען אין מעשענעם בעקן, האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, געהאַלטן דעם שוואָם אונטערן קראַן איבערן זליוו ביז ער האָט זיך איבערגעזאַפּט פול מיט וואַסער און ווידער אים אויסגעדריקט איבערן קערפּער.

— ס'אַרא מחיה!

שטעכנדיק, ווי אַ דערפרישנדיק גלעטן, איז דאָס קאַלטע וואַסער געפלאָסן איבער איר מוסקולעזן רוק, איבערן יונגען אַזאַנקעביוסט, איבערן בויך וואָס האָט זיך געוועלבט ווי אַ שילד פון עלפאַנטבײן; דערנאָך אַראָפּגערונען איבער די שיין געפאָרמטע

קני און באַנעצט מיט אַ גוס רעגן פון גרויסע טראָפּנס דעם געלייגק פון אירע שמאָלע פיס, די רויז שימערנדיקע, רונדע נעגל פון די פינגער. דער גלעקל האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען.

— ווער קאָנ'ס אָבער זיין?

זי האָט אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ מיט די קורצע, ברוינע לאָקן און געמאַכט אַ זויערע מינע. איבערן גאָלד=גלאַנץ פון אירע אויגן האָט זיך פארצויגן אַ פינסטערער שאָטן ווי תמיד, בעת זי פלעגט זיך פאַרטראַכטן.

— דו קענסט קלינגען ביז מאָרגן

זי האָט פעסט באַשלאָסן נישט לאָזן זיך שטערן. אויסער איר שוועסטער האָט זי אויף קיינעם און אויך קיין זאך נישט געוואַרט... זונטיק פלעגט זי בכלל נישט אָננעמען. איין טאָג אַ פרייען מוז מען האָבן נאָך דער שווערער אַרבעטס=וואָך! ס'האָט איר אָנגענומען אַ חשק צו זינגען, צו לויפן: אַזוי שיין איז גע= ווען דער טאָג!... אַן אויספלוג אין אַן אויטאָ, אַ מיטאָג אונטערן פרייען הימל... ביז עלף אַ זייגער מוז זי זיין פאַרטיק. פיער לעבאָ וואָלט נאָך איר געקומען.

אָבער דער גלעקל האָט כסדר געקלינגען. פאַרצווייפלט האָט עמעצער געקלאַפּט אין דער פאַרשלאָסענער טיר. און ס'האָט זיך דערהערט אַ שטילע שטים:

— אַנקע! אַנקע!... דאָס בין איך, סעסיל... סעסיל הארדי, מערעט!

— אַ, איר, מיין ליבע!... דאָס איז עפּעס אַנדערש. וואַרט אַ ווײַלע, איך קום גלייך.

איבעראַשט און דערפרייט איז אַנקע מיט איין שפרונג אַרויס פון וואַש-בעקן, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די שולטערן אַ באַדע-לאַ-קען און באַדעקנדיק דעם אָפּגענוצטן דיוואַן (דעם איינציקן פוץ פון איר גאַנצער דירה) מיט נאַסע פוס-שפורן איז זי צוגעלאָפן צום טיר, האָט איר ברייט פונאַנדערגעעפנט און מיט גרויס צערטלעכקייט זיך אַ וואָרף געטון אויפן האַלז אַ פרוי, וואָס איר גוטער, צעפרידענער געזיכט האָט ממש געשטראַלט פון פאַרגעניגן. ווי אַ טרייע טאָכטער

האָט זי באַדעקט אירע פּאַרוועלקטע באַקן מיט הייסע קושן. דער־נאָך איז זי לאַכנדיק אָפּגעשפּרינגען און אויסגערופן.

— צו אַלע צרות האָב איך אײַך נאָך פאַרגעצט אויך...

— לאָמיר וויניקסטנס אַרײַנגיין אינעווייניק !

האָט געזאָגט דער אומגעריכטער גאַסט. אַ צופרידענער האָט סעסיל הארדי זיך צוגעקוקט צו דער ליבסטער פון אירע שילערנס, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר איר גינסטיק קינד. דער שטאָלץ, די פרייד פון איר אײַנזאַמען לעבן, פון איר מסירות־נפשדיקער איבערגעבנהייט.

— דו האָסט זיך לגמרי נישט פאַרענדערט! לכל הדעות ניט מאָראַליש... ווײַל, אַלעס איבעריקע איז גאָרנישט ווערט ! דו ביסט אויסגעוואַקסן, פרײַלײַן אַדוואָקאַטין... צוויי יאָר האָבן מיר זיך נישט געזען, דאָס האָ ט פיל צו זאָגן !

— יאָ, איר מעגט דאָס נאָכאַמאָל זאָגן !

דער פאַרצימער אינגאַנצן אָן מעבל, איז געווען אַזוי קליין, אַז זיי האָבן זיך בײדע ממש נישט געקענט אַ ריר טון.

— גייט ווייטער, האָט אַנקע געזאָגט, און דערלויבט מיר אײַך אַרײַנצופירן אין מײַן אַרבעטס־צימער...

מיט אַ שטיפערישן זשעסט האָט זי איר אַ וויַיז געטון דעם אָכרע־געל געמאָלטן צימער, וואָס אויף זײַנע ווענט האָבן געלויכט ווי פרײַלעכע פאַרבן־פלעקן, עטלעכע בילדער, מתנות פון באַפרײַנדעטע קינסטלער.

— פראַכטפול ?

— צו מיינט איר׳ס באמת ?

אַ צופרידענע האָט זי איר געוויזן די אַלקאָווע. אַ ווינקל מיט אַ דיוואַן און עטאַזשערקעס פול ביכער. „מײַן שלאָפצימער...״ און צווישן צוויי אַלטפראַנקישע שטולן, אַ קליין, רונד, שוואַרץ־לאַקירט טישל מיט גאָלד־פאַרצירונגען, און אויף אים אַ הויכער קריסטאַל־בעכער מיט צוויי שאַרלאַך־רויטע טולפּן. „מײַן עסצי־מער...״

פרײַלײַן הארדי האָט געכאַפּט פון אַלץ התפעלות מיטן פשוטן געמיט פון אַ פּראָווינץ־לערערין. ניט אַזױפיל צוליב דעם ווײַל אין איר אָרעם לעבן האָט זי נישט געהאַט קיין השגות,

פֿאַר עלעגאַנץ און פּוץ, נאָר מחמת אַלץ וואָס ס'האָט אָנבאַלאַנגט אַנקען, וואָס ס'איז נאָר געקומען מיט איר אין באַרירונג איז שוין אין אירע אויגן במילא געווען שיין.

דאָס יונגע מיידל האָט זיך אוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון ביורקע, — אַ מאַסיווער, מאָדערנער שרייב=טיש פֿון אַהאָרן=האָלץ, וואָס זיין פּלאַץ האָט זיך קוים געזען פֿון אונטער דער מחנה אָנגעוואָרפֿענע אַקטן. די אַראָפּגעהאָנגענע פּיס האָט זי איינגעוויקלט אין באָד=מאַנטל.

— איך בין אמת גליקלעך מיט אייך זיך צו זען! דערציילט עפּעס... דערקלערט.

— תּיכּף נאָך דיין אָפּפֿאָרן פֿון יעלינעס, ווי דו ווייסט האָב איך זיך גענומען צוגרייטן צום עקזאַמען אויף אַ שול=דירעקטאָרין. נו, און איצט האָב איך באַקומען אַ פּאָסטן אין ווערסאַיל. וואָס זאָגסטו דערצו? מיטן צוג בלויז אַ שטונדע פֿאָרן פֿון דיין גאַס=סען=סולפּיס... איך האָב זיך געפֿרייט ביי דעם געדאַנק דיר צו מאַכן די דאָזיקע איבעראַשונג.

אַנקע האָט פֿאַר פֿרייד געפּאַטשט אין די הענט. דערנאָך האָט זי זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטון אויפֿן האַלז דער דאָזיקער פּרוי, וועלכע האָט איר, דער קליינער, שוצלאָזער, טרויערנדיקער יתומה גענומען צו זיך — איר עלטערע שוועסטער פּאָלאַ האָט שוין אַליין געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר איר עגזיסטענץ — און געדינט אַלס מוטער, דערציהערין, און פֿריינדין.

— ליבע, טייערע מערעטע, איר ווייסט ניט ווי גליקלעך איך בין וואָס איך האָב אייך איצט אַזוי נאָענט לעבן זיך.

און זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן שולטער פֿון דער, ביי וועמען זי פֿלעגט אָפֿט געפֿונען שוץ און טרייסט, בעת איר ריינע נשמה האָט נאָך די ערשטע דורכפֿאַלן און אַנטוישונגען — אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך צערטלעכקייט און וואַרעמקייט...

איצט שטייט זי דאָ אַ דאַנק איר „מערעטן” אַ באַגייסטערטע, אַ שטאַרקע, באַוואָפֿנט קעגן לעבנס=קאַמף, און באַטראַכט מיט שמערץ די קנייטשן אויפֿן געזיכט און אַרום די מוטערלעכע אויגן פֿון

דער דאָזיקער פרוי, די צייכנס און שפורן פון דער צייט, וואָס זי האָט כסדר אָפּגעגעבן דער אַרבעט אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר די יונגע מיידלעך, פאַר די פרויען און מוטערס פון מאָרגן, און פאַרלייכטערן זיי דאָס אַריינטרעטן אין דער שווערער צוקונפט...

יאָ, סעסיל האַרדי איז אַלט געוואָרן, איר גייסט איז אָבער געבליבן יונג... אין איר בליק איז געלעגן די זעלבע קלאָרקייט, די זעלבע קוואַל־פרישע ריינקייט.

איבערלופּטערנדיק איינס נאָכן אַנדערן די דערינערונגען האָט אַנקע ווידער געזען פאַר די אויגן איר פאַרגאַנגען לעבן: די יאָרן פון איר פריסטער קינדהייט ביי רעמבערט אין געוועלב פון כל המינים (קאָלאָניאַל, שניט־סחורה און אייזנוואַרג), אַ פּייכטע קעלער־שטוב, וווּ ס'האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ געשפּענסט איר בלייכע, תמיד קראַנקע מוטער די אַלמנה. דערנאָך, גאָר אומגעריכט, איר אַריינטריט אין שולע, אַן אמתע דערלייזונג: פרייהייט, לעבן, זונענשיין.

פריילין האַרדי, שוין דאַן אַן אַלט מיידל און אַ צעבראָכענע צוליבן פאַרלוירענעם גליק פון דער מוטערשאַפט — האָט איר איינמאָל נאָך די לעקציעס גערופן צו זיך, ווייל דאָס קליינע, אָרעמע, איינזאַמע מיידעלע, וואָס האָט געפיבערט און געהוסט — האָט דערוועקט אין איר רחמנות־געפילן... אַ קיילעכדיקע יתומה. נאָך פרוי רעמבערטס טויט האָט מען דאָס געוועלב פאַרקויפט און שכנים האָבן, צוליב פאַרדינסט־צוועקן צוגענומען צו זיך פּאַולאַן און אַנקען. ביידע שוועסטער זענען געשלאָפן צוזאַמען אויף אַ שמוציקן מאַטשאַן אין אַ פינסטערן ווינקל. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער נאָטאַריוס האָט געצאָלט פאַר זיי מאָנאַטלעך די צינזן פון זייער פאַרמעגן, אַ סומע פון דרייסיק טויזנט פראַנק, האָט מען זיי נישט געגעבן צו עסן און ביידע, פּאַולאַ צו זיבעצן יאָר און זי צו דרייצן זענען געווען אויסגעדאַרט און מאָגער ווי יונגע הייגעלעך, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון זייער נעסט.

— דו האָסט זיך גוט אַרויסגעדרייט, קליינע: פטור גע

יאָרן אינגאַנצן פון דיין אומגליקלעכער קראַנקהייט.

— איצט בין איך פולקאָם געזונט.

— אַ גוט אַנטוויקלטע, יונגע פרוי, — האָט פריילין האַרדי מיט באַוווּנדערונג קאָנסטאַטירט.

אַנקע האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַרויסגעלאָזן סטעפּלן פון אירע אָרעמס און זיך איינגעוויקלט פעסטער אין מאַנטל. דערנאָך האָט זי באַמערקט:

— יאָ, געווים, מערעטע! נעכטן האָב איך געענדיקט פיר און צוואַנציק יאָר! און אין אַ יאָר אַרום בין איך שוין אַן אַלט מיידל... נישט קוקנדיק אויף דעם מוז איך זיך דאָך אָבער ענדלעך אָנטון!

זי איז צוגעגאַנגען צום פּראָווענסאַלישן שראַנק, אַן עפן געטון די טיר, און ס׳האָבן זיך געזען די זאָרגפעלטיג איינגעלייגטע קליידער און וועש.

אַ געזונטער גייסט און אַ געזונטן קערפּער, עלאַסטיש דורך די טעגלעכע גימנאַסטישע איבונגען, איז אַנקע קיינמאָל נישט רויט געוואָרן צו זיין נאַקעט, זייענדיק שיין. האַרדיס דערציהונג האָט באַזירט אויפן פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער ריינלעכקייט, אַלס ערשטע פליכט צו זיך אַליין און אויפן פולשטענדיקן באַקענען מיט אַלע נאַטירלעכע פונקציעס. און בעת אין שווייצישן קלויסטער־פּענסיאָן — די אָפּענבאַרונג — ווו איר שוועסטער האָט פאַרבראַכט גאַנצע דריי יאָר, האָבן זיך די שילערנס — צופרעסן פון דער צביעות — דעם מקור פון אַלע זינד — געוואָרגן מיטן שכוץ, האָט אַנקע זיך אַנטוויקלט אומשולדיק און ריין ווי אַ בלום אויפן פרייען פעלד — אָן פאַלשער בושה האָט זי מיט שנעלער און גראַציעזער, אָבער לגמרי באַשיידענער באַוועגונג אָנגעטון דאָס העמד.

— פאַרצייט מיר, מיין טייערע! איך האָב ווירקלעך נישט קיין שבאַניש וועגטל, אָבער אויסער מיינע קלייענטן, נעם איך דן קיינעם נישט אָן.

לאַכנדיק האָט איר פריילין האַרדי געדראָט מיטן פינגער.

— דו וועסט מיר אָבער נישט איינריידן, אַז אין דיין שיין

קייט, אין וועלכער איך האָב זיך גאָר תּאָט איבערגעצייגט, האָט זיך נאָך קיינער נישט פאַרליבט.

— אָך, קיין פאַרליבטע פעלט נישט! ס'זאָל געווען זיין עפּעס ערנסטעס, מערעטע, וואָלט איר שוין לאַנג געוווסט. אין מיינע בריוו האָב איך נישט באַהאַלטן פון איך קיין איינציקן פאַקט פון מיין לעבן.

— באַ! און ווען דו אַפּישירסט זיך אַפילו, ווי אַלע מידלעך פון דער איצטיקער גענעראַציע מיט דיין בחורישער אומאָפּהעגגיקייט, ביסטו דאָך אָבער אין עלטער פון דיכטער אַרוועראַ'ס סאָנעט. מיין הארץ האָט איר סוד, מיין נשמה...

-- נישט קיין סוד און נישט קיין מיסטעריום... לכל הדעות קיין שום קאָנקרעטע זאַך וועגן וועלכער איך זאָל קאָנען רעדן. קוים בלויז אַ געדאַנק...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און זיך פאַרטראַכט.

— ניין, נישט אמת, אין מיינע געדאַנקען טראַכט איך בסדר וועגן דעם!... און פאַר דער שטומער פראַגע האָט זי זיך פאַרטיפט אין זיסע פאַנטאַזיעס, דאָס מאָל אויפן קול.

— באמת גאָרנישט, קיין שום באַשטימטע זאַך.. ס'פאַרשטייט זיך אַז אַ סך מענער האָבן זיך אַרום איר געדרייט. געפעלן זענען איר אָבער בלויז צוויי; דוקא דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אין באַצוג צו איר זייער אָנשטענדיק געהאַלטן. אמעדיי זשאַקמען, דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, אַ פריילעכער, גוטער חבר, וועלכן זי האָט זייער געשעצט... און אַמיינסטן פיער לעבאַ, וואָס מיט זיין כאַראַקטער האָט ער איר צייטנווייז דערנערווירט, פיזיש אָבער האָט איר, — דורך איינעם פון יענע אין דער נאַטור באַגרינדעטע עקסטרעמען — צו אים שטאַרק געצויגן.

אַמעדיי זשאַקמען איז אָבער געווען פריי, און פיער לעבאַ האָט געהאַט אַן אַלטע ליבעס־געשיכטע... אַ געשיכטע וועלכע — ווי ער האָט איר לעצטנס פאַרזיכערט — האַלט זי שוין ביי גסיסה. ווען נישט וואָלט זי אין איר שטרענגער קאָנצעפּציע וועגן דער סעקסועלער מאָראַל, אין איר שטרעבן צו אויפריכטיקער און קעגנזייטיקער גלייכבאַרעכטיקונג, קיין מאָל נישט גע־

פונען פאַר מעגלעך אים ליב צו האָבן. און דאָך איז אין איר גאַנצער וועזנסאָרט נישט געווען די מינדסטע שפּור פון קיין אויסרעכנונג, און נאָך ווייניקער וועלכער ס׳איז הינטערגעדאַנק מכח חתונה האָבן. אַנקע האָט געזען צופיל אומגליקלעכע פּאָרלעך, וואָס די חתונה-קייטן האָבן זיי אומלייזבאַר צוגעשמידט איינעם צום אַנדערן, נישט געקוקט אויפן קעגנזייטיקן האַס, אָדער אויפן רעזיגנאַציע-קאָמפּראָמיס...

פּרינציפּיעל איז זי געווען אַנטשלאָסן זיך נישט אָפּצוזאָגן פון איר פרייהייט און אירע רעכט, וואָס דאָס געזעץ אַנערקענט דער פרוי און מוטער כּל זמן זי האָט נישט חתונה געהאַט, פרייהייטן — כמעט גלייכע מיט די מענער — אויסער דאָס פּאָליטישע רעכט — אָבער אויך דאָס, איז זי געווען איבערצייגט, וועט איר סוף כּל סוף געלונגען צו דערגרייכן. אויף דעם אופן האָט זי ווייניגסטנס פרייע הענט איבער זיך און איבער אירע קינדער...

— איך וואַקל זיך צווישן צוויי מעגלעכקייטן... ביידע אָבער האָבן זיי זייער אַנציהונגסקראַפט, צו איינער אָבער בין איך מער געניגט. איך האָב אייך געשריבן וואָס פיער לעבאַ האָט פאַר מיר געטון אַריינפירנדיק מיך אין „אַפּפּעל”... אָנפאַנגס אַלס יורידישע רעדאַקטאָרין... און דערנאָך אַלס פּריוואַט-סעקרעטאַרין... אַ סטענאָגראַפיסטין אין פּאַריז און אָן אַ סו! חייל די פּאָר באַנקנאָטן, וואָס זענען מיר געבליבן פון מיין ירושה נאָכן וואַפנשטילשטאַנד, האָבן מיר גע לעקט, — איר ווייסט׳ס בעסער פון אַלע אַנדערע — בלויז אויף די ערשטע חדשים נאָך מיין קומען קיין פּאַריז... און מ׳מוז דאָך האָבן ווו דעם קאָפּ אוועקצוליגן, ניין? זיך אָנטון — ווען שוין אַפילו גאָר איינפאַך... קויפן אַ שרייב-מאַשין... און דאָס זוכן אַרבעט, די אָפּזאָגענישן, די פרובן, די באַליידיגונגען!... יאָ, ס׳איז שווער דאָס שטיקל ברויט צו פאַרדינען, איבערהויפּט אַז מ׳איז נישט העסליך. אומעטום, וווהין דו קומסט אַריין, ווו דו קלאַפּסט אָן הערסטו כּסדר דעמזעלבן רעפרען: „גיב אָפּ דיין קערפּער אָדער גיי צו גרונד!...

און גלייכצייטיק דער שטודיום, דאָס לערנען צום עקזאַמען...

מ׳מוז האָבן אַ שטאַרקע ווילנסקראַפט כדי ניט אַ שפּיי צו טון אויף אַלץ!... אַ דאַנק אייער לערע און אייער הילף האָב איך׳ס אויסגעהאַלטן. און איצט קאָן איך אַ דאַנק הער לעבאַ פריי עטעמען... איר האָט קיין אַנונג נישט וואָס פאַר אַ מאַכט ס׳האָט אין פּאַריז אַן אַרויסגעבער פון אַ גרויסער צייטונג!... באַזונדערס מיט זיין טאַלענט!... נאָר אים האָב איך צו פאַרדאַנקען מיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען אַלס יוריסטין... אַ, ער איז באמת געווען זייער גוט.

— אָדער זייער אייגננוצלעך --

די דאָזיקע באַמערקונג האָט געקלונגען מיט אַזאַ ביטערער פיינטזעליקייט, אַז אַניקע איז אַביסל מטושטש געוואָרן — אַ האַרטער שטריך האָט אויף אַ מינוט ווי פאַרגליווערט פריילין האַרדיס לעבהאַפט געזיבט — אַ צייכן פון איבערזאָרגטער פריינטשאַפט —

אַניקע האָט אָן אָן אויפהער ווייטער גערעדט.

— איך בין געווען אַזוי איינזאַם —

— און פּאַאולאַ ?

— פּאַאולאַ ?

אַניקע איז געווען צעפרידן איבערצורייסן די דיסקוסיע איבער לעבאַ און איבערגיין צו אַן אַנדער טעמע. זי האָט זיך נאָך בכלל אַליין ניט אָפּגעגעבן קיין גענוי ען דין וחשבון וועגן אירע געפילן.

— פּאַאולאַ האָט געהאַט מיט זיך צו טון, און האָט׳ס נאָך גענוג ביז אויף היינטיקן טאָג — איך באַשולדיק איר לגמרי ניט — אויסערדעם ווי איר ווייסט, זענען מיר לחלוטן צוויי אַנדערע מענטשן.

— יאָ, געוויס! -- וואָס טוט זי דען? באַשעפטיקט זי זיך נאָך כסדר מיט מוזיק, מיט איר האַרפע?

— יאָ, אָבער בלויז אין אָוונט. לעקציעס, קאָנצערטן — ביי טאָג, מ׳מוז דאָך עסן! — איז זי מאַנעקען — פריילין אין גרויסן מאָדעזאַלאָן „מאַריסעט“.

— און איר גרויסע בענקשאַפט, די הייראַט?

— מער ווי פריער איר איינציקער טרוים.

— און דערווייל?

— לעבט זי מיט אַ חברטע, אַ פּאַרקיפּעריןֹ — אויך ביי מאַריסעט.

— א

אניקע איז געווען גרייט צו פאַרטיידיקן איר שוועסטער קעגן אַ לעכערלעכע באַמערקונג. פרייליין האַרדי איז אָבער געווען ווייט פון יעדער בייזווילקייט, זי האָט לגמרי נישט פאַרשטאַנען, אַז די זינליכ-קייט פון אַ פרוי קאָן דערגיין צו פּערווערזע (אויסגעלאַסענע) פאַר-געניגנס, און האָט דעריבער מיט איר אויסרוף גאָרנישט געמיינט, זי האָט צוגעגעבן.

— די אָרעמע פּאַאולאַ! אין דיר איז זי באמת נישט געראָטן. גאָך איינע פון יענע וואָס זענען דורך זייער דערציונג אַזוי אומגעלומפּערט צוגעגרייט צום לעבנס-קאַמף! אַ פרוי וואָס האַלט פאַר איר איינ-ציקן באַרוף די קיך און דעם טאָפּ און איז גאָר געוואָרן אַן האַר-פּע-ווירטואָזין!...

— מ'דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, האָט אניקע איבעגעהאַקט, פאַרבינדנדיק די שיף-בענדלעך, אַז צווישן איר דערציונג אין קלויס-טער אין מיינער דורך אייך ליגט אַ גאַנצער תהום... און דאַן דער קריג!... יעדער האָט לויט זיין כאַראַקטער, אַנדערש דערויף רעאַגירט.

— ריכטיק, עלטערע מענטשן רעכענען זיך לגמרי נישט מיט דער דאָזיקער איבערקעריניש. די קאַטאַסטראָפע האָט אַרויסגע-טריבן די מענטשן פון זייערע היימען, האָט אומגעבראַכט מיליאָנען מענער און דערמיט מיט איין קלאַפּ געצוווּנגען מחנות פרויען צו ווערן זעלבשטענדיק... און יענע, וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט דעם נויטיקן גלייכגעוויכט...

אניקע האָט זיך דערמאָנט אין יענע שרעקלעכע יאָרן און זייער אויפגעבלאָזענער לעבנס-לוסט וואָס איז אַנטשטאַנען דורך דער פּערמאַנענטער שכנות מיטן טויט... די ווילדע אַרבעט אין די פאַבריקן, די שרעקלעכע אומאָרדנונג אין די שפּיטעלער, די אומגע-לומפּערטע האַלטונג פון די געשלעכטער אין ווירבל פון די דאָג,

סינגס — איר פערזענלעך האָט די דאָזיקע ווילדע העצע נישט באַרירט, ווייל ביזן 1917 האָט זי זיך געפונען אונטערן שוץ פון איר דערציערין. ערשט דאַן האָט זי פאַרלאָזן איר גליקלעך מקום-מקלט און זיך גענומען צום הילפדינסט פון די פרויען צו פאַרלייכטערן די נויט און עלנט פון די זעלנער.

דיפלאָמירט פון „רויטן-קרייץ" האָט זי זיך פרייוויליק און פול באַגייסטערונג געשטעלט צו דער אַרבעט און פאַרנומען דעם פלאַץ פון איינער פון יענע קראַנקען-פלעגערינס, וואָס שוין ביים ענדע פון צווייטן קריגס-יאָר איז זיי פאַרגאַנגען דער אייפער פון די ערשטע טעג — לכתחילה האָט זי געאַרבעט אין אַן אינפעקציע-שפּיטאָל, שפּעטער איז זי אַריבער אין אַ שפּיטאָל פון לויטער פאַרוואונדעטע אין געזיכט. און די, וועלכע זי האָט העלדענמוטיק געפלעגט האָבן געשפּירט וואָס פאַר אַ באַרמהערציקע שוועסטער-נשמה, וואָס פאַר מסירת-נפש ס'שטעקט אונטער דער דאָזיקער פיינער הילע.

פון אַ קינד וואָס דער קריג האָט פאַרכאַפּט צו פופצן יאָר בעת זיין שטודיום און באַלד אַריינגעצויגן אין ווירבל פון שרעקלעכן גיהנום, האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ יונג מיידל, אַ פרוי. קומענדיק אין באַרירונג מיט די מענטשלעכע ליידן ווי אויך מיט די ווילדקייט און אומגעלומפּערטקייט פון די סאָציאַלע איינריכטונגען האָט זיך אין איר דערוועקט אַ מיסטיש שטרעבן צו אַ נייער וועלט-אָרדנונג. בעת פּאַולאַ האָט לגמרי פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער אירע פיס, האָט זיך אַניקע, להיפּוך, אין דער סביבה גופא וואָס האָט איר אויפגעגעסן, אין די טעגלעכע וויזיעס פון גרויל און אַנטזעצן, געשטאַרקט און פאַרהאַרטעוועט. איר אומערמידלעכע, פּערזענלעכע אַרבעט אין די פרייע שטונדן, איר לעבהאַפטער אינטערעס פאַר ספּאָרט האָבן איר אויך אַ פרישע און געזונטע, געפירט צו די טירן פון דער ליבע.

זי האָט קאָנסטאַטירט.

— פּאַולאַ איז אַזויוי ס'רוב... אַן אָפּפער פון דער טראַדיציע! דאָס חתונה האָבן איז פאַר איר אַ באַגולטע קייט, וואָס גאַראַנטירט דאָס לעפל עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ... וויפיל

זענען מיר דען אזעלכע, וואָס די פאַמיליע עגזיסטירט פאַר אונז בלויז אין דעם פאַל, ווי זי איז אַ באַנד פון פרייער וואַל?

פריילײן האַרדי האָט געקוקט אויף איר מיט שטאָלץ. די דערציהערין האָט געזען אין איר זיך אַליין, אַ יונגע, אַ מוטיקע, גרייט צו פּראָפּאַגירן אירע איבערצייגונגען, איר טיפן גלויבן: אַ רעגענערירטע, בעסערע וועלט דורך דער באַפרייאונג פון דער פרוי. וויפיל ליידן וואָלט מען געקענט אויסמיידן אָן דעם באַפרידיקטן עגאָאיזם פון איין זייט און דער באַקלאָגנסווערטער שוואַכקייט פון דער צווייטער!... אָ! ווען לפּחות איצט, נאָך אַזויפיל גרויל-טאַטן, זאָלן זיך אַלע פאַראייניקן קעגן דער אומגערעכטיקייט און קעגן דעם עלנט! קעגן דעם קריג קודם כּל, דעם אורקוואַל און דעם גרונד-יסוד פון אַלע פאַרברעכן!

— טייער קינד! — האָט געמורמלט פריילײן האַרדי. אַניקע וועט זיין איר נאָכפאָלגערין, וועט רעאַליזירן אירע שטרעבונגען, פאַר וועלכע זי האָט אַלס וועגווייזערין נישט אומזיסט געקעמפט. זי וועט פאַרווירקלעכן איר חלום, וואָס איז כּסדר צוזאַמענגעבראָכן אָן די פיינטלעכע ווענט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז געשאַפן דורכן מאַן און פאַרן מאַן.

זי האָט איר אויסגעשטרעקט די הענט און אַניקע האָט זיי צערטלעך געדריקט.

— איר ווייסט גאָרנישט, מערעטע, ווי ווייט איך שעץ אייך! איר האָט מיך גענומען צו זיך און געהאַלטן אונטער אייער שוץ אין דער שרעקלעכסטער צייט... אָן אייך וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן!... דעריבער האָב איך, בנוגע פּאַאולאַן תּמיד דעם געפיל — כאָטש זי איז עלטער — אַז איך בין פאַר דער פרייהייט רייפער פון איר און מוז וואַכן איבער אונז ביידע, ווי איך וואָלט זיין די עלטערע. איר וועט איר זען, זי דאַרף באַלד קומען. מיר גייען היינט מיט הער לעבאַ אויף מיטאָג אין אַ נעטן, געמיטלעכן ווינקל ביי דער אָאַזע... איך זאָג מיר, ווייל איך נעם אייך מיט... ניין! אָן שום תּירוצים! היינט מוזט איר מיך פאָלגן, און דערנאָך וועט איר מיר זאָגן, ווי ער געפעלט אייך.

זי איז געווען גרייט. האָט געטראָגן אַ קורץ איינפאַך קלייד פון געבלומטע רויטע קרעפּ מיט אַ שוואַרצן לאַקירטן לעדער־גירטעל און אַ ברייטן ווייסן אָפּגעלייגטן קראַגן, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ פרייען אויסזען. נישט די אויפרעגענדע, כּלומרשט באַהאַלטענע קאָקעטעריע פון אַ „קלוידינע“ נאָר די געזונטע שיינקייט פון ריינער יוגענדליכקייט. געביטעריש האָט זי ארויפגעלייגט די האַנט אויפן גרויען קאָפּ מיט׳ן אלטן פאַרבגאַרנירטן הוט, נישט געקוקט אויפן בלויען מאַי־הימעל וואָס האָט אזוי מילד אריינגעקוקט דורכ׳ן אָפענעם פענצטער.

— זייט איהר, הייסט׳ס, מסכים?

אָבער פרייליין הארדי האָט אַ שאָקעל געטון מיטן קאָפּ.

— טאַקע נישט.

און איז תיכּף אריבער צום אָנגריף:

— נישט געקוקט אויף דעם אלעם, וואס דו האָסט מיר דאָ אָנדערציילט וועגן זיין לעבן, איז ער ביי מיר גאָרנישט ווערט. דו ביסט צו יונג און ווייסט דעריבער נישט ווי ס׳האָט אויסגעזען דער „אַפּעל“ פאַר׳ן קריג בעת ער איז נאָך געווען אַ שמירבלאַט... דער אמתער לעבא האט זיך דעמאָלט ענטפּלעקט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט: אַ פּראָפעסיאָנעלער שאַנטאזשיסט, אַ נידעריקער כאראקטער... יאָ, אזוי איז׳עס! איך פערזיכער דיר דאס האט ער אנגערופן די רעפּובליק מיט׳ן נאָמען „מיסטקאַסטן“ כל זמן זי האָט איהם געלאָזן מיט א ליידיגן מאָגן... איצט אז ער איז רייך און דעקאָרירט נישט מער ווי די אקאדעמיע און דעם פּארלאמענט, איצט האָט ער געוועקסעלט די פארבען און די מעטאָדען. און גרונד גענומען איז ער געבליבן דערזעלבער מענטש: די פארקערפּערונג פון גיריקייט און שנאה יאָ, איך גיב צו, אז ער איז אינטעליגענט! און דעריבער פארדינט ער טאקע נאך מער פאראכטונג. אָ! אין פאריז פערגעסט מען געשווינט! איבעראשט האָט מאנקע געשוויגן.

וואָס פאר א פליג האט דער גוטער מערעטן א ביס געטאָן?..

— ער האָט דיר געטון אַ טובה? דו ביסט דאָך אָבער אַן אומפּערגלייכלעכע סעקרעטערן. ער האָט דיר פאַרלייכטערט די ערשטע טריט פון דיין קאַריערע? ווייל ער האָפט, זיי זיכער, דיר צוצובינדן צו אַנדערע טריט פון זיין טובה וועגן.

אַנקע האָט איר רויג אנגעקוקט און מיט אַ קוים מערקבאַר שמייכל, געזאָגט:

— וואָס איז דער־מער? איך ווייס וואָס איך האָב צו טון, איך בין שוין אַ בוגרת.

— מ׳קען דיינע אידעען!

— ס׳זענען דאָך אבער דיינע, מערעטע...

— מיינע... מיינע... אין אַ נייע אויפלאַגע און קאָמפּלעטירט.

— אָבער, איך בעט אייך! צי דען האָט איר נישט געהאַלטן אין איין רעדן אַז גוטע פרייע פאַריינטיגונג איז אַ סך מער ווערט ווי אַ שלעכטע הייראַט?

— געוויס!... אָבער אַלץ הייננגט אָפּ פון יעדער ספּעציעלן פאַל... ווייל ביי אונזערע אָבגעשטאַנענע זיטן, ריזיקירט מען צו פאַרלירן דאָס שטיקל ברויט...

— אפשר די שוואַכע! אָבער נישט איך!

— דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגן דער פּרינציפּיעלער פראַגע. פרייע פאַריייניקונג אָדער הייראַט? ס׳איז שטענדיק דאָס זעלבע לאָטעריע־שפּיל: דאָ גייט וועגן דער וואָל גופא. דיין וואָל, מיין ליב קינד, לאָזט מיך נישט רוען.

— פאַרוואָס?

— איך האָב עס דיר שוין געזאָגט,

— אייער איינדרוק!... אָבער דאָס איז דאָך נישט גענוג אויף צו פאַראורטיילן אַ מענטשן, וועלכן איר קענט גאָר נישט!

— איבעריגענס, אויב דו האַלסט זיך ביי דאָס דייניגע!...

פריילין האַרדי האָט אַ קורצע ווילע געשוויגן. אניקע האָט געמיינט, אַז זי וועט באַרירן די טריאָ געשיכטע מיטן פאַר־פאַלק לורדאַל, מיט וועלכער דער זשורנאַליסט האָט זיך ציניש אַמוזירט:

איר מיינט געוויס דער מאַדאַם לורדאל?

פריילײַן האַרדי האָט איר איבערראַשט אָנגעקוקט:

— ניין, וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ געשיכטע?

— די ערלעכע מערעטע! די פּראָווינץ איז טאַקע ווי [illegible] איר געשאַפּען! צום באַדויערן האָט איר אויך איצט [illegible] דערציילן בפרטות די געשיכטע, וואָס איז געווען אַ סוד [illegible] גאַנץ פּאַריז, אַז לערביע האַלט אויס דאָס דאָזיגע נעטע פּאָרל.

— די לורדאלס, איר האָט געוויס געהערט!... לורדאל, כון דער אַקאַדעמיע פאַר מאָראַלישע און פּאָליטישע וויסענשאַפטען, דער פילאָזאָף, דער מחבר פון „קעניג מאַטעריאַליזם" וואָס האָט חתונה געהאַט מיט סימאָנע וויאַל און אָנערקענט די אידייען פון טאָג: דער שווערד און די הייליגע שפּריך.

פריילײַן האַרדי איז איבערגעגאַנגען פון איין איבערראַשונג צו דער צווייטער:

— סימאָנע?... די וואָס האָט געוואָלט — ווי ס'שיינט נאָך איך אַליין — די אַלע קליינע, נאַקעטע, אַביסעל אומפאַרטרעגלעכע?...

— די זעלבע! די פריערדיקע פרוי אין מאָדעל פון קאַריקאַטוריסט וויאַ. אָבער זינט זי איז דיק געוואָרען איז זי, ווי איר צווייטער מאַן, געוואָרען אַ בעל-תשובה... זי איז קונסטקריטיקערין אין אַפּעל... די גאַנצע מעשה אָבער הויבט שוין אָן לעבאַן צו ווערען לאַנגווייליג...

— דאָס טריאָ?

— אָ, דער אָרעמער, אַלטער לורדאל שטערט באמת נישט! ער אַקצעפּטירט אַלץ. ניין, לעבאַן איז שוין מאוס דער רועט. און איך גלויב, ווען איך זאָל וועלן...

פריילײַן האַרדי איז אויפגעשפּרונגען:

— דאָס זאָלסטו נישט טאָן! באַין אופן נישט!... ווען דו וואָלסט געוווסט?...

— וואָס? איצט האָט איר קיין רעכט נישט צו שווייגן! ער געפעלט מיר! (זי האָט געקוועטשט מיט די באַקעס)... איבעריגענס, איך ביז גאַנץ רויק! איר וועט אים קענען..

— איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען, דו ביסט גע־רעכט. איך האָב אים אָבער גענוג געליידנט און קען אים זיכער בעסער ווי דו... נאָך די אַלע מעשיות וואָס דו האָסט מיר דאָ דערציילט... הער צו!... דו געדענקסט ראָזען, און איווע־מין? אַ גרויסע, אַ בלאָנדע... אַ נאַרישע, אָבער אַ שיינע... זי איז אַ גוויסע צייט געגאַנגען אין שולע... אָבער יאָ! די טאָכטער פון די בלאַנקאַרד, אַ באַדינטע מיט אַ געבוירענעם צייכן אויפן שטערן...

— אַ, יאָ, איך דערמאָן זיך.

— ראָזאַ איז געווען אַ שטובענמיידל (פּאָקאָיוווקע) ביי דער פאַמיליע דע מאַרעוואַל.

— ביי די שטיף־עלטערן פון אמעדיי זשאקמען, דעם סאָ־ציאַליסטישען דעפּוטאַט?

פריילין הארדי האָט אויסגעדריקט מיט אַ זשעסט, אַז פון דעם אלעם האט זי קיין אַנונג נישט.

— איך ווייס בלויז איין זאַך, אַז די מוטער איז די פאַר־זיצענדע פון די געזעלשאַפט צו שטיצן די נאַכט־פראַטען... דער אַלטער איז סענאַטאָר, געוועזענער מיניסטער, גענעראַל־קאָמיסאַר, אַ גאַנצער קנאַקער!...

— יאָ, יאָ, דאָס איז דערזעלבער! אמעדיי זשאקמען איז, ווי פיער לעבא, מיין גוטער פריינט.

— דאס איז ער, הייסט'ס דיין צווייטע מעגליכקייט?

— ס'שטימט.

— זייער שיין! דער שטיפזון האָט אפשר ליבעראַלערע אנ־זיכטן! זיינע עלטערן אָבער...

— איך ווייס!... געפעהרליכע קנאַפּם פאר וועלכע מ'דארף זיך היטן ווי פאר פייער. פארטעמפטע פאַנאַטיקער נישטאָ זייער גלייכן, און אַלץ פערפּוצט מיט שיינע ווערטער... די עהרע! און אפילו דער עהרען־לעגיאָן... ווייל הער דע מארעוואל איז עפעס א מין גרויס־אָפיציר... פריער איז ער געווען אַ דיפּלאָמאַט... איך פארשטיי אבער נישט וואָס האט'ס פאר אַ שייכות.

ראָזען האָט מען אויף אַ ברוטאַלן אופן משלח געווען, ווי באַר מ'האָט באַמערקט, אַז זי איז מעוברת.

— פון וועמען?

— דאָס איז טאַקע די מעשה.

בשום אופן איז אַניקען ניט איינגעפאַלן צו ווארפן דעם מינדסטן פארדאַכט אויף פיער לעבאַן. פאַרוווּנדערט האָט זי אַ פרעג געטון.

— אמעדייז...

פריילין הארדיס געזיכט האָט אויסגעדריקט טרויער און מיטלייד, מיט אַ זיפץ האָט זי אַ זאָג געטון

— ניין, דיין לעבא

— ער, דאָס איז אוממעגלעך! ער, וואָס קוועלט זיך אַזוי מיט דער וואָל! ער זאָל האָבן געליבט דאָס דאָזיקע מיידל?

פריילין הארדי איז נאָך ערנסטער געוואָרן:

— ווער רעדט דען וועגן ליבע?

פון אניקעס דערשיטערונג האָט זי פארשטאַנען, ווי שטאַרק די פאַרפירונג האָט שוין באַהערשט די דאָזיקע יונגע ליידנשאַפטלעכע און ערלעכע נשמה. נישט רעכענענדיק זיך מיטן צייטווייליקן שמערץ האָט זי געפונען, אַז איצט מוז קומען די גרונטלעכע אויפקלערונג.

אַנטשלאָסן האָט זי געזאָגט:

— ס'האָט זיך באמת נישט געלוינט צו ווערן אַ קראַנקן-פלעגערן, מאַכן אַ דאָקטאָראַט און נאָך דער גאַנצער אַרבעט נישט וויסן, אַז די מענער זענען אַלע ווי איינער! באַציונגען... פאַרוואָס דען נישט? אויף דעם איז יעדער איינער אַ בעלן.

— דו האָסט עס נאָר וואָס אַליין געזאָגט — תמיד גרייט... אָבער ליבן? דאָס איז שוין לגמרי אַן אַנדערער ענין...

— פיער לעבא איז נישט קיין דורכשניטס-מענטש!... ער און דאָס דאָזיקע מיידל! אַן אמתער אַבסורד. פליאַטקעס, מיאוסע פליאָטקעס!

— אויב ס'אינטערעסירט דיך דאַרפסטו בלויז פרעגן ביי ראָזען.

— אַ לעגענדע, אַ שאַנטאַזש צו ציען געלט.

— ס׳זענען פאַראַן אויפריכטיקע טענ״ר וואָס נאַרן נישט אָפּ.

— אָבער פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ, מערעטע זאָגט, איך בעט אייך, דערציילט! איר טוט מיר דערמיט אַ טובה, אַן אמתע, גרויסע טובה.

— ראָזע האָט מיר אַלץ דערציילט. אין אַ געוויסן טאָג האָט זי אים אַוועקגעטראָגן אַ דרינגנדן בריוו...

— אין רעדאַקציע?!

— ניין, צו אים אַהיים... אַ בריוו פון מאַדאַם דע מירעוואַל, וועגן אַ פּראָצעס...

— אַ פּראָצעס? וואַרט נאָר... פון דער געזעלשאַפט פאַרנאַכט-פריוטן קעגן דער מאַלקעריי-אונטערנעמונג.

— אפשר. איינס איז זיכער, אַז דיין פיער האָט געוואונען, אַז ראָזע איז שיין און האָט עס איר געזאָגט. און טאַקע גלייך אויפן אָרט באַוויזן! יאָ, אויפן אָרט... ווי געזאָגט אין זיין אַרבעטס-קאַבינעט. העכסט וואַרשיינלעך, אַז ער איז איינער פון יענע קראַנקע טיפּן, וועלכע קאָנען נישט בײַשטיין דעם נסיון צו זיין אַליין מיט אַ פרוי אין איין צימער און נישט איבערגיין פון אָנקוקן צום באַגערן, פון באַגערן צו מעשים.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז ס׳איז נישט אַזוי.

— ער ווייסט שוין מיט וועמען ער האָט צו טון!... די דאָזיקע אידיאָטקע האָט זיך אַזוי פאַרליבט, אפשר טאַקע גאָר געהאַלטן פאַר אַ כבוד, — אַז זי האָט זיך נישט געלאָזן לאַנג בעטן. די מעשה איז איר געפעלן און ס׳האָט זיך געצויגן ביז זי האָט אים אין איין שיינעם טאָג געמאָלדן, אַז זי טראָגט. אָ איצט, האָט עס שוין לאַנג נישט געדויערט... דער רעזולטאַט...

— ווען האָט זי אייך דאָס אַלץ דערציילט?

— מיט צוויי וואָכן צוריק איז זי געקומען קיין יעלינעס. אָבער וואָס פאַר אַ צושטאַנד! די מאַרעוואַלס ווי נאָר זיי האָבן באַמערקט — האָבן איר גלייך אַרויסגעוואָרפן און אַזוי האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט מיטן בויך פון שטוב צו שטוב און דערנאָך

אויפן בּרוק... ענדלעך איז זי אַן אויסגעדאַרטע, אַ שווינדזוכטיקע
אַריינגעפאַלן אין שטוב צו איר מוטער, וועלכע שטאַרבט אָבער
אַליין פון הונגער... איך האָב נישט געקאָנט צוזען דעם אומ-
גליק און העלף זיי בּיסלעכווייז אויס. ס'איז מיר אַפילו געלונגען
צו געפונען איר אַ שטעלע בּיי הער סייריאַ, דעם נייעם קצבֿ,
אָן געלט, בּלויז פאַרן עסן און אַ געלעגער.

אַ גאַנצע רייע בּילדער האָבן פּלוצלונג אויפגעלעבט אין
אַניקעס זכּרון! די אומגליקלעכע קאָרופּציע... דאָס דאָזיקע
מיידל-מאַמע אַרויסגעוואָרפן אויפן בּרוק און צו גרונד געגאַנגען.
די גאַנצע טראַגי-קאָמעדיע פון פאַרפירן און אָוועקוואַרפן, פון
דער ווייבּלעכער שוואַכקייט און דער גרויזאַמער געזעלשאַפט.
אַלץ אין איר האָט זיך עמפּערט:

— אויבּ איר גלויבּט אַלץ וואָס זי דערציילט... אַן אָפּגע-
זאָגט דינסטמיידל, ווי איר זאָגט אַליין... פּיער האָט בּרייטע
פּלייצעס!

— ניין, ראָזע איז אַ נאַרישע, אָבער נישט קיין ליגנערין.
זי איז געווען ערלעך צוליבּ מורא פאַר די קאָנסעקווענצן. זי
האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ קליינעם אָנגעשטעלטן אין
דער גאַז-געזעלשאַפט, גיין צו דער חופּה אין אַן אמתן מירטן-
קראַנץ — צום אומגליק האָט זיך דאָ אונטערגערוקט דיין לעבּא.

מיט אַ ווידערשטאַנד, וואָס זיין פּייער האָט אַניקען
גופא שטאַרק פאַרוווּנדערט — ווייל געוויסע מאַנירן פון זשור-
נאַליסט האָבן איר אָפטמאָל שטאַרק שאָקירט — האָט זי אויס-
געשריגן:

— מיט אייער גוטסקייט וועט מען אייך נאָך נישט איינ-
מאָל אָפּנאַרן... הער לעבּא האָט אַ צו גוטן געשמאַק אויף זיך
אָפּצוגעבּן מיט אַזעלכע מעשׂיות און איז דערצו צו פיל געוויסנ-
האָפט נישט צו האַנדלען ווי אַן ערנמאַן... ניין, ניין, איך בּין
זיכער, אַז ער וואָלט זיך לגמרי אַנדערש בּאַגאַנגען, ווען ע-
זאָל טראָגן וועלכע נישט איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן דאָ-
זיקן... ראָמאַן.

— צי ווייסטו זיין ענטפער אויף ראָזעס גלע הילפרופן. די איז פלומרשט פון זיבען אַראָפּ און אויב זי וועט אים ווייטער באַלעסטיקן — די פּאָליציי!

ס'האָט זיך דערהערט א קלונג. אניקע האָט א זאָג געטון: „דאָס איז ער!" און איז צוגעלאָפן צום טיר.

— איך טראָג זיך אָפּ, האָט פריילײן הארדי דערקלערט, נאָך דעם אַלעם האָב איך קיין חשק נישט אים צו זען... אָבער דאָס איז דאָך פּאולא...

II

אָנגעפּערפומירטע ווי תמיד איז פּאָולאַ אַריין אין צי־
מער. זי האָט געטראָגן אַן עלעגאַנט קלייד און האָט צופרידן
געלאַכט.

— האַ, דו דאָסט אוודאי געמיינט, אַז דאָס איז ער?.. איך
האָב פאַרלוירן מיינע שליסל מיט מיין רעדיקאַל מיטן פּאָרטמאַנע,
געכמן פאָרנדיק מיט דער שטאָט־באַן.. אַ, פרייליין סעסיל!
ס׳איז אַ גוטע באַגעגעניש! גוט מאָרגן!

זי האָט צערטלעך אַרומגענומען די דערציִערין. כאָטש
זי האָט מיט אַניקן כמעט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס,
איז זי דאָך געווען זייער דאַנקבאַר דער פרייליין האַרדי פאַר
אַלץ וואָס זי האָט געטון קעגן איר שוועסטער ווי ווען זי זאָל עס
האָבן געטון פאַר איר אַליין. זי, פּאַולאַ, האָט מיט אַכט יאָר
צוריק געפונען פאַר ריכטיקער צו ריזיקירן און מאַכן אַ גרויסן
עקספּערימענט: אין רעכטן ברען פון קריג האָט זי זיך אַוועק־
געלאָזט קיין פּאַריז מיט די לעצטע נאָר פראַנק פון דער ירושה.

מיט איר מוזיקאַלישן טאַלענט, נישט האָבנדיק די מינדנסטע אַנונג פון דידאַקטיקע לעבנסבאַדינגונגען.

אין עטלעכע ווערטער האָבן זיי איינער דער אַנדערער איבערגעגעבן זייערע נייע לעבנסגעשעענישן. פרייליין הארדיס לעבן — ווי אירע גוטע ליכטיקע אויגן, איז געפלאָסן רויק און גלאַט און אין איין מאָמענט האָט מען עס געקענט אינגאַנצן איבערבליקן — פּאַאולעס לעבן, להיפּוך, איז געווען אַזוי פאַר־דרייט און געהיימניספול, אַז זי גופא האָט נישט פאַרשטאַנען ווי זיך אַרויסצופּלאָנטערן.

מיט איר אומזיכערן בליק, מיט אירע גרוי־בלויע אויגן — ווי אַ שיפערטאַפל פון וועלכן עס ווישט זיך אַלץ אָפּ — האָט זי געמאַכט אַ סודוספולן איינדרוק, ווי עפּעס אָפּוועזנ־דעס. די בלאָנדע האָר, גלאַט פאַרקעמט, די הויט אַזוי ווייס, אַז אַלס קאָנטראַסט צום שוואַרצן קלייד, האָט עס אויסגעזען ווי אַלבאַסטער, גרויס און אַזוי שלאַנק, אַז זי וואָלט כמעט אויסגעזען מאָגער — ווען עס זאָל נישט זיין אין דער מאָדע קיין גלייכע ליניע און ווען נישט דער קליינער שיין־געצאָרמ־טער ביוסט. לויטן עקזאַמען פון דער פּראָווינץ־לערערין איז זי געווען דער פולשטענדיקער קאָנטראַסט פון איר שוועסטער. דער אונטערשייד צווישן ביידע איז געווען בלויז פינף יאָר, אָבער, אונטער דער בריק פון זייער שוועסטער־ליבע, איז געלעגן אַ טיפער אָפּגרונט; פּאַאולאַ, נישט געקוקט אויף איר אומאָפּהענ־גיק לעבן, אַ בירגערלעך־באַשרענקטע נשמה ביז צביעות — אַניקע אַ קינד פון פאָלק מיטן גאַנצן האַרצן, וואָס האָט גע־טראָגן ווי אַ שטאַנדאַר איר גלויבן אין דער באַפרייאונג.

אַ קלונג. דאָס מאָל!...

אַניקע איז צוגעלאָפן צום טיר מיט אַ דאָפּלטן געפיל, — צופרידן צו זען דעמיטעניקן, וואָס זי האָט געוואַרט אויף זיין ליבע און באַזאָרגט נישט צו געפינען אים אַזוי ווי זי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט ביז איצט. צו איר גרעסטער פאַרוווּנ־דערונג איז עס גאָר געווען אַ טעלעגראַפן־שליח מיט אַ פּניימאַ־טישער קאַרטע (לופט־פּאָסט־קאַרטע). זי האָט דערקענט דעם

אַמיליאַרן כּתב און נערוועז אויפגעריסן דעם קאָנווערט...

מ'האָט אים אַרויסגערופן קיין ליאָן... ער אַנטשולדיקט זיך... שלעכטע ידיעות פון זיין פאָטער...

— נעכטיקע טעג! — האָט פּאַולאַ אַ זאָג געטון — און איך האָב זיך אַנטזאָגט צו עסן מיט מיין חתן מיטאָג... (זי האָט זיך אַביסל געשטעלט אין פּאָסאָן) יאָ, איך האָב אייך נאָך נישט איבערגעגעבן די וויכטיקע געשעעניש... הער מארטינעט האָט מיט מיר חתונה... ענדלעך האָט ער זיך באַשלאָסן צו מאַכן מיר דעם פאָרשלאַג.

— באמת?

— זאָל זיין מיט מזל.

אניקע און פריילײן הארדי האָבן איר אָנגעקוקט נייגעריק און דערשטוינט.

אוז דאָך האָט דאָסדאָזיקע גליק, פון וועלכן די עלטערע שוועסטער האָט געשטראַל... ער יונגערער באַאומרויקט, עפּעס אַ מין פאָרגעפיל פון אַ באַהאַלטענער דראָאונג... צי איז עס געווען איר אינסטינקטיווע אַנטיפּאַטיע צום דאָזיקן אומגעשליפענעם, גראָבן מענטשן, וואָס ווערט איר שוואָגער, אָדער סתּם די ווירקונג פון וואָלקן, וואָס פאַרפינסטערט איר אייגענעם וועג.

זיין אומדערוואַרטע אָפּוועזנהייט דוקא איצט נאָך דערדאָזיקער בידעריקער אָנדענקונג: ראָזע?.., זי האָט זיך באַמיט אָפּצעטרייבן דעם געדאַנק. ניין, בשום אופן קען זי עס נישט גלויבן! פיער איז נישט פעיק זיך אַראָפּצולאָזן צו אַזאַ בעסטיאַלישער ברוטאַליטעט, נאָך ווייניקער, שפּעטער אַזוי נידעריק צו האַנדלען... ניין, ניין, אוממעגלעך! דער מאַן, וועלכן זי האָט געהאַלטן העכער פון אַלע אַנדערע!.., זי איז געווען זיכער, אַז די געוואָרפענע באַשולדיקונג איז דורך און דורך פאַלש און האָט זיך דעריבער שרעקלעך עמפּערט. אין דעם פונקט קען זי שוין געוויס קיין טענות נישט האָבן.

— ווייסט איר וואָס מיר וועלן טון? — האָט מערעטע פּראָפּאָנירט. — איך נעם אייך מיט. צוועלף אַ זייגער גייט אָפּ

אַ צוג פון שטראַנד ד'ארסעי. אין וועלדישע שטייגן מיר אַלע אויס. מיטאָג אין וואַלד-רעסטאָראַן... די וועלדער זענען פול מיט מאַי-גלעקלעך, און אָט ווילן מיר טאַקע האָבן אַ שיי-נעם ערשטן מאַי.

— אין וועג אַריין! — האָבן אַקצעפטירט אַניקע און פּאַולאַ. — מיר קומען צוריק מיט גרויסע בוקעטן...

און אונטערן ליכטנדיקן הימל-בלוי, האָבן זיי שוין איינ-געאָטעמט דעם ריח פון די בלומען.

*

נאָכן טאָג אין געדרענג פון די פולגעפּאַקטע צוגן, אונטערן וואַרעמען זונענשיין, אין געדויש פון ניי דערוואַכטן פרילינג, האָט זיך פרייליין האַרדי געשפּירט זייער מיד און אָנגעשטרענגט און איז געפאָרן דירעקט צוריק קיין ווערסאַיל. ביידע שוועסטער, מיט שמעקנדיקע בוקעטן אין די הענט, האָבן אויסגעשטיגן פון טראַמוויי אויף עק לאַנקרי-גאַס אין דעם בולוואַר-מאַגענטאַ. דאָ האָט געוווינט פּאַולאַ מיט איר איר פריינדין ליליע.

מידע, אָבער גליקלעכע האָבן זיי זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער שמחה, אין דער אומגעהייערער פייערלעכקייט פון פּאַריז, בעת עס איז יום-טובדיק געשטימט. אַן אומגעצווונ-גענע, גוטמוטיקע לוסטיקייט, אַן איינדרוק פון זאָרגלאָזער היי-טערקייט האָט זיך געטראָגן פון דער דאָזיקער גרויסער מענטשן-מאַסע, וואָס האָט זיך אָן שום קונצן געוויילט. געדיכטע פּראָ-צעסיעס האָבן זיך געצויגן מיט לאַנגזאַמע טריט. איינע נאָך דער אַנדערער איבער די ברייטע פּאַריזער גאַסן.

אויף שריט און טריט, אין יעדן ווינקל מאַי-גלעקלעך-פאַרקויפער, מענער, פרויען, קינדער:

— קויפט דאָס גליק!...

צווישן דער גאַנצער מחנה שפּאַצירגייער איז נישט גע-

ווען קיין איינציקער, וואָס זאָל נישט לייגן קיין נייע האָפענונגען אויפן דאָזיקן בלומען-גלעקל. לענגאויס די זייטן-גאַסן, האָט דער עולם ביי די טיר-שוועלן געכאַפּט פרישע לופט. די הייזער גופא האָבן דורך זייערע אָפענע פענסטער איינגעאָטעמט די געשמאַקע אָוונט-זיסקייט.

ס'איז געווען אַזוי הייס, אַז דער הימל איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן נעפּל-שלייער. דאָס היין און הער לויפן פון די פאַראָהרוועטע קעלנער, האָט פאַרשפּרייט אַ געריך פון פאַלשן אַבזונט אויף די טעראַס פון די קאַפע-הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן פול-געפּאַקטע מיט געסט, ביז צו די טראָטואַרן, מיט די אימפּראָוויזירטע אָרקעסטערס און דעם אומגעפּייער גרויסן פובליקום, האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק זון בונטע צושויער-זאַלן. גאַנצע פאַמיליעס, זיצנדיק רויק ביי זייערע טישלעך, האָבן זיך צוגעקוקט צום מאַרשירן פון די דעמאָנסטראַנטן, צום אומענדלעכן צוג פון די טיילנעמער, צו די פולגעפּאַקטע פורן.

קיין איינציקער טאַקסאָמעטער; ווו נישט ווו אַ שאָפער אין זיינע זונטיק-מלבושים מיט זיין פרוי. פאַרבייגייענדיק האָבן זיי אָפּגעשאַצט, לויט זייערע פאַבריקס-מאַרקן, דעם ווערט פון די פּריוואַטע אויטאָס... פאָלגזאַם האָט די אומגעהויערע מענטשן-מאַסע, דערהערנדיק דעם טימבער-קלאַנג, פריי געמאַכט דעם וועג. אויטאָבוסן און טראַמווייען האָבן קורסירט איבערפולטע. לויטן באַשלוס פון דער טראַנספּאָרט-אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע האָבן זיי נישט געוואָרפן די אַרבעט, בלויז איבערגעריסן איר אויף איין שעה. פון פינף ביז זעקס... אויף דעם אופן האָבן זיי גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן דעם פּרינציפּ פון זייערע רעכט און דעם גוטן ווילן פון די אַרבעטער פאַרן דינסט פון כלל.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטס-רו איז פאַקטיש אָפּגעלייגט געוואָרן אויף מאָנטיק, כדי דער זונטיק זאָל נישט פאַרשמעלערן די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן זשעסט. ס'האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דערדאָזיקער ערשטער מאַי, איז אַן אמתער פרילינגס-

יום־טוב: נישט קיין סימבאָל פון סאָציאַלע פאָדערונגען, נאָר איינציק און אויסשליסלעך אַ וואָרצייכן פון דער אַרבעטנ־דיקער נאַטור — כאָטש אויפן רעפּובליק־פּלאַץ זענען געווען פאַרזאַמלט גרויסע פּאָליצײ־אָפּטיילונגען, איז דאָך דער פּראַכט־פולער נאָכמיטאָג אַריבער אין פולשטענדיקער, אומגעשטער־טער רו.

— מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז עס איז דער פערצנ־טער יולי! — האָט געזאָגט פּאַאולאַ.

— אָבער אַ סך שענער. מיר פייערן די צוקונפט אַנשטאָט דער פאַרגאַנגענהייט!

אַ פיבער פון האָפענונג האָט אַרומגעכאַפּט אניקען. דאָס יונגע בלוט האָט איר געהאַקט אין די שלייפן... אַ זיסער ברו־זן פון דער אייביקער ענערגיע, וועלן פון מעכטיקן ריטם, וואָס טרייבט דייוגנט אומבאַוווסט צום שעפערישן אינסטינקט: ליבן, שאַפן, דאָס שטרעבן פון אַלע לעבעדיקע בּרואים!...

קיין זאַך האָט נישט אָפּגעשוואַכט אין איר דידאָזיקע אורטריב־קראַפט פון דער פרוי, — דער געבוירענער מוטער, אַ דאַנק פריילין האַרדיס זאָרגפעלטיקער וואַרעמקייט, איז איר אַנטוויקלונג נישט געגאַנגען אין דער ליניע פון די איצטיקע יונגע מיידלעך, וועלכע ווערן פאַרדאָרבן דורך דער פאַלשער דערציִונג. דער מאַן אין געשעפט, אָדער אין אַרבעטס־וואַר־שטאַט, די פרוי אין ווירבל פון פאַרמאַגענטע פאַרגעניגנס, אָדער אין פּיין און ליידן פון טעגלעכע דאגות. די ביוראָס און סאַלאָנען פאַר איינע, די וואַרשטאַטן און וווינונגס־לעכער פאַר דו צווייטע. און פאַר אַלע — די גאַס. גליקלעכער־ווייזע איז אניקע נישט אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון דידאָזיקע מאָדערנע יוגנט־דערציער.

— וואַרט! — האָט געזאָגט פּאַאולאַ, אַז דער אַמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון איר הויז, — ס'איז פינף דער זייגער! די רו־שטונדע... קום אויף אַ מאָמענטאַרויף... לילי מוז שוין זיין אינדערהיים... אויב זי איז נישט... אין דער לעצטער צייט זע איך איר כמעט

ניט... זי איז אַביסל אַרויס פון קאַלעע, כאָטש זי האָט
נישט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיע צו דער פאַרקויפערין, האָט
זיך אַניקע דאָסמאָל געלאָזן איבערעדן, ווייל די אויסזיכט,
גיין אַליין צו פיס האָט איר שטאַרק נישט געשמעקט. אין
פאָרהויז אָבער, האָט שוין די פּאָרטיערין באַגעגנט פּאַולאַן
מיט די ווערטער:
— פרייליין לילי האָט מיר געמאָלדן, אַז פריער ווי
מאָרגן קומט זי נישט אַהיים...
— און דער שליסל?
— כ'האָב אים נישט.
— זי האָט אים נישט איבערגעלאָזן! אַ שיינע מעשה,
נאָר אַ קורצע! מיינעם האָב איך פאַרלוירן.
— קום, — האָט געזאָגט אַניקע. — מיר וועלן צוּוואַרטן
אין קאַפע-הויז און טרינקען אַ גלאָז... שלאָפן וועסטו ביי מיר.
איך דאַרף זיין ביי פרוי ברוסאַט ערשט זיבן אַ זייגער.
אַהין גיי איך אָט ווי איך בין, נישט פריזירט און פאַרשטויבט.
פּאַולאַ האט פאַרביסן מיט די ליפּן. די פרוי ברוסאַט
האט זי קנאַפּ וואס ליב געהאַט. קודם כּל איז זי געווען
אייפערזיכטיק אויף איר ווי אויף דער בעסטער פריינדין און
דער אַפּוטרופּס פון איר שוועסטער, אויסערדעם האט די אַנ-
שטאַלט אין אויטייל, מיט וועלכער דידאַזיקע אויסגע-
צייכנטע פרוי האט פאַרוואַלטעט, (אַ היים פאַר מיידלעך-מוטערס
שטאַרק שאַקירט אירע פאַראורטיילן. אונטערן איינפלוס פון
איר נייגונג צו ווייבלעכע פריינטשאַפטן, וואס האט נאָך גע-
געשטאַמט פון איר קלויסטער-צייט, האָט זי בשום אופן נישט
משיג געווען, אַז מ'קאָן זיך אָפּגעבן אַ מאַנספּערשוין אָן
דער סאַנקציע אין דעם צוואַנג פון דער חופּה, און נאָך ווייניקער
האט זי באַגריפן — ווי אַזוי ברענגט מען אויף דער וועלט
אַזויגערופענע אומגעזעצלעכע קינדער. דידאַזיקע פראַגע איז
געווען פאַר אַניקען און איר אַ טעמע פאַר אומענדלעכע דעבאַטן
פּאַולאַ האט געהאַלטן די פרייע ליבע און איר ריזיקע פאַר אַ
פאַרברעכערישע אוטאָפּיע, די נישט סאַנקציאָנירטע הייראַט פאַר.

אַ שאַנדפלעק, אַ דערנידערונג; מיט וואָס פאַר אַ רעכט ברענגט מען אויף דער וועלט אומשולדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן גאָר נישט געוואָלט געבוירן ווערן. דאָס איז די גרעסטע, אומפאַרציי-לעכע זינד!

זיי האָבן געפונען אַ פּלאַץ אויף אַ טעראַסע ביים בולוואַר מארגענטאַ.

— ס'אַראַ היטץ — האָט אַניקע געזיפצט.

— אַ שאָד וואָס לילי איז נישטאָ! ביי מיר אינדערהיים וואָלסטו זיך געקאָנט מאַכן באַקוועם.

אַניקע האָט אַ הויב געטון די שולטערן.

—אַ שיינעם דאַנק, איך איל זיך נישט אַזוי שטאַרק איר צו זען.

זי האָט נישט געקענט מוחל זיין לילין איר אומנאָרמאַלן איינפלוס אויף דער שוועסטער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פּאַולאַ האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, כלומרשט מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט, אַז זיי זענען מיט לילין בלויז חברטעס, איז דאָך אַניקע געווען פעסט איבערצייגט, אַז דידאָזיקע באַציונ-גען שטערן פּאַקטיש איר עלטערער שוועסטער צו ווערן אַ קינסט-לערין און פאַרבינדן איר לעבן מיט אַ מענטשן וועלכן זי זאָל ליב האָבן, און נישט חתונה האָבן מיטן דאָזיקן מארטינעט.

— דו ביסט אומגערעכט בנוגע לילין. זי איז באמת אַ ווויל מיידל... אָ, מאַך נישט אַזאַ לעכערלעכע מינע... איבעריקנס, האָסטו מיך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען!

— נישט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך דיך ליב, און דאָס איז דער עיקר.

— ניין, ליב האָבן קאָן מען זיך נאָר דאַן, אַז מען פאַר-שטייט זיך פולשטענדיק.

אַניקע האָט איראָניש געשמייכלט.

— אויב אַזוי וועסטו מיט מארטינעטן זיין זייער אומגליקלעך, ווייל אויב מ'קען נאָך רעכטפערטיקן דיינע און לילים פריינט-שאַפט מיט אייער קעגנזייטיקער „פאַרשטענדעניש", גלויב איך שוין אָבער בשום אופן נישט, אַז דו זאָלסט זיך קענען פאַרשטע

דיקן כאָטש אויף וועלכן נישט איז פונקט מיט דיין קינפטיקן מאַן

— ווער ווייס. אין גרונט גענומען איז ער א סך וויינ־קער ברוטאַל ווי ער זעט אויס. איך האָב דאָך אין קריג זייענדיק אָנגעשטעלט אַלס ווירטשאַפטערין אין שפּיטאָל דעבילדאַ געבענדיקט אַ שאַקאַל... איך האָב אים זאָגאַר מיטגע־נומען קיין אַלזשיר... אין יאָר 1918... בעת איך בין איבער־געגאַנגען אין דער פּראָוויאַנטירונגס־אָפּטיילונג. אין פּרעפעקטור.

— דיין שאַקאַל האָט דאָך אָבער נישט געהאַט די פאָדערונגען און די רעכט פון אַ מאַן.

— דו האָסט קיין שכל נישט, — האָט פּאַולאַ געזאָגט, זיך רויטלענדיק.

נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע באַשעפטיקונגען, אויף וועלכע זי האָט זיך כסדר געוואָרפן, שטרעבנדיק צו אָפּ־וועקסלונג, און אויף געוויסע פּריינטשאַפטס־דינסטן, צו וואָס זי האָט זיך פריער פון בייגעריקייט און — שפּעטער פון מורא פאַר די פאָלגן פון מענלעכע פאָדערונגען — ביסלעכווייז צו־געוווינט — איז איר דאָך געבליבן אַן עמפּפינדלעכער בושה־געפיל, וואָס פלעגט זיך דורכרייסן אין די סאַמע אומפּאָרויס־געזעענע מאָמענטן. אויף דעם אופן האָט זי אויך אָפּגעהיט פון דעפיניטיוון פאַרלוסט דאָס, וואס זי האט געהאַלטן פאַר דער גרעסטער זינד צו פאַרלירן — איר אומשולד. אויף דאסדאזיקע איינגעבילדעטע שוץ־געווער איז זי געווען שטאָלץ, ווי אויף דער לעצטער מעלה און גלייכצייטיק, ווי אויף א וויכ־טיקן מיטל עפּעס צו דערגרייכן.

אַ דאַנק דערדאזיקער פאַלשער פארשטעלונג האט זי געקוקט אויף איר צוזאַמענוווינען מיט לילי בראַנטוער — וועל־כע האט געדינט ביי מיריסעטן אַלס מענעקען, וווהין זי איז אנגע־ומען אַלס אַ צווייטראַנגיקע — ווי אויף אַ פּראוויזארישן פאַמי־יען־לעבן. די עקסצענטריציטעט פון דער קאקאַאיניסטין, אַפילו יר גלייכווערטל: „נאר דאס נישט" האט איר שטאַרק צוגעצויגן. ון דאך האט פּאַולא געהאַלטן דאָס חתונה האבן פאַרז איינציק

לאָגישן צוועק פון יעדער פּרויען-שיקזאַל. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן נדן, האָט זי באַטראַכט אַלס איר פליכט ווייניקסטנס אומ- באַרירט צו דערגיין צום דאָזיקן ציל. דאָס הייראַטן איז פאַר איר געווען דער איינציקער אויסוועג פון דעם חשך פון איר פאַר- צווייפלטער לאַגע און דעריבער האָט זי שטאַרק פּאַראַיבל געהאַט, אַז אַניקע פלעגט פון איר חוזק מאַכן.

— איך בין נישט נאַריש, — האָט אַניקע פּראָטעסטירט, — איך האָב בלויז מורא פאַר פאַלשע קאַלקולאַציעס. איך בין ווייניקסטנס לאָגיש.

— אוי, האָסטו מיר דערעסן מיט דיינע טעאָריעס! מיר וועלן נאָך זען, וווּהין זיי וועלן דיך פאַרפירן!... איך ווייס וואָס דו קלערסט: איך האָב פאַרעלטערטע אָנשויאונגען! אָפּגע- שטאַנען, נישט מאָדערן... וואָס זאָל איך טון? איך בין נישט קיין קלאַסנבאַוווסטע, אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערין, ווי דו! איך בין אַן אימפּולסיווע נאַטור... און נערוועז... ביי אַזאַ לעבן, ווי איך פיר האָט מען עס געמוזט ווערן... אָ! און מיין מוזיק!... אין איר געפין איך אַ טרייסט פאַר אַלע מיינעליידן! זי טראָגט איבער אין אַן אַנדערער וועלט...

מיט אַן אייזערנעם ווילן איז פּאַאולאַ דורך אַלע אירע מעטאַמאָרפאָזן כסדר צוריקגעקומען צום דאָזיקן דערהויבנ- דיקן טרייסט.

זינט זי האָט — בעת לילי בראַנטווער איז געוואָרן פאַר- קויפערין, — געאַרבעט אַלס מענעקען-פריילין און מער פאַרדינט, האָט זי זיך ווידער מוטיק אַ נעם געטון צו געבן לעקציעס אויף האַרפע-שפּילן און פאַר זיך אַליין ווייטער צו אַרבעטן... אַ דאַנק אירע פעיקייטן האָט זי באַלד דערגרייכט אַזעלכע רעזולטאַטן, אַז זי איז געוואָרן אַ געזוכטער „נומער" פאַר די אָרקעסטערס אין די נאַכט לאָקאַלן.

אין איינעם פון די רעסטאָראַנען אויף מאַרמאַנטער האָט איר טאַקע באַמערקט לואי מאַרטינעט, פון פאַך אַ פּערלהענדלער. ער האָט לכתחילה געקלערט, אַז אים וועט געלונגען פאַר אַן אָוונטברויט און אַ מינדערווערטיקן דימענט זיך צו פאַרשאַפן אַ

ביליקן פאַרגעניגן. ער האָט אָבער געוואָרט טעג, וואָכן און מאָ־
נאַטן ביז דידאָזיקע „קאָץ", וואָס איר נאָמען האָט שוין אָנגע־
הויבן פיגורירן אין די פּראָגראַמען פון די בעסטע קאָנצערטן, —
האָט איינגעוויליקט צו זאָגן יאָ, אָבער בלויז אין דער אָנוועזנ־
הייט פון אַ שטאַנדעס־באַאַמטן. דערפאַר האָט ער געפאָדערט זי
זאָל וואַרפן איר מאַנעקען־פּאָסטן ביי מאַריסעט! וואָס אנבאַלאַנגט
איר מוזיק, מוז זי זיך דערפון אָפּזאָגן. לכל הדעות נישט אַרויס־
טרעטן עפנטלעך. מאַרטינעט האָט געוואָלט האָבן אַ פרוי פאַר זיך.
אַן אמתע הויז־פרוי...

— אויף דיין אָרט, — האָט אַניקע געזאָגט — וואָלט איך זיך
שטאַרק מיישב געווען. דו ווייסט פון וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ,
אָבער נישט דאָס וואָס עס וואַרט אויף דיר.

פּאַאול,אַ האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— ניי, איך ווייס עס יאָ!... די זיכערקייט. דאָס פּטור ווערן
פון דער מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג!.. איך רעדט שוין נישט
וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אַכטונג... דערפון מאַכסטו דאָך
חוזק, אַנאַרכיסטין דו! און הויפּטזעכלעך!.. זיך אומצוקערן צו
אַן אָרנטלעכן לעבן! אַ מאַן, קינדער!...

— אַ מאַן, וואָס מ'האָט אים נישט ליב, קינדער וועלכע
וועלן אפשר זיין געראָטן אין אים...

— יאָ אָבער אַן אייגענע היים!

— אַן היים? קייטן!... אַ שיינער „חלום וועגן גליק"!
איבעריקנס פאַרקויפסטו עס פריער איידער דו האָסט עס געקויפט.
וועסט שוין זען פאַר וועלכן פּרייז!...

דאָסדאָזיקע פּחדנות פון ס'רוב פרויען, זייער אָפּהייניקייט
פון מאַן, דעם איינציקן שפּייזער און פאַרזאָרגער, אנשטאָט
אַליין צו פירן דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, איז געווען
פאַר אַניקען די שמערצלעכסטע אַנטוישונג, די אָנגעווייטיקסטע
פראַגע...

— אָבער צו דען גיסטו זיך אָפּ אַ דין וחשבון וועגן
דיין באַפאָרשטייענדיקער לאַגע? היינט ביסטו פריי. מאָרגן,
פאַרהייראַט, פאַלסטו צוריק אַרונטער אונטער אַן אַפּוטרופּסות.

אַ דינסט... נאָך ערגער! אַ מינדעריעריקע, אַ רעכטלאָזע ווי אַ קינד, אַ שקלאַף אָדער אַ משוגענע... נשים, עבדים וקטנים...

זי האָט נישט געקענט מוחל זיין דער שוועסטער און אַלע אירע מיליאָנען אַנדערע שוועסטער דעמדאָזיקן בלינדן שקלאַפן-זין, מער נאָך זייער איבערפלעכלעכקייט און פריוואַליטעט, די סיבות פון אַזוי פיל צעבראָכענע לעבנס... די פרוי וואָס פוצט זיך פאַרן מאַן, דער מאַן וואָס גזלט און גנבעט פאַר דער פרוי, אַלע אינדוסטריען, די קריג-אינדוסטריע איינגעשלאָסן דער גאַנצער אומגעהויערער אַפּאַראַט פון דער מאָדערנער טעכניק איז נישט מער ווי אַ גאָלד-פאַבריק צו באַפרידיקן דעם פאַרלאַנג צו געפעלן.

און דער קריג... אַז זי האָט געטראַכט וועגן דעם וואָס די מאַמעס האָבן דערלויבט צו מאַכן פון זייערע זין, אַז זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם טויט פון די מיליאָנען מענטשן, דאָס דאָזיקע זינלאָזע בלוטבאָד, וואָס דער רעזולטאַט דערפון איז בלויז דער פאַרלאַנג די פערל-קאָליעס און דאָס אָפּקירצן די קליידער! פרויען, מאַמעס, וועלכע ווען זיי זאָלן געוועזן וועלן, האָבן זיי געקענט דערציען זייערע קינדער אין קולט פון לעבן, אין גייסט פון ליבע צו אַרבעט, צו פרידן, אין דער רעליגיע פון רעכט און גערעכטיקייט!... ניין, נישט קיין מאַמעס, זענען דאָס, נאָר ליגענדיקע הינט, וואָס אויסער. די קייטן, זענען זיי אויך ווערט דעם שטעקן... זי האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס.

— יעדערער איז דער שמיד פון זיין גליק. איך פאַרזי־כער דיר, אַז איך וועל שטרעבן מיינס צו מאַכן... יעדערער נעמט זיך אויך אַליין זיין אומגליק... היט זיך דיינעם נישט אַנטקעגן צו לויפן דערמיט, וואָס דו ביסט מסכים צו וואַרפן דיין אַרבעט לכל הדעות ווארן איך דיר... דערפאַר וואָס איז דאָרט געשען? פון דער געגנט ביים מזרח-וואָקזאַל האָט זיך דערהערט אַליאַרם, אַ געשריי, וואָס האָט זיך כסדר דערנענטערט און פאַרשטאַרקט: די מידינענטן! (די שניידערמיידלעך). דער שטרייק פון מידינענטן דויערט שוין פערצן טעג.

עס איז געווען די איינציקע קאָרפּאָראַציע, וואָס האָט

באשלאסן אלס ענטפער אויפן לאקאאוט פון די אינטערנעמער איינ-
צוארדנען א גרויסע גאסן-דעמאנסטראציע, נישט רעכענענדיק זיך
מיט די רעזאלוציעס פון די דעלעגירטע דורך דער צענטראלער-
ארבעטער ארגאניזאציע אויפן גמיינזאמען מיטינגביים בירזשע-
פלאץ.

אלס צייכן פון זייער צוזאמענגעשלאסנקייט האבן זיי געטראגן
עקזעמפלארן פון „פאלק" און „מענטשלעכקייט" העלע בלוזן
און היטעלעך מיט פאמפאנען האבן זיי גרופנווייז מארשירט פארביי
די שפאליערן פון דער נייגעריקער מענטשן מאסע. יעדע איינע
האט געטראגן א קליינעם בוקעט מאי-גלעקלעך, איבערגעבודן
מיט א רויטע סטענגע, ארומגערונגלט פון אגענטן, האט זיך
דידאזיקע מוטיקע קליינע גרופע, אן הונדערט ארבעטערינס,
אין געשלאסענע רייען, געצויגן איבער די גאסן זינגענדיק לויטן
טאקט:

„שפייט אויף די שיבערס !.. שפייט !..."

„אין משגעום-הויז פון כארענטאן..."

צייטנווייז, אז עפעס א ווילדער יונג האט זיך פארמאסטן
זיי צו פארטשעפען, האט געקלינגען דער פראטעסט פון א כאר:

„קום נאר נענטער און דו וועסט דערזען דעם מארעמאנטער!"

דער רעפריין פון פארשטאט-לידל האט כסדר געקלונגען
אין דערלופט און איז אויסגעוואקסן צו א מוטיקן קריגס-רוף...
זייער שפאטלוסטיקע שטומען האבן דורכגעדרונגען דאס שטומע
ברויזן פון שטאט-ליארם און דערוועקט די סימפאטיע פון
די פושטע געמיטער.

— ארעמע קינדער!—האט אניקע געזאגט—זיי זענען גערעכט.

— נישט אין גאנצן... פרעג ביי לילין וועט זי דיר
דערציילן וואס מער זיי פארדינען, אלץ מער באקלאגן זיי זיך.
בעת איך בין געווען די צווייטראנגיקע, האב איך זיך געמוזט
באנוגענען מיט ניין פראנק א טאג.

— פלייש אין ברויט ווערן דאך טייערער פאר אלע,
פאר רייך און ארעם. וויפל באקומסטו אלס מענעקען ?

— זיבן הונדערט פאנק א חודש, דו ווייסט דאך !

— אין לידז?

— פופצן הונדערט, ווייל די לייטערן פון איר אפטיילונג נאָשעפּטיקט איר ביים פאַרקויפן.

— אויף דעם פונקט וועלן מיר זיך קיינמאל נישט צונויפרעדן.

אויפריכטיק איז אניקע געשטאַנען אויף דער זייט פון די־ראזיקע מינדעריעריקע שניידער-מיידלעך, וואס האבן אפגעגעבן פאַר גראשנס זייער יוגנט קראַפט, כדי צו באַפרידיקן דורך זייער ארבעט די פוץ-זוכט פון די בירגערלעכע פרויען... אַלטע אין נייע גבירטעס, אַ גאַנצע קאַסטע לײַדיקגייערינס וואס האבן נישט געזשאַלעוועט צו באַצאָלן דריי טויזנט פראַנק פאַר אַ קלייד, האבן אבער אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז אַן ארבעטערין וואס פאַרדינט קוים אויף אַ שטיקל ברויט, פאדערט אַן העכערונג פון איר הונגער־לוין.

די שלאַנקע קערפערס אויפגעהויבן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האבן זיך די מידינעטן געצויגן צום פאַריין־לאָקאַל, דערפון וואָס ס׳רוב פון זיי האט נאך ביי דער פיינפולער אָרעמקייט, אַרוסגעוויזן דעם איינגעבוירענעם פאַריזער שיק, וואס נישט קוקנדיק אויפן אַרבעטס־וואַרשטאַט, האט די יוגנט געשטראַלט פון שיינקייט, אַנטשלאָסנקייט און זארגלאזיקייט האט אניקע נישט געצויגן די קאנסעקווענצן, ווי איר שוועסטער. אַז זיי פאַרדינען נישט מ׳זאל זיך מיט זיי פאַראינטערעסירן. פונקט פאַרקערט...

דער צוג האט זיך פאַרקערוועט אויף לאַנקרי־גאַס. קליינע גרופעס זענען נאכגעגאַנגען איבערן מאַגענטאַ-בולוואר ביז צו דער אַרבעטער־בירזשע.

— וואַרט! אט קומט אַן אויטאָבוס! די הפסקה האט זיך געענדיקט. אט איז ער!... פון רעפּובליק-פּלאַץ...

— ניין, די אַנדערע פירן רירן זיך נאָך נישט פון ארט. דאס איז געוויס אַפּרייוויליקער פון דער בירגערלעכע אוניע. איינער פון די הערן, וואס ווילן ראַטעווען די געזעלשאַפט... אַ בעל־טובה, אַ פאלקס-פאַרזארגער!... גיב אַכטונג, עס...

זי האט נאך נישט געענדיקט דעם זאַץ, ווי דער צופעליקער שאָפער — וועלענדיק אויסמיידן דורך דער פּאָליציע אַ צוזאַמענגעפּרעסטע מענטשן־מאַסע — האט פאַרלוירן די הערשאַפט איבער זיין שווערן וואגן. ער איז מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אַרויף אויפן טראָטואַר, האט אויסגעריסן אַ גאַז־לאַנטערנע און אַריינגעפּארן אין דער מאַסע.

ווילדע געשרייען, אַ פּאַניק, אַ מחנה צעשראָקענע מענטשן האבן זיך א שאט געטון אויף דער טעראַסע, אומגעווארפן די שטולן, די טישן מיט די גלעזער אין איינעם מיט די געסט. אַלץ און אַלע האבן זיך אין אַ מיש־מאַש געוואַלגערט אויף די ערד.

ווי תמיד האט זיך אניקע אויך דאס מאל נישט פאַרלוירן אין אַריינגעצויגן פּאַולן אינעווייניק פון קאַפע־הויז.

באַלד האט מען דערזען ווי מ׳האט געשווינט אַוועקגעטראַנספּאָרטירט אַ געהרגעטן און אַריינגענומען אין דערבייאיקן אַפּטייק דריי פאַרוווּנדעטע. ס׳האבן אנגעהויבן צירקולירן מוראדיקע ידיעות. אַרום אויטאָבוס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן עולם און געוואָלט זיך אַ נעם טאָן צום געשיקטן שאָפער.

— איינמאָל אין לעבן ביסטו געגאַנגען אַרבעטן!... אַריסטאָקראַט!... לײדיגגייער!...

ס׳האבן זיך אַ הויבגעטון פויסטן... אין דעם מאמענט אָבער האט אַ מעכטיק קעגנשטרעמונג אויפגערודערט דעם צעהיצטן בולוואַר און צעטריבן די מחנה.

לענגאויס די טראָטואַרן האט זיך פון די אַרבעטס־בירזשע געטראָגן אַן אומווידערשטרייַלעכער שטראָם און צויאָגט די שפּאַצירגייער און די צעשראָקענע צושויער. ס׳האָבן זיך געהערט ווילדע געשרייען פלוצלונג, באַדעקנדיק די גאַנצע גאַס, האָט זיך אַ שאט געטון אַ שוואַרצע מענטשן־מאַסע. אַ לאַרמדיקער כאַאָס פון מענטשלעכע ווען, געשטויסן אין געשלאָגן פון דער שוץ־פּאָליציי.

דאס זענען געווען די דעלעגירטע פון די אַרבעטער־

סינדיקאַטן, וועלכע זענען אַרויס פון מיטינג אין די פּאָליציי האָט זיי אויפגעפּאַדערט תיכּף זיך פאַנאַנדערצוגיין.

דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַזוי העפטיק און אַזוי אומדערוואַרט, אַז דאָס געשלעג האָט זיך מאָמענטאַל פאַרוואַנדלט אין אַ אמתן קאַמף.

אויף די קלעפּ פון פויסטן און שטעקנס — די צעיושעטע פּאָליציי האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַרן געווער — האָבן געפלאַגט מעסערשטעך אַלס ענטפער אויף די שווערדן.

אַרבעטער און פּאָליציי, נאָר וואָס פלומרשט די בעסטע גוטע פריינט, זענען ווידער געשטאַנען אין קאַמף איינער קעגן צווייטן ווי צוויי פאַרברענטע שונאים. רעוואָלווערן האָבן געקנאַקט, פון ביידע זייטן זענען געפאַלן קרבנות.

מיט אַ ווילדן אימפּעט זענען פאַרביי אניקען געלאָפן מענטשן מיט צעבלוטיקטע געזיכטער. צופעליקע שפּאַצירגייער און דעמאָנסטראַנטן האָבן געזיכט זיך צו באַהאַלטן ווו נאָר זיי האָבן געקענט. פּאַראַליזירט פון שרעק, און אָמפּערונג, זענען זיי געווען לגמרי אנמעכטיק קעגן דער אַנטפּעסעלטער ווילדקייט פון אַלע זייטן.

פאַרפאַלגט פון אַ באַנדע, ווי חיות צעווילדעוועטע מענטשן מיט אויסגעשטירעטע אויגן, איז אַ גרייזגרויער זקן אַריינגעפאַלן אין אַ קאַפע־הויז. מ׳האָט אים געמאַכט אַן אָרט, ער איז אָבער, אַ צעטומלטער, צוגעלאָפן צו פאַאולין.

אַ פּאָליציאַנט אין אַ גאָלדראַנדיקער קעפּי האָט אים גלייך אַ נעם געטאָן און געלעכערט דעם מח מיט זיין מאַסיווע פויסט די אַנדערע האָבן אים מכבד געווען מיט זיירע אייזנבאַשלאָגענע שטיוול.

— אַ חרפה און בושה! — האָט אניקע אויסגעשריגן, אנכאַפּענדיק דעם וואַכמייסטער פאַרן האַנט. — איר זייט דאָך אַליין אַ קינד פון פאָלק...

— גיי פאַרטיידיק דיינע יונגע שנעקעס! —האָט געברילט די צעווילדעוועטע חיה. מיט אַן העפטיקן שטויס אין האַרצן האָט ער איר אַ שליידער געטון. אין זעלבן מאָמענט האָט זי אויך דער־

שפריט אַ שרעקלעכן שמערץ אין שטערן: אַ האַק פון אַ טעמפּן-
קעגנשטאַנד.
מיט אַ טויט שלעגער (קאסטעט) האָט איר דאָס קינד-
פון פאלק געלערנט רעספּעקטירן די איינגעפירטע ארדענונג.
אַ געהלשטע איז אַניקע געפאַלן אויף דער ערד.

III

דעמזועלבן אָוונט האָט זיך איבערן שאָסיי, וואָס פירט דורך די וועלדער פון בולאָן צו דער סענא, געטראָגן אַ פאַרמאַכ־טער אויטאָ.

די רעפלעקטאָרן האָבן באַלויכטן דעם אספאלט־שאָסיי און די בוימער, וואָס זייערע וווּנדערשיינע בלעטער האָבן אויסגעזען ווי אַ פיינע דעקאָראַציע. דאָס פעבער־פאָרמיקע ליכט האָט, פאַרביילויפנדיק, באַשטראַלט די קליינע בוימלעך און קשאַ־קעס, וואָס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן וואַלד־באָדן.

נישט געקוקט אויף דער נאָנטקייט פון טייך, וועלכן מ׳האָט אפילו נישט געזען, אָבער געשפּירט זיין שוואַרצן און פרישן גע־רויש, איז די לופט געווען הייס און שטיקנד.

אַ שטילקייט, אַ גרויסע רויקייט, — וואָס איז באַזונדערס אָנגענעם בעת מ׳געפונט זיך נישט ווייט פון שטאָט — איז גע־פאַלן פון טונקל־בלויען סאַמעט־הימל, וועלכער האָט געבלאַנקט מיט זיינע פינקלדיקע שטערנס איבער די בערגלעך פון סען־קלויד. אין דער ריכטונג צו פאַריז, האָט אַ בלאַסרויטער, אומדייט־לעכער ווידערשיין אָנגעפילט די שטילע פרילינגס נאַכט.

— פראַכטפול! — האָט געמורמלט סימאָנע לורדאל אָן שום איבערציַיגונג, בלויז, כדי עפּעס צו זאָגן.

מיט אירע בליקן האָט זי דורכגעפאָרשט דעם האַלב-טונקל, וואָס פלעגט זיך דורכן שיַין פון די רעפלעקטאָרן יעדן מאָמענט באַוויַיזן און ווידער פאַרשווינדן.

זי האָט אויך געפּרוּווט דורכצודרינגען די אַנציִענדיקע פיַנסטערניש, וועלכע איז געלעגן וויַיט איבערן באַלויכטענעם שטח, וואָס זיַינע פאַרבישופטע ווינקעלעך האָבן איר שטאַרק צוגעצויגן.

— פּראַכטפול! — האָט אויטאָמאַטיש איבערגעחזרט פּיער לעבאַ, וועלכער איז געזעסן לעבן איר אין אַ זייער שלעכטער שטימונג. — איך מיין אָבער, אַז מיר וועלן קומען אַביסל צו פרי.

כאָטש ער האָט אינדערפרי, נאָך אַן איַיפערזוכט-סצענע פון פרוי לורדאַל, געמאָלדן אַניקען, אַז ער פאָרט אַוועק, איז ער אָבער געבליבן אין פּאַריז. סימאָנע און ער זענען געזעסן אַליין אין גרויסן אויטאָ. אַ שאָפער וואָלט געווען אַן עדות וואָס שטערט. לורדאַל איז מיט אַן אָוונט פריער אַוועק געפאָרן קיין ליאָן, וווּ ער האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג איבער „פּרוידן" און זיַין סעקסואַל-טעאָריע". איין צאָן אין מויל און אויפן קאָפּ אַ גרויסן פּליך, האָט דער מחבר פון „קיניג מאַטעריאַליזם", ווערנדיק אַ בעל-תשובה, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די נייע אידייען, פאַר וועלכע ער האָט געפירט אַ קאַמף אין דער יוגנט, בעת ער האָט נאָך געהאַט האָר אויפן קאָפּ און פּלעגט גערן רעדן מיט הויכע ווערטער.

— אָט איז דער באַשטימטער אָרט, — האָט געזאָגט פרוי לורדאל... — איר זעט דאָרט די אַלטע אַקאַציע ביים ברעג פון דער קליינער אַלייע... דאָ שטעלן זיך אָפּ אַלע אויטאָס. ראַנשאַר האָט אונז אַלץ גאַנץ גענוי דערקלערט.

ראַנשאַר, דער פּילפּאַכיקער מיליאָנער און איַיגנטימער פון די באַוווּסטע גרובן פון וויַיגרע, אַ שטילער שותף פון «אַפּעל», אַ כלומרשטער רעפּובליקאַנער און, כדי צו דערהאַלטן דאָס גליַיכגעוויכט - אַ רעאַקציאָנער אַלס דעפּוטאַט פון אונטער-סענא דעפּאַר-

סאַמענט, איז געווען וויפיער לעבאַ און סימאָנע לורדאַל, איינער פון יענע בעלי־תאוות, וועלכע יאָגן זיך כסדר נאָך פרישע אויפ־רייצנדיקע תענוגים אָפּגעטעמפּטע, איבערגעזעטיקטע, כאַפּן זיך דידאָזיקע קאָרופּטירטע פּיליסטער פאַר יעדער נייער מאָדע–זינד.

אַ געוויסע צייט זענען געווען שטאַרק אין דער מאָדע די אָרגיעס אין די בולאָנער וועלדער.

ס'איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט בלויז אין די סאַלאָנען פון דער הויכער געזעלשאַפט האָט מען וועגן דעם גע־האַלטן אין איין רעדן, נאָר אפילו די פרעסע האָט זיך דערמיט פאַראינטערעסירט.

לעבאַ, אַ שטאַמגאַסט אויף דידאָזיקע „מאָדערנע פאַרווײַלונגען", האָט, כדי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט, אויסגעקלערט אַ מעשה מיט אַ סקאַנדאַל אויף די בולוואַרן אינטערן שטאָט.

ער האָט דערציילט, אַז אין דער געגנט פון מעניל־מאָנטאַן, טרעפן זיך צונויף דאַמען פון דער געזעלשאַפט און קינסטלערינס מיט זייער פאַרדעכטיקע פאַרשוינען אונטערן טיטל „דער קיצל פון מאָרד", האָט דער לידער און נאָמען פון דער פאַרלעצטער צניעות און צוליבן אַלגעמיינעם אינטערעס ענערגיש געפאָדערט אַ „גרונטלעכע אויסראָטונג".

דער אַרטיקל האָט אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג. לעבאַ האָט באַקומען עטלעכע דראָונגס־בריוו, און האָט אויפן אַנדערן טאָג אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג: זאָרגנדיק פאַרן געזונט פון פראַנצויזישן פאָלק, האַלט ער פאַר זיין פליכט צו רעאַגירן אויף צביעות און קאָרופּציע אומעטום, ווו ער זאָל זי נישט באַגעגענען. נאָך פאַרן קריג פלעגן און דער אַקאַציען־אַלייע און אין וועלדל פון ניילי, פאָרקומען עקסצעסן פון נע־ונדניקעס און אַנדערע קראַנקע טיפּן; דאָ האָבן זיך אויך אָפּגעשפּילט פאַרשיי־דענע סצענעס פון דאַכלאָזע פאַרליבטע פאָרלעך.

איצט האָט זיך פון דאַנען די ווילדע קאָרופּציע, איבערגע־טראָגן איבערן גאַנצן בולאָן־וואַלד און זיך פאַרשפּרייט אין דער גרינצטער ביז לאָנגשאַם. פאַרטניערן און צושויער. פון שאַטן

פון די קשאַקעס איז מען אַרויס אויף די פּרייע פּלעצער און געמיינזאַם געפייערט די ווילדע אָרגיעס.

צו די גאַסן־מיידלעך פון די פאָרשטעט זענען איצט צוגעקומען ווייבער פון אַלע קלאַסן: רעדוצירטע יונגע אַרבעטערינס; פאַרקויפערינס פון גרויסע געשעפטן, וואָס נאָכן טאָגאַרבעט פלעגן זיי קומען אַהער האַנדלען מיט זייערע קערפּערס; דאַמען פון דער געזעלשאַפט, אָן הערצער, מיט פּוסטע מחות און ליידיקע בייכער; סענסאַציע־גיריקע, שטענדיק אויף יאַגד נאָך נייעתאוות; אויסלענדערינס, וועלכע פאָרן יאָר־יערלעך אין קורערטער אין פּאַריז, כדי דאָ דורכצומאַכן אַ קור פון אויסגעלאַסנקייט... דאָס זענען שוין נישט געווען מער קיין דורכפאַלן פון איינצלנע, ווייל דידאָזיקע פאָרשטעלונגען אונטערן פרייען הימל האָבן פון יאָר צו יאָר צוגעצויגן אַ גרעסערע צאָל צושויער און מיטשפּילער.

נישט געקוקט אויף זיין גרויסן בויך און זיין גלאַט ראַזירטן געזיכט, איז פּיער לעבאַ געווען דאָס, וואָס מ׳רופט אָן אַ שיינער מאַנספּער׳זאָן.

אונטער דער מאַסקע פון אָנשטענדיקייט און גרויסמוט האָט פּיער לעבאָ געהאַט אין לעבן בלויז איין ציל: צו נעמען אַלץ און וואָס מער. אַ קאָמפּליצירט ציל פאַר אַ נשמה, וואָס איז צעפּרעסן פון אַמביציעס, זינד און לאַנגווייליקייט. סימאָנע לורדאַל האָט אים געהאָלפן זוכן.

דידאָזיקע בולגאַרישע יידישקע, מיט איר געמישט פייערדיק בלוט און אָריענטאַלישן אונטערשלאַק, איז געווען פאַרצווייפלט, וואָס נישט קוקנדיק אויפן מאַסאַזש און אויף אַלע כירורגישע אָפּעראַציעס ווערט זי פון טאָג צו טאָג דיקער; זאָרגפעלטיק האָט זי, אונטער מאַהאָן־ברוינע לעקיעך, באַהאַלטן די קנייטשן פון איר נישט מער יונגען געזיכט.

די קונסט־קריטיקערין פון „אַפּעל" האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון אַ טיכטיקער קופּלערין (שדכנטע), געפעליקע חברטעס, האַלבדערוואַקסענע מאַדעלן, — טעאַטער־דאַמען,

וואָז ווילן ווערן פּאָפּולער, אַלץ איז פאַר איר גוט געווען, כּדי צו הויבן די וואַקלדיקע שטימונג פון איר „פּאַטראָן״.

מיט אַן אָוונט פריער, נאָך אַ פייערלעכן מיטינג ביי מאַרע־וואַלן אין הויז לכּבוד דעם אויסצייכענונגס־אָרדען רייכמייערן, דעם אייגענטימער פון גרויסן געשעפט „אַלץ אומזיסט״ איז ראַנשאַר געזעסן אין אַ ווינקל מיטן ציגאַר אין מויל און האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיינע לעצטע דערפאָלגן פאַר אַ קרייז פרויער אַגי־טירטע צוהערער...

— אָבער זאָגט, איך בעט אייך, — האָט כּלאהר־יד אַ פרעג געטאָן לעבא, — איז די מעשה בולאַן־װעלדער, אַן אמת ? — פונקט ווי ער זאָל זיך לגמרי נישט האָבן באַטייליקט אין די לעצטנס פאָרגעקומענע סעאַנסן...

— אָ ! — האָט ראַנשאַר געענטפערט מיט אַ גאַודיקער מינע — בולאַן עקזיסטירט... ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך עפּעס בעסערעס, פּיקאַנטערעס...

— מיר פאַרלאַנגען פּרטים !...

— איך האָב מורא, אַז מאַדאַם לורדאַל וועט רויט ווערן...

— איך בין דאָך אַ קינסטלערין, — האָט אויסגערופן פרוי לורדאַל, — אייגענע מענטשן, איר דאַרפט זיך נישט זשענירן. איבעריקנס איז פאַרן ריינעם אַלץ ריין.

און ראַנשאַר האָט אָנגעהויבן איבערגעבן די גאַנצע שמוציקע געשיכטע, אונטער די כּלומרשט צניעותדיקע צווישנרופן פון פרוי לורדאַל :

— אַ חרפּה און אַ בושה ! און ווידער האָט איר דאָרט באַשטעלט אַ רענדקע ?... מיר וועלן אויך גיין, יאָ, פּיער ? איר מוזט זיך דאָך פאַרזעלען איבערצייגן, ווי הער ראַנשאַר... אַכצן דאַרפן זיין ?... פאַר מיר איז עס אַביסל צופיל... באמת ? אַן עלעגאַנטער עולם ?... אויך די אַנטרעגס און דעם שיינעם מאַקס, וואונדער איך זיך גאָרנישט אָבער ראַיאָט אַ געוועזענער מיניסטער־פּרעזידענט !...

— אָבער, גנעדיקע פרוי, ער קומט דאָך אָן שום צווייפל ווי איך און איר, בלויז צו אינפאָרמאַציע־צוועקן, אַלס צושויער. איבעריקנס, ווייסט איר דאָך, אַז ער איז שוין אַן עובר בטל. יאָ, די פּאָליטיק איז אַן אייפערזיכטיקע געליבטע און איז זיך נוקם,

אַז מ׳האָט צופיל אַנדערע. נאָך פּאָר ראַיאָטן האָט שוין אַ סענאַט־פּרעזידענט געמאַכט דידאַקטישע דערפאַרונג... און פאַרגעסט נישט סוף כּל סוף אין דער באַרימטער סענאַטאָריע אין רויל, וועלכע קען שטאָלצירן דערמיט, וואָס אויסער אַנדערע באַרימטע געסט, האָט זי אויך געהאַט דעם כּבוד אויפצונעמען בײַ זיך די העכסטע רעגירונגס־מענער.

אַפילו אונזער פײַנט הוטיער באַצירט איר שוין מיט זײַן אנוועזנהייט אַ חדשים זעקס נאָכאַנאַנד... אייער באַרימטער אויסדרוק, מײַן טייערער לעבאַ, „דער מיסטקאַסטן" איז ווידער אויפן אָרט. עס איז שוין די העכסטע צײַט, אַז מיר, נאַציאָנאַליסטן, זאָלן מיט איין ווענדונג אויף רעכטס, אַ קערוועטון די מלוכה־שיף צוריק אין די אייגענע וואַסערן...

מיט אַ זיסער איראָניע האָט זיך לעבאַ דערמאָנט אָן דער מינע פון כּלומשטער אומצופרידנקייט און צניעות, מיט וועלכע סימאַנע האָט זיך פאַרדראַפּירט ווי מיט אַ [illegible]דיכטן שלייער, כּדי בעסער צו הערן... זי, וועלכע האָט כּסדר געצייכנט פאַרנאָגראַפישע בילדער און האָט מער אַקטמאַדעלן געהאַלטן אין אירע אָרעמס, ווי געמאָלט!... אין גרונט גענומען איז ער געווען אַ שטאַרקער ווײַבער פײַנט און האָט הנאה געהאַט צו פאַראַכטן אַלע פרויען, איבערהויפּט אָבער, די וועלכע ער האָט אויסגענוצט אַלס שפּילצייג.

— אָן אויטאָ! די הערסט!

זי האָט אַ קוק געטון אויף איר האַנט־זייגערל. בײַם שײַן פון טאַשן־לעמפּל האָבן געפונקלט די בריליאַנטן אויף אירע פעטע אָרעמס.

— דער זייגער איז עלף. דאָס זענען שוין געוויס די ערשטע פון דער חברותה. לעשט אויס די רעפלעקטאָרן... באַלד צינדן מיר זיי צוריק אָן — לויטן באַשטימטן סיגנאַל.

ער האָט געפאָלגט, געפײַניקט פון דעמזועלבן תאוה־געפיל. איבערגעזעטיקטע און צוזאַמענגעבראַכענע זענען זיי געזעסן איינער לעבן אַנדערן און זיך באַמיט צו באַהערשן די שרעקלעכע אומגעדולד. זי האָט זיך געפרייט מיט דער נאָנטער סענסאַציע פון

פרישע קושן. ער האָט געהאָפט, אַז די נייע פאָרשטעלונג וועט אפשר סטימולירן (אויפרייצן) זיינע חושים.

דער אויטאָ האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט, באַלייכטנדיק מיט אַ באַוועגלעכן רעפלעקטאָר דעם טראָטואַר און די אַלייע. פאַרביילויפנדיק האָט ער פאַרקלענערט דעם טעמפאָ און אויסגע־דרייט זיין שאַרפן שיין דירעקט אויף זיי:

— זאַלבעוויפל זענט איר?

— זאַלבעצווייט,

— צווייניק. אויף ווידערזען.

און איידער לעבאָ האָט געמאַכט ליכטיק, זענען שוין די אַמאַטאָרן געפאָרן ווייטער.

די לופט איז געווען הייס און דריקענד. פליכטיקע שאָטנס האָבן זיך מאמענטנווייז באַוויזן, זיך שושקענדיק, אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, און ווידער פאַרשוווּנדן אין דער פינסטערער נאַכט.

ווי אַ בעסטיאַלישע שווערקייט איז געלעגן דער חשך אויפן זונדערבאַרן באַלעבטן, געדיכטן וואַלד.

— דאָס מאָל! — האָט פרוי לורדאל אַ זאָג געטון...

פון דער סענא־זייט האָט זיך דערנענטערט אַ נייער אויטאָ. זיין בלענדנדיקער שיין האָט שאַרף באַלויכטן דעם שמאָלן וועג, דעם שמאַראַגד־גרינעם וואַלד און באַלד זיי ווידער פאַרשלונגען. אויף לעבאָס סיגנאַל־צוויי מאָל אָנצינדן און אויסלעשן די רע־פלעקטאָרס האָבן זיי געענטפערט מיטן זעלבן ליכטמאַנעוור.

— דאָס זענען זיי.

איידער דער אויטאָ איז פאַמעלעך אַרויף אויפן בערגל, האָט ער אָנגעצינדן אַלע רעפלעקטאָרן. גלייכצייטיק האָט לעבאָ אויך אָנגעצונדן זיינע זוכנדיקע לאָמפּן... דער אויטאָ. — סאַנבים־מאַר־קע — האָט געפונקלט מיט זיין ניקל אין רויטן לאַקיר, אין אים זענען געזעסן דריי פרויען און דריי מענער. לעבא האָט דערקענט דאָס פאָרפאָלק ד׳עסטראַג און מאַקס לאם. אן אומבאַקאַנטער, אַ געזונטער יינג מיט אַ רויטן פנים איז געזעסן אויפן שאָפער־פּלאַץ. לעבן אים, אָנגעלענט, דער מאַרקיז אין זיין מאַנירלעכער, ווייבערשער פּאָזע. און הינטן, אַנטקעגן מישעלן און דעם שיינעם

מאַקס, האָבן זיך געשטיקט פֿון געלעכטער צוויי אָנגעפּודערטע מיידלעך — אַ בלאָנדע און אַ שוואַרצע.

דער סאַנבים האָט זיך אָפּגעשטעלט די ד׳עסטראַגס און לעבאַ מיט סימאָנען זענען אויסגעשטיגן גלייכצייטיק.

— מ׳טרעפֿט זיך כּסדר! טייערע פֿריינדין... גוטן אָוונט, חשובער הער!

ווי כּלאחר־יד האָט ד׳עסטראַג פֿאָרגעשטעלט: הער זשים, מיין שטאַלמייסטער... אַ געשפּאַן פֿון יונגע פֿערד׳עך. וואָס מ׳מוז אויספּרוּוון. אַרויפֿזעצנדיק צוריק דעם מאָנאָקל אויפֿן לינקן אויג האָט ער געשמייכלט פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אַ גרויסער אייגנטימער פֿון ווייסשציגע־פֿערד בעת אַ קליינעם, גלייכגילטיקן לויפֿערעקספּערימענט.

— אויף אייך האָבן מיר זיך לגמרי נישט געריכט, — האָט צוגעגעבן מאַקס דע לאַם.

— אויב מיר זענען אומגעבעטענע געסט, — האָט מאַדאַם לורדאַל פּראָטעסטירט, — איז דערין שולדיק בלויז ראַנשאַר...

— אָבער, ביטע, — האָט איר איבערגעהאַקט מישעל, — וואָס מער משוגעים...

זי האָט אַ נעם געטאָן סימאָנען פֿאַר דער טאַליע און אירע אָנגעהויבן קושן. נאָך דער מוטערס טויט האָט מאַדאַם ד׳עסטראַג ווידער געעפֿנט דעם סאַלאָן זשאַקע, אָבער אין אַ פֿאַרגרעסערטער און מאָדערנער איינגעאָרדנטער פֿאָרם.

אין דער מענאַזשעריע, וואָס פֿלעגט זיך דאָרט פֿאַרזאַמלען, צווישן דידאָזיקע אייביקע און אָפּטמאָל אַפֿילו אומשטערבלעכע קאַנדידאַטן אויף אַלע מעגלעכע פּריזן און עקזאָטישע אָרדנס־דעקאָראַציעס, האָט מאַדאַם לורדאַל פֿאַרנומען אַ בכּבודיקן אָרט. דער טאָנגעבער און אָנערקענטער אַרבעטער אין אַלע שטרייטפֿראַגן וועגן ליטעראַטור און פּאָליטיק איז געווען מאַקס דע לאַם. זינט ער איז דורך ערזאַטץ־וואַלן אין זיבעצטן באַצירק אַריין אין דער קאַמער האָט מען, אַ דאַנק די אַרטיקלען פֿון זיינע באַפֿריינדעטע זשורנאַליסטן, דערשפּירט אין אים דעם איינפֿלוסרייכן באַריכט־ערשטאַטער ביי די באַראַטונגען איבערן קונסט־ביודזשעט, וואָס האָט

די אויסזוכט צו ווערן גאר אין גיכן בײַ דוגגס-מיניסטער און מיט-גליד אין דער אַקאַדעמיע.

פּיער לעבא איז מיט סימאנען און מישעלן ווידער אײַנגע-שטיגן אין אויטאָ. מאקס האָט זיך גענעצט אַנטקעגן. געמיטלעך האָט מען געפּלוידערט וועגן די פאַרשיידנסטע אַנגעלעגנהייטן, דערציילט די נײַסטע טאָג סענסאַציע: גינעטע הוטיער האָט זיך געגט מיטן מאַן און חתונה געהאַט מיט ערנעסטאָ קוואָרידא, דעם גענעראַל-באַפולמעכטיקטן פון דער האָנדוראַ-רעפּובליק. איצט וועט זי קענען נאָמינירן און אַרופּוואַרפן מיניסטאָרן. ס׳איז נאַטיר-לעך, נישט פערו! אָבער אַ רענטע פון דריי הונדערט מיליאָן פראַנק איז געזיכערט... אַ גוטער שידוך, וואָס וועט זיך האַלטן. סימאנע לורדאַל האָט געהאַט די געלעגנהייט אויסצוניצן אירע בייסנדיקע באַמערקונגען דערוויסנדיק זיך, אַז פרוי באַנשע — די געוועזענע בחורטע-ריכט זיך שוין אין קינפּעט מיטן צווייטן קינד:

— צוויי קינדער אין נאָך נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר! זי האָט זיך גענומען שטאַרק... און אמתע בעלת תשובה!

— דאָס קומט נישט פון תשובה טון נאָר פון רייטן.

— וואָס? — האָט מאַקס פאַרבליצט אַ פרעג געטון.

מישעל האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס:

— נאַטירלעך! קיין זאַך קען נישט אַזוי צוריק רעגולירן די אינערלעכע אָרגאַנען ווי דאָס רײַטן. איר האָט עס פאַראָרדנט אַ באַ-רימטער אַמעריקאַנער דאָקטאָר.

— איר טרעפט זיך דען מיט איר? — האָט זיך סימאנע פאַראינטערעסירט.

— וואָס פעלט אייך איין? די דאָמע אַנטלויפט דאָך פון מענטשן. אין גרונט גענומען האָט זי נישט פאַרדינט דעם גאַנצן שם. זי איז געווען און בײַ ייבט אַ בורזשוקע! איר זינ-דיקן איז קיינמאָל נישט געווען מער ווי אַן עקספּערימענט. ערנסט האָט זי עס בכלל נישט געטון... דערצו געהערט זי צו יענע נאַיווע נאַטורן, וואָס מאַכן אַ ך איבערטרײַבן און מיטן קנאַק. זי באַהאַלט נישט קיין זאַך; מאַכט זיך אָפּ י לעכער׳עך מיט איר שוואַנגערשאַפט, איז גאָר שטאָלץ דערויף. שטעלט אייך פאָר,

אַז נעכטן האָב איך איר געזען אויף דער אויסשטעלונג פון די בעלגישע קינסטלער... מיטן בויך! אַ חרפה און אַ שאַנד!...

— פאַרצייט, טייערע פריינדין, וואָס איך רייס אייך איבער... — האָט אַ זאָג געטון הער ד׳עסטראַג מיט זיין געוויינלעכער העפלעכקייט. ער האָט דערקלערט, אַז ס׳ווערט אים לאַנגווייליק.

— ווי מיינט איר, אפשר וואָלטן מיר גאָר געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר, ביז ראנשאר וועט ענדלעך באַוויליקן צו דערשיינען? ביי זשימען זענען שוין געוויס פאַרהוישט די פיס, און די צוויי יונגע דאַמען לאַנגווייליקן זיך אוודאי.

ער האָט אָנגעוויזן אויף זיינע באַגלייטער, וואָס האָבן זייער גוטמוטיק געשמייכלט.

— און טאָמער קומט ראנשאר? — האָט לעבא אַ זאָג געטון.

— פאַר אים דאגהט נישט. ער קען גוט די געגנט. ער וועט פאַרשטיין! — האָט אויסגערופן מישעל, איז אַרויסגעשפרונגען פון אויטאָ, מיטגעשלעפט מיט זיך סימאָנען, לגמרי נישט קלערנדיק וועגן מאַקסן.

- גוט! — האָט ער געזאָגט, זיך פילנדיק אַביסל באַליידיקט, וואָס זי האָט אים געלאָזן לויפן. — גוט, איך בלייב דאָ. אַ גוטער פּאַפּיראָס איז מער ווערט ווי אייערע גימנאַסטישע איבונגען...

- דערציילט עס פאַר אייער באָבען! — האָט געזאָגט מישעל, איר וואָרט אויף אַן איבעראַשונג.

— וואָס? עמעצער מוז דאָך בלייבן היטן די אויטאָס.

— יאָ, מיין טייערער, איר האָט רעכט. איך ווינטש אייך דערפאָלג.

דורך דער קליינער אַלעע האָט זיך די גרופּע אַ לאָז געטון אין געדיכטן וואַלד אַריין... ד׳עסטראַג און זיין טרופּע האָבן זיך תיכף איינגעטיילט אין פּאָרלעך, נישט וואַרטנדיק אויף לעבאַן. וואָס האָט געזוכט באַקאַנטע, פּאַסנדע ערטער.

— אַך! דער פּלאַץ איז שוין פאַרנומען.

ווי צונויפגעגאסענע האָבן זיך דאָ געצאַפּלט מענטש-לעכע קערפּערס... סימאָנע האָט אָוועקגעפירט מישעלן אין אַ פרייען ווינקל.

לעבאַ איז זיי נאָכגעגאַנגען און, מיט אַ לאַנגזאַמען, תּאווהדיקן שנאָרכן האָט ער זיך אַריינגעמישט אין שפּיל: פּונקט דאָ האָט ער באַמערקט אונטער אַ מאַנטל, וואָס האָט זיך באַוועגט, אַ נאַקעטער קערפּער... ער האָט זיך אַ וואָרף געטון און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די ווילדע אָרגיע מיטן גאַנצן ברען... אַ לעבעדיקע קייט פון גופים, וואָס האָבן, זיך בייטנדיק, געקלאַמערט איינער אין אַנדערן. אַ טויט-קאַלטע שכּרות, אַ כליפּען, אַ ווערגן און היסטערישע אָנפאַלן...

מאַקס, וואָס האָט פאַקטיש מער הנאה געהאַט פון אַ צופעליקער באַגעגעניש, ווי פון דידאָזיקע געמיינזאַמע אָרגיעס, איז זיך דערווייל געזעסן אין אויטאָ, אָנגעשטעלט אויג און אויער. אין שאָטן האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ פּאָרל. די פרוי האָט אויסגעזען גראַציעז. פּאַמעלעך זענען זיי פאַרבייגע-גאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט און צוריק געקומען. דער מאַן האָט געפּליסטערט מיט אַ גאַנץ דייטלעך פרעמדן אַקצענט:

— איר לאַנגווייליקט זיך דאָ געוויס איינער אַליין?

— זייער.

— מיר קאָנען אייך לייסטן געזעלשאַפט אויף אַ קור-צער ווײַלע.

— אַן אויסגעצייכנטער איינפאַל.

— און אפשר געפעלט זי אייך... ער האָט אָנגעוויזן אויף דער פרוי, וועלכער ער האָט געפירט אונטערן אָרעם. — זשע-נירט זיך נישט. איך וועל אַכטונג געבן.

די אומבאַקאַנטע, זייער עלעגאַנט אָנגעטון, האָט געלאַכט מיט אַ קורצן, שאַרפן געלעכטער איר פּערפום-ווייסע-רויזן — האָט פאַרשמעקט איבערן גאַנצן אויטאָ... מאַקס האָט איר גענומען צו זיך און „האָט זיך לגמרי נישט זשענירט", פון וואָס איר באַגלייטער האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

מאַקס איז געווען אַ פאַרשפּורטער פון דעם אומגעריכטן

צופאל... ווער קענען זיי זיין דידאָזיקע מענטשן... און אפשר וועלן זיי גאָר באַלד אַרויסכאַפּן אַ ברוינונג און אויסשרייען: „די הענט אין דער הויך!"... בעת די פרוי איז רויק אויסגעשטיגן פון אויטאָ, האָט ער זיך אַ נעם געטון צו זיין רעוואָלווער-טאַש און צום פּאָרטפעל... ער, איז אָבער בלויז אָפּגעקומען מיטן שרעק. דאָס מערקווירדיקע פּאָרל איז תּיכּף פאַרשוווּנדן געוואָרן.

*

אַז די דאַמע אין סאָבל-פּעלץ איז אויפגעשטאַנען, איז לעבאַ פון איבעראַשונג אָפּגעשפּרונגען. נישט האָבנדיק דערפון די מינדסטע אַנונג, האָט ער גאָר-וואָס געשלאָגן די אינטימסטע באַקאַנטשאַפט מיט לוצי מעראַק, דער שטערן פון וואַריעטע. זי איז אונטערגעגאַנגען נענטער, וועלנדיק זען זיין געזיכט:

— אַ! פּיער לעבאַ... גוט מאָרגן, וואָס מאַכט איר?

ער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און געשמייכלט.

— נאַטירלעך!

אַ מאַסאַנען-שבועה האָט פאַרבונדן דידאָזיקע צוויי קדושים... אָן אָפּגעקילטער איז ער דורך אַן אַנדערן וועג צוריקגעגאַנגען צום אויטאָ.

מישעל און סימאָנע האָבן אים זייער רויק באַגעגנט. ווי באַר ווי זענען צוגעקומען צו מאַקס דע לאַם, האָט ער זיי אָנגעזאָגט די בשורה:

— אָט קומט ראַנשאַר!

אין דער ריכטונג פון דער מיל, ביי לאַנגשאַם, האָבן זיך באַוויזן צוויי לאַמטערנעס, זיי האָבן זיך אָבער דערנענטערט אַזוי פּאַמעלעך, אַז לעבאַ, דער מבין, האָט קאָנסטאַנטירט:

— דאָס איז נישט קיין אויטאָ. צוויי וועליסאָפּעדיסטן, איך וועט זיך מיט אייך... אַז דאָס זענען צוויי פּאָליציאַנטן!

— ריכטיק!... לאָמיר רעדן גאַנץ געמיטלעך און רויק...

די פראַגן און די ענטפערס זענען געווען גאַנץ רויקע, ווי ביי אַ צופעליקער באַגעגעניש פון גוטע פריינט. די פּאָליציי־לייט האָבן, פאַרבייפאָרנדיק, מיט גרויס רעספּעקט באַקוקט די לוקסוס־אויטאָס און מיט גרויס דרך־ארץ די פּאַסאַזשירן, וואָס זייער אויסזען און זייער גאַנצע האַלטונג, האָט באַוויזן, אַז די שטייען נישט בלויז אויסערהאַלב יעדן חשד, נאָר, אַז זיי זענען זאָגאַר אומבאַרירבאַר.

קוים איז אַריבער די סכנה, האָט מאַקס געהאַלטן פאַר איבעריק צו שטיין לענגער אויף דער וואַך. ער האָט איבער־געלאָזט מישעלן, האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס און מיליטעריש געגריסט, צולייגנדיק די פינגער צום ראַנד פון הוט. נישט אומזיסט איז ער גאַנצע פיר יאָר געווען דערגענצונגס־אָפיציר אין הויפּט־קוואַרטיר...

— פאַרדאַן! איר האָט אפשר אַ שוועבעלע?

ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש זיין גרויסן זילבערנעם פאָרט־סיגאַר. פאַמעלעך גענומען דאָס שוועבעלע, וואָס איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט אים זייער העפלעך דערלאַנגט און פאַרויכערט... דערנאָך האָט ער יעדן פון זיי גרויסמוטיק מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס און געזאָגט

— איך דאַנק אייך מיינע וואַקערע פריינט!

די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן מיליטעריש געגריסט, זענען אַרויף צוריק אויף די וועליסאַפּעדן און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לעבאַ האָט זיי באַגלייט מיט אַ שמייכל:

— טרייע דינער פון געזעץ! פאָרט נאָר ווייטער האַלטן די אָרדענונג. דאָ וועלן מיר שוין אַליין געוויסנהאַפט שטיין אויף דער וואַך.

— פאַקטיש! — האָט געזאָגט דער פאָלקס־פאַרטרעטער, — דאַרף אונז ד'עסטראַג געבן אַ גרויסן דאַנק! שוין העכער אַ האַלבע שעה... איך האָב חשק אַ קוק צו טון וואָס מיט די־לייט איז דאָרט געשען... דערווייל וועט אָנקומען ראַנשאַר.

מ'מוז דאָך אויף אים וואַרטן, ווייל ער איז דער איינציקער, וואָס ווייסט, וווהין מיר דאַרפן גיין...

נאָך די לעצטע פּאָליציי-באַפעלן, פּראָוואָצירט דורך פאַרשיידענע אָנקלאָגן, האָט זיך דער (מעטאַרלוגיסט) אינהאַבער פון די מעטאַל-גרובן געכאַפּט און איז אַריבער צו יענע חכמים, וועלכע זענען געגאַנגען זוכן אַ שטיקל מקום מנוחה ביים ברעג פון שכנישן וואַלד, ווו „מ'האָט די פרייהייט צו פאַרברענגען רויק", ווי ס'פלעגט זאָגן דער מאַרקיז, וועלכער האָט שטאָלצירט מיט זיין ליטעראַרישער בילדונג פונקט ווימיטן מאַרפין.

מאַכנדיק בלויז עטלעכע טריט האָט מאַקס אַנדעקט דעם קוואַרטעט. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיטן ערשטן בעסטן ווינקל אין דער אַלעע, נישט וואַרטנדיק אויף קיין פּלאַץ אין וואַלד. האָט דער מאַרקיז, וואָס האָט ליב געהאַט צו מאַכן לאַנגע הכנות, נישט געקענט באַהערשן זיינע תאווה-געפילן, וואָס זענען אַ דאַנק דער סכנה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין שכרות...

ער האָט געהערט צו יענע קראַנקע טיפּן, פאַר וועלכע דער רייץ פון דער געפאַר, די פאַרשטעלונג אַז מ'וועט זיי זען איז געווען דער איינציקער באַוועג.גרונט...

דאָס אָנקומען פון מאַקס דע לאַם איז געווען דער קולמינאַציע-פּונקט פון דער סענסאַציע.

ד'עסטראַג איז אויפגעשטאַנען, האָט זייער אַנשטענדיק געבראַכט אין אָרדענונג זיין טואַלעט, אַרויפגעזעצט דעם מאַנטל און האָט לוסטיק צוגעזינגען.

— איר קומט, מיין טייערער, נאָך אַלעמען.

זשים האָט ציניש געשמייכלט און די צוויי סטאַטיסטינס האָבן מיט האסטיקע באַוועגונגען צערעכט געמאַכט זייערע צעקנייטשטע קליידלעך.

אין דערזעלבער צייט איז אויך אָנגעקומען סימאָנעט ברענענדיק פון נייגעריקייט, און האָט געוואָרפן אויפן שטאַלמייסטער, וואָס זיינע ברייטע פּלייצעס האָבן איר שטאַרק אויפגערעגט, אַ באַוואונדערדיקן בליק.

— ס'אַרט מיסט, פיו, — האָט געברומט לאה, די בלאָנדע.

— מ'באַדעקט זיך מיט שווייס, האָט געזאָגט פרעדי, די קרוינע.

— ווען מ'זאָל נאָר וועלן האָט מען דיר אויך געקאָנט לאָזן שוויצן — האָט באַמערקט זשים.

אַלע דריי, די צווײ גאַסן-מיידלעך פון די דאַנסינגס און דער פריערדיקער מיסט-פורמאַן, זענען געווען אייניק אין זייער פאַראַכטונג פון אינטערגעגעבענע קעגן דעם „שמוץ" פון די, וואָס האָבן זיי געקויפט פאַר געלט. אָבער דאָך האָט זשים אויף די פראַגן פון די מיידלעך: „ווער איז ער אייגנטלעך דיינער?" געענטפערט מיט אַ פאַרזיכטיקן שטילשווייגן. ער דינט און אַרבעט, דאָס איז אַלץ. און אויב מ'וועט אים אַמאָל, אומגליקלעכער ווייזע באַפרייען! דערווייל איז עס אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד.

— זע נאָר, — האָט געמירמלט פרעדי, אַז זיי זענען אַרויס אויפן שאָסיי — דער עולם ווערט כסדר גרעסער! דו זעסט דאָרט מיין קליינע.

— אַ, יענע, איך קען זי דאָך, — האָט אויסגעשריגן לאה — ס'איז דאָך לילי בראַנטיער... אַ שטיק פייער, פאַרשטייסט?

— געדיינק! —האָט איר פרעדי געוואָרנט, — זאָלסט מיט איר נישט רעדן...!

זשים האָט זיי אַ שטורק געטון מיטן עלנבויגן, אַז זיי זאָלן שווייגן. שטום זענען זיי ווידער געזעסן אויף זייערע פלעצער און איראָניש געקוקט אויף די שלום-עליכמס פון די ניי-אָנגעקומענע. אַ דריטער אויטאָ, איינגאַנצן אַ פאַרמאַכטער איז געשטאַנען לעבן לעבאָס.

ראַנשאַר האָט דערלאַנגט די האַנט ד'עסטראַגז און לערנאָך פאָרגעשטעלט יעדערן באַזונדער:

— פריילין בראַנטיער, אָדער „נאָר דאָס נישט" אַ פאַר-קויפערן ביי מוריסעט... אַ דאַנק איר, מיינע דאַמען און הערן, וועט איר האָבן די מעגלעכקייט צו אַסיסטירן אָדער גאָר אַנטייל צו נעמען אין דעם קליינעם יום-טוב, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט דא איינצואָרדענען

— און ראיאט? — האָט מאַדאַם לורדאל אומרויק אַ פרעג געטון.

— ווי? איר ווייסט גאָר נישט? ער האָט באַקומען אַ מח-דערשיטערונג אין פינאַנץ-אויסשוס. ליגט צו בעט. וועט שוין, דוכט זיך, נישט אויפשטיין.

ראַנשער האָט געהאַט אַ לאַנגן אויבערקערפער און קורצע פיס. די באָרד און די האָר גאָלדבלאָנד געפאַרבט. די אָנגעבאָרענע וווּלגאַריטעט פון זיין געזונט האָט ער באַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע פון העניריך דעם פערטן. זיין קיילעכדיקע פיגור האָט פאָרגע-שטעלט מיט זיך אַן אויפפאַלנדן קאָנטראַסט מיט זיין לאַנגער און שמאָלער דאַמע פאַרן דאָזיקן אָוונט. פייערלעך האָט ער אויסגע-שטרעקט זיין אָ עם און געמאַכט ראַיאַטן פאָלגנדיקן הספד:

— וואָס קען מען טון? אַזוי איז דאָס לעבן... — און גלייך האָט ער געביטן דעם טאָן: — „ווער ס׳האָט מיך ליב, זאָל מיר נאָכגיין!“

ער איז איינגעשטיגן אין אויטאָ און האָט זיך געגומען פאַרן מאַלאַן מיט דער זיכערער האַנט פון אַ מענטשן וואָס איז געוווינט צו דיריזשירן. ער האָט אָנגעפירט מיטן צוג.

די אויטאָס האָבן זיך געטראָגן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ מאַקס דע לאַם האָט זיך אַמוזירט דערמיט וואָס ער האָט מיט זיינע נביאישע אויסשפּרוכן ארויסגעבראַכט פון געדולד די צוויי יינגע-מיידלעך. מישעל האָט זיך אַנטציקט מיט לילי בראַנטיערס וויל-יינגערישער מענלעכער האַלטונג און אַן אויפגערעגטע האָט זי זיך צוגעקוקט צו דער פאַרביילויפנדיקע לאַנדשאַפט. דער אומבאַוועג-לעכער שטח איז אַזוי געשווינד געפ ויגן, אַז גאָר פלוצלונג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ באַהאַלטענער ווילע אין אַ גרויסן פּאַרק, נישט באַמערקנדיק גמרי, אַז זיי זענען שוין פון יענער זייט סענע און האָבן דורכגעשניטן אַ וואַלד און עפּעס אַן אומבאַ-קאַנטע געגנט.

אויפן גערויש פון אויטאָ איז דערשינען אַ זייער בכבודיקע דאַמע אין אַ געלן פּערוק אויפן קאָפּ און האָט פריינטלעך באַגריסט אירע פאַרנעמע געסט. נישט קענענדיק די נעמען, האָט אָבער

די קאַמטעסע פֿון סען וואַלענטין, אַ דאַנק ליליס ברענטיער, גוט געוווסט, אַז ס׳רוב פֿון זיי געהערן צו דער בעסטער געזעלשאַפֿט.

זי גופֿא, אַ רייך געוואָרענע צוואַנטוריסטקע, איז דורכגעגאַנגען אַלע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן, און אומעטום גענומען אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט. אַ געבוירענע שווייצערן, האָט זי אָנגעהויבן איר קאַריערע אַלס באָנע. איר ערשטער אַרבעטסגעבער האָט איר פֿאַרפֿירט. דאַן איז זי געוואָרן אַ קאַמער-פֿרײַלין בײַ אַ קאָקאָטע, דערנאָך אַ קונסטרייטערין בײַ באַרנום. דורך אַ געזעלצלעכער הייראַט מיט אַ ווינער מלחמה-גביר איז זי געוואָרן אַ קאַמטעסע צוליב אַ באַלטישן באַראָן זיך געגט מיטן מאַן, ענדלעך געוואָרן אַן אלמנה און אַן אייגנטימערן פֿון אַן עפּנטלעך הויז אין בעלגיען. בעתן קריג האָט זי פֿאַרפֿילפֿאַכט איר פֿאַרמעגן, טרייבנדיק אין האַנדל שפּיאָנאַזש פֿאַר עסטרייך און גלייכצייטיק קעגן — שפּיאָנאַזש פֿאַר פֿראַנקרייך. אַ דאַנק דערדאָזיקער גאַראַנטיע איז זי געקומען צוריק קיין בריסעל, האָט פֿאַרקױפֿט אירע אומבאַוועגלעכע גיטער און געקױפֿט בײַ ליעזש אַ שלאָס און מיט אײַן קלאַפּ אויך דעם נאָמען סען וואַלענטין.

אונטערן דאָזיקן עטיקעט איז זי, אין פֿאַרלויף פֿון דריי יאָר, געווען אַ בעל־תּשובה, אײַנגעלאַדן אַ פּריסטער און געזאָפּכערט הייליק ברויט. דאָס בעסטע מיטל צו באַקומען אַ נײַע הויט. דערנאָך האָט זי געדונגען אַ פּראַכטפֿולע וווינונג אין דער אַוועני פֿון די עליסיי פֿעלדער און אונטערן פּסעוודאָנים פֿון פֿרוי לויראַן, די ווילע אין ווילעבאַן. אין שטאָט זענען אירע געסט געווען קונסטלער און מענטשן פֿון העכערע ספֿערן — אַ געמישטע געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט האַזאַרד-שפּיל — אויפֿן לאַנד. יעדערער, ווער ס׳האָט באַצאָלט. אויף דעם אופֿן האָט זי גלייכצייטיק פֿיגורירט אַלס סען-וואַלענטין אָדער לויראַן אין געלעבט אַלס פֿאַריזערן — געאַכט און געערט פֿון אַ ע אפֿילו פֿון דער פּאָליציי.

זי איז געווען איינע פֿון מאַריסעטס כּעסטע קונדן. דאָרט, בײַ דעם שניידערן האָט זי, פּאַסנדיק אַ קלייד, זיך באַקענט מיט לילי בראַנטיע, וועלכע איז איר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. די

פאַרקויפערן האָט זיך, נישט לאַנג קלערנדיק, מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אין דערדאָזיקער נייער באַקאַנטשאַפט, ווייל פּאַולאַ איז געווען אַריינגעטון מיט אַלע חושים אין די הכנות צו איר באַפּאָרשטייענדיקער חתונה, אין קאָנצערטן און אָרקעסטער־פּרוּוון און האָט זיך איצט מיט איר לגמרי נישט אינטערעסירט.

לילי האָט דעריבער כמעט פאַרלאָזן איר וווינונג אויף לאַקרי־גאַס און האָט זיך אינגאַנצן אַריבערגעטראָגן אויף דער אַוועניו פון די עליסיי־פעלדער.

אַן אומפאַרגלייכלעכע מיטאַרבעטערן, האָט זי געטיילט מיט סען־וואַ־ענטינען די רווחים פון געשעפט, וואָס זי פלעגט איינקאַסירן פאַר פרוי לוויראַן ווײַט דער צאָל פון די אַנטיילנעמער און זייערע געלט־ביטלען.

אין יענעם אָוונט האָבן זיך אויך, ווי תמיד, און ווילאַ אדריען צונויפגעקליבן אַן עולם פון ספּעציאַליסטן בעלי־עבֿרות, כדי אונטער דער מאַסקע פון שפּיל, מחנך צו זיין עטלעכע נייע דילעטאַנטן. אַן עלנדע באַנדע, ש עכט בעצאָלט, וועלכע האָבן דאָ אָבער ווייניקסטנס באַקומען אַ נאַכט עסן און זיך געפּייט זיכערער ווי אין די וועלדלעך פון די פּאָרשטעט, ווי זיי האבן געוויינטלעך געאַרבעט!

— דער בוי־אַן־וואַלד דעמאָקראַטיזירט זיך אינגאַנצן, — האָט ראַנשאר קאָנסטאַטירט. — נישט מער ווי מאַרן פּראָלעטאַריאַט...! דאָ אָבער, (ער האָט אונטער געזינגען) דאָ קומט זיך צונויף די פיינסטע געזעלשאַפט!... דערצו, פילט מען זיך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים, פריילין בראַנטיע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פולשטענדיקער דיסקרעציע.

ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט פרוי לוויראַן, וואָס לילי האָט אים בסוד איבערגעגעבן איר ריכטיקן נאָמען. אַנטוישטע, האָבן לעבאַ און מאַקס דע לאַם מיט אַן אומעטיקער מינע באַטראַכט דעם זאַל, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט קושעטקעס און באַדעקט מיט קישנס. און אין רעכטן מיטן, האָט די טרופּע, נישט קימערנדיק זיך לגמרי וועגן די נייע געסט, גלייך אָנגעהויבן צו שטעלן אירע לעבעדיקע בילדער.

ס׳זענען געווען, בערך אַ צען אַקטיאָרן, נאַקעטע אָדער פאַר־דראפירטע און ביליקע קומאַנעס.

פיר מענער, צווישן זיי איינער אַ סלאַוויאַנער, דער צוויי־טער א לעוואנטינער*), צעבראָכענע שארבנס מיט געמיינע „פנימער" געוועזענע מענטשן, א נעגער און א כינעזער. און זעקס פרויען־צימער אָן וועלכן ס׳איז כאראקטער. רעשטלעך פון מענטשן, וועלכע זענען אפשר אמאָל געווען יינג, פריש און גראציעז, האָבן אָבער איצט מיט זייערע אָפגענוצטע קערפּערס געמאכט דעם איינדרוק פון צופליאסקעטע פלייש אויפן שלאכטבאנק.

די דינערשאפט האָט מען צו־יב פארשטענדלעכע סיבות משלח געווען, דעריבער האָבן זשים און די צווי יונגע פערדלעך גע־האָלפן דער ווירטן. קאַלטע שפּייזן און שאמפּאניער, וואָס די־באַלעבאָסטע האָט געהייסן ארויסנעמען פון די שענק. מיט אויפמערקזאַמע בליקן האָט זי, ווי כלאחר־יד געציילט די פ עשער. הונדערט פראַנק איינע!...

אומזיסט האָבן געקנאַלט די שאמפּאַניער־פּראָפּנס און דער שוים האָט אריבער געשטיגן איבער די פארגאלדעטע פלאשן־העל־זער. די שפּייזן זענען געווען אויסגעשטעט ט אויף נידעריקע טישן. ס׳האָבן זיך געהערט ווערטער, אָפּגעריסענע, אָן וועלכן ס׳איז צו־זאַמענהאַנג.

אַזאַ קלאָגעדיקער יום־טוב האָט אייגנטלעך געדאַרפט צויאָגן די געסט.

פרוי לויראַן צאַלט גוטע ווירטן האָט זיך בער געוווסט וואָס זי האָט צו טון. זי האָט אַן עפּן געטון דעם גראַמאָפאָן און ס׳האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון אַ „זשאווא".

די פרייליכע און לאַרעמדיקע מעלאָדיע האָט פאַרשפּרייט איר עקזאָטישע לוסטיקייט און דעם אָריגינעלן טימל פון איר ריטם... דער טאַנץ האָט אָפּגעריייניקט די לופט פון יעדן צוואַנג. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַמוזירן אונטער די גוטמוטיקע בליקן פון דער הויז פרוי. די פּאָרלעך האָבן זיך געשאָקלט און געוויגט, באַגלייט פון דעם נעגערס שרייען, וועלכער האָט סקאַנ־

*) פון קליין־אזיען.

דירט דעם „דזשאז״. לאה און פרעדיע האָבן זיי נאָכגעמאַכט. אויפגעמונטערטע האָבן זיי זיך דערשפּירט פריי, ווי ביי זיך אין די פאַרשטעט און נישט קלערנדיק זיך איבערגעגעבן דעם רוש פון דער באַוועגונג, מיט אַזאַ התלהבות, פונקט ווי זיי זאָלן אויס־פירן עפּעס אַ מין הייליקע האַנדלונג לשם שמים.

נאָכן ווילדן „דזשאַווא״ איז געקומען דער אַזוי גערו־פענער „בליעס״ מיט זיין ריטמישן וויגן און דאַן האָט אויך מישעל אין די פעסטע אָרעמס פון לילען געפאָלגט דעם ביי־שפּיל פון אַלע איבעריקע.

— דאָס הייסט געפירט! — האָט זי אויסגערופן, אַז דאָס שטיק האָט זיך געענדיקט, און האָט געפּאַטשט אין די הענט מ׳זאָל עס איבערשפּילן.

גלייך ביי די ערשטע טריט האָט זי זיך צונויפגעגאָסן מיטן גליענדן מאָגערן קערפּער פון איר פּאַרטנערין און צוגע־דריקט אירע עלאַסטישע פאָרמען צו יענערס ביינערדיקער פיגור...

אין אַ ווינקל האָט סימאָנע געפּאַקט זשימען. אַרויסכאַפּנדיק פון פערלגעשטיקטן בייטל איר סקיצן־העפט, האָט זי מיט פלינקע שטריכן געצייכנט דעמדאָזיקן געזונטן יונג אין פאַר־שידענע פּאָזעס: אַנפאַס, דרייפערטל און גאַנץ פּראָפיל. „אַן אמתער קייזער־קאָפּ״. דערביי האָט זי געכאַפּט התפעלות פון זיין מוסקולאַטור...

די דריי אויגורן*), אין וועמענס הענט ס׳איז טיילווייז געלעגן דער גורל פון פאָטער־לאַנד, האָבן געהאַלטן פאַר אַ פּחיתות־הכבוד זיך צו באַטייליקן אין אַזעלכע שפּילן און, צע־מאַטערטע, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויף די סאָפעס, צוזאַמען מיטן מאַרקיז ד׳אַנטרעג.

זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך, בעת פרעדי און לאה, אויפן באַפעל פון צוויי ווייבלעכע שטאַמגעסט, האָבן זיך כסדר אַרום זיי געדרייט.

ראַנשאַר און מאַקס, וועלכע האָבן זיך נאָך געפּילט מונ־

*) תּאַרזאַנער.

טער, האָבן בלויז איינזילביק געענטפערט אויף די פילאָזאָפישע אויסשפּרוכן, וואָס לעבא האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ מינע פון אַן אויבער־פּריסטאַוו רעזיגנירט און מיט בליקן פון אַ מבין האָט ער זיך צוגעקוקט ווי סימאָנע האָט כּסדר בּנצח געוועזן דעם הער זשים און מישעל האָט זיך געלאָזן עראבערן פון לילי בראַנטיער. ד׳עזטראַג האָט בדעה געהאַט איינצוּוּדרימלען.

ראַנשאַר, האָט מיט אַ ברייטן זשעסט אַ ווייז געטון אויפן זאַל, ווו די פּאָרלעך האָבן זיך אונטערן קלאַנג פון פּאַנאָגראַף, געהאַלטן אין איין דרייען.

נאָכן ליאַרמדיקן מוזיקשטיק איז געקומען אַ מעלאַנכאָלישער האַוואַיאַ־וואַלס. די ווייטע גיטאַרע, האָט אַרויסגעגעבן אירע בענקענדיקע טענער, וואָס האָבן אָפּטמאָל געקלונגען ווי אַ שטילער געוויין.

— באמת אַן איבערצייגנדער אָוונט, — האָט דערקלערט דער הער מיטן באָרד אָלאַ הענריך דעם פּערטן. — פון איצט אָן, קענט איר טייערער לעבא, מיט אַ רויקן געוויסן באַשטעטיקן, אַז אין פּאַרגלייך מיט די מיסטעריעז אויף די פּאַרטיפיקאַציעס, זענען די מעשיות וועגן די בולאַנישע וועלדער שטאַרק איבערגעטריבן.

— דאָס וואָס קומט פאָר דאָ, פאַר אונזערע אויגן, איז דאָך אייגנטלעך, אין גרונט גענומען נישט מער ווי אַ קינדערשפּיל, וואָס שטייט לגמרי נישט אין קיין שום קעגנזאַץ מיט דער ריינקייט פון אונזערע פעסטגעשטעלטע זיטן... מיר אַליין זיצן דאָ בלויז, אַלס אומבאַטייליקטע צושויער, און טוען דערמיט לחלוטין קיין שום שלעכטס נישט... נישט אַזוי?

ער האָט אַ פּאַטש געטון פרעדין איבערן אַנטבלויזטן רוקן און זי האָט אים גלייך אויפן אָרט געענטפערט ווי ער האָט עס פאַרדינט:

— געמיינער מענטש! לאָז פאַר אַן אַנדערער דיינע צערטלעכקייטן פון אַן עלפאַנט.

מיטן גאַנצן טאַקטגעפיל פון אַ סען־וואַלענטין האָט מאַדאַם לוויראַן געשפּירט, אַז ס׳איז געקומען דער מאָמענט צו הייסן דער־

לאַנגן די קאַרטן. זי האָט פּראָפּאָנירט „דידאָזיקע הערן" צו מאַכן אַ קליינע פּאָקער פּאַרטיע. דערהערנדיק דאָסדאָזיקע וואָרט, האָט דער מאַרקין אָנגעשטעלט די אויערן. אויך די איבעריקע, נישט האָבנדיק איצט מער וואָס צו טון. האָבן גלייך מסכּים געווען. מיט דער הילף פון זשומען, האָט פרוי לוויראַן גלייך פאַנאַנדערגענומען דעם קאָרטן-טיש און אַוועקגעשטעלט אויפן גרינעם טוך די קעס-טעלע מיט די שפּיל מאַרקן.

— אויסגעצייכנט, —האָט ראַנשאַר געזאָגט, — מיר האָבן אַ פּאָקער-פּאַרטיע און קענען צוזוואַרטן ביז די דאַמען (ער האָט אָנגעוויזן אויף פרוי לורדאַל און פרוי ד'עסטראַג) וועלן האָבן געענדיקט.

די צוויי דאַמען אָבער, יעדע אויף איר שטייגער, האָבן ערשט געהאַלטן ביים אָנהויב. לעבאַ און מאַקס דע לאַם, די דירעקט פאַראינטערעסירטע, האָבן זיך לגמרי אָפּגעקערט. זיי האָבן זיך כּלומרשט געמאַכט נישט זעענדיק, געהאַלטן נידערי-קער פון זייער כּבֿוד צו רעאַגירן אויף אַזעלכע צופעליקע שפּילן און האָבן אויפגענומען ראַנשאַרס שפּאַס מיט דער גאַנ-צער נעגאַציע פון הויכע פּערזענלעכקייטן. ביי אַ געוויסן שטאַנד פון מיליאָנען, ווי ביי אַ באַשטימטן ניוואָ אומנאָרמאַלישקייט, באַקומען נידערטרעכטיקייט, טפשות און געמיינהייט אויטאָמאַטיש אַ גאַנץ אַנדער אויסזען. און וואָס גייט עס זיי אָן! אויף ראַנשאַרס געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד, אויטאָריטעט און וויץ איז דאָס ריכטיקסטע צו רעאַגירן מיט אַ פילאָזאָפישן ביטול.

און די רעדנערקראַפט פון אייגנטימער פון די גרויסע מעטאַל-גרובן האָט זיך, ווי אַ ווילדער שטראָם, אַ גאַס געטון אויפן נאָכגיביקן, באַרימטן פאַמפלעטיסט און צוקונפטיקן אַקאַדע-מיקער. מאָמענטנווייז האָט זי זאָגאַר איבערגעשריגן, כּדי מ'זאָל איר הערן, דעם שטורמדיקן אָרקעסטער מיט זיין אומדער-מידלעכער בלעכמוזיק און קוויטשעדיקע פידל-טענער... „שיקאַגע" האָט געפּאָלגט אויף „לאַמב פּאַללאַ"...

אַ מוזיק פון משוגענע פּראַים, אין עפּילעפּטישן טאַקט פון מתים-טאַנץ, וואָס האָט דיריזשירט מיט די צעווילדעוועטע

באַוועגונגען פון דידאָזיקע עלנדע ברואים, וועלכע זענען געווען צונויפגעשטיקט אין דעמדאָזיקן זאַל, ווי אַלץ האָט געקענט פּאַסירן... אַ מוזיק, וואָס האָט אין דערזעלבער שעה געקוויטשעט אויף הונדערט טויזנט, מער אָדער ווייניקער, ענלעכע ערטער פון דער גאַנצער וועלט, און האָט מיט אירע טויטע קלאַנגען איינגעוויגט די זעלבע עקזעמפּליאַרן — די עליטע, די אויסדערוויילטע פון קאָרופּטירטע אנטאַרטעטע, אונטערגייענדיקע געזעלשאַפטן.

פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט הצרצרייסנדע געשרייען. איינע פון סען-וואַלענטינס מיידלעך האָט זיך, שכור פון קאָקאַין, געוואָרפן אויפן כינעזער, וועלכער האָט איר מיט אַ ברוטאַלן שטופּ צוריקגעשטויסן, און זי האָט באַקומען אַ שרעקלעכן היסטעריע-אָנפאַל.

— וואָס איז געשען? — האָט לעבאַ אומרויִק אַ פרעג געטון.

— גאָרנישט, — האָט געענטפערט פרוי לויראַן, בעת לילי האָט צוגעהאַלטן דעם נעגער, אַרויסטראַנספּאָרטירן דער שטערערין פון יום-טוב, וועלכע האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג אין קאָנווולסיע-צוקונגען... — גאָרנישט, אַ משוגענע...

— אָן אַ מאָראַלישער, זיטן שטרענגער פּרעסע, — האָט געדרשנט ראַנשאַר — אָן אַ פּרעסע וואָס זאָל ווי אַמשאַרפסטן קריטיקירן די קאָרופּציע און אָפּשטעלן די פּאָרנאָגראַפיע, וועלכע טראָגט זיך איבער פון בוך אויפן טעאַטער, זענען מיר פאַרלאָרן. די אומצוכט מיט איר שמוציקן שטראָם דראָט אַראָפּצושווענקן אַלץ, אויב מיר וועלן זיך נישט נעמען דערצו מיט אַ פעסטער האַנט, וועט מען אין אויסלאַנד סוף כל סוף נאָך אָנהויבן גלויבן, אַז די אַלע שילדערונגען וועגן אונזערע זיטן באַזירן אויפן אמת, און איר זענט דאָך לעבעדיקע עדות, אַז ס'איז נישט אַזוי...

— די האָסט פולשטענדיק רעכט! — האָט לאה אויסגערופן, געבנדיק אים אַ הילכיקן קוש אין מויל.

— גענוג, מיידל! אויך אין דער ליטעראַטור, ווי אומעטום,

מוז צוריק איינגעפירט ווערן די צענזור, היינט האָט דער קאָ־מיטעט פון די אייזנגיסערייען די חוצפה אָנצוגרייפן דעם מי־ניסטער ציבעראן דערפאַר, וואָס ער שטיצט אין רור־געביט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק! וווהין וועלן מיר מארגן גיין?...

— צום באַן!—האָט פרעדי אַ זאָג געטון מיט אַ שטאָכוואָרט.

— איר, הויזפויגל, בלייבט דאָן אָן א שטאָך אַרבעט! מ׳דאַרף אייך מער נישט, איר קאָנט זיך אפּטראָגן...

און מיט אַן ערנסטן טאָן האָט ער ווייטער גערעדט.

— ציבעראַן איז ווייניק ענערגיש. מיר מוזן האָבן אַ שטאַרקע האַנט, אַ טיראַן, אַ מוסאָליני פאַר די קומענדיקע וואַלן. פראַנקרייך, מיינע הערן, וויל רעגירט ווערן...

פרוי לויראן איז אָבער געווען אַ מאַטעריאַליסטן. מיט אַ זיסער שטים האָט זי אים איבער געהאַקט:

— דער פּאַקער־טיש איז גרייט. אויף איין שעה איז בכלל נישט כדי אָנצוהויבן, אַ שאָד די אַרבעט... אָט זענען די שפּילמאַרקן...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש?

— טויזנט פראַנק, ס׳איז פאַר אייך גענוג?

IV

— ס'פרייט מיך אייך צו זען, — האָט פאַרזיכערט פיער לעבאַ.

ער איז געשטאַנען אין מיטן אַרבעטס-צימער און האָט געדרוקט און געגלעט אניקעס הענט, וואָס האָבן נאָך אַ ביסל געפיבערט. נאָך אַן אָוונטברויט ביי ראַנשאַרן האָט ער זיך גע- שפּירט אַ ביסל אָנגעשטרענגט. אַן אויסגעצייכנטע קיך, אָבער צו-שווערע מאכלים.

אניקעס אָנבליק האָט געהויבן זיין שטימונג. מיט אַ קוים מערקבאַרער הייטערקייט האָט ער געפרעגט:

— שוין אין גאַנצן געזונט?... די נייע פריזור שטייט אייך אויסגעצייכנט.

אַ פּאָר טעג אין בעט און עטלעכע טעג אין צימער מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ איז געווען גענוג פאַר אניקען זיך צו דערהאַלטן פון באַקומענעם קלאַפּ. און די ווונד האָט זיך אויך פאַר דער צייט פאַרצויגן. בלויז אויפן שטערן, ביי די האָר איז געבליבן אַ רויטער פלעק... זי האָט עס באַהאַלטן אונטער אַ באַנד פון דערזעלבער פאַרב ווי איר קלייד.

מיט אַנטציקונג האָט ער אויף איר געקוקט: שלאַנג און פול. נאָך די צוויי וויזיטן וואָס ער האָט איר געמאַכט, בעת זי איז געלעגן צו בעט, האָט ער זיך פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם איינדרוק, פון איר פיגור, פון די ליניעס פון איר קערפער אונטער דער לייכטער, שמאָלער שטוב-קלייד. אַ פייער פון באַגערן, אַן אנשטעקנדיקער, אַז אויך זי האָט פלוצלונג דערשפּירט אַ מין פאַרגעניגן, געמישט מיט פאַרלעגנהייט... די אנוועזנהייט פון פּאַאולין און מאַדאַם ברוסע בייב ערשטן באַזוך, פריילן הארדאס און אמעדיי זשאַקמענס, ביים צווייטן מאָל האָבן געשטערט די מינדסטע אָנשפּילונג אויף דעם וואָס זיי האָבן ביי זיך באַהאַלטן דורך שווייגן אָדער ווערטער.

ער האט אַ הויב געטון די זיידענע לאַק אויף איר שטערן:

— דאס וועט גיך פאַרשווונדן!

— דער צייכן זיכער... אבער די דערינערונג קיין מאל נישט.

דער פאַרביטערטער, ענערגישער טאָן האָט אים איבעראַשט. ביז אַהער, איידער ער האָט איר געזען ליגנדיק אין בעט, האָט ער קיין מאָל נישט געקוקט אויף איר אַנדערש ווי אויף אַ מיטאַרבעטערין. אַ באַצאָלטע אונטערגעאָרדנטע ארבעטס-קראַפט. פון וועלכער, נישט אַזוי די סיטואַציע, ווי איר גאַנצער כאַראַקטער, עקסטרעמע אינטעליגענץ האָט אים אָפגערוקט אויף אַ ווייטן שטח.

לעבא האָט געהערט צו יענע מיטלמעסיקע באַגאַפּטע דורכשניטס-מענטשן, וואָס זייער פוסטקייט פילט זיך געטראָפן פון יעדערן, וואָס שטייט העכער פון זיי. באַזונדערס האָט ער נישט געקאָנט אַריבערטראגן. דידאָזיקע העכערע פערזאָן איז געווען אַ פרוי.

סימאָנע לורדאַל, מיט איר גייסט פון אנערקענטן טאַלענט, וואָלט אים געווען לגמרי אומעדורטרעגלעך. ווען ער זאָל איר,

למשל, נישט דאַרפֿן האָבן פֿאַר זײַנע ספּעציעלע פּערזענלעכע פֿאַרגעניגנס.

סימאָנע גופא, דערשמעקנדיק אין אניקען אַ געפֿאַר, האָט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אים צו האַלטן פֿון איר אויף אַ געוויסן מרחק.

אַ דאַנק דעמדאָזיקן מאַנעוור, האָט ער קענען זײַן ווילן, נישט אַרויסגעוויזן זײַן סעקרעטאַרין קיין צו שטאַרקע אויפֿמערקזאַמקייט.

די־דאָזיקע אנשטענדיקייט האָט אניקע, דערשפּירט דורך איר אייגענעם געפֿיל, אָגענומען, אַלס באַווייז פֿון אַכטונג, פֿון אַן ערנסטער באַציונג; פּיער האָט איר תּמיד באַגערט, אין דעם האָט זי נישט געצווייפֿלט, און אויף דעם אופֿן איז ביסלעכווײַז, דורך דער רעאַקציע פֿון איר פֿאַרליבטער נאַטור (מיד פֿון זײַן האַלטונג, פֿאַר וועלכער זי איז אים אנפֿאַנגס געווען דאַנקבאַר) ווי פֿון פֿאַרלאַנג צו באַקעמפֿן געוויסע אַנטקעגנגעזעצטע אַנזיכטן, פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרטוישונג פֿון די ראָלעס... זי האָט דורכאויס געוואָלט אים איבערצײַגן און דעראָבערן.

איר וואָלט אָבער אוממעגלעך געווען אים צו ליבן, ווען זי זאָל אים נישט אַכטן, דעריבער האָט מען קודם כּל געמוזט אויפֿקלערן די געשיכטע מיט דער לורדאַל, וואָס זי האָט געהערט פֿון מערעטין...

איר מינע איז געווען אַזאַ ערנסטע, אַז ער האָט זיך געוווּנדערט.

— וואָס זענט איר אַזוי אומעטיק? מיטן גאַנצן פֿאַרפֿאַל האָט מען דאָך נישט אויסן געווען אײַך...

— דאָס מאַכט אים נאָך אָבער נישט ווייניקער שרעקלעך.

— אייגנטלעך, האָב איך געקענט אויספֿילן פֿאַרן דאָזיקן אידיאָט אַ שטראָף... פּאַקטיש טאָר מען עס נישט פֿאַרשווייגן, ער דאַרף נישט בלײַבן אומבאַשטראָפֿט. דאָס רעכט פֿון שטאַרקערן איז, אמת, דאָס לעצטע מיטל פֿון יעדער געזעלשאַפֿט, און דעריבער מוז עס טאַקע אויסגענוצט ווערן מיטן גרעסטן טאַקט.

— איך פאַראורטייל נישט די פּויסט פון שלעגער, גאָט...

ער האָט איבערגעהאַקט איר דערקלערונג, ווייל ער איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט אַן אַנדערער, וואָס ער האָט איר געוואָלט מאַכן. סוף כל סוף זענען זיי דאָך נישט געקומען אַהער צופירן פּאָליטישע דיסקוסיעס.

— אָבער זאָל שוין זיין גענוג צו ריידן פון דערדאָזיקער געשיכטע. דערציילט מיר בעסער, קליינע עקזאַלטירטע, וועגן זיך, וועגן אייערע פּראָיעקטן, אייער אינטים לעבן...

ער האָט זיך געוויצלט איבער איר בייזער מינע, אירע ברענענדיקע אויגן. ווידער האָט ער אַ נעם געטון אירע הענט און מיט אַ זונדערבאַרן אויסדרוק, איר צוגעפירט צו דער ברייטער לעדערנע קאַנאַפּע. זי האָט נאכגעגעבן און דערביי געזאָגט:

— איך האָב נישט קיין שום פּלענער... אָבער איר? וואָס איז געוואָרן מיט פרוי לורדאל? ווי לאַנג האָט איר זי שוין נישט געזען?

ער האָט געמאַכט אַן העפטיקע באַוועגונג מיט דער האַנט, וועלענדיק דערמיט באַמערקן, אַז זי זאָל זיך נישט אַריינמישן אין פרעמדע אנגעלעגנהייטן:

— ניין... אָבער וואָס גייט עס אייך אייגנטלעך אָן?

ביי יעדערן פון זיי האָבן זיך דערוועקט געדאַנקען, יענער האָט באַשלאָסן צו שטיין אויף דער וואַך. ער האָט געהאַלטן פאַרקלוג, איצט צו זאָגן ליגן אין האָט לפנים מקריב געווען דער פריערדיקער געליבטער, אינערלעך אָבער האָט ער זיך פאָרגענומען אויך ווייטער, ביי אַ געלעגנהייט, אויסצוניצן אירע טובות.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז סימאָנע איז פאַר מיר, פּונקט ווי פאַר איר מאַן, נישט מער ווי אַ פריינדין? שוין יאָרן לאַנג, דערויף קאָן איך אייך שווערן! אַ פריינדין? דאָס אויך נישט! אַ חבר...

מיט אַ ציניש געלעכטער האָט ער צוגעגעבן:

— אַן אַלטער חבר!

זי האט אים דורכגעדרונגען מיט אַ ב׳יק פון צווייפל ער האָט פאַרזיכערט:

— סימאָנע און איר! מיט אירע קנייטשן, מיט איר דיקייט... אַ געשעפט האָב איך מיט איר! הערט, איך דאַרף אַ ניי געפיל... אַ פייערדיקן, אַ יונגערן... אַ! ווען איר זאָלט וועלן... (זי האָט זיך געוועדט...) דערלויבט מיר אייך אַרומנעמען! סאיז אַזוי גוט! איך האָב אייך אַזוי פיל צו זאָגן...

זי האָט פאַרשטאַנען זיין הינטער געדאַנק, האָט דערשפירט אַ שרעקלעכע היץ אין גאַנצן קערפער און אַ שווינדל פאַר די אויגן. פלוצלונג איז פאַר איר אויסגעשטאַנען ראַזעס בילד אין דיזעלבע אָרעמס מיט אַזאַ דייטלעכקייט, אַז זי איז האַסטיק אויפגעשפרונגען.

— ליבסטע פריינדין, וואָס איז מיט אייך? איך געפעל אייך נישט?... איך נויטיק זיך אין אַ האַרץ, וואָס זאָל מיך ליבן, און אַ האַרץ אַ ריינס, אַזוי ווי אייערס...

אַניקע האָט זיך געוועדט קעגן זיין שטורמישן תאוה-אויסברוך. ער האָט זיך געוואָרגן:

— לאָמיר זיך ליב האָבן, דאָס לעבן איז קורץ!

מיט אַן ענערגישן שטויס האָט זי זיך באַפרייט:

— ניין. לאָזט מיך אָפּ, איך בעט אייך... לאָמיר גיין צו דער אַרבעט.

אַ צעקאָכטער, אַן אויפגערעגטער איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אַ זאָג געטון מיט אַ פאַרענדערטן טאָן:

— ווי איר ווילט!... נישטאָ, איבעריקנס פאַר אייך קיין סך אַרבעט... אפשר דאָס... ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און איר דערלאַנגט אַ בינטל אַקטן...

די זשאַוואַלאַט-אַפּערע, איר ווייסט, אפגעטריבן אַ קינד... איך האָב דאָ געמאַכט עטלעכע נאָטיצן, איר קענט עס דורכזען און אָפּקלאַפּן... מאַטעריאַל פאַר אַ גוטן אַרטיקל.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז שטיל אַוועק אין איר ווינקל ביים פענסטער...

מאָמענטאַל איז דער דעקל אַראָפּגענומען געוואָרן פון

דער שרייבמאשין, דאס פאפיר אריינגעזעצט אויפן ארט און זי האט שוין געארבעט, אויסקלאפנדיק געשווינד די בוכשטאבן מיט אירע נערוועזע פינגער... איבער די קאפירטע ווערטער האט זיך אבער דאס מאל געטראגן א שרעקלעך בילד, וואס האט איר נישט געלאזן רוען... יענע מיידל... די אויפגעהויבענע קליידלעך.. און איצט מיטן בויך אונטער די פארדעכטיק צוגעקנעפלטע מלבושים, פארפאלגט פון די גאסן-יונגן און איוועלינעס.

די בעפארשטייענדיקע, טרויעריקע געבורט, די עלנטקייט, דער גרויל און דאס אומגעבעטענע קינד... דאס הארץ האט איר פארדריקט און זי האט אויפגעהערט שרייבן. אז הערשער שטים האט געפרעגט:

— איז עפעס נישט אין ארדענונג?

דידאזיקע שטים, וואס ביז היינט האט זי ליב געהאט איר מענלעכן א ביסל גרעבלעכן קלאנג און וואס האט אויך ראזען אריינגעשושקעט אין איר הכנעדיק רוישנדיקן אויער דאס אייגענע לידל!.. א קאמעדיאנטן-שטים, וואס איר פאלשער קלאנג האט זיך איבערגעחזרט און די אויסגעדראשענע פראזן פון דער באשולדיקונגס-רעדע „קעגן דער אויסגעלאסנקייט און יענע פארברעכערישע מוטערס, וועלכע...” א פאזירטע מאראל, וואס אונטער איר מיסקלאנג האט זי געגלויבט צו הערן די ציניש אויסלאכנדיקע פאלשקייט.

איר אויפריכטיקייט איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז פלוצלונג איז אויף איר אנגעפאלן א שרעק צו איז נישט דאסדאזיקט געוויינלעכע געזיכט, וואס זי גלויבט אזוי גוט צו קענען אויך נישט מער ווי א מאסקע און פיער לעבא, אונטערן מאנטל פון א מענטשן-פריינט איז נישט מער ווי א געוויינלעכער שווינדלער.

— איר וועט מיר זיכער האלטן פאר זייער נאריש — האט זי געזאגט — ווי אזוי האט דער אויספארשונגס-ריכטער נישט האבנדיק קיין שום באווייזן, געקענט הייסן אפשטעלן דעם פראצעס קעגן פרוי זשאוואלאט און ארויפווארפן די גאנצע שולד אויף דער מוטער? פונקט ווי די אקושערן וואס פאר־

קויפט אן שום ספק פאַרדעכטיקע מיטלען און גוט געפּערלעכע עצות איז אין דער גאַנצער אַפּערע נישט די הויפּטשולדיקע נ אכן ...

זי האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און געוואַרט. מיסטעריעז האט ער געפרעגט.

— נאך וועמען ?

— נאכן פאטער. ווייל ער איז געווען נידערטרעכטיק אויב ער וויל נישט אנערקענען דאס קינד, וואס ער האט געבראַכט אויף דער וועלט...

אַן אויפגערעגטער האט ער אַראפּגעלאָזן די אויגן. אויך קיין איין מאמענט איז אים אבער נישט איינגעפאַלן, אַז זי זאל עפּעס וויסן וועגן דער פאַטאַלער געשיכטע... מיט יענער שטוב מיידל און די קאנסעקווענצן... מיט זיין געווײנלעכער ציניש ער איראָניע, האט ער שמייכלענדיק אַ זאג געטאן:

— די וועלט זאָגט, אַז מיט זיכערקייט קאָן מען נאָר פעסשטעלן דער מוטער.

זי האָט אים אנגעקוקט מיט אַ שאַרפן בליק, איבערראַשט פון דער נידערטרעכטיקייט פונם דאָזיקן איראנישן מאָטיוו,

— אין „אַפּעל” האָט איר תּמיד געפּריידיקט דעם היפּך.

— מילא, וואס מ׳טראַכט אין וואָס מ׳שרייבט! פּונקט ווי די פּראָגראַם רעדן אויף וואַל-פאַרזאַמלונגען.

— איך האָב אייך געקענט אַלס סקעפּטיקער, אָבער נישט אויף אַזוי ווייט.

ער האָט געזען, אַז זיין אָפנהערציקייט ברענגט אים שאָדן און האט זיך גלייך געכאַפּט צוריק.

— גוט, לאָמיר זיך אויסריידן. כּדי צו דערקענען אַ קינד, מוז מען קודם כּל זיין זיכער...

— אַ !— האָט זי אים איבערגעהאַקט, ווען די אויספאָרשונגס-מאַכט זאָל האָבן די געהעריקע, ערנסטע באַציונג, וואָלט זי תּמיד געקאָנט געפונען קעגן פאָטער, אויב נישט קיין באַוויזן, איז ווייניקסטנס אָנהאַלטס-פּונקטן, וועלכע...

פלוצלונג האָט ער זיך דערמאנט אין די לעצטע אנגריפן,

און די צודרעגנגלעכע ביטעס, מיט וועלכע ראזע האָט אים ממש פאַרפאָלגט. זיין שטים האָט זיך מאָמענטאַל געענדערט, דער בליק איז געוואָרן שטריינג:

מיר האַלטן ביי אַן אָפּטרייבונגס-פּראָצעס, לאָמיר נישט אָוועקגיין פון דער טעמע! דאָס פעסשטעלן די פאָטערשאַפט איז גאָט צו דאַנקן, נישט קיין ענין פאַרן געריכט... און ווי וואלטן מיר באמת אויסגעזען, ווען מיר זאָלן גלויבן יעדער פּרויענצימער, וואָס האָט זיך אונז פּריער אַליין אנגעבאטן, בלויז אויפן גרונט פון השערות!...

יעדער דאקטאר וועט אייך איבעריקנס זאגן וואס פאַר אַ וווערט ס׳האבן די אַלע אומגעוויסע פּרווון אויף פעסטצושטעלן די אפשטאמונג, ווי למשל, די ענלעכע קנייטשן אין דער הויט פון די שפּיצן פינגער אדער די צופעליקע גלייכע פאָרם פון די פיס. און ווי קאָן מען עס בכלל ביי אַ ניי געבוירן קינד פעסשטעלן. מיט די אַלע מעשיות קאָן מען זיך אַזוי רע־כענען ווי מיט דער כלומרשטער ענלעכקייט. אבער מיט די סוביעק־טיווע באַהויפּטיגונגען פון דער פאראינטערעסירטער מוטער, וואָס קאָן לכל הדעות נישט זיין מער ווי אַ פּראָסטיטוטקע... איר האָט דאָך שטודירט יוריספּרודענץ!... „דער פאָטער איז נאָר דער, מיט וועמען מ׳שטייט אונטער דער חופּה. אָן אַ געזעצלעכע הייראַט איז נישטאָ קיין פאַטענטירטער פאָטער, ווייל מ׳קאָן אים, נישט בלויז נישט דערקענען, נאָר אַפילו נישט משער זיין צו ער איז עס. (ער האָט זיך צעלאַכט, נישט קענענדיק פאַרליידן מ׳זאָל אים ווידערשפּרעכן) נאָר דאָס קינד קאָן ווערן אנערקענט. און אַפילו פאַר דעמדאָזיקן געוויסנס-אַקט איז ווייניק דאָס מודה זיין אַליין ס׳פאָדערן זיך באַווייזן קאָן מען גלויבן אין די רייד פון דעם וואָס אַנערקענט זיך אַלס פאָטער.

זי האָט אים אויסגעהערט אינגאַנצן פאַרזונקען אין זיך — ער אימפּראָוויזירט „זיין אַרטיקל". ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן,

— און פאַרוואָס, אויב מיר האַלטן שוין דערביי, זאָל מען באמת נישט שאַפן קיין געזעץ קעגן דער פאַרפירונג?... דאָס אַלט דאָך זיין נאָד שענער, אַפילו די געזעצלעכע אונטערפרע־

סאַציע וועגן פאַרפירונג איז נאָך נישט דייטלעך פעסטגעשטעלט!.. אמת, איר האָט נישט קיין לעבנס-דערפאַרונג, אָבער אײַערע קלאַסיקער, צום טײַוול! פון ראַבעלע ביז לאַפאַנטענען קענט איר דאָך ווײַניקסטנס אויף אַזוי פיל, אַז איר ווייסט וויל, אַז מ׳קאָן נישט אַרײַנציען קיין פאָדעם, ווי דין ער זאָל נישט זײַן, אין אַן אויער פון אַ נאָדל, אויב זי באַוועגט זיך... ובכן?

ער איז פּלוצלונג רויט געוואָרן, ווי פון דער סוגעסטיע פון דאָזיקן בילד, אַזוי אויך פון אַניקעס אויפרעגונג בעת דער דאָזיקער ברוטאַלער רעפּליק.

צום ערשטן מאָל האָט ער זיך אַזוי פאַרגאַלאָפּירט און אַרויסגעוויזן. זײַן אמתן פּרצוף.

וויזיעס, איינע אויפרײַצנדער פון דער אַנדערער האָבן אויפגעלעבט אין זײַן זכרון. געלונגענע נצחונות, אַ דאַנק גליקלעכע צופאַלן... די ווײַסקייטן פון שאַמלאַז אַנטבלויזטע לײַבער אויף דעדאָזיקער אָנציענדיקער קאַנאַפּע... די פאַראַכטונג וואָס ער האָט געשפּירט צו אַלע פרויען און גלײַכצײַטיק דאָס ברענענדיקע גלוסטן נאָך דער דאָ... דאָס אַלץ האָט אים מיט דער העפטיקייט פון אַ פיבער, שטאַרק געעגבערט דעם מח.

ער האָט פאַרלאָרן דאָס גלײַכגעוויכט, ווי אַ פאַרשכורטער איז ער מיט אויסגעשטרעקטע הענט געגאַנגען דירעקט צום ציל. ער האָט געזען פאַר זיך בלויז די דורות לאַנג פאַרפאָלגטע חיה, די ווײַסע חיה, וואָס נאָך אין די היילן פון די אורוועלדער איז זי שוין געווען דער קרבן פון מענלעכן כח. זי האָט אים אָנגעקוקט אַצעטומלטע.

— יאָ, ס׳איז שטאַרקער פון מיר! איך באַגער אײַך!... שוין גאַנצע צוויי יאָר גליסט איך אײַך!... איך האָב נישט געוואַגט... איצט אָבער, זינט איך האָב אײַך געזען ליגנדיק אין בעט...

— וואָס?

זי האָט זיך אַ הייב געטאָן אַזאַ צעטומלטע, אַז זי האָט נישט געוווּסט, צי וועט זי זיך, מיט איר גאַנצן מהות לאָזן נעמען, אָדער אים צוריק שלײַדערן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג אין

אָנשפּייַזן אין צורה. ער האָט געהאַלטן איר קאָפּ געזוכט אירע ליפּן און ווי אַ צעמישטער געפּלאַפּלט אָבגעהאַקטע ווערטער:

— אניקע, מיין קליינע אַניקע... גיב מיר דיין מויל, דיין קערפּער... האָב מיך ליב...

פאַרשכורט פון דידאָזיקע זיסע צויבערווערטער, וואָלט זי אפשר נישט ביי‌געשטאַנען דעם נסיון, די פארגעוואַלטיקונג אבער האט איר שרעקלעך עמפּערט.

ער האט איר אַרומגעכאַפּט. זי האט זיך אָבער אַרויס־געדרייט פון זיינע אָרעמס, איז אָפּגעשפּרונגען, אָפּווענדנדיק אירע ליפּן פון זיינע תאווהדיקע קושן און האָט זיך אַ שטעל געטאן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז ממש געבליבן צעטומלט.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט מיט וועלכער ער האָט זיך שוין געהאַט גענומען צו איר קארסאזש און מיטן גאַנצן כח אים אָפּגעשטויסן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן פּאַמעלעך, שווערלעך ווי פון אַ לאַנגער שכרות.

ווי פּעטש האָט געקלונגען איר פאַראַכטונגספאלער סארקאזם:

— חיה! חיה!... לאָזט מיך אָפּ... ס׳עקלט מיר פון אייך.

אין איין מאָמענט איז פאַר איר אונטערגעגאַנגען דידאָזיקע פּערזענלעכקייט, אין וועלכער זי האָט זיך געקלאַמערט מיט איר גאַנצן טיפן גלויבן. בלויז צוויי פיינטלעכע ווילנסקרעפטן זענען דאָ איצט געשטאַנען איינער קעגן צווייטן: דער אייביקער אנטאגאניזם צווישן הערשער אין שקלאַף. בעפרייט, האָט זי מיט אנטזעצן באַ־טראַכט דעמדאָזיקן אָפּשיילעכן טיראן פון אַלע זייטן, וואָס האָט זיך איצט פאַר איר אנטפּלעקט אין דעם שרעקלעכן אָנפאַל פון סעקסועלער ווילדקייט... פּריאפּס*) אומגעהייערלעכע. מיאוסע געוואלט-הערשאַפט.

דאָס זאָל זיין אַ מענטש? ניין, אַ מאַלפּע אויף יאגד... די אור-חיה אין די טיפענישן פון פאַרהיסטאָרישע וועלדער! איצט האָט זי פאַר אים מער קיין מורא נישט געהאַט. אָבער דאָך האָט

*) פּראיאפּ — דער זון פון דיאָניס און אפראדיטע, דער גאָט פון פּרוכט־באַרקייט ביי די גריכן. אַ שרעקלעך מיאוסער מיט אומגעווייגלעך אנטוויקלטע געשלעכטס-אָרגאַנען.

זי נאָך אינגאַנצן געציטערט, עמפּערט פון דעמדאָזיקן צעפלאַקערטן אור-אינסטינקט וואָס האָט באַליידיקט איר שטאָלץ אַלס ציוויליזירטע וועזן... דער באַשיצער, וואָס האָט איר געהאָלפן, די פּערזאָן וואָס איז איר געפעלן געוואָרן? זי איז געווען דערשטוינט נישט געפונענדיק קיין זכר פון דעם אַלעם אין דער פיגור, וואָס האָט זיך איצט הילפאָז געדרייט ווי אַ שלאַנג אויף דער קאַנאַפּע פיער לעבּא האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, פון געליטענעם פיאַסקאָ, אַז אין זיין שרעקלעכער דערנידערונג האָט ער ממש נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך איצט צו האַלטן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צוריק ביי איר טיש און געבראַכט אין אָרדנונג אירע פּאַפּירן.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי דערהערט אַ כראָפּן. ס'האָט איר אָנגעכאַפּט אַ שרעק ביים געדאַנק, אַז זי האָט שיער נישט געליבט דעמדאָזיקן צעבראָכענעם פּאַיאַץ. ברענגענדיק אַלץ אין אָרדענונג, האָט זי צוגעגרייט אַ בריוו: ער זאָל זיך זוכן אַן אַנדער סעקרעטאַרין!... דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעטון דעם הוט. פון גערויש האָט זיך דער שלעפער אויפגעכאַפּט, צעטומעלט.

— וואָס טוט איר?

—איך גיי אַוועק.

— בלייבט, אָדער איך וועל עס אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין!

— אַ שרעקלעכע מעשה! וואָס מיינט איר? — האָט זי פון אים געחוזקט, — איך בין ראָזע?...

— איך פאַרשטיי נישט!

זיין בליק איז, אונטער דערדאָזיקער אומגעריכטער באַשולדיקונג, געוואָרן פאַרדעכטיק, אומזיכער.

— ראָזע? וואָס איז עס עפּעס פאַר אַ נייע מעשה?

— איר האָט שוין געוויס אין דעם פאַרגעסן...

— איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אַז איך פאַרשטיי לגמרי גאָר נישט, — האָט ער מיט אַ פיינטזעליקער מינע געלייקנט. זי האָט געענטפערט פראָסט, פשוט:

— שרייבט קיין איוועלין... צו פריילין ראָזע בלאַנקאַרד,

די געוועזענע שטובמיידל בײַ דער פֿאַמיליע מאַרעוואַל. זי וועט אָפּפּרישן אייער זכרון... אַדיע.

— ראָזע בלאַנקאַרד?

ער הערט, כלומרשט דעמדאָזיקן נאָמען דאָס ערשטן מאָל. זי האָט זיך נאָך אַ מאָל אומגעקוקט:

— בײַ דער געלעגנהייט קאָנט איר זיך אויך דערקונדיקן וועגן אייער קינד.

פֿאַרבליפֿט, האָט ער אַ פּאָר סעקונדן געשוויגן, דערנאָך האָט ער געשריגן, זיך ווערגנדיק מיט אַ פֿאַלש קלינגנדיקן צאָרן:

— איר אויך?... ס'איז ידערטרעכטיק! איך פֿאַרווער אייך...

צו שפּעט. זײַן אויפֿרעגונג און פֿאַרביטערונג זענען געווען די בעסטע עדות. איצט האָט זיך אַניקע פֿעסט איבערצייגט, אַז ראָזע האָט געזאָגט אמת... זי איז געשטאַנען אויפֿן שוועל, נאָר אַ דאַנק איר טיפֿער פֿאַראַכטונג האָט זי געהאַט די קראַפֿט זיך צו באַהערשן. הינטערן טיר האָט זיך באַוויזן דער סילועט פֿון אַ דינער. ער האָט אונטערגעהערט.

די געזעלשאַפֿטלעכע קאַנווענציע האָט באַוויזן איר מאַכט. פּיער לעבאַ האָט זיך זײַער קאָרעקט פֿאַרנייגט. אַניקע האָט באַנאַל אַ זאָג געטאָן:

— אויף ווידערזען, הער לעבאַ!

דער דינער, וואָס האָט איר באַגלייט, האָט געשלאָסן הינטער איר די טיר. „הײַנט איז געווען אַ קראַך”, האָט ער געקלערט מיט אַ פֿאַזאָגנדיקן שמייכל.

אַ צעקאָכטער האָט לעבאַ צוגעשלאָסן די טיר פֿון זײַן צימער... „נאַרישע בריאה!... מער ווי פֿאַרן קאָרב האָט ער אויף איר געברענט פֿאַרן אַרײַנמישן זיך אין דער געשיכטע מיט ראָזען...

ווי אַזוי, שדים ווייסן עס, איז דערגאַנגען צו איר?..!

אַרומשפּאַצירנדיק עטלעכע מאָל הין און צוריק איבער צימער, איז ער באַלד ווידער רויק געוואָרן. ער האָט זיך געשפּירט גאַנץ זיכער אונטערן שוץ-געווער פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג. הויבנדיק די פּלייצעס האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַ גליקלעכע רייזע! אפֿשר וועט זי געפֿינען עפּעס בעסערס!”

אויף די טרעפּ וואָלט זיך אניקע זיכער צעוויינעט, ווען די סענסאַציע פון גראָטעפּקן פון לעכערלעכן זאָל נישט איבערשטייגן די עמפּערונג. דער רויטער פּרצוף, די ברענענדיקע אויגן... זי האָט זיך נערוועז צעלאַכט. ווען ער זאָל קאָנען אויף זיך, בעת מעשה אַ קוק טון, דערדאָזיקער פּיער לעבא!... דער העסלעכער אויסדרוק פון זיין צורה האָט איר ממש פאַרפּאַרגט; אַ דייטלעכער בילד פון אַ חזיר, וואָס אַ סך מענטשן זענען צו דעם ענלעך. מע־כאַניש האָט זי אַ פיר געטאָן מיטן האַנט איבערן שטערן.

אַן אינערלעכער אומעט האָט באַלד ווידער אויפגעלעבט דעם שמערץ פון דער נאָר וואָס איבערגעלעבטער באַליידיקונג. צום אומגילק קעגן דער אַלגעמיינער אָרדנונג איז איצט צוגעקומען דאָס פּערזענלעכע ליידן: אניקע האָט קאָנסטאַנטירט, אַז בנוגע דער ליבע איז זי געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג. פּוסט און וויסט האָבן אויסגעזען די ווייטע פּערספּעקטיוון אויפן דאָזיקן פאַרהייליקטן שטח.

אניקע האָט זיך פּלוצלונג דערשפּירט אַזוי איינזאַם, אַז דאָס מאָל האָט זי זיךווירקלעך צעוויינט. באַלד האָט זי זיך אָבער געכאַפּט, אַז זי איז אויפן גאַס, און די פאַרבייגייער וואַרפן אויף איר פאַרוואונדערטע בליקן. זי האָט אָפּגעווישט דאָס געזיכט און זיך פאַרקלערט...

ווי אַ פאטא־מארגאנא האָט די זינלעכקייט פאַר איר איבער־געצויגן דעם שמוציקן אָפּגרונט מיט אַ גאָלדענעם גלאַנץ. אַ קליינער שמערץ, אָבער אַ גוטע לעקציע. זי האָט זיך אנטוישט, אָבער זי איז אַליין שולדיק. זאָל איר לפּחות די דערפאַרונג ברענגען דעם געהעריקן נוצן!... מיט מוטיקע בליקן האָט זי געקוקט אין דער צוקונפט, ס׳זענען דאָך פאַראַן אַ סך ערנסטערע דאגות!...

דער זייגער האָט געשלאָגן דריי און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט אויף פינף האָט זי זיך באַשטעלט מיט פּאַולן צו קומען און אָפּנעמען פון געשעפט. די פּאָר שעה וואָלט זי־ער גוט געווען צו פאַרברענגען אין אַ פריינדשאַפטלעכע געזעלשאַפט. צו פרייליין האַרדי איז אַ ביסל צו ווייט און דעריבער האָט זי באַשלאָסן מאַכן אַ שפּרונג אויף איוועני קלעבער צו מאַדאַם ברוססאַט.

צום גליק האָט זי איר געפונען אין דער היים.

אניקץ האָט ליב געהאַט איר פּשוטן, געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, איר שטרייִנגן פליכט־געפיל, אונטער וועלכן די דאָזיקע מיס־אָנערין אין דער זיידענער קלייד האָט באַהאַלטן אַן אמת מיטפילנדיק האַרץ. נאָך גאָר אַ ייִנגע האָט זי פאַרלוירן דעם מאַן און איר איינציק קינד, וואָס זי האָט ממש פאַרגעטערט. אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר האָט זי אָפּגעגעבן איר גאַנצע אַרבעטסקראַפט אויסשליסלעך דער פרויען־באַוועגונג פאַרנעמענדיק דעם פּאָסטן פון אַ סעקרעטאַרין פאַר פראַנקרייך ביים אינטער־נאַציאָנאַלן פרויען בונד.

גלייכצייטיק האָט זי אויך אָנגעפירט מיט איר היים אין אויטויל, וואָס האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט אַ דאַנק דעם וואָס צו איר פערזענלעכן קאַפּיטאַל איז נאָך צוגעקומען דאָס גרויסע פאַרמעגן פון מאַלער זשעלאַנאָוו, מיט וועלכן זי האָט געלעבט אין פולסטן איינקלאַנג. בלויז אין איין פּונקט זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען: אין זיין צערטלעכער צודרינגלעכער ביטע זיי זאָלן חתונה האָבן. אַרייַנגייענדיק אין געשמאַק פון דער פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט האָט זי אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין אויף דער דאָזיקער קאָנצעסיע. אַן איבערפליסיקער קרבן פאַר די נאָך מער איבערפליסיקע געזעלשאַפטלעכע קאָנווענציעס. אַזוי ווי זיי זענען ביידע געווען זייער רייך וואָלט די דאָזיקע פאָרמאַליטעט לגמרי נישט פאַרשטאַרקט זייער גליק און רויקייט.

אַן אָריגינאַל און אין פּאָליטישע פראַגן אַ רעוואָלוציאָנער, האָט פּרינץ מיכעל זעלאַנאָוו פאַרלאָזן רוסלאַנד נאָך פאַרן קריג — נישט חלילה טרויערנדיק נאָכן צאַרישן רוסלאַנד — און פאַרקויפט זיינע אומגעהייער גרויסע גיטער.. פון דאַן אָן — דעם באָלשעוויזם האָט ער געלאָזן זער ווייט הינטער זיך — פלעגט ער זיך האַלטן אין איין פרייען, וואָס ער האָט אין נייעם פאָטערלאַנד געפונען זיין גליק.

מאַדאַם ברוססאט, וועלכע האָט אניקען זייער געאַכט פאַר איר ענערגיע און מוט, האָט זיך מיט איר שטאַרק דערפרייט.

זיך צוקוקנדיק אָבער צו איר נענטער האָט זי געזאָגט:

— וואָס? צו פוס? און וואָס איז מיט דער וווּנד?.. שוין אַרויסגיין נאָך אַזאַ שרעקליכן שאָק!.. און דער אָנפאַלער איז, נאַטירלעך, פריי?

אַניקע האָט געהויבן די שולטערן.

— ס׳איז גאַנץ גענוג וואָס ער האָט נישט אַוואַנסירט.

— אויב אַזוי איז באמת נישט כדאי צו זיין אַ פריינדין פון אַ צייטונגס־אַרויסגעבער... ניין?.. שוין נישט מער קיין פריינדין? וואָס אַזוינס איז געשען?

— אפילו נישט מער קיין סעקרעטאַרין. היינט האָב איך געזען הער לעבאַ צום לעצטן מאָל...

זי האָט איבערגעגעבן אַלץ: מערעטעס אַנדענקונג און זיין חיהשן אָנגריף. טיילנדיק זיך מיטן איבערגעלעבטן מיט איר טרייער פריינדין, האָט זי דערשפּירט אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט זיך ריינגעוואַשן פון אַ גרויסן שמוץ.

— אַ פיינער מענטש! האָט אויסגערופן מאַדאַם ברוססאט. דאָס האָט דאָך אָבער געמוזט קומען! מיר איז ער, איבעריגנס קיינמאָל נישט געפעלן... דער דאָזיקער ראָזן, גיט איבער, זי זאָל זיך נישט קרענקן! צום גליק האָבן מיר דאָך דאָס היים אין אויטויל.

— יע, איך שרייב נאָך היינט אין אָוונט צו פריילן האַרדי... און ביי דער געלעגנהייט בין איך גליקלעך אייך צו באַקענען מיט מערעטן... זי איז אנציקט פון אייער אויפטו און וויל זי זייער באַקענען מיט דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

ס׳איז אַריין דער מאַלער, מיט רוהיקע טריט, ווי אַ גוטמוטיקער גבור. ער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פולשטענדיקן קאָנטראַסט מיט דער לעבעדיקייט און באַוועגלעכקייט פון זיין חברהטע. אָבער — פונקט ווי זי האָט אויך ער — מיט זיינע פלאַקסבלויע אויגן, מיטן לאַנגן בלאָנדן באָרד. מיט די ברייטע פלייצעס — געאָטעמט מיט געזונט און פשוטקייט. ער האָט אַ קוש געטון אין האַנט אַניקן און פרוי ברוססאט.

— איר וועט באַלד הערן! — האָט יענע שטיל אַ זאָג געטון צו אניקן... וואָס האַלטסטו פון פיער לעבאן?

— פיער לעבא? אַ באַנדיט!

אָבער פרוי ברוססאט האָט אויסגעשריגן:

— א, דאָס איז אַ גוטע אידייע!

הינטער זעלאנאוון האָט זיך באַוויזן אַ נייער גאַסט. זיין פנים האָט אויפגעלויכטן, אַז ער האָט דערזען אניקן. הערצלעך האָט ער אויסגערופן:

— ווען איך זאָל'ס געוועזן וויסן!

— אַמעדיי, האָט אַ זאָג געטון זעלאַנאָוו, איך האב פאַרגעסן אייך אָנצומעלדן! מיר האָבן זיך נאָר וואָס באַגעגנט ביים טעאַטער פאָפולער, ווו ער האָט געהאַלטן א פאָרטראג... און איך האָב אים מיטגעשלעפּט אַהער כדי ער זאָל דאָ, גלייך אויפן אָרט, באַקומען די שטראָף פאַר זיין קוביסטישער דעמאָנסטראציע.

אַמעדיי זשאקמען האָט פראָטעסטירט, אויפריכטיק. ער לייקנט נישט, אז אים געפעלט בעסער א וויניקער סומארישע מאלעריי — א וויניקער „סינטעטישע" ווי זעליאַנאוו האָט געזאָגט, פון דער מאלעריי אין די „וואָלומס". ער איז אָבער געוועזן צופיל עקלעקטיקער 1) נישט מסכים צו זיין, אז יעדע פאָרם פון קונסט — פונקט ווי דאס לעבן גופא — געפינט זיך אין א פערמאנענטן אנטוויקלונגס-צושטאנד. אפילו גוזמאות האט ער געהאלטן פאר אומפארמיידלעכע באדינגונגען פון פראגרעס, אונטערברעכונגען פון גלייכגעוויכט, וואס ווירקן אַן און פאר זיך זייער גינסטיק.

— די סטאגנאציע, דער טויטער פונקט, איז די גרעסטע געפאר פאר יעדער שולע — האט ער געזאגט מיט זיין ווארעמער

---

1) עקלעקטיזם די וואל און דאס צופירן צו איין סיסטעם אפטמאל אנטקעגנגעזעצטע מיינונגען און הנחות פון פארשיידענע פילאזאפישע שולן און סיסטעמען, נישט האלטנדיק זיך שטרענג ביי קיין איינציקער פון זיי.

די איבערזעצערין

שטים. די אנטוויקלונג גייט פאַרוועטס דורך שפּרינגען און רעוואָלוציעס, און קוים גייט א באַוועגונג איבער אין א דעפיניטיוון צושטאַנד — לייזט זי זיך אויף און גייט אונטער. די בלומרשטע אומפאַרענדערלעכקייט פון דער נאַטור איז איינער פון די זינלאָזע פּאַראַדאָקסן, און ערפינדונג פון רעאַקציאָנערן, וואָס קאָנען זיך בשום אופן נישט אָפּשאָקלען פון פאַרגליווערטן עבר...

אַניקע האָט זיך צוגעהערט צו זיינע אויספירונגען מיטן שטענדיקן, יע, מיט א גרעסערן פאַרגעניגן.

אינסטינקטיוו האָט זי געשטעלט א פּאַראַלעל, ווי אַזוי האָט זי אויף איין מאָמענט געקאָנט שטעלן העכער פון לעבאָס באַשרייַנקטע זעלבסטצופרידנקייט פון דעמדאָזיקן פרייען, אַנטוויקלטן גייסט? צי האָט זי זשאַקמענען געפונען וויניקער אַנציענדיק צוליב זיין עטוואָס פּויערישער פיגור, זיין בעריִשער האַלטונג, וואָס האָט לגמרי נישט האַרמאָנירט מיט זיין מילדן בליק, מיטן פיינעם שמייכל און דער סאָקראַטישער באָרד? היינט, אונטערן איינדרוק פון דער העסלעכער דערינערונג, האָט זי ערשט פאַרשטאַנען געהעריק אָפּצושאַצן דעם צויבער פון דער דאָזיקער גוטסקייט פאַרייניקט מיט קראַפט. א קראַפט, דיסציפּלינירט דורך איידלמוט, נישט קיין דעספּאָטישע ווילדקייט, ווי יענע, וואָס זי האָט נאָר וואָס אויסגעשטאַנען אירע אָנגריפן און וואָס זי טרייסלט זיך נאָך איצט אונטערן איינדרוק פון איבערגעלעבטן שרעק.

בֵּינִי לְבֵינוּ איז זעליאַנאָוו — וואָס זיין גייסט האָט, אמת, געאַרבעט לאַנגזאַם אָבער אויסגעהאַלטן — צוריקגעקומען אויפן אויפגאַנגס־פּונקט פון געשפּרעך און האָט פון זיין זייט געפרעגט:

— אַנטשולדיקט מיר, מיינע דאַמען, אויב איך וועל אייך פרעגן, פאַרוואָס איז גראַד איצט הער לעבאָ געווען דאָס טעמע פון אייער געשפּרעך... און אַניקע זאָל מיר מוחל זיין אויב איך האָב זיך אפשר אויסגעדריקט א ביסל צו פריי... איר אויך, מיין טייערער, האָט ער געזאָגט — זיך ווענדנדיק צו זשאַקמענען —

ווייל איר האט אפשר אויך געהערט מיין מיינונג... און ווי איך ווייס, געהערט איר אויך צו זיינע פריינט...

— העכסטנס צו זיינע באַקאַנטע, האָט פּרעציזירט דער דעפּוטאַט. מיין מוטער האַלט פון אים זייער שטאַרק, ווייל ער האָט איר אַ מאָל געטון אַ טובה. איר ווייסט אָבער, אַז די אַנ־זיכטן פון מיין פאַמילזע און מיינע...

— יע, האָט געזאָגט פרוי ברוססאט, ווי טאָג צי נאַכט.

— און פריילן רעמבאַרט ווייס אויך, אַז איך האָב קיינ־מאָל נישט געטיילט איר אַנטציקונג וועגן איר... שעף.

ער האָט איראָניש באַטאָנט דאָס וואָרט „שעף". אייפער־זיכטיק אויף דער אונטערשטיצונג פון זשורנאַליסט ביי אַניקעס ערשטע דעביוטן אין „פּאלע". ער גופא וואלט איר זייער גערן צוגעהאָלפן, ווען זי זאָל נאָר וועלן זיך באַטייליקן אין זיינע אַרבעטן. צי דען האָט אים זיין אָנגעזעענע שטעלונג אים „באַראָ", נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו פּראָטעזשירן אַ יינגע באַגאַבטע אַדוואָקאַטין ? אויף דעם אופן איז צו אַמעדייזשאַקמענס פיינטלעכער שטימונג קעגן אַ פּערזאָן, וואָס ער האָט נישט געאַכט, נאָך צוגעקומען דער געפיל פון אייפערזוכט קעגן אַ מענטשן, אין וועלכן ער האָט אינסטינקטיוו געשפירט דעם קאָנקורענט.

אניקע איז אים געווען געפעלן אין יעדער הינזיכט. ער האָט נישט געהאַט קיין שום אָפיציעלע פּלגש און אייגנטלעך נישט געפילט זאָגאַר קיין באַדערפעניש אין אַזעלכער, ווייל די אַרבעט האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. זינט ער האָט זיך אָבער באַקענט מיט אניקן, פלעגט ער האַלטן אין איין קלערן: „ווי גליקלעך וואָלט ער זיך געשעצט, ווען ער זאָל האָבן אַזאַ חברהטע!"

ער איז נישט געגאַנגען אַזוי ווייט צו קלערן וועגן אַ לעבנס־חברהטע, ווייל ער האָט זייער גוט געקענט אירע אידייען מכוח אַ פרייען צוזאַמענלעבן. אויסערדעם האָט ער זיך אַליין קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן חתונה האָבן — ווארשיינלעך צוליב דעם ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט קיין

פרוי לויט זיין געשמאַק. אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיינער מיינונג האָט ער, פונקט ווי אניקע, בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קאָן מען חתונה האָבן, אויב מ'האָט זיך נישט ליב... זייענדיק אָבער אַ בורזשויִ לויט זיין אָפּשטאַמונג און דערציִונג, נישט געקוקט אויף זיין ערנסטע, אויפריכטיקע באַגייסטערונג פאַרן סאָציאַליזם, איז אים נאָך שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז מ'קאָן זיין גליקלעך חתונה האָבנדיק מיט אַן אמת זעלבסטשטענדיקער פרוי. לכל הדעות נישט מיט אַזעלכער וועלכע אַבישירט, אַזוי ווי אניקע, איר ווילן און איר שטאָלץ צו זיין און צו בלייבן אומאָפּהענגיק.

אין זייערע אָפטע געשפרעכן אויף דער דאָזיקער טעמע האָבן ביידע געהאַלטן פאַר איבעריק צו באַהאַלטן זייערע אַנטקעגנגעזעצטע אַנזיכטן און תמיד פלעגן זיי קומען צו דער זעלבער קאָנקלוזיע: — „איר" — האָט אניקע זיך געוויצלט — איר האַלט פון דער גלייכשטעלונג נאָר אין דער טעאָריע... אָבער נישט אין דער ווירקלעכקייט... דער פריינטשאַפטלעכער פאָרוורף אונטערן דאָזיקן חוזק מאַכן, פלעגט אים ממש אַרויסברענגען פון געדולד. „איר זענט נישט בעסער פון אַלע אַנדערע, אַ פאַרטרעטער פון דער אייגנטום-טעאָריע!"

אַ פאַרטרעטער פון אייגנטום! — בעת ער האָט אונטער איר איינפלוס צוגעגרייט אַ געזעץ-פראָיעקט, וואָס זאָל מיט זיינע באַשטימונגען איבער דער אָפּשטאַמונג און דאָס רעכט פון קינד לגמרי צעברעכן אויף שטיקלאַך דעם אַלטן קאָדעקס!

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום יינגן מיידל און איז געווען איבעראַשט פון איר פלוצלינגען רויט ווערן, פון דער אומדערוואַרטער ווירקונג פון וואָרט „שעף". אין זעלבן מאָמענט האָט מאַדאַט ברוססאט מיט א בליק א פרעג געטון ביי אניקן, און זי האָט דורך א קאָפּשאָקל איינגעשטימט:

— אבער, ביטע זייער, איר קאָנט רעדן!.. איך האַלט אייער מאַן און הער זשאַקמען פאַר אַזעלכע גוטע פריינט, אַז איך קאָן פאַר זיי גאַנץ דעפיניטיוו אויפקלערן דעם כאַראַקטער

פון... (לויט אמעדייס מיינונג האָט זי׳ס געזאָגט מיט א געוויסער ביטערקייט) פון מיין... עקס—שעף.

פרוי ברוססאט האט זיי איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע מיט אלע פרטים. נו, ווי געפעלט׳ס אייך?

די ביידע מענער האבן דערויף רעאגירט, יעדערער לויט זיין טעמפעראמענט. זעליאנאוו האט זיך געריבן די הענט און געלאכט מיט א קאמישער פלומרשטער הויכאַכטונג: „טייוול, אַזאַ סאַטיר!.. זשאקמען האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און געמאַכט אַן ערנסטע מינע, „אַן אמתער בער״, ווי אניקע פלעגט אים אָפּט רופן.

די פארפירונג און דאָס אוועקווארפן ראָזען האָט אים ווייניקער עמפּערט ווי די באליידיקונג פון א ווען, וואס איז איצט געשטאַנען פאַר אים לגמרי א פארענדערטע... א ווען, וואָס האָט אים גערייצט און דוקא דורך איר רעאגירן אויפן אויסברוך פון ברוטאלע און געמיינע תאוות האט זי איצט באַקומען אין זיינע אויגן אַ גאַנץ נייעם רייץ אלס פרוי. ביים געדאנק וועגן דער פרוו פון פאַרגעוואַלטיקן האט אים דער־לאַנגט אַ שטאָך אין הארצן. און מיט איין מאל איז פאר אים געווארן גאנץ קלאָר — בשום אופן האט ער זיך שוין נישט גע־קאָנט באַפרייען פון דער דאָזיקער וויזיע—אז ער ליבט און איז אייפערזיכטיק.

אניקע, איבעראשט פון זיין שווייגן, האָט אים איגעקוקט א פארוונדערטע. וואס ס׳איז אזוינס זינליכער פארגניגן האָט זי נאך לגמרי נישט געוווסט און דעריבער האט זי אויך נישט געשפּירט דעם שטראָם פון דער סודותפולער פארבינדונג צווישן אים און איר. זי האָט זיך אויך נישט געקאָנט פארשטעלן דאס געפיל און נאך ווייניקער דעם שטורם פון די פארשיידענע עמאציעס, וואס ער האט איצט איבערגעלעבט. און ווי אנשטעלט ס׳האט אין דעם מאמענט אויסגעזען אין זיין פאנטאזיע די באַטירלעכע ריינקייט פון שאפונגס־פראצעס — פון נאָרמאלסטן און שענסטן מענטשלעכן אקט.

אין שמערצלעכן אויסדרוק פון זיין געזיכט האט זי

אבער גאנץ דייטלעך געזען, אז ער איז נישט ווייניקער עמפּ־רש
פון איר. זי איז אבער געווען אזוי ווייט פון פארשטיין ד־
אמתע סיבה פון זיין אויפרעגונג, אז זיין שווייגן און זיי־
שלעכטע שטימונג האבן איר פארשאפט קרענקונג. ווי־אַ־
קלערט ער? צי מיינט ער נישט אמאָל, אז פון איר זייט
איז׳ס בלויז געווען א מין קאָקעטירן... שפּירנדיק דאס באדער־
פעניש זיך צו רעכטפערטיקן פאר אירע פריינט און געטריבן
דורך א געפיל פון באליידיקטער אֵייגנליבע—ווייל זי איז תּמיד
געווען אויפריכטיק און האט געהייגט א גרויסן ווערט דערויף,
אז קיינער זאל אין איר אויפריכטיקייט נישט צווייפלען—האט
זי דערקלערט:

— ווען איך וואלט אים נאך געקאנט לאזן גלויבן...

פרעגנדיק, האט ער מיט א לייכטן פארוואורף פארענדיקט
דעם זאץ:

— אין אייער סימפּאטיע?

אן אויפגערעגטע, האט זי אנגעהויבן זיך אנאליזירן. צי־
דען האט זי באמת נישט אפּגעגעבן אלע אירע געדאנקען דעם
מאן, וועלכער האט׳ס אמווייניקסטן פאַרדינט?.. גלייכצייטיק
האט זי זיך אויך געפרווט אויפצודעקן דעם פארשלייערטן זין
פון אמעדייס ווערטער. וואס אזוינס האט באדייט זייער איראָ־
נישער ניואנס? די קאמענטארן האט זי געזוכט אין זיינע אויגן
און איז געווען איבערראשט און גערירט.

דער קורצווייליגער צארן, דער אומאנגענעמער טאן פון
זיינע לעצטע ווערטער האבן באלד אפּגעטרעטן זייער ארט דעם
אויפלויכטן פון אן אומווידערשטייליכער צערטלעכקייט. ווידער
האט זי דערקענט זיין אפענעם בליק, מיטן אויסדרוק פון אי־
בערגעגעבענער פריינטשאפט און מיט אַ געוויסער צופרידנ־
הייט, געלייענט אויף זיין געזיכט די ליידן פון א ודוי, די אומ־
רוהיקע ליידנשאפט פון א ביטע. זי האט געשמייכלט אנשטאט צו
רעדן. פון איין הארץ צו דער אנדערער איז איבערגעשפרונגען
א פונק,—דער מאגנעטישער קאנטאקט—און ביידע האבן נאך
אין זייער אומזיכערער נייגונג נישט געקאנט אנטדעקן דאס

באהאלטענע פייער, וואס איז גרייט געווען יעדע מינוט זיך צו
פארוואנדלען אין אן אומגעהייערן פלאקער.

— קלינג אן, זעלא! — האט פרוי ברוססאט געגעבן
„באפעל,—און הייס ברענגען פארטא... יע! יע! איצט וועלן
מיר גאנץ רויק עפעס איבערבייסן...

— מיין שוועסטער ווארט דאך אבער אויף מיר.

— טא, טא, טא!.. קוים האב איך אייך שוין איינמאל
וזאמען, לאז איך אייך נישט אפ.

אניקע האט נאכגעגעבן. זי האט זיך זייער גוט געפילט
אין דעם דאזיקן גאסטפריינטלעכן הויז צווישן אירע פריינט,
די בעסטע און אייגנטלעך די איינציקע נאך פריילן הארדי,
איר מוטערס חברהטע...

א גליקלעכער האט אמעדיי געפאָלגט איר ביישפיל. ביידע
האבן זיי זיך באמיט אפצווועגדן דעם אויסברוך פון זייערע
פארבארגענע געדאנקען. זיי האבן זאגאר אויסגעמיטן אנצוקוקן
איינער דעם צווייטן.

כלומרשט גלייכגילטיק אבער אין דער טיפעניש פון זייערע
נשמות שוין פעסט פארבונדן, האבן זיי זיך אינסטינקטיוו אפ־
געגעבן דער שטייגנדיקער שכרות פון לעבן. אומפארגלייכלעכע
מאמענטן, בעת פון זייערע ביידע עקזיסטענצן האט זיך פאָרמירט
אַן איינציקער, האָט זיך געוועבט אַ געמיינזאמער לעבנס־
פאדעם.

אויף אַ גרויסער, אוואלער בלעך־טאַץ, וואָס פרוי ברוססאט
האָט זייער ליב געהאַט איר אַלטערטימלעכע באַקוועמלעכקייט,
זיינען אַרום די קוכן־טעלער געשטאַנען הויכע גלאָז־באָקאַלן מיט
גאָלד שעמערירטן וויין. זעליאַנאָוו איז געשטאַנען ביים קלאַוויר,
האָט געקלאַפט מיט די פינגער אויף די קלאַווישן און אונטער־
געברומט מיט זיין גראָבער שטים עפעס אַ לידל...

דער הימל איז געווען באדעקט מיט קליינע ווייסע
וואָלקנדלעך, דער לויער ווינט איז געווען פול זיפצן און
בענקעניש...

דער קינסטלער האָט איבערגעזעצט:

צי איז'ס נאַכט ? צי איז'ס טאָג ?
וואַקסט דער שאָטן אָדער פאַרשווינט...
די טויבן ציען דורכן פירמאמענט...
מיין האַרץ איז שווער... צי איז'ס די ליבע ?.

5

— דאָ אונטן—האָט געזאָגט פרוי ברוססאט, אָנווייזנדיק אויף אַ פּאַוויליאָן פון ווייסע קאַכליעס—צווישן די ביימער, געפינט זיך דער קראַנקן־זאַל, אַ שיינע קליינע גאַלעריע אויפן זונען זייט מיט זעקס בעטן. פון ביידע זייטן דעזינפעקציע־צימערן און דער אפעראַציע־זאַל... דאָ וועלן מיר אַריינעמען ראָזען... גלייך גייען מיר אַהין אַריין, אַ צט האָבן מיר בלויז איין פּאַציענטין... דערנעבן איז די שולע אָדער ריכטיקער געזאָגט דאָס קינדער־היים; דער שפּיל־זאַל געפינט זיך אין דעמזעלבן בנין... אָט קומט פון דאָרט אונדזער געהילף־דירעקטאָרין, די גוטע פרוי גערמינעט.

אַ גרייזגרויע פרוי מיט אַ ברייטער טאַליע, מיט אַן אינ־טעליגענטן אויסזען און געזעצטע באַוועגונגען איז זיי אַנט־קעגנגעגאנגען און פריינטלעך געגריסט.

— מאַדאַם גערמינעט, פריילן האַרדי, וועלכע ברענגט אונדז קירצלעך אַ נייע פענסיאָנערין. מיט פריילן אניקע זענט איר דאָך באַקאַנט... זייט אַזוי פריינטלעך און ווייזט דערוויייל די דאַמען דאָס הויז און איך וועל אַריינלויפן כאַפּן אַ קוק אויף אונדזער קליינעם עולם... באַלד קום איך צוריק.

זי האָט אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך, אַריינצופירן גאַנ־צע גרופן באַזוכער און פאַרצושטעלן אירע מיידלעך קאָלעקטיוו: פון איין זייט נייגיריקייט געמישט מיט גלייכגילטיקייט, פון דער צווייטער אַ געפיל פון דערנידערונג, אפילו ביי דער אויפריכ־טיקסטער פּאַרינטערעסירונג.

צאַמבעסטן האָט יי ליב געהאַט אַריינגיין צו זיי איינע

אַליין. זי פלעגט זיי אויספרעגן וועגן זייער געזונט, מאָראַלישן צושטאַנד און וועגן זייערע פערזענלעכע אנגעלעגנהייטן... מיט אַ וואָרט, מיט אַ שמייכל האט זי פאַרשטאַנען צו געווינען זייער צוטרוי, זיי צו טרייסטן און מאָראַליש אויפצוריכטן.

— מיט וואָס פאר א פארשטענדעניש דאָ איז אַלץ איינגעאָרדנט,—האָט זיך אנטציקט פריילן האַרדי.—ס'אַראַ שטילקייט, ס'אַראַ רוהיקייט, אַן אמתער צופלוכטס אָרט.

זי האָט זיך געשעצט גליקלעך וואָס זי איז אַהער געקומען. וועלכע שאַפונגען וואָלטן איר ווידער פאַרייניקט מיט דער מענטשהייט, כאָטש זי האָט זיך אַזוי אויך אין די ערגסטע שטונד פון איר אַרבעטספולן לעבן, נישט געקוקט אויף איר שטענדיקן קאָנפליקט מיט טפשות און אומוויסנהייט, אויפן פערמאַנענטן קאַמף מיט פאָראורטיילן און נידערטרעכטיקייט, פעסט געהאַלטן ביי איר גלויבן אין אַ בעסערע צוקונפט!.. ראָזע, די עלנטע, געהעצטע חיה, וועט דאָ קאָנען געפונען אַן אַזיל, אַ היים... און קוים איז זי געוואָרן אַ מוטער, וועט זי שוין אונטער דער וואכזאַמקייט און אונטערן שוץ פון די דאָזיקע אינטעליגענטע פרויען ווערן אַן אַנדערער מענטש און ווידער געפונען אַן אינטערעס אין לעבן.

— וויפיל פענסיאָנערינס קאָן אייער אַזיל אויפנעמען?— האָט אניקע געפרעגט ביי פרוי גערמינעט.

— בערך אַ צוואנציק פערזאָן, ליידער נישט מער. ס'איז שטענדיק פול. אייגנטלעך האָט אונדזער היים געדאַרפט זיין דריי מאָ אַזוי גרויס און אין יעדן בעצירק אַ דריי אַזעלכע היימען...

— ס'איז נישט אַזוי לייכט צו געפינען נאך אַזא פונקט,— האָט געזאָגט פריילן האַרדי.—קוק זיך נאר צו, אניקע.

די פענסטער פון הויפט-בנין, אַן אַלטער פאלאץ פון די צייטן פון לודוויג דעם זעכצנטן, זענען ארויסגעגאנגען אין א פארק. דאָ זענען געווען די וווינצימערן — יעדע מוטער האט געהאַט א באזונדער צימער — א גרויסער עס-צימער, עטלעכע זאלן, וואָס זענען פארוואנדלט געווארן אין ווארשטאטן פאר

ביידעריי און הוטנפוצעריי, די קיך, ווו יעדע איינע האָט געוויסע צייט פראַקטיצירט. א גרויסער גרינער פעלד, באַפלאנצט מיט אקאציע — און קאשטאנען־בוימער, האט געדינט אלס שפּיל־פלאַץ פאר די קליינע קינדער. דורך די צווייגן פון די בוימער האבן שעמערירט די העלגעפארבטע ווענט און די רויטע דעכער פון די זייטיקע פּאוויליאָנען. אַ גרויער גערטנער האָט געבראַכט אין אָרדנונג די וועגן אין די אלייען

— דאָס איז דער איינציקער אָנגעשטעלטער אין גאַנצן הויז,—האָט פרוי גערמינעט דערקלערט...— ער און איך — מיר בילדן דעם גאנצן אדמיניסטראציע־פּערסאָנאל. מאדאם ברוססאט האלט — און האט נאטירלעך פולשטענדיק רעכט — אז יעדע אומגליקלעכע, וועלכע געפינט זיך אין אונדזער היים, מוז אויף זיך נעמען א געוויסן טייל פון דער געמיינזאמער ארבעט. ווי איר זעט זאָרגן מיר הויפּטזעכלעך פאר דער יוגנט. מיר האבן דאָ פינפצעניעריקע מיידלאך — מאמעס! איינע זאָגאר א דרייצעניעריקע... זי ליגט אין דער אפטיילונג פאַר קראנקע. נעכטן האָט זי געבוירן א טויט מיידעלע. די עלטסטע אין אונדזער היים איז א מיידל פון זיבן און צוואנציק יאָר! אָט איז זי!.. יענע הויכע בלאָנדינע, וואָס גיט אכטונג אויף די קינדער און איר קליינע שפּילט זיך מיט א רייף... אבער דערלויבט מיר, איידער איך ווייז אייך די שולע און דעם קראַנקנזאל, אייך צו באקענען מיט דער פארוואלטונג פון אונדיער היים.

גייענדיק איבער די צימערן פון דעמדאָזיקן גרויסן שיינעם בנין האט אניקע באַוווּנדערט דאס מייסטער־ווערק פון איר פריינדין. אָרדענונג און ריינלעכקייט און קודם כּל אן אטמאספער פון געמיטלעכקייט און פרידן, וואָס האט זיך פון די ווענט אפגעשפּיגלט אויף די געזיכטער, זענען געווען שטומע עדות דערפון, אז דא, אין דער שטיל, דערוואכן ווידער פארלוירענע האפענונגען, בויען זיך אויף צוריק צעבראכענע מענטשלעכע לעבנס. אומעטום, אָנהויבנדיק פון קיך ביז צו די ווארשטאטן, האָט מען געארבעט מוטיק און גוט געשטימט.

אַ פֿרייער, אָפֿענער זון סדרוק האָט אַרויסגעלויכטן פֿון די אויגן, וואָס האָבן אייך געקוקט גלייך אין געזיכט אַריין. אָפּטמאָל האָט זיך הינטערן טור, איידער מ'האָט זי געעפֿנט, געהערט אַ געזאַנג. פֿערזען פֿון אַלטע לידער, וואָס זייער איינפֿאַכן ריטם האָט פֿרוי ברוססאט אַליין איינגעשטודירט מיט אירע מיידלעך: לידער וואָס זייער מעלאַנכאָליע און פֿרייליכקייט זענען געווען געזונט ווי די היימאַטס-לופֿט און די פּאָעזיע פֿון פֿאַרגאַנגענע צייטן. אין עטלעכע צימערן האָבן די פֿרישן בלומען און גרינע צווייגן אָנגעפֿילט די לופֿט מיטן ריח פֿון וואלד און פֿעלד...

— איר קענט זיכ'ס גאָרנישט פֿאָרשטעלן, — האָט געזאָגט פֿרוי גערמינעט, באַווייזנדיק זיי אין דירעקציע-קאַבינעט פֿאַרשידענע דאָקומענטן און רעגיסטערס — ווי גיך ס'דערוואַכט ווידער אונטערן שמוץ פֿון עלנט און פֿאַרברעכן די ריינע מענטשלעכע נשמה! נאַטירלעך, אויב די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָסטיטוציע האָט נאָך נישט אַוועקגעלייגט צו טיף איר אומפֿאַרווישבאַרן סטעמפּעל.

— די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָסטיטוציע! איר זענט זער גערעכט, — האָט געזאָגט פֿריילן האַרדי. — אונטערן מאַנטל פֿון בלומרשטן רעגלעמענטירן און סאַנירן איז די געזעלשאַפֿט פּאַקטיש די גרויסע מעקלערין, ווייל זי און נאָר זי טרייבט אָט די אַלע אומגליקלעכע פֿאַרפֿירטע מיידלעך אין אַ ריכטיקער דערציונג, אָן וועלכער נישט איז ווידערשטאַנדס-פֿעיקייט, — לכתחלה אין די אָרעמס פֿון די מענער און שפּעטער אויפֿן גאַס און ווען ס'איז שוין נאָך אַלעמען זוכט מען אַ מיטל ווי אַזוי זיי אַרויסצופֿירן אויפֿן דרך הישר.

— ווען איר זאָלט זיי זען בעת זיי קומען צו אונדז אַריין... און שפּעטער ביים אַוועקגיין -- ווירקליך צו אַ ניי לעבן.

— וויפֿיל דערגרייכן דאָס דאָזיקע ציל? — האָט אַניקע געפֿרעגט.

— דער גרעסטער טייל. מיר שאַפֿן זיי שטעלעס אַ ס באַדינטע בעאַמטע און צייטנווייז אפֿילו מענער... זיי גייען

נישט פון דאַנען אײדער זײ געפונען זיך אַ היים. קוים איז עס נאָר מעגלעך נעמען זײ מיט זײערע קינדער, קאָנען זײ דאָס נישט, זאָרגן מיר פאַר די קלײנע ביז זײ װערן אַלט זיבן יאָר... איר האָט געזען זײער שלאָף-זאַל: פערציק בעטן!.. זיבן און דרײסיק זענען אין איצטיקן מאָמענט פאַרנומען.

— פריװאַטע פילאַנטראָפיע! פאַר נױט איז זי בעסער װי די אַמטליכע, די געזעלשאַפטלעכע,—האָט געברומט פרײלין האַרדי.—אַלע מיניסטעריומס זענען נישט בעסער אײנער פון אַנדערן. אומעטום זאָרגט די ביוראָקראַטיע קודם כל פאַר זיך אַלײן.

— אַזױ איז עס. בײ אונדז, װײניקסטנס, האָט יעדע מוטער איר קינד אױפן אױג און קאָן עס שטענדיק געפינען... מיר האָבן דאָ אױך אַ געװיסע צאָל יתומים און ס'געלינגט אונדז כמעט תמיד צו געפינען זײ עלטערן. און דוקא גוטע, אָפטמאָל אפילו בעסערע װי אמתע. אין דער פראַגע שטײען מיר אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן פינדעל-הױז און אַרבעטן מיט זײ צו-זאַמען.

— איך װײס!—האָט געזאָגט אַניקע,—די אינסטיטוציע פון פרוי אמבראַט.

און פרײלין האַרדי האָט זײ דערקלערט.

— א פרײנדין פון דער פאַמיליע בלאַנשע, אײערע שכנים אין װערסאַיל... הער בלאַנשע, איז אײנער פון אַמעדײס אַלטע חברים... איר געדענקט געװיס, אַז ערשט יענע װאָך האָט ער װעגן זײ גערעדט.

אָבער פרוי גערמינעט האָט זײ איבערגעהאַקט:

— אָט קומט מאַדאַם ברוססאַט. זי װעט אײך שױן דאָס איבעריקע בעסער דערקלערן װי איך.. די דאַמען האָבן שױן באַטראַכט דאָס גאַנצע הױז. ס'זענען בלױז געבליבן די לעבן-געבײדעס.

— איך דאַנק אײך, מאַדאַם גערמינעט. איר זענט נאָך נישט מיד? נײן? איר האָט געזען אונדזערע אײנטריטס רע-גיסטערס און די פערסאָנאַל-אַקטען?.. װאָס זאָגט איר דערצו?

אמתע באַשולדיגונגס-אַקטן קעגן די פאַרברעכנס פון דער מענערוועלט !.. איצט וועל איך אייך ווייזן דעם קראַנקען־זאַל און פאַרענדיקן וועלן מיר מיט דער שולע.

— אַן איינהייטלעך פּראָגראַם אין אַ פאַרקירצטער פאָרם,— האָט באַמערקט פריילן האַרדי.

— אַ ! אונדזער שולע איז אַ קינדער־גאָרטען... קודם כל לערנען זיך די קינדער זינגען אין כאָר, — ס'איז אַ גוטע פאָר־איבונג פאַר דער דיסציפּלין. די עלטערע, — צי נעמען זיי די מוטערס צו זיך, אָדער מיר געפינען זיי אדאַפּטיוו-עלטערן — לערנען מיר לייענען און שרייבן. און דערנאָך — אפשר אַ ביסל צו פרי — גייען זיי פון אונדז אַוועק...

— אָ ! ווען איר זאָלט זיין אימשטאַנד פאָרצוזעצן די דערציונג פון די דאָזיקע קליינע מענטשן־קינדער ! אַלע דאַרפן זיין אַזעלכע מאַמעס ווי איר און מעריטע ! ווייל, אויסער די וואונדערבאַרע לייסטונגען פון אונדזערע איבערגעגעבענע פאָלקס־שול־לערער, מוז דאָס קינד אויך האָבן די פאַמיליען־דערציונג...

— זייער ריכטיק,—האָט געזיפצט פריילן האַרדי.—דער אונטעריכט איז דאָך באמת בלויז אַ טייל פון דער דערציונג, — און דוקא דער איבערפליסיקער טייל ! און די מאָראַל, די אייגנטלעכע גרונדלאַגע, דער יסוד, בלייבט פאַר ס'רוב מענער — און מיר מוזן עס צוגעבן, אויך פאַר די פרויען — אַ פּוסטע פראַזע.

— יע,—האָט באַשטעטיקט מאַדאַם ברוססאַט,—שיינע ווערטער און מיאוסע מעשים !.. די טראַדיציאָנעלע אָדער די מאָדערנע, די קירכלעכע אַדער די וועלטלעכע, דער אונטערשייד צווישן דער רעליגיע פון די ליפן ביז דער פון האַרצן איז נאָך אַלץ זייער אַ גרויסער !..

—ס'שטאַמט דערפון,—האָט פריילן האַרדי לעבהאַפט געזאָגט,— וואָס די וועלטלעכע מאָראַל איז נאָך צו יונג און די רעליגיע שוין צו אַלט ! מ'קאָן נישט פאָדערן פון דער גרויסער מאַסע, וואָס האָט זיך דורות לאַנג געבוקט פאַר אָפּגעטער, זי זאָל זיך

פון היינט אויף מאָרגן באַגייסטערן פאַר נייע אידייען. יע, דער וועג קיין טיפּעראַרי איז לאַנג, זייער לאַנג...

זיי זענען צוגעקומען צום אַריינגאַנג פון קראַנקען-פּאַווילִיאָן, ווו זיי האָט באַגעגנט אַ ווייס געקליידעטע פּלעגערין.

— אַ סטודענטין אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט,—האָט מאַדאַם ברוססאַט אַריינגעשושקעט פריילן האַרדי אין אויער אַריין,—און אַ מוטער פון אַ קליינינקער מיידעלע.

אַניקע איז געגאַנגען פאָרויס מיט דער קראַנקען-שוועסטער און דורכן דעזינפעקציע-צימער אַריין אין שלאָף-זאַל.

— פריילן מיראַט,— אַזוי הייסט אונדזער קראַנקען-פּלעגערין — האָט געזאָגט מאַדאַם ברוססאַט, שטייענדיק ביים אַפּאַראַט צו סטעריליזירן די אינסטרומענטן,—איז איצט זייער צופרידן מיט איר שיקזאַל און איר מוטערשאַפט. זי שטאַמט פון אַן אָנשטענדיקער פאַמיליע און האָט זיך פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַן אויסוואורף. איך האָב איר נאָך געקענט איידער זי איז מעוברת געוואָרן. מיר האָבן איר געעפנט אונדזערע טירן, בעת אַלע אַנדערע האָבן זיך פאַר איר געשלאָסן, דאָס איז אַלץ. זי באַדויערט נישט. זי ווייס, אַז אָוועקגייענדיק פון אונדז, וועט זי שטענדיק אַלס קראַנקען-שוועסטער קאָנען פאַרדינען וויפיל זי דאַרף לכל הדעות גענוג צום לעבן און צו דערציִען איר קינד!.. און ביי דער געלעגנהייט מוז איך באַמערקן: — צווישן די אַלע צופעליקע מוטערס איז נישטאָ קיין איינע וואָס זאָל נישט ליב האָבן איר קינד און זאָל נישט זיין שטאַלץ דערויף!.. אַזעלכע, וואָס, בלייבנדיק אויפן גאַס—וואָלט זי דערוואָרגן איר קינד ביי דער ערשטער באַוועגונג, קאָן זיך איצט דערמיט נישט גענוג אָנפרייען!.. אַך! — ווען אַלע וויגעלעך, וועלכע זיי זאָלן נישט זיין, וואָלטן געקאָנט האָבן די צושטימונג פון דער מאָראַל און דעם ביישטאַנד פון די געזעצן; ווען די מוטערשאַפט זאָל אַזוי געאַכט ווערן, אַז יעדע געבורט זאָל זיין אַ יום-טוב—דאַן וואָלט איך געקאָנט שליִמז מייז געוועלב. מיר ליידן אונטערן קריזיס

פון די געבורטן. אין דער שטאַט, די מלוכה גופא טרייבט צום מאלטוסיאניזם, אויב נישט צו די קינדער-אפטרייבונגען!

— און דאָס שטערט זיי לגמרי נישט, — ס'אַרא לאגיק! — צו באשטראפן די אָפטרייבונג אלס דאס גרעסטע פארברעכן. איך האָב, איבעריגנס, קיינמאל נישט פארשטאנען, פארוואס זאל א פרוי, וואס איז קעגן איר ווילן שוואַנגער געווארן, זיין פארבאטן נישט צו ברענגען אויף דער וועלט קיין קינד — ווייל דאָס עמבריאָ לעבט דאָך ערשט מיטן מאָמענט, ווען ס'הויבט אָן צו עטעמען... (איך נעם עס טעאָרעטיש, ווייל פראקטיש בין איך אויסגעשפּראָכן קעגן זעלבסטמאָרד אין יע-דער פאָרם) דאָס רעכט איבערן קינד אין דער מוטערס בויך, — כל זמן עס עקזיסטירט בלויז אלס פעטוס 1) דארף געהערן אויסשליסלעך איר.

מאדאם ברוססאט, ווייניקער פריידענקענד, האָט קאָנ-סטאַטירט:

— איר גייט זער ווייט! און הערנדיק אייך וואונדער איך זיך נישט מער אויף אניקעס ראַדיקאַלע אַנזיכטן. זי איז אַ שילערין פון אַ פרייער שולע. איך קען איר שוין העכער דריי יאָר און ליב האָב איך איר ווי איך זאָל איר קענען מיין גאַנץ לעבן געבן—אָבער בשום אופן קאָן איך זיך נישט צוגעוויינען צו איר בחורשן לשון.

פריילן האַרדי האָט געקוועטשט די באַקעס:

— און דאָך שטייט איר אויפן זעלבן שטאַנדפונקט ווי איך! די וויסנשאַפט, מיט אירע עקזאַקטע אויסדרוקן איז נאָך אַלץ בעסער ווי די צביעות מיט אירע סודות און געפּאָרן, ווען מ'זאָל דער וואַקסענדער יוגנט פון דער פריסטער קינדהייט אָן — ווייל קינדער הויבן אָן צו דענקען זער פרי — דערקלערן דעם ווי אַזוי און פאַרוואָס פון אַלע זאַכן און בעיקר דעם פראָצעס פון וועלכן ס'הענגט אָפּ דער קיום המין, די פאָרטזעצונג

---

1) פעטוס—בויך-פרוכט.

פון דער ראסע, וואָלט בכלל נישט געווען מער קיין קערפּער־טיילן און קיין קראַנקהייטן מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך שעמען! מיר וואָלטן דאַן געהאַט אַ סעקסועלע מאָראַל, און אַ נאָרמאַל געזונט לעבן. אַ רעליגיע אָנשטאַט אָבערגלויבן! וויפיל צרות האָט אונדז געבראַכט דער קאַטאָליציזם, וואָס האָט מיט פייגנ־בלעטער און שלייערס אנטשטעלט די אַנטיקע נאַקעטקייט!.. בעת איך קלער וועגן דעם, אַז אין אונדזערע לערביכער, אי־בער נאַטור־געשיכטע זענען פאַראַן אָבצייכענונגען פון די אָר־גאַנען און דער באַפרוכטונג פון בלום, דאָס לעבן פון מענטשן אָבער פאַרדעקט מען מיט אַ שלייער פון סודות — יע, דאָס איז דאָך ווירקלעך... וואָס?

— יע, האָט געזאָגט פרוי ברוסטאַט, יע, דאָס איז אידיאָטיש.

— אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל מיט מיינע שילער באַ־רירט די דאָזיקע ערנסטע פראַגע מיט אַ יאָר פופצן צוריק, זענען געקומען די עלטערן און האָבן מיר געמאַכט אַ גרויסן סקאַנדאַל. נאָך איצט הער איך די ווערטער וואָס איינער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט:

—„איר זענט ענטוועדער משוגע אָדער אויסגעלאַסן! און דער באַצירק־אינספּעקטאָר האָט מיר גערופן צו אָרדענונג. דער רעזולטאַט: ביי אונדזער בורזשואַזיע גייען די יונגלעך — ווי נאָר ס׳הייבט זיי אָן מאַטערן די פּובערטעט 1) אין די עפנטלעכע הייזער און דאָ שאַפט זיך גלייך זייער שמוציקע אנזיכט וועגן דער פרוי אין דער צוקונפט... ס׳פאַרלירט זיך לגמרי דער ריי־נער סענטימענט. וואָס אנבעלאַנגט די מיידלעך, נעמט אָפּ איי־נע ביי דער אַנדערער די קינדישע נאַיוויטעט און דאָס אי־בעריקע פאַרענדיקן שוין די יונגלעך. אויפן דאָרף האָט מען ווייניקסטנס דעם ביישפּיל פון דער נאַטור. די חיות געבן אונדז אין דער הינזיכט בעסערע לעקציעס ווי די מענטשן.

---

1) פּ בע־טעט – סעקסועע רייפקייט, בגרות.

די צוויי פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט און זענען געווען צופרידן דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווי צוויי אַלטע חברהטעס.

— מיך דאַרפט איר שוין דערין נישט איבערצייגן!

— דערווייל — האָט באַמערקט פריילן הארדי — האָבן מיר פאַרלוירן אניקען!

פרוי ברוססאט האָט אַן עפן געטון די טיר פון שלאָפ־צימער „אָט איז זי דאָך”!.. זי איז געשטאַנען צוזאַמען מיט דער פלעגערין ביים בעט פון דער איינציקער קראַנקער: א בלאָנד מיידל מיט אַ קליין, בלייך פנים, די האָר פאַרקעמט איבער די אויערן. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון קינד: מיט אַן אומבאַוווּסטזיניקן שרעק האָט זי דערציילט, אַז בעת זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע האָט איר שוין אין זייער ענגער פינסטערער קעלערשטוב אַן אייגענער ברודער דעמאָראַליזירט. צו עלף יאָר איז זי אָנגעקומען אַלס דינסט צו אַ וויינהענדלער און ער פלעגט מיט איר אין קעלער פאַרברענגען, ביז זי איז ענדלעך קראַנק געוואָרן: זי וויים נישט ווי אַזוי, אויפן בויך...

— פון יענעם טאָג אָן ווען ער האָט מיר — אנשטאט ווי תמיד מיט מיר זיך צו שפילן — אַ וואָרף געטון אויף א פאס, און ס׳האָט מיר זער וויי געטון...

— אָבער,—האָט אניקע געפרעגט אין מאָמענט ווען פריילן הארדי און פרוי ברוססאט זענען אריין אין צימער,—צי דען האָט דיר קיינער פריהער נישט געזאָגט, אַז אזוי זיך שפילן איז זער מיאוס און אַז דערפון קאָן ארויסקומען דאָס וואָס ס׳איז געשען?..

די קליינע האָט איר נאַיוו אָנגעקוקט:

— יע? מיין מאַמע בעת זי האָט מיר א מאָל געכאפט זיך שפילנדיק, אויף א געלעכטער מיטן ברודער... אבער איך האָב איר נישט געגלויבט, ווייל איך האָב דאָך געזען אַז זי שפילט זיך פונקט אזוי מיטן פאָטער...

— אבער איצט וועסטו מיר גלויבן, — האָט איר מאַדאם ברוססאט זייער ערנסט געפרעגט.

— יע, גאַנץ געוויס, מאדאם! איר ווייסט גאָרנישט וואס פאר א שרעק איך האָב איבערגעלעבט בשעת מ'האָט מיר אויפגעשניטן דעם בויך.

ווען איר טויט קינד האָט זי לגמרי נישט געטראכט. נישט געקוקט אויף דער אנעסטעזיע פון כלאָראָפאָרם, האָט זי זיך נאָך אלץ געפונען אונטערן איינדרוק פון שרעק פאר דער אָפעראציע זי האָט געזיפצט:

— איך וועל פארזאָגן א צענטן, זיך נאָך א מאָל אריינצולאָזן אין אזעלכע זאכן!..

אניקע האָט זיך דערוווייטערט א פארטראכטע. די זעלבע עמפפערונג, נאך א שטארקערע ווי די וואס זי האט געלייענט אויף די געזיכטער פון פריילן הארדי און מאדאם ברוססאט, האָט פארכאפט איר גאנץ וועזן. א מבול פון פארביטערונג האט זיך אויף איר אויסגעגאסן און פון ס'ניי איר דורכגעדרונגען מיט א ווידער דערוואכטן שרעקלעכן פיזישן עקל. זי האָט געוואָלט אפטרייבן די דאָזיקע וויזיע, און ווידער א מאל האט זי איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן מאָמענט, ווען לעבאס אָפשטויסנדיקער געזיכט האט זיך אריבערגעבויגט איבער איר.

זי האט געטראכט אויפן קול:

— דאס דאזיקע קינד האָט דאָך אנגערופן דעם נאמען פון איר שעף... ער פארדינט מ'זאל זיך מיט אים אפרעכענען.

— מיר וואלטן עס זיכער געטון, כאטש ער האט א ווייב מיט קינדער...—האָט געזאגט מאדאם ברוססאט. — אבער גראד בעת איך האב אנגעהויבן די אויספארשונג איז ער געלעגן אויפן טויטן בעט. אן אומגעריכטער אומגליק... אבער דער צופאל שאפט א מאל גוטע זאכן אויך.

— ניין! —האט געזאגט פריילן הארדי, — איך האלט מיט אניקען. אזעלכע פארברעכערס פארדינען א געהעריגע שטראף... ווען ביי אונדז זאל זיין גערעכטיקייט... צום גליק איז פאראן

א צוקונפט, האט זי געמורמלט, אנווייזנדיק אויף דער שולע אַ וועלכער זיי זענען צוגעקומען.

א לוסטיקער עולם יינגלעך און מיידלעך האָבן ארומגע-טאנצט אויפן שפיל-פלאַץ...

— לאָמיר האפן, אז דאָס וועט פארניכטן יענץ! את די דאזיקע מחנה פאטערלאזע וואס וואקסט פון טאג — זיי זענען אונדזערע רעקרוטן!.. איצט זענען זיי, דורך דער שטארקער וואך פון דער בירגערלעכער געזעלשאפט ארום זייערע אייזער-נע קאסעס, ארויסגעשטויען פון זייערע פאמיליעס און ירושות! דאס ירושה-רעכט איז א פרעמיע פאר פוילקייט און עקספלוא-טאציע! דאס מוז בכלל אָפגעשאפט ווערן. און דערווייל האט נעכטן אין סענאט א קליינקעפּדיקע מאיאריטעט געהאט די חוצפה אויסצושליסן די אומגעזעצלעכע קינדער פון דער אונ-טערשטיצונגס-ליסטע פאר צאלרייכע פאמיליעס. צום מיליטער-דינסט אבער און שטייערן צו צאלן זענען זיי גוט! ס'ארא עלענט!.. נאר געדולד, זיגן וועלן מיר. את די קליינע, אומ-געבעטענע געסט, זיי וועלן מיט דער צייט ענדערן די געזעצן...

אניקע האט געשמייכלט צו פריילן הארדי. א טיפער גלויבן האט אנגעפילט איר הארץ מיט דער ענערגיע פון יענע קוואלן, וואס פארוואנדלען זיך אין שטראמען. דאס בילד פון די קינ-דער וואס זענען דא געוואקסן קרעפטיקע און געזונטע, נישט געקוקט אויף דער אומפארמיידלעכער צוריקזעצונג, האט דער-וועקט אין איר א פיבערהאפטע האָפענונג... פונקט ווי די איינציק און אליין אנערקענטע, פאטענטירטע, לעגיטימע קינדער מוזן אומבאדינגט אויך די נאטירלעכע גלייכבארעכטיגט ווערן!

זי אליין וועט די ערשטע דינען אלס ביישפּיל. זי וועט ליבן פריי ווען זי וועט אויסוויילן און וועט ברענגען אויף דער וועלט קינדער און אזוי גוט ווי זי האָט זיי געגעבן דאס לעבן, וועט זי זיי אויך געבן איר נאָמען. שטאלץ וועט זי זיך ריכטן לויטן געזעץ פון דער צוקונפט, וואס זשאטמען האט איר בסדר אונטערגעפיערט אים דורכצוזעצן. זי האט נישט געצווייפלט,

אז זייער נויטוועגדיקייט און ביליקייט וועט סוף כל סוף אנערקענט און אנגעווענדעט ווערן.

— דאס קינד, — האט זי געזאגט קאטעגאריש — האט אפיציעל שטענדיק געדארפט טראגן דעם נאמען פון דער מוטער. אויף דעם אופן וואלט לגמרי פארשווונדן דער פאראורטייל קעגן יענע קינדער, וואס דער שטאנד־רעגיסטער זעצט זיי אראפ אין א ספעציעלער רובריק מיט דער באמערקונג „דער פאטער אומבאקאנט”. ערשט שפעטער וואלט אין די אויסצוגן און אין די אקטן גופא געדארפט פיגורירן דער נאמען פון פאטער — און טאקע אבליגאטאריש — אויב מ׳קאן אים גענוי פעסטשטעלן...

פרוי ברוססאט וואס די יארן האבן שוין א ביסל אפגעקילט איר ברען, און דעריבער האט זי זיך תמיד גערעכנט בלויז מיט געשעענע פאקטן, האט א פרעג געטון:

— אפילו אין דעם פאל, אז דאס קינד איז נישט קיין געזעצלעכעס? — בעיקר אין אזעלכע פאלן.— דאן וואלט מען זיך געמוזט שיצן קעגן שאנטאזשן ביים פעסטשטעלן די פאטערשאפט! ס׳וועט נאך גאנץ לאנג דויערן ביז א בעסער ארגאניזירטע געזעלשאפט וועט געבן דער פרוי פון מארגן דעם נויטיקן שטאלץ און די מאטעריעלע אומאפהענגיקייט, אז זי זאל זיך באמת קאנען באגיין אן מאן. ווי מיינט איר אביקע?

— א! איך, פון מיין זייט, באשטיי לחלוטין נישט דערויף, אז מ׳מוז מעלדן דעם נאמען פון פאטער. דאס איז די אידייע פון זשאקמען. אן אמתע מענטלעכע אידייע, כאטש ער איז איינער פון די וואס גלויבן מער אין דער פאטערשאפט פון דער דערציהונג איידער פון בלוט.

— צוריק, הייסט עס, צום מאטריארכאט, צו מוטער־רעכט?.. גוט, איך האב גארנישט דאקעגן! מיין בראווער זעליאנאוו וועט אויך קעגן דעם נישט פראטעסטירן. אויב ס׳איז

אמת, אַז ס׳האָט אַ מאָל געהערשט מוטער-רעכט, גייען מיר צוריק צום אויסגאַנגס-פּונקט!

— אָבער, מיט אַ גרויסן באַגאַזש דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט! — האָט באַמערקט פריילן האַרדי.

אירע אויגען האָבן געגלאַנצט. די שטים האָט געהילכט:

— ס׳איז דאָ אַ פּראָגרעס! נאָר אַ בלינדער קאָן באַהויפּטן, אַז די מענטשהייט באַוועגט זיך כסדר אין אַ געשלאָסענעם קרייז און מאַכט דורך אייביק דעמזעלבן שטח. ניין! דער וועג וואָס פירט צו דער צוקונפט האָט קיין שום ענלעכקייט נישט מיטן סימבאָל פון די טויטע רעליגיעס, מיטן שלאַנג וואָס בייסט זיך דעם עק. יע, געוויס, דער וועג איז אַ געדרייטער ער שטייגט אָבער אין דער הויך: ס׳איז אַ ספּיראַל... אין פּאַראַלעל פון דאָזיקן שטריקל דוכט זיך אָפטמאָל, אַז מ׳גייט באָכאַמאָל דעמזעלבן וועג, ס׳איז אָבער אַ טעות, מ׳גייט פאָרווערטס, מ׳שטייגט אין דער הויך!

שווייגעדיקע האָבן זיי געמאַכט עטלעכע טריט פאַרביי די אָפענע שול-פענסטער.

מיט גרויס אייפער האָט די אַלטע דערציערין אין איר בעדאַנקען-גאַנג געוואָרפן אַן איבערבליק אויפן שרעקלעכן קרייצוועג, וואָס מ׳האָט דורכגעמאַכט, אָנהויבנדיק פון די אַנטיקע קולטור-פעריאָדן... אזיען מיט אירע אַמאַזאָנקעס און קיניגינס, מצרים, ווו די פרוי איז געווען גלייכגעשטעלט מיטן מאַן, גריכנלאַנד ספּאַרטעס מיט אירע שטאטסבירגערינס און אַטהענס מיט אירע העטערעס, שפּעטער רוים מיט אירע מאַטראָנעס — די דאָזיקע גאַנצע פאָרגעשיכטלעכע און געשיכטלעכע פעריאָדע ביז דער ריטערלעכער צייט פון די מינגעהויפן... דערנאָך די אינוואַזיע פון דער כלומרשטער קאַטוילישער צניעות און די צביעות, וואָס האָט דערשטיקט דאָס שוואַכע מאָרגנליכט פון קריסטנטום מיט אַ באַרבאַרישער פינסטערניש, וואָס איז געווען אַ סך שטאַרקער ווי די ברוטאַלע פויסט פון די ווילדע האָרדעס, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטון פון צפון, —

און גלייכצייטיק האָט זיך אויך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון שקלאַפערײ. די איירא‌פּעערין איז אַריינגעפאַלן אין א צושטאַנד פון רעכטלאָזיקייט פונקט ווי די אַפריקאַנישע שקלאַפנס. אויף איינצוואַרפן די ווענט פון דער דאָזיקער תּפיסה האָט די זון פון דער רעוואָלוציע געדאַרפט האָבן גאַנצע אַכצן הונדערט יאָר !.. באַלד הויבט זיך אָן אַ מאַרשמיט אַ גיכן טעמפּאָ. אין משך פון קנאַפּע הונדערט יאָר האָט די דעקלאַראַציע וועגן רעכט פון דער פרוי און בירגערין, פאָרמולירט דורך אָלימפּע דע גוזש, אַלס ענטפער אויפן פּראָקלאַמירן מענטשן-רעכט, גע-פונען אזאַ טיפן אָפּקלאַנג אויף דער גאַנצער וועלט, אַז פאַר דער געפאַנגענער האָבן זיך פלוצלינג אומעטום — אויסער אין פראַנקרייך פון די דריי שטאַנדן — געעפנט ברייטע האָריזאָנטן. אַ האַלבע וועלט האָט איצט פאַרהייליקט די אידעע, פאַר וועל-כער אַנ'אַוואַנגאַרד האָט זיך מוסר נפש געווען, געקעמפט און געליטן, באַצאָלנדיק נישט בלויז מיט זיין גייסטיקער אַרבעט, נאָר אויך מיט זיין פערזאָן — און האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער ביז איצט אונמינדיקער נישט בלויז גלייכבארעכטיגונג, נאָר פּאַק-טישע גלייכשטעלונג. אין ענגלאַנד, אין דער שווייץ, אין דענע-מאַרק, איסלאַנד און פינלאַנד האָט די פרוי באַקומען וואַל-רעכט, איז געזעסן אין געמיינדע-ראַט און האָט געקענט גע-ווילט ווערן אַלס דעפּוטאַטין. דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, אונגארן און בעלגיע האָבן צוזאַמען מיטן וואַל-רעכט געגעבן דער פרוי די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען עפנטלעכע פּאָסטנס. אין אַמעריקע, ווו נאָך פאַרן קריג, האָבן שוין זעקס און דרייסיק שטאַטן גערופן דער פרוי צו די אורנעס, האָט אין יאָר 1920 א פעדעראַציע-געזעץ באַשטעטיקט דעם נצחון פון פעמיניזם. אין גאַנץ איירא‌פּע האָבן זיך בלויז די לאַטייניש-לענדער געהאַלטן ביי זייער רוטינע...

פריילן האַרדי האָט באַזונדערס באַדויערט, וואָס גראַד יענע לאַנד. ווו ס'האָט אויפגעפלאַקערט דער דאָזיקער שאפנדער פונק, איז געבליבן הינטערשטעליק. אומזיסט האָט די פראַנצוי-זישע פרוי אין דער צייט פון קריג מיט איר אנגעשטרענגטער,

אינטענסיווער ארבעט אויף אלע געביטן, פארדאָפּלט די לייס־טונגס־פעהיקייט פון די זעלנער! די רעגנטיארן פון 89, די אנגעפרעסענע בורזשואַזיע האָט זיי בשום אופן נישט געוואלט געבן מער ווי דאָס לעכערלעכע ביינדל, וואָס זי האָט צוגע־וואָרפן, — נאָך פאר 1914 — אלע ענטפער אויף זייערע גערעכטע פאָדערונגען: וואל־רעכט צו די האנדלס־געריכטן, פאסיווע וואל־רעכט אין די פּראָפעסיאָנעלע שידס־געריכטן! קיין זכר נישט פון דעם אלעם!.. אלע וועגן זענען געווען פארבארי־קאדירט מיט די אלטע, נארישע, אויסגעדראשענע טענות, וואס זענען גוט, העכסטנס, פאר דער שטיקנדער אטמאָספער פון קאנ־צערט־קאפעען...

מיט א צערטלעכן בליק, פול האָפענונג האט זי געקוקט אויף אניקן, וועלכע איז מיט לייכטע טריט געגאנגען פארויס. די זון האט באגילט אירע זיידענע לאָקן און איר ברוינעם נאקן... איר גרויסע אניקע!..

אין גרונד גענומען,—האָט געזאָגט מאדאם ברוססאט, רע־זומירנדיק אויף איר שטייגער די גאנצע דיסקוסיע, אין גרונד גענומען—שטאמט דער גאנצער אומגליק פון דער הייליקער שריפט! פריילן הארדי איז פולשטענדיק גערעכט. די ביבלישע לעגענדע מיט איר אבסורדער פאבולע וועגן אור־חטא ווי די גאנצע מעשה מיטן שלאנג מעג שוין אוועק אין ארכיוו. די דערפינדונג פון א בייזן גאט, וואס פירט אריין אין א נסיון כדי דערנאך צו באשטראפן, האָט מיר תמיד שרעקלעך אמ־פערט. דער עץ הדעת טוב ורע? ווען מיר זאָלן אפילו אנעמען, אז חוה איז באמת געווען די איינציקע שולדיקע, וואס זי האט א ביס געטון פון פארבאָטענעם עפל, האט זי שוין גענוג באַ־צאלט פאר דער דאזיקער נייגיריקייט, פון וועלכער דער מאַן שאָקלט זיך לגמרי אָפּ!.. דער פארלארענער גן־עדן?.. יע, אַן אויסגעצייכנטער מיטל צו כאפן נשמות!.. דער גן־עדן?.. ער איז אויף דער ערד, און אין אונדז גופא! מיר זוכן אים, דער טייוול ווייסט וווּ, און האבן אים ביי זיך אונטערן האנט. אונדזער גן־עדן!.. און ביז חוה וועט צוריק אוועקפירן אהין

אדמן, האט זי צוגעגעבן, זיך וועגדנדיק צו פריילן הארדי, שיקט מיר אהער, וואס גיכער, אייער ראזען. איר בעט איי גרייט. מיר ווארטן אויף איר.

6

— איוועלינעס — ראזע ארעסטירט פאר קינד־מארד.

בין האטעל פאסט, קום.

מערעטע.

— שרעקלעך, — האָט אניקע אויסגעשריגן און א ווארף געטון אויפן ארבעטס־טיש די דעפעשע, וואס זי האט נאר וואס באקומען. — מיר זענען אזוי פארנומען מיט אונדזער אייגענעם איך, אז מיר ווייסן לגמרי גישט וואס עס טוט זיך מיט אנדערע... און וואס ווייסט מען, אייגנטלעך, וועגן זיך גופא?

די אומגליקלעכע!.. אין מאמענט ווו זי האט ווידער גע־קאנט קומען צו זיך, זיך שטעלן אויף א פעסטן באדן! אין עטלעכע טעג ארום וואלטן זיך פאר איר געעפנט די טירן אין היים פון אויטייל און זי האט געקאנט פארגעסן אן איר אומ־גליק... האט מערעטעס בריוו דוקא געדארפט אנקומען נאכן ווילדן פארברעכן...

אניקע האט גלייך באשלאסן וואס זי האט צו טון. זי טאר נישט בלייבן גלייכגילטיק צו פריילן הארדיס פארלעגנהייט און אויך נישט פארלאזן דער אומגליקלעכער פארברעכערין. זי מוז וואס גיכער אלץ דערגיין און, ווען ס'איז נויטיק, ברענגען דעם געהעריקן נוצן. די דאזיקע ראזע, וואס איר עובדה האט גלייכצייטיק ארויסגערופן ביי אַניקן א געפיל פון טרויער און פון צארן, מוז אומבאדינגט האבן א פארטיידיקער... וועלכער זאל, נישט אפשוואכנדיק דאס פארברעכן, בעסער פון איר זוכן און געפינען מאטיוון, אויב נישט פאר איר רעכטפערטיקונג, איז לפחות פאר נאכגיביקייט און מיטלייד.

אין איילעניש האט זי איינגעפּאַקט אַלץ וואס זי האט נויטיק געהאַט צו דער רייזע, און פּלוצלינג זיך דערמאַנט, אַז גראָד היינט נאָכמיטיק האָט זי זיך באַשטעלט מיט אַמעדייען... קיין שום פראַגע האָט פאַר זיי מער נישט עקזיסטירט, זינט אַ בליק האָט באַפעסטיקט דעם געהיימען אָפּמאַך פון צערטלעכקייט צווישן זשאַקמענען און פרייליין רעמבערט. זיי זענען געווען אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס געפעלן זיך איינער דעם אַנדערן. דאָס איבעריקע האָבן זיי געלאָזן דער צייט.

מיט דער פולשטענדיקער אינטעלעקטועלער סימפּאַטיע האָט זיך אין דער שטיל פאַרייניקט אויך די פיזישע דערציונג... נישט קלערנדיק מכּוח מאָרגן אַנדערש ווי וועגן אַ פּערמאַנענטן, געמיינזאַמען יום־טוב, האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דעם געניוס פון דער געגנוואַרט מיט איר שטילער האַרמאָניע. זיי האָבן זיך נאָך נישט געזאָגט קיין שום פאַרפליכטנדיקע ווערטער, נישט געגעבן קיין דעציזירנדיקע קושן. אָבער ווערטער און קושן האָבן זיך וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ מער געריסן פון הארצן אויף די ליפּן...

— איך האָב נאָך צייט צו אים אַריבערצולויפן און זיך פאַרשטענדיקן.

מיטן שטאָט-באַן איז זי צוגעפאָרן ביזן בולוואַר ראַפּסאַיל, פּונקט אין מאָמענט ווען ס'האָט זיך אויפגעהויבן די ווינדע. ווי אַ פייל פון בויגן האָט זי זיך אַרויפגעטראָגן אויפן זעקסטן שטאָק. די פאָרטיערין, וועלכער זי האָט איבערגעגעבן איר רייזע־בייטל, האָט נישט געזען, אַז דער דעפּוטאַט זאָל האָבן אַוועקגעגאַנגען. דאָך איז ער אינדערהיים נישט געווען...! די אַלטע קעכין און ווירטין פרוי דאַנוואַאַ, האָט איר גלייך דערקענט — ווייל אַניקע איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביי זשאַקמענען צו מיטאָג צוזאַמען מיט פרוי ברוססאַט און זעליאַנאָוון — און האָט פריינטלעך דערקלערט:

— הער זשאַקמען איז אין פּאַלע-בורבאָן אויף אַ פּאַרטיי-באַראַטונג. ער וועט האָבן קרענקונג!

אַניקעס געזיכט האָט איר פאַראַטן, אַז זי האָט דערפון

נישט ווייניקער קרענקונג. ווו זאָל זי אים איצט כאַפּן ? אויב זי וויל קומען פאַרנאַכט קיין איוועלינעס, מוז זי שוין לויפן צום באַן...

— אויב די פריילן האָט עפּעס נויטיקעס איבערצוגעבן ?

— יע, מיר האָבן אָפּגערעדט היינט נאָכמיטאָג זיך צו טרעפן ביי הער זעליאַנאָוו, און גיין צוזאַמען צו הער רוססאָט...

— רוססאָט ?

— ער וועט שוין וויסן... ס׳איז דער דירעקטאָר פון דער קונסט-אַקאַדעמיע. הער זשאַקמען מוז נאָך אומבאַדינגט פאַר מיטאָג וויסן, אַז איך האָב פּלוצלינג געמוזט אָפּפאָרן קיין איוועלינעס... זאָל ער זיך אויף מיר נישט ריכטן און זיך נישט באַאומרויקן !.. ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ פּראָצעס... איך וועל אים פון דאָרט גלייך אין אָוונט שרייבן...

איר געזיכט האָט אויסגעדריקט אַזאַ אויפרעגונג און אַנטוישונג, אַז די קעכין האָט איר געטרייסט :

— ערגערט זיך נישט, פריילן, דער הער וועט זיכער טעלעפאָנירן, און איך וועל אים אַלץ גענוי איבערגעבן.

— איך דאַנק אייך, פרוי דאַנוואָאַ.

מיט אַ ליבן שמייכל האָט איר די אַלטע נאָכגעקוקט ווי זי איז אַראָפּ פון די טרעפּ. אפשר בעסער פון איר הער האָט זי געוווּסט, וואָס פאַר אַ סענטימענטן ער האָט פאַר אַניקן. קיין נביאה האָט זי שוין דוקא נישט געדאַרפט זיין, כדי צו שטעלן דעמדאָזיקן דיאַגנאָז. זי האָט בלויז אָבסערווירט מיטן אויג פון אַ לאַנגיעריקער, געניטער עקאָנאָמקע, די טאָג-טעגלעכע עדות, אָן וועלכע מ׳קלערט אַמווייניקסטן.

זיצנדיק אין טאַקסאַמעטער וואָס האָט איר געפירט צום וואָקזאַל סען-לאַזאַר, האָט זיך אַניקע פאַרקלערט. עפּעס האָט זי געשפּירט מער ווי אַנ׳אַנטוישונג וואָס זי האָט נישט געפונען אַמעדייען : אָן אַמתן קליינעם קומער ; ס׳איז איר פּראָסט פּשוט געווען אַ שאָד צו פאַרלירן אַ גליקלעכן טאָג... דער דורכגעפלאָ-ווענער באַזוך ? דער באַרימטער מאָלער, מיט וועלכן זי האָט

צאווונדערט זיין שארפן טאלענט, באזונדערס אין זיין לעצטן ווערק: „די מאַרשאַלן אונטער דער טריומפ־ארקע“?.. יע, דאָס אויך. אָבער דער עיקר דאָס פאַרגניגן צו זיין אינאיינעם מיט אַמעדייען... די אינטימקייט פון זייער קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש.

ס'האָט זיך איר זייער געוואָלט זיין די ערשטע, וואָס וועט אים דערציילן וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. זי האָט גערן געוואָלט הערן זיינע באַמערקונגען, זיינע עצות...

דער גרויסער טומל אויפן באַן־הויף, די מאַסע צוגן, די וואַגאָנען, דאָס אָפּפאָרן, האָט איר אַ ביסל צושטרייט. דער אַלט באַקאַנטער און ווידער אַנטדעקטער שטח מיט אַלע זיינע פּרטים, די שעמערירנדיקע סענא, דער געוועלבטער שלאָס פון לודוויק דעם פערצנטנס צייטן, אַ רעקלאַמע־טאפל צווישן די פּאפּלבוימער, וואָס האָט מיט אירע שרייעדיקע פאַרבן געשטערט די צאַרטקייט פון די לאָנקעס — האָבן אויפגעבליצט אין איר זכרון און זענען גלייכצייטיק פאַרבייגעלאָפן ווי פּליענדיקע פייזאַזשן...

— די אומגעגנד פון איוועלינעס, די חורבות פון די אַלטע פעסטונגס־ווענט אַרומגערינגלט מיט מעך־באַוואַקסענע הייזער, דאָס גאַנצע בילד פון דער קליינער שטאָט האָט פלוצלינג אויפגעוואַכט אין איר זכרון צוזאַמען מיט דער דערינערונג אן איר יוגנט. זי האָט זיך געשפּירט ווי אַ פאַרגעסענע פרעמדע אין דער קאָנטינואיטעט פון דער אַרומיקער וועלט... אַ פאנטאם פון אַ קליינער אניקע, וואָס זי דערמאָנט זיך קוים, אַז זי איז עס אַ מאָל געווען.

אין פּאָסט־האָטעל האָט זי פריילן האַרדי בישט געפונען.

זי איז נאָר וואָס אוועק צו הער סויריאָט, דעם קצב, ווו ראָזע האָט לעצטנס געאַרבעט אויף זשאָרזש־קלעמענסאָ פּלאַץ!..

— קלעמענסאָ?

— יע, דער פריערדיקער מאַרק־פּלאַץ.

— א, דאָרט, איך ווייס ווו ס'איז...

דער מאַרק־פּלאַץ, זיינע הונדערטיעריקע לינדן־ביימער

רונד אַרום די נידעריקע האַלעס מיט די שיפּער־דעכער, מיט די מחנות גריכנדיקע טויבן!.. און אויף עק ל׳עשאַד־גאַס דאָס גע־וועלב מיט די גרינע שטאַרן, ווו זי האָט געלעבט, אַ הויף אויסגעוואַקסן מיידל, וואָס האָט געקאָנט טראָגן דער מאַמעס קליידער... רעמבערטס פּל־המינים־האנדל „צום גוטן איינקויף“... דעמאָלט איז נאָך נישט געווען קיין קלעמענסאָ־פּלאַץ, — שוין לאַנג, זייער לאַנג... אין יענער צייט בעת זי און ראָזע זענען נאָך געגאַנגען אין שולע, פאַרן מבול, פאַרן רויטן מבול פון קריג.

אויסערן נייעם גאַסן־שילדל — אויף וועלכן זי האָט מיט סאַרקאַזם איבערגעלייענט קלעמאַנסאָס נאָמען — האָט זי געפונען דעם מאַרק־פּלאַץ מיט זיינע בליענדיקע לינדן־שפּיצן איבער די דעכער לגמרי אידענטיש ווי ער איז געווען. זי האָט געזוכט מיט די אויגן, אויף עק ל׳עשאַד־גאַס איר פאַטערס געוועלב, האָט אָבער נישט געזען מער ווי אַ בלוט־רויטע וואַנט מיט ווייע אותיות „ס ו י ר י א ט“ און אויף האקעס גרויסע פּערט־לען ברוינלעך פלייש, באַדעקט מיט גאַנצע מחנות פליגן...

זי האָט צוגעהאַלטן די נאָז און איז מיט אַ פאַרדריקט האַרץ אַריין אין געוועלב. פרייל׳ן האַרדי האָט איר באַמערקט און איז איר געפאַלן אויפן האַלדז:

— איך דאַנק דיר וואָס דו ביזט געקומען... איך האָב געוווסט, אַז דו וועסט איבערנעמען די פּאַרטיידיקונג.

אַ צוטראָגענע האָט אַניקע באַטראַכט די ווענט, וואָס זי האָט זיי קוים דערקענט, די גלעזערנע טיר אין הינטערצימער, ווו זי איז געבוירן געוואָרן... ס׳האָט איר געשטיקט אין האַלדז. דער פוילער גערוך, די אַטמאָספער פון טויט רונד אַרום ביזן דיקן מענטשן מיטן מעסער און גאַרטל, וואס זיין בויך האָט בעשטירצט פון פאַרטוך מיט די רויטע פלעקן.

— פרייל׳ן רעמבערט,—האָט פרייל׳ן האַרדי פאַרגעשטעלט,— אַדוואָקאַט ביים אַפּעלאַציע־געריכט אין פּאַריז... יע, די טאָכ־טער פון פריערדיקן אייגנטימער...

— זייט ווי ביי זיך אין דער היים, פרייל׳ן! — האָט אַ זאָג

געטון דער קצב מיט אַ פעטן געלעכטער און אַן איבעראַשטן גרוס.

שטאָלץ אויף דער ראָל פון אַ הויפּט־פּערזאָן אין דער דראַמע, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ איוועלינעס, האָט ער צום צוואַנציקסטן מאָל אָנגעהויבן פון ס׳נײַ צו דערציילן די גאַנצע מעשה לויט זיין אויפפאַסונג. מיט אַ נישט גוטקייט ביז ברעכן האָט זיך אַניקע אָנגעטאָן אַ כּוח אים אויסצוהערן. אַ שרעקלעכער אומעט האָט זיך צונויפגעמישט מיטן געפיל פון עקל...

— האָב איך איר, הייסט עס, צוגענומען, צו דער אַרבעט בלויז פאַרן עסן, ווי דער שטייגער איז. און וואָס האָט זי, אין איר צושטאַנד, געקאָנט מער פאַרלאַנגען! יע, קיין אַרבעט פעלט ביי מיר נישט... איך פלעג איר דעריבער תמיד זאָגן: „עס, מיין קינד! אַרבעטן, אַרבעטסט די פאַר פיר, מוזט די דאָך ווייניקסטנס עסן פאַר צוויי”... פלייש, ווי איר זעט, האָב איך מער ווי גענוג... אין די היצן וואַרפט מען דאָך אַרויס מער, ווי מ׳פאַרקויפט... און דאָך האָב איך באַמערקט, אַז די לעצטע צייט איז ראָזע עפּעס נישט מיט אַלעמען. ווי אַ שטיק בהמה פלעגט זי זיצן ביים פּילן טעלער און קוקן גלאַט אין דער וועלט אַריין. וואָס גרעסער דער בויך אַלץ מאָגערער זענען געוואָרן אירע באַקן, אַלץ שטאַרקער איר פאַרביטערונג קעגן דער שלעכטקייט פון די מענטשן. די גאַסן־יונגען פלעגן איר נאָכלויפן און באַוואַרפן מיט שמוץ... אין אַ שיינעם טאָג איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן, כּדי ערגעץ ווו אַרויסצוואַרפן דעם פּעקל; יע, דאָס איז געווען דאָנערשטאָג, און זונטאָג איז זי אַוועק אין דער פּאָליציי פון געמאָלדן, אַז זי האָט געטויט איר קינד.. מיטן הילצערנעם שיך איבערן קעפּל, דעם אומשולדיקן וואָרעם! צי איז׳ס נישט נידערטרעכטיק.. מ׳האָט׳ס געפונען הינטער אַ פּאַרקאַן מיט צעריבענע ביינדלעך ווי... די פריילן ווערט אָבער בלייך.., אפשר וועט איר עפּעס נעמען אין מויל? אַ ביסל פלוימען־זאַפט? דערפון וועט אייך בעסער ווערן.

אניקע האט זיך האסטיק אָפּגעזאָגט. וואָס גיכער ארויס פון דער דאָזיקער פארגיפטעטער בודע! זי האָט אַ נעם געטון פריילן האַרדי פאַרן האנט און טיף איינגעאָטעמט דעם דער־פרישנדיקן זויערשטאָף.

— ווי גוט איז די לופט ווען זי איז נישט פארסמט פון יענעם אומדערטרעגלעכן גערוך.

— איצט, — האָט געזאָגט פריילן האַרדי, — איז אונדז נאָך געבליבן צו מאַכן דעם שווערסטן וועג. מיר גייען אין תפיסה. איך האָב ראָזען געזאָגט, אז איך וועל פרוון דיר איינרעדן דו זאָלסט איר פארטיידיקן... אפשר וועט מען דיר דערלויבן מיט איר זיך צו קאָמוניקירן, איידער מ׳וועט איר איבערפירן קיין רויען.

נישט געקוקט אויף דעם, וואס דאָס שטעטעלע איוועלי־נעס האָט געהאט איבער צוויי טויזנט איינוואוינער, איז דאָרט נישט געווען קיין שום געריכטלעכער הילפס־אַמט, אויסער אַ זשאַנדאַרמען־בריגאדע, וואס איר וואכמייסטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פארשטענדיקט מיטן געמיינדע פארשטייער, האט געגעבן אניקן די פארלאנגטע דערלויבעניש.

דאָס געפענגעניש איז, איינגטלעך, געווען בלויז א צוגע־בויטע שאָפּע ביי דער זשאנדארמעריע־געביידע, מיט איין איינ־ציקן פאַרקראַטעוועטן פענסטער, וואס איז ארויסגעגאַנגען אויף א פעלד. דער אונטער אָפיציר האָט זיך נישט געוואלט אפזאגן פון פארגניגן אליין גאַלאַנט אויפצושליסן די טיר פאַר אַזאַ מערקווירדיקן פאַרטיידיקער. ווען נישט די פארזיכערונגען פון דער פריערדיקער שול־אינספעקטאָרין וואָלט ער בכלל נישט געגלויבט אין אזא מעגלעכקייט: „א פרויענצימער פון בארוף אן אדוואקאט״.

אניקע, דערזעענדיק ראזען ליגנדיק אויף דער נארע, אין חייס געטינקעוועטן צימער, וואס האט מיטן קובעל און מיטן קרוג גלייכצייטיק אויסגעזען ווי א וואך־שטוב אדער א תפיסה־קאמער — איז געבליבן שטיין א דערשיטערטע... יע, א חיה איז דא געלעגן פאר איר, אויפגעדרייט ווי א קנויל, מיטן פנים אום

וואנט, אין א פארגליווערטער רויקייט. די הענט אויפן קאפ האָט ראזע אויסגעזען ווי א שלאָפעדיקע, אדער האט זי אפשר שטילערהייט געוויינט...

אניקע האט איר גערופן, בארירט אירע שולטערן.

— דאס בין איך, אניקע! אניקע רעמבערט, דיין שול-חברהטע, דיין אדוואָקאטין!

אין קול ואין עונה. א פעקל וועש, וואס לאזט זיך טרייסלען. אניקע האָט גערעדט און גערעדט, לכתחילה מיט ווייכע, צערט-לעכע ווערטער, שפעטער — אויפגערעגט פון עקשנותדיקן שווייגן — ענערגישער, שטרענגער, ביז איר שטים, וואס איז באלד ווידער געוואָרען מוטערלעך און איבערצייגנד, האט סוף כל סוף ארייג-געדרונגען אין דאס דאזיקע פארשטיינערטע הארץ.

ענדלעך האט זיך ראזע אויסגעדרייט און אויפגעהויבן די אויגן. דערנאך האט זי זיך אוועקגעזעצט און א צוטראגענע זיך צוגעהערט... דעם קאפ אנגעשפארט אן וואנט, האט זי זיך מיט דערזעלבער אמפערונג ווי א פארשכורטע פון האס און צאָרן יעדן מאָמענט געהויבן פון אָרט. דורך די קראטן האט זיך ארייגגעריסן א זונען-שטראַל, האָט געלויכטן א שטיק בלוי-ער הימל... אינסטינקטיוו האט זיך אניקע דערמאנט אן ווער-לענס פערז: „זאג וואס האסטו פון דיין יוגנט געמאכט?..״

מיט א פארשטארקטן מיטליידס-געפיל האט זי זיך ארי-בערגעבויגן איבערן ברעטער-בעט:

— מיין עלנטע ראזע, וואס פאר אַן אומגליק! מיר זענען דאָך גרייט געווען דיך צו ראטעווען... פריילן הארדי האט מיר אלץ דערציילט... דיין אומרעכט, וואס דו האסט געגלויבט די צוזאָגן פון אן אָשוסט, האסטו שוין מיט דיינע שרעקלעכע ליידן לאנג אויסגעקויפט; פאר דיין פריערדיקער נארישקייט וועל איך דיר דעריבער איצט קיין שום פארווורף נישט מאכן... אבער דאס וואס דו האסט איצט אָפגעטון! דיין קינד, דיין פלייש און בלוט!.. אויף דעם האָסט דו קיין שום רעכט נישט געהאט! מיטן מאָמענט וואס דאס האט אנגעהויבן צו אטעמען, האָט עס פאָח דיר געדארפט זיין הייליק...

ווי פון אן אָפּגרונט האט ראָזע עפּעס אנגעהויבן פלוצ-
לינג אַרויסצורייסן פון דער טיפעניש פון איר פאַרפּינסטערטער
נשמה:

— אמת, איך וואָלט אַ סך בעסער געטון ווען איך לאָז
עס צונעמען, ווי יענע פון יוועליר... אַלע נעמען פאַר איר
אַראָפּ דאָס היטל... און איך זיץ דאָ..

— דו זיצט דאָ, ווייל שפּאַלטנדיק דעם קאָפּ פון דיין
פּיצל קינד מיט אַ הילצערנעם שיך, ביסט דו באגאַנגען אַ פאַר-
ברעכן, אַ שרעקלעכן אומנאַטירלעכן פארברעכן!..

— און די אַלע, וואָס מ'הרגעט אויפן קריג? מיינער
וועט לפּחות נישט קרעפּירן פון הונגער, איידער די קויל וועט
אים צורייסן אויף שטיקלעך.

— דו וואָלסט אים געהאדעוועט... געלערנט. דורכן לער-
נען מאַכט מען די מענטשן בעסער, מ'גרייט צו דעם שלום...

— ס'רעדט זיך אַזוי! פּוסטע דבורים!

— באַקלער זיך ראזע... אַ מאַמע!.. דערהרגעט איר קינד,
אָנשטאָט עס ליב צו האָבן, צו פּיעשצן...

— מיט וואָס? מיט די צרות? בעת מ'שטאַרבט אַליין
פון הונגער?

— מיט אַרבעט!

— מ'מאַטערט זיך גענוג צו פאַר דיעזן פאַר זיך דאָס
שטיקל ברויט.

— שפּעטער וואָלט ער דיר געשטיצט, געטרייסט... וואָלט
ער זיין דיין רעוואַנש...

— אָרעמע לייט האָבן נישט קיין פאַמיליע, פּונקט ווי די
הינט... מ'וואקסט אויס און מ'קען זיך אפילו נישט... מיין מו-
טער? אַ סך אַרט איר פאַר מיר... און מיין פאָטער, אים האָב
איך נאָך עד היום נישט געפונען!

— דו האָסט גאָרנישט קיין געוויסנס-ביסן? ראָזע,
אַ הילפלאָזע באַשעפעניש, אַ קליין הערצעלע וואָס צאַפּלט זיך!..
ס'איז דאָך פּשוט שרעקלעך.פון וואנען האָט זיך צו דיר גענומען
אַזאַ גרויזאַמקייט?

— איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז איך טו נישט קיין ערגערע זאַך, ווי דעמאָלט בעת איך פלעג שחטן לעמעלעך ביים קצב אין געשעפט... פאַרוואָס אָבער ציט מען נישט צו דעם פאָטער צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט האָבן דעם מוט זיך אָפּצושאָקלען פון קינד?.. אויך ער האָט געדאַרפט קומען א הער, אין תפיסה; אָדער איז טאַקע בכלל קיין גערעכטיקייט נישטאָ?..

— און ווער איז דער פאָטער?

— דו ווייסט עס גאַנץ גוט, ווייל ער האָט דיך אַהערגעשיקט!

— מיך? דו ביסט פון זינען אַראָפּ. איך קום דאד דיך פאַרטיידיקן.

— יע, דו ביסט דאָך זיין אָנגעשטעלטע!..

— דאָס בין איך שוין אויך נישט מער.

— דערצייל עס פאַר דיין באָבע!.. און איצט, האָב איך שוין בכלל גענוג. גוטע נאַכט.

ראָזע האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן. דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן די ברעטער. אניקע האָט מער מיט שוידער ווי מיט פיינדשאַפט געקוקט אויף דאס דאָזיקע גרויסע, פלאַקס-האָריקע מיידל, מיטן בלייכן פנים, וואָס האָט געהאַט דעם כוח מיט אירע הענט צו צושמעטערן דעם מאַרך פון איר פיצל קינד. קיין שפור איז איצט נישט געבליבן פון דער שיינקייט פון יענער נאַרישער מיידל, וואָס איז אין משך פון אַ גאַנץ יאָר געזעסן מיט איר אויף איין באַנק, און וואָס לעבא.. זי האָט געשפירט די גאַנצע אומנוצלעכקייט פון פראַזן פאַן דאָזיקן האַרטנעקיגן שטערן, פאַר די דאָזיקע אויסגעוויינטע אויגן... רעדן וועגן פליכטן, וועגן זין פון לעבן, מיטן דאָזיקן פאַרווילדעטן פויערן-מיידל, וואָס האָט מיט אַזאַ רויִקן געוויסן דערמאָרדעט איר נייגעבוירן קינד, פונקט ווי זי זאָל דערטרינקען אַ קליין הינטל...—לייכטער איז שוין געוועזן איינצוברעכן א וואנט! בלויז די צייט האָט דאָ געקענט ווייקן, רירן דאָס דאָזיקע פאַרשטיינערטע האַרץ.

א שטאַרק אויפגערעגטע האָט זיך אַניקע צוריקגעצויגן...

אַ שווער שטיקל ארבעט האָט זי געהאַט דורכצופירן! די דאַזיקע אויסזיכט האָט איר אבער נישט אָפּגעקילט, נאָר, להיפך, אָנגעשפּאַרט איר אייפער פון ווייבלעכער מיטלייד, פון מענטשלעכן מיטגעפיל!.. האָבנדיק פאַרשטענדעניש פאַר אירע ליידן, איז זי ראָזען געווען אזוי נאָענט, פונקט ווי זי איז געווען ווייט פון דעם אלעם, וואָס אַניקע האָט מיט זיך פאַרקערפּערט אין די אויגן פון דער מערדערין: אומגערעכטיקייט און אומגלייכהייט. זי האָט זייער גוט געפילט, אז פאַר יענער שטעלט זי מיט זיך פאָר דאָס בילד פון דער קאַסטע, וואָס האָט איר לכתחילה עקספּלואַטירט ביז אויף איר קערפּער און דערנאָך, דערפירנדיק זי צום פארברעכן, מיט שאַנד אומברחמנותדיק ארויסגעיאָגט. מאַכטלאָז ביי איר גוטן ווילן האָט זי אונטער דער דאָזיקער פאָרשטעלונג שטאַרק געליטן.

— וואָס הערט זיך? — האָט א פרעג געטון פריילן הארדי געמענדיק איר פאַר די הענט?

— ס'איז א גאַנץ שווערע ארבעט.

נאָך א געשמאַקלאָזן מיטאָג אין פאַסט-האָטעל, ווו אויסער דעם הארטן קאַלבס-בראַטן, האָט זי נאָך געהאַט אויסצושטיין די העפליכקייט און קאָמפּלימענטן פון די אומפאַרהייראַטע שטאַמגעסט, — דער נאָטאַריוס און דער אַפּטייקער — איז איר געלונגען צו כאַפּן א נאכמיטאָג-צוג. דאָס צוריקפאָרן קיין פּאַריז האָט זיך געצויגן אָן א סוף, כאָטש מערעטע איז מיטגעפאָרן ביז מאָנטעס, — פון וואַנען זי איז מיט א צווייטן צוג, וואָס האָט גראָד געהאַט אָן אנשלוס, געפאָרן דירעקט קיין מאַרסייל אין איר שולע אַריין.

בלויז איין געדאַנק, — די פרייד זיך באַלד ווידער צו זען מיט אמעדיין — איז געווען אומשטאַנד צו באַרויקן, ווי מיט א מין באַלזאַם, אַניקעס שרעקלעכע נערוועזיטעט און איר צאָרן קעגן דעם שלעכטע איינגעאָרדנטן לעבן... די דאָזיקע אומגעהייערע, אומענדלעכע טפשות, אין וועלכער ס'צאַפּלען זיך

ס'רוב מענטשן, ווי אין א פינסטערער נאכט אן א גרונט און אן אן עק...

די שטאט-באן האָט שוין גישט קורסירט. ביי האוור-פלאץ נעבן אַ ביר-האַלע, האָט זי צוגערופן א טאַקסאָמעטער און צופעליק איז איר בליק געפאַלן אויף א פּאָרל, וואס איז געזעסן ביי אַ טישל פאר צוויי גלעזער ביר.

— א שיינע מעשה! האט זי געמורמלט.

זי האָט דערקענט לואי מארטינעט, איר שוועסטערס חתן... די חתונה איז באשטימט אויף סוף חודש.

— און פאולא גלויבט, אז זי איז ביי אים די איינציקע! ניין, זי איז זיך נישט טועה: דאָס איז ער, דער שפיצבוביקער הענדלער מיט זיין גראבן פנים, — א געמיש פון פעטע מוירן (שפאנישע אראבער) און קאטאליאגער, — און זיינע ווילד-יונגערישע וואָנסן... איין אָרעם ארום דער טאליע פון זיין דאמע האט ער איר, ווי ס'שיינט, איינגעשושקעט אין אויער אציניש ווייץ... די נקבה האט געלאכט צווידייטיק אבער מיט א צופרידענער מינע. יונג איז זי שוין נישט געווען, אבער זייער אויפאלנד אויסגעפוצט. מיט אירע געפארבטע האר האט זי אויסגעזען פון א יאר פערציק.

זי איז געווען א מאדיסטין מיטן נאמען ליזע בערטא, וועלכע האט מארטינעטן, בעת זיינע ערשטע דעביוטן, שטארק געשטיצט. אן אלטע פארדרייעניש, וואס האט זיך שוין לאנג געהאַלטן בײם אויפלעזן. ער האָט זיך באמיט איר צו טרייסטן, דערמיט וואס ער האט איר פארזיכערט, אז אין גרונט גענו-מען ליבט ער טאקע נאר איר און ער וועט נישט אויפהערן צו איר קומען...

זיי זענען אויפגעשטאנען, צערטלעך זיך צוגעדריקט אײ-נער צום צווייטן און זיך דערווייטערט מיט לאנגזאמע טריט ווי א פארל וואס גייט גאנץ רויק צו זיך אהיים.

אניקע האט זיי נאכגעקוקט מיט א לאנגען בליק. איבער-געבן פאולן? זי וואלט עס געוויס געטון... אָבער בלויז כדי צו זיין אין ארדענונג מיט איר אייגענעם געוויסן. ווייל וועגן

דעם קאָן דאָך קיין צווייפל ניט זיין: ווען מאַר-טינעס זאָל אפילו האָבן טויזנט פלגשים און אַלע חטאים אויף דער וועלט, וועט אים פאולא בשום אופן נישט אפלאזן, ביז ער וועט מיט איר נישט חתונה האָבן...

צי שטאמט עס דערפון ווייל זי פארשטייט שלעכט אירע אייגענע אינטערעסן? אָן שום ספק... דערפון קודם כל... אבער ווער ווייס? אפשר ציט ער איר טאקע צו, דער דאזיקער גרויסער מאן מיט זיין שטארקער מוסקולאטור, כאָטש זי לייקנט עס כסדר אפ און ווייס עס אפשר אליין נישט.

און זי גופא, צי דען האָט זי נישט געהאַט אַזעלכע מאָ-מענטן ווען זי פלעגט מיט פאַרגעניגן טראַכטן וועגן לעבאן!.. אָן עריינערונג, וואָס זי פלעגט איצט, פאַרכאַפּט אינגאַנצן פון איר ליבע צו אמעדיין, כסדר אָפּטרייבן, צו די דאָזיקע גע-דאַנקען פלעגט זי זיך טוליען ווי צו אַ וואַרעמער נעסט.

די פאָלגנדיקע טעג זענען אַוועק געשווינד. מיט אַ ווילדער האַסט האָבן איר די שטונדן געטראָגן צו יענעם באַרג-אַראָפּ, פון וועלכן זי האָט זיך, מיט אַ געפיל פון אַנטציקן, געזען אַראָפּקויקלענדיק. ער האָט איר באַגלייט קיין רואַן, ווו ראָזע האָט געזאָלט פאַראורטיילט ווערן, און האָט איר פאָרגעשטעלט פאַרן געריכטס-פּאָרזיצער, מיט וועלכן ער האָט זיך פעהזענלעך געקענט, אַלס איינע פון זיינע געהילפינס.

צוזאַמען האָבן זיי באַזוכט ראָזען, אָבער מער ווי די זעלבע, פאַרביטערטע, צאָרנפולע אָנקלאָגן איז זיי פון איר אבסטינענץ נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען. נישט געקוקט אויף אניקעס הערצלעכע רייד, האָט ראָזעס פראָסטער מוח בשום אופן נישט משיג געווען, אַז זי איז באַגאַנגען אַ שרעק-לעכן פאַרברעכן און אַז אַרויסווייזנדיק סמנים פון חרטה, קאָן זי אפשר ווירקן מ'זאָל איר פאַרקלענערן די שטראָף. דאָך האָט אניקע נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז איר וועט גע-לונגען ביז הערבסט, דעם באַשטימטן טערמין פאַרן פראָצעס, אין אַ געוויסער מאָס, ראָזען צו באַזיגן.

אניקע און אמעדיי האָבן זיך שוין בכלל מער נישט

צושיידט. אויף אַ זייער צערטלעכן טאָן, פאַרזיכערנדיק, אַז זי וועט אים כלומרשט טון דערמיט די גרעסטע טובה, האָט איר אַמעדיי איבערגעגעבן צו דערליידיקן עטלעכע אַקטן. נישט געקוקט אויף זיינע צוויי סעקרעטאַרן, קאָן ער זיך מיט דער אַרבעט בשום אופן קיין עצה נישט געבן... דער פּאַרלאַמענט, דאָס געריכט.. פאַרוואָס זאָל זי נישט איינשטימען פאַר אים צו אַרבעטן... ער וועט זיך פילן גליקלעך...

צו גוט האָט ער געקענט איר מיסטרו-אישן שטאָלץ אויף נישט צו וויסן, אַז דוקא איצט — בעת זייער קעגנזייטיקע ליבע איז געוואָרן אַ פאַקט — וואָלט זי קיינמאָל נישט איינוויליקן אויף אַ געפעליקייט ווען זי זאָל גלויבן, אַז ער איז אויסן מער דער פרוי ווי דער אַדוואָקאַטין... איצט, האָבנדיק די זיכערקייט, אַז זי קאָן אים ברענגען נוצן ביי דער צוגרייטונג פון זיינע רעדעס, פלעגט זי קומען צו אים יעדן טאָג, לייענען די קאָרעספּאָנדענץ און דורכזען די שריפטלעכע אַרבעטן.

דער פאַרשפּעטיקטער באַזוך אין רוססאַטס אַטעליע — ענדע יוני — איז געווען דער דעצידירנדער פאַקטאָר. מיט זעליאַנאָוון, וואָס אים האָט עס געמאַכט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן צו פּראָטעזשירן זייער וואַקסנדיקע נייגונג, האָבן זיי זיך געטראָפן אויף באָנאַפּאַרט-גאַס אויפן גרויסן הויף פון דער קונסט-אַקאַדעמיע.

אַ צופרידענע איז אַניקע דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס אַלטע בנינים, די געוועלבטע האַלעס, די מיט רעליעפן באַפּוצטע קאָלאָנאַדעס און די קאָרידאָרן וואָס האָבן פאַרייניקט די געביידעס פון די פאַרשיידענע עפּאָכעס.. כמעט אַ גאַנצע שטאָט מיט גאָרטנס און אָפּגעזונדערטע פּלעצער. זער גערן וואָלט זי דאָ געוווינט, כדי צו זען די שילער, מענער און פרויען מיט די פיינע געזיכטער און לעבעדיקע אויגן, וועלכע גייען אַהער כסדר כמעט דעם גאַנצן טאָג.

— אַ שיינער באַרוף! האָט זי געזאָגט צו זעליאַנאָוון... רעפּראָדוצירן און שאַפן דאָס לעבן... מיט זיינע ענג צונויפגעבונדענע אומטרענבאַרע שיינקייטן און העסלעכקייטן.

אמעדיי האָט מיט איר איינגעשטימט כאָטש, לויט זיין געשמאַק, האָט ער פאַרגעצויגן א שטרענג אויסוויילנדיקע, מער אידעאַליזירנדיקע קונסט-פאָרם. זיי זענען צוגעקומען צום דירעקטאָרס גרויסע אַטעליע, וואָס האָט זיך געפונען ביים קרייצפּונקט פון גרינע, מיט עפּיי באַוואַקסענע אַלייען צווישן הויכע בוימער. זשאַן רוססאָט איז געשטאַנען אויפן שוועל און געדויכערט א פּאַפּיראָס.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט איז ער זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט דער גאַנצער הערצלעכקייט פון קינסטלער, וואס איז אויפן שפּיץ פון זיין גלענצנדער קאַריערע דאָך געבליבן איינפאַך און עניוותדיק. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין פשוטער אָפּשטאַמונג פון געוויינלעכע ברעטאנישע האַנטווערקער, — און אויף זיינע שאַפונגען. טעמפּעראַמענטפול, האָט ער, מיט זיין נישט גאָר הויכער געשטאלט, מיט די ברענענדיקע אויגן, א זעכציק יעריקער, געמאַכט דעם איינדרוק בלויז ווי פון פופציק.

אַריינגייענדיק, האָט אניקע, ביז דער גרויסער מענגע פאַרשידענע אויפגעשטעלטע בילדער, ממש נישט געוווּסט וווהין פריער צו קוקן... קראַפטפולע סקיצן פון שטרענגער פּלאַסטיק און דערביי אָפּטמאָל אזא אויספירונג פון ענטוואורף, וואָס דער רייץ פון זיינע ניואַנסן באַצויבערט אייך ממש... אין הינטערגרונד באהערשנדיק און איבערשטייגנדיק די גאַנצע מאסע פונאַנדערגעוואָרפענע ווערק, — דאָס אויסערגעוויינלעכע פרעסקאבילד פון די מאַרשאַלן, א טריפּטיכאָנחוט המשולש פון צען מעטער לאַנג און פינף מעטער הויך, וואס האָט פארנומען די גאנצע ברייט פון דער הינטערוואַנט אין אַטעליע.

רוססאט האָט אויפגעכאַפּט דעם געצירטן בליק פון דער יונגער מיידל, דורכדרינגען מיט דערזעלבער שטומער באוואונדערונג ווי דעמאָלט, אין יאר 1920, בעת זי האט אין קונסטזאל, ארומגערינגלט פון ליאַרמענדיקע צושויער-מאַסן, אַנטדעקט דאָס שענדלעכע פּראָוואָצירן פון קריג מיט אלע זיינע אומגעהויער שרעקלעכע קאָנסעקווענצן.

— יע,—האָט געזאָגט רוססאט,—מיר האָבן זיך נאָך נישט גערירט פון אָרט! די סאָרבאנע, וואס פאַר איר איז עס אייגנטלעך געווען באַשטימט, האָט זיך לגמרי דערפון אָפּגעשאָקלט! צו שטארק רעוואָלוציאָנער! ס'איז מיר נאך א גליק געשען וואס איך האָב צוליב דעם מיין שטעלע נישט פארלוירן... ווען נישט מיין ברודער, וואָלטן מיר די הערן פון גרויסן בלאָק שוין לאנג משלח געווען... אַלס שעדלעכן עלעמענט...

פיער רוססאט, דעם מאלערס עלטערער ברודער, איז געווען איינער פון די וועטעראַנען פון ראדיקאלן סאָציאַליזם, א דעפוטאט פון פאריז און פארן קריג האָט ער עטלעכע מאָל געהאט א מיניסטער-פּאָרטפעל... זשאקמען, — וועלכער האט זער גוט געוווסט, אז די וועלף אין פארלאמענט פרעסן אויף איינער דעם אנדערן ערשט דאן, ווען ס'איז שוין נישטא קיין שום אויסזיכט אויף א פארשטענדיקונגס-מעגלעכקייט, — (און פיער רוססאט איז געווען א צו אלטער וואלף אויף דערלויבן מ'זאל זיך נישט צוהערן צו זיין שטים — זשאקמען האט פראטעסטירט:

— זיי וועלן נישט האָבן אזא חוצפה!

רוססאט האָט א הויב געטון די אקסלען און אנגעוויזן אויפן לינקען זייטנבילד פון טריפטיכאָן (חוט המשולש).

— יע, מ'האָט שוין געהאַט די חוצפה!..

אויפן בילד איז אין אן אומגעהייער שרעקלעכער סינטעזע געווען אויפגעפאַסט די גאנצע שענדלעכע זינלאזיקייט פון קריג. אין פאדערגרונד פרויען אין טרויער-קליידער, מיט געזיכטער אנטשטעלט פון ליידן, גיסן אויס זייערע ביטערע הערצער פאר א גאנצן בארג טויטע קערפּער, וואס פילן אן א ברייטן שיצן-גראבן. די הארצרייסנדיקע קולות פון די טרויערנדיקע ווייזן אן אויף דער לעבעדיקער פרישקייט פיד דער צעפוילטקייט פון טויט, אין שמוץ און קויט, אין אייטער און בלוט, אלע צעשטערונגס-מעגלעכקייטן פון דער פאלעטע. אין דער הויך א הימל אין רויך און פלאמען, וווהין ס'רייסט זיך דורכן פייער פון שלאכט מיט קולות און געשרייען, א צעווילדעוועטע מענטשן-מאסע. גאנצע שטורם-ליניעס — אפגעקאסעט

און צעריבן... אומגליקלעכע, עלנדע, וואָס קאָרטשן זיך אונטערן שטראַל פֿון פֿלאַמען־וואַרפֿער אין דער צעגעטריבענער נעפּל־וואַנט פֿון שטיקנדיקע גאַזן.. אַן אייזן־מבול פֿון אומגעהייערע גראַנאַטן... די גאַנצע אַנטזעצלעכע דערשיטערונג פֿון פֿאַרניכטונגס־כאַאָס. און צום סוף, פֿון ווייטן, אומאויפֿהערלעך אָנקומענדיקע באַטאַליאָנען, די בלויִלעכע נאַקעטקייט פֿון די פֿאַרשטאַרקונגען, וואָס שטרוימט, שטרוימט און שטרוימט אין אַ פּערמאַנענטער באַוועגונג, און וואַרפֿט זיך מיט אַ קאָפּשווינדלדיקן אימפּעט אין פֿייערדיקן קאַלך־אויוון, וווּ ס'ווערט צעשמאָלצן און צעגאַנגען...

ווי אַלע יענע, וואָס זענען נישט געווען פֿאַרבלענט פֿון קיין פּראָפֿעסיאָנעלער פּאַרטיי־אַנגעהעריקייט אָדער פֿון פּסיכאָז פֿון מאַטעריעלע געווינסן, איז אויך דער מאָלער — וועלכער איז געווען צו אַלט זיך צו אַנגאַזשירן אין 1914 — פֿאַר דער פֿינסטערער באַגייסטערונג פֿון אַ פֿאָלק, וואָס גלויבט אין דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע — זער גיך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער דאָזיקער קריג, אונטערן דעקמאַנטל פֿון פּאַטריאָטיזם, איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע פֿינאַנץ־אָפּעראַציע.

פֿון דאַן אָן האָט ער געהאַט בלויז איין פֿאַרלאַנג: אַ וואָס גיכערער שלום אויף אָנעמבאַרע באַדינגונגען! זיין פֿאַרביטערונג קעגן די פּערזאָנען, וואָס האָבן רויִק דורכגעפֿירט איין שחיטה נאָך דער אַנדערער, איז געוואַקסן פֿון טאָג. זינט ער איז אין 1919 געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער קריג האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט צוויי יאָר פֿריער. און געשעען האָט עס געקאָנט דאַן, ווען פֿראַנקרייך האָט אין 1917 באַקומען צוריק על־זאַס־לאָטרינגען און די פּרעזידענטן ריבאָ און פּואַנקאַרע וואָלטן געווען נאָכגעגעבן די סענטימענטן פֿון לאַיד־דזשאָרזשן, אָנשטאָט איינאיינעם מיט איטאַליען האַלטן פֿאַר אומאויפֿריכטיק און אָנמעכטיק די פֿאָרשלאַגן פֿון עסטרייכישן קייזער.

דעמאָלט האָט ער, נאָכן ערשטן בילד, געמאָלן די אַנדערע צוויי.

אין צענטער דער אַריינמאַרש קיין פּאַריז פֿון די פֿאַרבינ-
דעטע ארמייען... גיגאַנטיש האָט זיך געוועלבט די טריומף-אַרקע
איבער די דעפילאַדן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די עליזיי-
פֿעלדער. א דעפּטאַק, ארומגערינגלט פֿון איין זייט מיט אן
אומגעהייערער מאַסע צושויער: ליידיקגייער מיט אנטציקטע,
שכּורע פּנימער, מיידלעך אָנגעשמירטע און אויסגעדרעקסלטע,
דער גאַנצער ווילדער מישמאַש פֿון דער גרויסער שטאָט,
ארומגעכאַפּט פֿון א פֿיבערהאַפֿטער נייגעריקייט און אויפגעבלאָ-
זענער באַגייסטערונג, צעהיפּגעפּרעסטע און צוגעשמידטע איינער
צו אנדערן... פֿון דער צווייטער זייט געפֿירט דורך קראַנקען-
פֿלעגערינען, א קאָמפּאַקטע, טרויעריקע מאַסע פֿון בלינדע, פֿאַר-
ווּנדעטע, קראַנקע, רעקאָנוואַלעסצענטן, אן אמתער וווּנדער-
דויף, באַוויגלענע גלידער-זאַקן, צאַפּלענדיקע קוליעס... צעפּרעסענע
צעלעכערטע פּנימער, אויגן פֿול פֿאַרוואָרף און האַס.

אין דער שפּיץ פֿון דער דעפילאַדע, דורכפּאַסירנדיק,—
נאָכן בריסקירן 1) די דעפּוטאַציע פֿון די קאַליקעס — דעם
טריומף-טויער, מאַרשאַל פֿאָש אין א הימל-בלויען און מאַרשאַל
זשאָפֿר אין זיין אַלטן מונדיר. ווי זיגער — אויף הויכע פֿערד,—
פֿאָש עלעגאַנט און שטאָלץ מיטן מאַרשאַל-שטאַק אויפֿן שענקעל,
זשאָפֿר אין פֿאַרלעגנהייט וואָס צו טון מיט זיינעם און מורא
האָבנדיק פֿאַר א פֿאַל, האַלט זיך פֿעסט אן די לייצעס... הינטער
זיי מיט מוזיק און פֿלאַטערנדיקע פֿענער די קאָמפּאַקטע מאַסע
פֿון די פֿרעמדע ארמייען און דערנאָך די פֿראַנצויזישע, אָנ-
געפֿירט פֿון מאַרשאַל פּעטען, דעם אמתן העלד פֿון דאָזיקן
נצחון-טאָג... א ברייטע, וועלנפֿאַרמיקע מאַסע, וואָס פֿאַרלירט
זיך פֿון דערווייטנס אין דער אַוועניו פֿון דער גראַנד-אַרמיי...
נאָר די ערשטע רייען זענען לעבעדיקע זעלנער מיט ערנסטע
געזיכטער, נאָך זיי, ווי ווייט ס'כאַפּט דער בליק, אן אומענד-
לעכער טויטן-צוג... אַלע טויטע, צעשטעלט אויפֿן אומגעהייער

1) שטרענג אויפֿגענומען.

גרויסן רעווי גאַנץ נאָנט איינער נעבן אַנדערן, מיט זייערע ינצטערע אויגן — לעכער און ווייסע שאַרבנס...

אויף דער רעכטער זייט פון טריבטיכאָן באַווייזט זיך ווידער דער טריומף-בויגן מיט זיין מאָנומענטאַלן עגול, וואָס זיין הויכקייט צודריקט די הוילע וועלבונג, ווו ס'וואַלגערן זיך אַרום פאַרוועלקטע בלומען און צעריסענע פערל-שנורן. פון אונטער דער אויפגעהויבענער שטיין-ברעט קומט אַרויס דער „אומבאַקאַנטער זעלנער"... אַזאַ ריזיגער סקעלעט, אַז מיט זיין אויסגעשטרעקטן ארים דערגרייכט ער כמעט דעם שפּיץ פון די סלופּעס. ער ווייזט אָן אויפן זאַמל-פּלאַץ, ווו די פעלדמאַרשאַלן פון לעצטן קריג זענען אַרויס פון די אויטאָס און אַ'ויף אויף די פערד, און ווו מ'זעט ווי פרישע אַרמייען און נייע מאַרשאַלן גרייטן זיך שוין צו נייע אָנפאַלן. זיך אויסדרייענדיק מיט זיין טראַגישן געביין קעגן מזרח, מאַכט ער דעם איינדרוק ווי ער זאָל וועלן מיט זיין זשעסט באַשווערן די צוקונפט. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין ביישפּיל רופט ער צו די קומענדיקע מלחמות: „האַלט אָפּ! ווייטער זאָלט איר נישט גיין!"

דערשיטערטע האָבן זיך אניקע און זשאקמען איבערגעקוקט. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען ביז צו דער טיפסטער טיפעניש פון זייערע נשמות. אפילו זעליאַנאָוו, וועלכער האָט לגמרי נישט געהאַלטען פון דער מאַלעריי, וואָס שעפּט נישט די קראַפט פון אירע סימבאָלן פון קוביזם — האָט געקוקט אויף רוססאט מיט גרויס יראת-הכבוד: — איצט קאָנט איר רויק זיין, מיין טייערער, אויב דער נאַציאָנאַליזם איז אפילו נישט צופרידן, בלייבט אייך אָבער די נאַציאָן און בעיקר די מענטשהייט. דאָס דאָזיקע לייוונט האָט אייך פאַרייביקט, געמאַכט אומשטערבלעך.

רוססאט האָט עפּעס שעמעוודיק געברומט. זיין אויפריכטיקע עניוות האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן נישט קיין לויבווערטער און נישט קיין פאַרגליווערטע ווערק.

אניקע האָט אים אויסגעהעזיט מיט גליהענדיקע באַקן, די פינגער און צוטרויליכער איניקייט געשלאָסן מיט אמעדייס.

רוססאט, נישט האָבענדיק דערפון די קלענסטע אַנונג, האָט איצט צעמענטירט זייער בונד. פעסטער און זיכערער ווי דער גאָלדע־נער קדושין־רינג האָט זי אין זייער קעגנזייטיגער פרייער וואַל צונויפגעבונדן די געמיינזאַמקייט פון זייער גלויבן...

זעליאַנאוו האט זיי אין דער שטיל שעלמיש באַטראַכט און אין דרויסן — בעת רוססאט האָט זיי ווידער אַרויסגעפירט אויפן גרויסן הויף — האָט ער צופרידן אונטערגעזונגען דאָס סלאַווישע ליד, וואָס ער האָט זיי מיט אַ חודש צוריק אין אַן אָוונט איבערזעצט...

„די טויבן דרייהען זיך אין אָוונט־ליכט
אויפן האַרצן אין מיר שווער...
צו איז׳ס די ליבע ?..

די דערינערונג האָט אָנגעצונדן איןביידענס אויגן, וואָס האָבן זיך אינסטינקטיוו געזוכט, דעמזעלבן פונק. באַמעלאַך האָט זיך דער פונק צופלאַקערט אין אַ פייער.. און אין זייערע נשמות, ווי דער דאָזיקער פלאַם האָט ביז אַהער שטיל געדרימלט, האָט ער זיך איצט אָנגעצינדן מיט אַ דאָפּלטער קראַפט און באַלויכטן דעם בין־השמשות פון שיינעם טאָג, דעם אנפאנג פון זייער געמיינזאַמען וועג אין דער צוקונפט, מיט אַ שטראַלנדיקן גאָלדיקן שיין.

7

נישט געקוקט אויף זיין שטאַרקן פאַרלאַנג נאָך אניקן, האט נאך אמעדיי אלץ נישט געוואגט איר דאס אפן אַרויסצע־ווייזן, און האָט זיך נאך פשוט געשראקן פאר דעפיניטיווע ווערטער און זשעסטן. ער האָט גוט געוווסט, אַז די אנציהונג איז א קעגנזייטיגע, האָט אָבער באגריפן אז זיין פאַרייניקט אין ליבע מיט אניקן, טראָגט לגמרי אַן אנדערן כאראקטער, האָט פאר אים א גאַנץ אנדער באדייטונג ווי זיינע ביז איצטיקע באַקאנטשאפט מיט אנדערע פרויען.

ער איז געווען איבערצייגט אז בשום אופן קען מען נישט שטעלן קיין פאראלעל צווישן איר און יענע יינגע מיידלאך, וואס זענען בתולות נאָר אויפן ווארט, אדער מיט אזעלכע וואס זענען געבליבן בלויז אויף דער העלכט און ברענען פון נייגיריקייט זיך אָפצוזאגן פון דאזיקן צושטאנד. דאס וואס אניקע האט פאר אים באהאלטן, איז געווען אן אמתע חתונה־מתנה, אַ מתנה פון אנ׳אומבארירטער פערזענלעכקייט.

דער זון פון בירגערלעכע עלטערן, וואס ער איז, נישט געקוקט אויף אלץ, געבליבן — האט ער זיך נאך נישט באפרייט פון געוויסע פאראורטיילן. זיין ליידנשאפט איז אבער געווען אזוי גרויס, אז ער האט גערן גענומען אויף זיך די גאנצע פאראנטווארטלעכקייט, פונקט ווי מ׳זאל זיי האבן איינגעטראָגן אין ציוויל־שטאנד־רעגיסטער און באשטעטיקט דורכן מוניציפאל־שטעמפל.

אָבער גראד ווייל ער האט זער גוט געוווסט, אז אניקע האט זיך אים אפגעגעבן מיט איר גאנצער ריינקייט און זאָגאר מיט שטאלץ אויף איר פרייער האנדלונג, גראד דעריבער האט ער איר מיט א געפיל פון צערטלעכקייט איבערגעלאזן די באשטימונג פון דאזיקן מאמענט. ער איז געווען זיכער, אז די דאזיקע שטונדע וועט קומען און טאקע גאר גיך.

צושיידנדיק זיך מיט זעליאנאָוון האבן זיי אָפגערעדט זיך צו טרעפן אין ווערסאיל, ווו דער דעפוטאט האט געדארפט אינטערוועניר אין א געוויסער אנגעלעגנהייט. אניקע האט דעמדאזיקן פאל צוגעגרייט און ער האט דורכאויס פאַרלאנגט אז זי זאָל אסיסטירן.

נאך דער אודיענץ, וואס האט זיך געענדיקט פיר יא זייגער, איז זיי איינגעפאַלן, האבנדיק פאר זיך דעם גאנצן אוונט, צו מאכן אן איבערראשונג פריילן הארדי.

— אפשר זאלן מיר היינט מאכן א וויזיט צו די בלאנשעטס אויך, — האט פארגעשלאָגן אמעדיי — לאמיר אויסנוצן די געלעגנהייט; זיי זענען זייער נייגיריג מיט אייך זיך צו באקענען, און איך וואלט אויך זיין זער צופרידן איר זאלט זיך בא

פריינדן, ווייל איך בין זיכער. אז איר וועט זיי ליב קריגן אזוי ווי איך...

אויפן וועג קיין פאריז האבן זיך געפונען די שול־פלע־צער מיט זייערע נייע געביידעס און דעם הויף, באפלאנצט מיט אלטע ביימער. די קלאסן־צימער זענען געווען ריין, די לעק־ציעס געענדיקט. פריילן הארדי האט זיך געקליבן אויסשניידן אירע רויזגשטעקנס און אפרייסן די פארוועלקטע רויזן. דער־זעענדיק די געסט, האט זי פריידיק אויסגעשריגן:

— א, ווי שעהן דאס איז פון אייער זייט.

פונקט אזוי ווי זי איז געווען קעגן אניקעס פראיעקט בעת זי האט געטראכט וועגן לעבאן, אזוי האט זי זיך איצט געפרייט מיט איר סימפאטיע פאר אמעדייען. מיט אזא מאן ווי ער האט זי געהאט די גרעסטע שאנסן צו זיין גליקליך.

זי איז געווען שטאלץ דערמיט, וואס זי האט געקאנט ווייזן דעם דעפוטאט איר שולע און איר וווינונג, וועלכע האט זיך געפונען אין הינטערהויז אויפן צווייטן שטאק. איינפאכע קליינשטעטלדיקע מעבל, וואס האבן אבער א דאנק דעם גלאנץ פון זייער זויבערקייט און דער אלטפרענקישער פראכט, אויס־געזען זער סימפאטיש. אין עס־צימער איז געהאנגען א גרויסע שטייג מיט קאנארקעס. דערזעענדיק דער אלטער פריילן האבן די קליינע געלע פויגעלעך מאניפעסטירט זייער צופרידנקייט, געשפרונגען זער נאנט נעבן די שמאלע קראטעס און פישצענ־דיק געפענט זייערע שנעבעלעך. אפילו די קליינע אויגעלעך האבן איר ווי גערופן.

פריילן הארדי האט זיך נאכגעפרעגט ווי ס׳האלט מיט דער אפערע, וואס האט זיי אלע שטארק אינטערעסירט, ראזע?..

— זי געפינט זיך כסדר אין דעמזעלבן צושטאנד: אמ־פערט אדער נידערגעשלאגן... א פעלזן דורך וועלכן ס׳האט זיך נאך נישט דורכגעריסן דער דערלייזנדיקער שטראם פון טרער...

דעם פראצעס? — דער טערמין איז געווען באשטימט אויפן 21־טן אקטאבער. לעבא האט געהערט, אז ראזע וויל איר ...יינשלעפן אין דער דאזיקער געשיכטע...

— ער איז אַ צוקאָכטער, האָט אַניקע געזאָגט מיט אַ שמייכעל, וואָס איך האָב איבערגענומען די פּאַרטיידיקונג. ער האָט מיר דורך זיין רעדאַקציע-סעקרעטאַר, איינעם פון מיינע פריערדיקע קאָלעגן אין „אַפּעל" איבערגעשיקט דראָונגען... און שרעקליכע!.. קום וועל איך האָבן דעם מוט אָנצורופן זיין נאָמען, אָדער מיר דערלויבן די קלענסטע באַמערקונג, וועט ער פאַרניכטן מיין צוקונפט, צעברעכן מיין אַדוואָקאַטן קאַריערע... שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ קעגן-באַשולדיקונג פאַר רכילות און שאַנטאַזש.

— איך בין נייגעריג דאָס צו זען, האָט זשאַטמען רויק אַ זאָג געטון.

— אַ, אפילו אָן אייך האָב איך קיין מורא נישט, בפרט מיט אייך...

זי האָט אַ נעם געטון זיין האַנט. מיט אים וועט זי גיין אויף עק וועלט.

אַ צופרידענע האָט זי פריילן האַרדי אָנגעקוקט מיט איר קלאָרן בליק. ביידע זענען געווען גערירט פון דער צערטליכקייט פון דער דאָזיקער ריינער נשמה און האָבן מיטן זעלבן אייפער געענטפערט אויף אירע געפילן, זי האָט אויסגעשטרעקט אניקן אירע אָרעמס, און ווי אַ ליבענדע טאָכטער איז איר יענע געפאַלן אויפן האַלדז...

— און איך, האָט געזאָגט זשאַקמען אַז זייער אַרומנעמען האָט זיך געענדיקט. איר וועט דערלויבן?

אומגעלומפּערט איז ער צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט אויך אים אַרומגענומען ווי אַ זון. אמעדייען האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּירט נאָך אויף דער פּאַרוועלקטער באַק דעם אָטעם פון אַניקעס ליפּן און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס גיט ער איר גופא זיין ערשטן און פייערליכסטן קוש. דער קוש וואָס האָט זיי פאַרבונדן, אויף דער צוקונפט, דורך דער ברכה פון דער פרוי, וואָס זי האָט גערופן מערעטע. ווע‏לכער האָט איר באמת פאַרביטן א מוטער און אַ פאַמיליע.

— איר גייט שוין אוועק! אזוי גיך! האָט געזיפצט

פריילן הארדי — איר ווילט גאָר מיט מיר קיין מיטאָג נישט עסן?

— היינט נישט, — האָט אַניקע געזאָגט — אָבער מיר וועלן קומען נאָך אַ מאָל, און טאַקע גאָר גיך...

עגאָאיסטיש האָט זי זיך געאײַלט צו בלײַבן מיט אים אַליין. זער גערן וואָלט זי, פאָרן אומקערן זיך קיין פּאַריז, פאַרבּיטן דעם באַזוך ביי די בלאַנשעטס אויף אַ שפּאַצירגאַנג אין פּאַרק... זיי האָבן אָבער פּאַקטיש געווּנט אַ טיר אַן אַ טיר.

אַ הויכער גאָרטן-טויער פון לודוויג דעם פינפצענטנס צייטן, מיט געוועלבטע ראַמען און וואָזעס פון מעך-באַדעקטן שטיין...

—ווירקליך זער שיין — האָט זי אויסגערופן אַרייַנגייענדיק.

דאָס אַלטע, לאַנגע און גידעריקע הייזל מיטן מאַנסאַרדע-דאַך, צווישן הונדערטיאָריקע קאַשטאַניען-בוימער אויף אַ גרינער לאָנקע, האָט געמאַכט זער אַ גוטן איינדרוק. אויף אַלע פענסטער, וועלכע זענען געווען באַוואַקסן מיט עפּוי-צווייגן, האָבן געבליט ראָזע געראַניעס.

נעבן אַ בליענדיקן אַקאַציע-בוים איז געזעסן אַ יונגע פרוי און האָט געלייענט אַ בוך. זי האָט געטראָגן אַ העל קלייד מיט קורצע אַרבל. נעבן איר אַ קינדער-וועגעלע...

דערהערנדיק אַ קלונג, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אין דערזעלבער צייט האָט זיך ביי דער מיטלסטער גלאָז-טיר באַוויזן דער בעל-הבית. פון ווייטנס נאָך האָט ער דערקענט זשאַקמענען, זיין אַלטן פריינט, און אויפגעהויבן די האַנט. זיי זענען געווען חברים אין דער פאָלקס-שול, געבליבן נאָענטע פריינט, און ברידערלעך זיך ווידער געפונען בעתן קריג, איינער נעבן אַנדערן אין די שפּיטאַל-בעטן, וווהין דער צופאַל האָט זיי פאַרוואָרפן נאָך דער ערשטער אָפענזיווע און דער עוואַקואַציע פון שאַמפּאַן אין יאָר 1915. בלאַנשעט אין אינפאַנטעריע, זשאַקמען אין אַרטילעריע...

די ביידע פרויען האָט מען פאָרגעשטעלט:

— פריילן רעמבערט, געריכטס־אדוואקאטן און מיין מיט־ארבעטערין... מאניקא בלאנשעט.

ביידע מענער האבן געאַרעמט שפּאצירט הין און צוריק איבער דער ברייטער אַלייע פארן הויז. צופרידענע האבן זיי געפּלוידערט ווי אַלטע חברים, וואָס זייער פריינטשאפט האָט שוין אויסגעהאַלטן נישט איין נסיון.

אניקע איז גלייך באַצויבערט געוואָרן פון מאניקעס בלאָנדער שיינקייט. פון דער בליענדיקער, פרישער אָפנקייט, וואס האָט ארויסגעשטראלט פון איר גאנצן וועזן. אמעדיי האט שוין וועגן איר אלץ דערציילט, אירע איבערלעבונגען פאר דער צייט זינט זי האט פארלאזן איר פאמיליע, איר אויפאסונג וועגן דער פערזענלעכער פרייהייט (וואס א דאנק דעם איז זי אים גלייך געווארן זער סימפאטיש) כאטש פאר א יונג מיידל פון בירגערלעכע קרייזן האָט ער עס געהאלטן פאר א ביסל איבערטריבן, ווי זי האט איר נאר דערזען, האט אניקע גלייך דערשפּירט, אז צווישן אורטייל פון דער נארישער, צבועדיקער בייזער וועלט, און דער דאזיקער בילד־שיינער יונגער פרוי, ביי וועלכער דאָס פאמיליען־גליק האט פאר קיין פאל נישט דערשטיקט די פערזענלעכקייט, ליגט א טיפער אָפגרונט, פונקט ווי יענער. וואס טיילט אָפּ פאר ערליכע גייסטער, דעם שקר פון אמת.

מאניקע האט געוויזן איר קליינעם זון. וואס איז געשלאָפן אין קינדער־וואגן, — א קינד פון פינפצן מאָנאטן!.. דאס קיי־לעכדיק, קליין פנימל האט געשטראלט פון געזונדקייט. און זי האט דערמיט שטאלצירט־ די מוטערשאפט האט איר געבראכט דעם פרידן און ארומגערינגעלט ווי מיט א פאנצער פון קראפט און רויקייט... צווישן איר מאן, וועלכן זי האט אזוי צערטלעך און אויפריכטיק געליבט, און די קינדער וועלכע זי האט ממש פארגעטערט, האט איר פריערדיקער אומזיכערער לעבן צוריק באקומען דאס גלייכגעוויכט און זיך געשטעלט פאר דער צוקונפט אויף א פעסטן באָדן...

יי אניקן האָט זי אינסטינקטיוו דערשפירט א שטאַרקן

צוטרוי און מיט אַ שטאַלצער צופֿרידנקייט האָט זי איר אויך געוויזן דאָס קליינע מיידעלע פֿון פֿיר וואָכן. זי האָט איר אַריינגעפֿירט אין קינדער־צימער... אין אַ קליינער וויגעלע מיט ווייסע באַטיסט פֿאָרהענגלעך, אָפּגעהיט פֿון זשאָרזש אַלטער ניאַניע, האָט זיך באַוועגט אַ קליינינקע, ראָזנפֿאַרביקע באַשע־פֿעניש און אַרויסגעגעבן משונהדיקע טענער...

— זי איז הונגעריק, האָט געזאָגט די אַלטע.

מאַניקע האָט אַ קוק געטון אויפֿן וואַנט־זייגער וואָס האָט רעגולירט די היגיענישע טאָג־איינטיילונג...

— זי איז גערעכט, ס׳פֿעלט בלויז איין מינוט... צום גליק איז די אַם דאָ אויפֿ׳ן אָרט... פּאַרצייט!

זי האָט אָפּגעשפּילעט דעם אַקסלבאַנד פֿון איר טוניקע־קלייד און אַנטבלויזט איר בוזעם. אַ שיינע רונדע ברוסט מיט בלויליכע אָדערלעך, די ווייסע הויט געשפּאַנט פֿון דעם מילך־איבערפֿלוס. אַ שטאַרק אויסגעהונגערטע, האָט זיך די קליינע פּיאַווקעלע אַ נעם געטון צום זייגן. מיט באַגייסטערונג האָט מאַניקע געקוקט אויף די גיריקע ליפּן און די קינדער־הענטע־לעך וואָס האָבן איר געגלעטן. בעת אַניקע האָט, אַן איבעראַש־טע באַוואונדערט דעם דאָזיקן הייליקן אויסטויש. דאָס דאָזיקע אַריבערשטראָמען פֿון לעבן דורך דער גליקליכער מוטער צום באַפֿרידיקטן קינד, האָבן אַ דאַנק דעם אויסגעזען ווי איין וועזן...

— איר ווייסט — האָט זי געזאָגט צו אַמעדייען, בעת זיי זענען אַרויפֿגעשטיגן צום שלאָס, וואָס זיינע מאַסיווע בנינים האָבן זיך געזען דורך די גרינע געוויקסן, ביים ברעג פֿון דער אַלייע, איר ווייסט. מאַניקעס ביישפּיל... קאָן דינען אַלס באַווייז, אַז אָהן לעבן דאַרף מען קלערן בלויז וועגן איין זאַך... וועגן זיך און דעם פֿערזענלעכן גליק נאַטירלעך, אויב ס׳לוינט זיך און אויב מ׳האָט געוויסע שאַנסן, אַזוי ווי זי, עס צו [illegible]...

— און דעם ווילן עס אָפּצוהיטן...

— זי האָט גאַנץ טייער באַצאָלט פֿאַר דער מעגלעכקייט דויק איר גליק צו געניסן. דורכגעמאַכט אַ שווערן קאַמף!..

אַ גאַנץ סך אַנדערע, וואָס האָבן זיך אפשר נישט ווייניקער דערלויבט — אָבער דערמיט זיך נישט אַפּישירט — לעבן רויִק, לגמרי וועגן דעם נישט קלערנדיק, פֿון אַלעמען געאַכט! אײַבעריגנס, בנוגע דער מיינונג פֿון דער נאַרישער וועלט!

זי האָט עס אָפּגעשטויסן, מיט אַן איינציקן זשעסט. דאָס גליק! אויך איצט האָט זי עס אין האַנט. דאָ נעבן זיך, זי דאַרף עס היטן און פֿאַרטיידיקן קעגן פֿרעמדע אָנגריפֿן!.. עפּעס אַ מין פּאָרגעפֿיל דער זעקסטער חוש, האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי וועט נאָך דאַרפֿן דורכמאַכן אַ שווערן קאַמף קעגן די אָפּגעלעבטע טראַדיציעס און פֿאַרעלטערטע אַנשויאונגען...

די ענערגיע פֿון דער ליבע האָט אָבער פֿאַרדאָפּלט איר יוגנטקראַפֿט, — און געפֿירט — אַ פֿריילעכע אָבער אַ טיף אויפֿגערעגטע— צו איר שיקזאַל

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען פֿולשטענדיק אינפֿאָרמירט וועגן דער ראָל פֿון דער פֿרוי און מוטער, וואָס עס איז פֿאַר די פֿריערדיקע מיידלעך געווען א גרויסער סוד, האָט זי זיך דאָך געמוזט מודה זיין, אַז אַלץ — ביז צו דער „אָפּנבארונג״ — דעם שאַפֿונגס־אַקט, וואס ווערט גאַנץ אָפּט נישט באגלייט פֿון קיין גענוס — איז איר לחלוטין געווען פֿרעמד. און בעת זי האָט אַ צעטראָגענע געענטפֿערט אויף אַמעדייס פֿראַגן און ענטפֿערן, האָט זי זיד פּלוצלינג דערמאַנט אַן העראַדיאַסן און שטיל אונטערגעזונגען די פֿייערלעכע פֿערזן פֿון מאַלאַרמעס ליד: „איך וואַרט אויף דאָס אומבאַקאַנטע״.

לגמרי נישט באַמערקנדיק זענען זיי צוגעקומען צום אייזן־טויער פֿון וואָפּן־פּלאַץ און מעכאַניש זענען זיי אַרויף אויף דער ראַמפּע. וואס פֿירט דורכן וועסטיבול פֿון די פּרינצן־טרעפּ, דירעקט צום אַריינגאַנג אין גאָרטן: די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער וואָלקנלאָזער בלויקייט און האָט צויבער־האַפֿט, ווי מיט אַ געדיכטן גאָלד־שטויב, באַגאָסן די פּראַכט פֿון ווערסאַיל...

— אין פּאַרק מוז איצט זיין וווּנדערבאַר שיין, האָט זי געמורמלט. אפשר וואָלטן מיר געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר,

— איך האָב עס טאַקע בדעה געהאַט פאָרצושלאָגן. דער נאָך קאָן מען עסן אָוונטברויט ביי די רעזערוואַרן... די שענסטע צייט אין דער סביבה פון דער דאָזיקער וווּנדערשיינער דעקאָראַציע איז דער שפּעטער נאָכמיטאָג... ער האָט אָנגעוויזן אויף די ווייט אויסגעשפּרייטע וואַסער־פלאַכקייטן אויף די אָראַנזשעריע־געלענדערס וואָס זעען זיך הינטער זיי און אויף דער פּערספּעקטיוו פון שווייצער־טייך אין דער שמאַראַגד־גרינקייט פון וואַלד, ס׳איז דאָס ענדע פון נאָכמיטאָג... דער א׳ נט, בעת די ליכטיקייט פּערוּוישט אַ ביסל די שאַרפע ליניעס און פאַרשפּרייט אַ ווייכערע העלקייט איבער דער ווייטער לאַנדשאַפט...

גייענדיק לענג אויס די סימעטריש געפלאַנצטע ביימער, פאַרביי די שיינע מיט פלעכטן באַוואַקסענע וואַזעס און די גרינלעך שימערירנדיקע סטאַטועס, האָט ער אויך דערשפּירט, ווי דאָס זשעבירן זיך שטיקט אים ממש אין האַלדז. אַ צעשטריי־טער האָט ער איר אָנגעוויזן אויף זייטיקע טרעפּ צווישן בלומען־בייטן:

— די דריי טרעפּ פון רויזן מאַרמאָר! דער שאַרפער ריח פון אינדישע נעלקן האָט זיך צונויפגעמישט מיטן ווייכן פּאַרפום פון העליאָטראָפּ. זיי האָט זוך געדוכט, אַז זיי אָטע־מען איין אין זיך די גאַנצע פּאָעזיע און די גאַנצע מעלאַנ־כאָליע פון דער פאַרגאַנגענהייט. ווי אַ געוועלטיקער, לויכטנ־דיקער שאַטן האָט אַרום זיי געשוועבט מיט אַלע זיינע דערי־נערונגען, ליידנשאַפטן און פּרסומים דאָס גאַנצע הבל־הבלים פון דעם וואָס ס׳איז געווען און איז מער נישטאָ.

צו דער עצה גליקליך צו זיין וואָס עס האָט זיך ווי־געטראָגן פון דער פּראַכט פון דער סביבה, פון גלאַנץ פון דאָ־זיקן טאָג, איז פלוצלינג צוגעקומען די דערינערונג אַן געגנ־ווערטיקן טויט, וואָס לויערט אויף אַלע וועגן פון דער הער־שער־רוף פון לעבן. הויכע גייסטער, און די נשמות פון יענע־גרויסער אַנאָנימער מענטשן־מאַסע, וואָס האָבן דאָ געליטן און

געוואָקסן האָבן זיי איינגערוימט אַ סוד, אַז די צייט מוז מען געניסן, ווי אַ פרוכט.

אַלץ, האָט גערעדט וועגן דער קורצקייט פון דער צייט, דער אייביקער רו פון דער נאַטור, וואָס אין איר שמעלצטיג פאַרזינקט כסדר דער ווינטער און שטייט אויף תחית־המתים דער פרילינג. די שׂמחה — וואָס האָט געהערשט. נישט געקוקט אויף דער קונסט, וועלכע זוכט די אומשטערבלעכקייט אין בראָנז און מאַרמאָר — אין דער דאָזיגער טויטן־שטאָדט, ווען זיי זאָלן דורך זייערע חלומות נישט געוויסט ווידער אַרויסרופן צום לעבן די אַמאָליקע וויזיעס — די דאָזיקע פּאַטאַלע שׂמחה, האָט נישט געקאָנט פאַרקלענערן זייער פרייד און האָט זיי, פאַרקערט, דווקא אָנגעשפּאַרנט פאַר איר זיך אינגאַנצן צו עפענען... זיי האָבן געלעבט! יאָ, זיי האָבן געלעבט!... אין־סטינקטיוו האָבן זיי זיך אַרומגענומען און אויסגעטרונקען די פרייד פון דעם פליכטיגן מאָמענט ביזן דעק.

אין טאַקט פון גלייכן ריטם האָבן זיי זיך געטראָגן אַהין־ווייט איבער דער דאָזיקער פאַרגאַנגלעכער שטונדע — ווי ס׳וואַרט אויף זיי אַ זיכערע צוקונפט און אַ לאַנגער, לאַנגער וועג פאַר זייער ליבע.

דער לאַבירינט, די קאַלענאַדע, דער קייזער־גאָרטן האָט זיי געוויזן פאַרבייגייענדיק פאַרכאַפּט פון זייער פאַרלאַנג. זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים ווי אַ צוגעשמידעטע אָן זיין באַוועגונג. זיי האָבן נישט געזען נישט דאָס גראָדליניקע לויפן פון די גראָבנס, נישט די פאַרזיפטע באַסיינען, וווּ ס׳האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער הימל דורך די שפּיצן פון די געוויקסן... בלוי גרין און גאָלדפאַרביק, האָט דער אוונט געשטראַלט ווי אַן אומגעהייערער בלומען־בוקעט. פון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן. ווי אַן אָטעמצוג, דער שמעקעדיקער ריח פון דער מוטערלעכער ערד. זיי האָבן דורכפּאַסירט דעם טאַפּיט־וועג די לעצטע שפּאַציר־גענגער און זיך פאַרלוירן אין די וויסטע אַלייען לענג אויס דעם גרויסן קאַנאַל.

מ׳האָט געקאָנט מיינען אַז מ׳געפינט זיך אויף עק וועלט.

דאָס הויכע גראָז האָט אָפּגעווישט די שפּורן פון די קעניגלעכע וועגן, וואָס בלויז די רייען הונדערטיעריקע בוימער מיט די חופּות פון זייערע בלעטער — דאָך האָבן נאָך עדות געזאָגט וועגן זייער אַמאָליקער עקזיסטענץ. שפּאַצירנדיק צווישן די בוימשטאַמען ווי צווישן האָלץ־קאָלאנאַדעס. האָבן זיי געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי דרינגען אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין דעם האַלב־טונקעל פון אַ לעבעדיקן טעמפּל.

אַ פויגל־געשריי. איבערן געדיכטן פּאַרק האָבן זיך גע־טראָגן גאַנצע מחנות שוועבל־געלע זומער־פייגעלעך. פלאַקס־בלויע געוויקסן האָבן באַדעקט דעם באָדן. ער האָט זיך איינ־געבויגן און דערלאַנגט מאַניקן איינס פון די דאָזיקע ווילדע געוויקסן — צום אָנדענקען אָן דעמדאָזיקן שפּאַצירגאַנג!

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, פּרי האָט זי אַ נעם געטון און געקושט. דערנאָך האָט ער איר צוגעצויגן צו זיך:

— העלפט מיר צו. וועלן מיר מאַכן אַ בוקעט...

אונטערן לייכטן טאָן האָט געציטערט די שטים.

— גוט וואַרפט עס מיר אַהער!..

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז און ער נאָך איר. מיט לײדנשאַפטלעכע בליקן האָט ער געקוקט אויפן אויסגע־שטרעקטן קערפּער, אויף די פיס וואָס די פיינע הויט האָט געבליכטן דורך די זיידענע זאָקן, אויפן יונגען ביוסט וואָס האָט זיך מיט אַ ציטער געהויבן און אויפן מויל, וואָס האָט זיך גערגנוויליק געעפנט.

— אַניקע, האָט ער בעטנדיק, געפליסטערט.

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיינע אַקסלען.

— מיין געליבטע!

זייערע ליפּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן.

— איך ליב דיך... און דו? האָסטו מיך ליב?

אַריבערגעבויגן איבער איר געזיכט, האָט ער געפּילט פאַרביילויפן דעם „יאָ" וואָס זי האָט אַנ׳אויפגערעגטע, אויס־

געקאַטעמט. ער האָט איר אײנגאַנצן אַרומגענומען. פאַרשכורט
פון האַלטן איר אין זײַנע אָרעמס.

— װי גליקלעך איך בין! װי ליב איך האָב דיר!..
װילסטו מיר געהערן? װילסטו?..

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי אים צוגעצױגן צו זיך.

—שױן זער לאַנג בענק איך נאָך דיר. האָט ער גע־
שטאַמלט — איך האָב דיך אָבער געװאָלט באַקומען פון דיר גופא,
אַלס אַ פרײַען געשאַנק!.. מײַן געליבטע... מײַן װײַב...

ליבעפול און צערטליך איז פאַרגעקומען זײער
פאַרײניקונג.

אַז אַניקע האָט אױפגעעפנט די אױגן, איז זי, מיט
אַ העפטיקער לײדנשאַפט װידער צוגעפאַלן צו אמעדײס
ליפן...

מיטן שמערץ, װאָס זי האָט געשפירט האָט זיך גלײַכ־
צײַטיק פאַרײניקט אַזאַ אינטענסיװער לוסטגעפיל, אַזא הױכער
גענוס, אַז מיט אומענדלעכער דאַנקבאַרקײַט. װי שכור פון
מידקײַט, האָט זי געפליסטערט:

— געליבטער, איך ליב דיך, און בין דײַנע מיט לײַב
און לעבן...

ער האָט לײדנשאַפטלעך געענטפערט:

— איך ליב דיך, איך בין דײַנער.

אַז זי האָט זיך אױפגעהױבן, איז דאָס געװיקס, אַ פאַר־
װעלקטע אַראָפּגעפאַלן פון איר קלײד...

אַמעדײ האָט אָפּגעריסן אַן אַנדערס...

צום אָנדענקען אָן דער דער דאָזיקער שעה...

זי האָט אַ קוש געטון דאס צארטע געװיקס און בײדע
האָבן געשפירט דעמזעלבן שטאָלץ, װאָס זײ האָבן געפײַערט
זײער פרײַע חתונה אין אָנגעזיכט פון דער אײביקער נאטור
און לױט דער רעליגיע פון זײערע הערצער.

ענדע פון ערשטן טײל

צווייטע טייל

דער צווייטער טייל

> כדי צ׳ דערגרייכן דעם אמת מוז מען זיך
> איין מאל אין לעבן באפרייען פון אלע
> אנגענומענע מיינונגען און ווידעראויפ־
> בויען א גאנץ נייע וועלט=אנשויונג.
> דעקארד.

1

אין א וואָך שפּעטער איז געווען פּאולעס חתונה. די
הכנות זענען געווען אין פולן ברען. מארטינעטס חשק צו באַ־
זיצן פּאאולען — קודם־כל מוז ער האָבן „די קאץ", דאס איבע־
ריקע וועט שוין במילא קומען — האט אים פונדעסטוועגן נישט
געשטערט וואס מער אויסצונוצן דעם ענין פאר זיך. לגמרי־
באַרויקט פון דער שטעלונג. וואס די פלגש האט אנגענומען צו־
זיין חתונה האָבן — אז ער האָט נאך נישט איבערגעריסן אינ־
גאנצן די דאזיקע באַציונגען האט אניקע אנטדעקט אין יענעם
אוונט ווען מארטינעט האט זיך באַמיט צו מילדערן די פאר־
ווורפן פון זיין דאַמע — האָט דער דיקער מאן אנגעהויבן אויס־
צוארבעטן זיינע צוקונפטיקע פּלענער.
סוף כל סוף האט ער איינגעשטימט, אז פּאאול זאל זיך

וויטער פארנעמען מיט איר קונסט, וויניקער באאיינפלוסט פון איר בעטן, ווי פון אניקעס ארגומענט,, אז מיט דער ארבעט, וואָס זי האט אזוי ליב, קאן פאאולע פארדינען און דעקן א טייל פון דער הוצאה.

אזוי ווי ער נעמט איר לגמרי אָן נדן, האט ער געפאדערט, אז זי זאל אין דער צוקונפט האבן א קלענערן טייל אין זייער געמיינזאמען פארמעגן. אויף אזא אופן האָט ער רעזערווירט פאר זיך זיין איצטיקן פארמעגן און האט געקאנט, אין פאל פון אַגט, באהאלטן פון איר זיינע שפעטערדיקע פארדינסטן. ביני לביני האט ער אַרויפגעלייגט זיין האנט אויף א העלפט פון דער קינסטלערינס פארדינסט, וועלכע האט זיך תמיד געפונען אונטער זיין קאָנטראָל, און ער האט טאקע גוט פארשטאנען, ווי אזוי איר אויסצונוצן.

דערפאר האט ער איינגעוויליקט — מיט א פאָזע פון א פלומרשטן אפיקורוס, וואס אזעלכע מאסקאר... זענען פאר אים בלויז לעכערלעך — אז די חתונה זאל פארקומען אין קירך. באטירלעך, בלויז א קליינע, שטולע צערעמאניע נאך דער פראַצעדור אין שטאנד־אמט. ער איז דאָך נישט מחויב אליץ אויסצוהערן!

פאאולע, וואס ביי איר איז געווען דער עיקר א רויטער דיוואַן אויף די טרעפ פון קירך, דער יום־טובדיק אויסגעפוצטער דינער און דער ארגעל, האט פון דעם אלעם געמוזט רעזיגנירן. נישט געקוקט אויף אניקעס ווידערשטאַנד האט זי אבער דורכאויס געפאדערט, אז ס׳זאל דורכגעפירט ווערן די גאנצע רעליגיעזע פראָצעדור, וועלכע זי האט געהאלטען אומבאדינגט נויטיק.

— „דו קאנסט רעדן פון היינט ביז מארגן. פאר מיר איז דאָס חתונה האָבן געבליבן א הייליגטום"...

— „ס׳איז אפשר אמאל געווען, בעת דו האסט זיך נאך געפונען אין דיין קלויסטער, אבער איצט וואס פאר א שייכות האסטו מיט דעם אלעם?"

— „פאַרדאָן, איך גיי נאָך איצט אויך פון צייט צו צייט אין קירך"...

— „יאָ, זונטיק, ווען דו טוסט אָן אַ נייע קלייד! ס'האָט פונקט אַזא טעם, ווי דיין מאַניע אנצוטון אַ ווייסע חופּה-קלייד און אַ קליינעם בלומען-קראַנץ אויפ'ן קאָפּ, כדי אַלע זאָלען דיר באַוווּנדערן".

— „נו, און אויב אפילו אזוי?"—האָט פאַאולע פּראָטעסטירט.

דער חופּה-שלייער, ווי דער שלייער פון ערשטן ווידוי, איז פאַר איר געווען עפּעס אַ מין אוניפאָרם, וואס יעדע פרוי מוז עס טראגען אין דעמדאָזיקן יום-טובדיקן טאג, אויב זי וויל קיין זאַך נישט פאַרלירען.

— „אָבער דו גלויבסט דאָך נישט אין קיין זאַך?"

— „איך גלויב, אז ס'לוינט זיך נישט חתונה צו האָבען אַלס בתולה, אויב מ'זאָל לכל הפּחות נישט באַקומען דערפאַר אַלע געזעלשאַפטליכע פּריווילעגיעס"!

— „דאָס איז ווייניגסטענס לאָגיש, זינלאָז, אָבער לאָגיש... און ווערט דיר נישט שלעכט ביים געדאַנק, אז די מענטשען, וואס קוקען דיר אָן מיט זייער שמוציקן שמייכעל, קלערן בעת מעשה וועגען דעם קרבן, וואָס גייט פון אַלטאר דירעקט אויפ'ן שלאַכט באַנק? איך געפין, אז דער דאָזיקער מנהג פּאַסט אויס-שליסליך פאַר ווילדע!..

אייגענטליך זענען דאָס זאַכען, וואָס אינטערעסירען קיינעם נישט! דעם שטאַנד-אמט פאַרשטיי איך נאָך. ווען מ'גלויבט, למשל, אזוי ווי דו, אין דעם נוצען פון די געזעלשאַפטליכע פאָרמאַליטעטען... אָבער מ'דאַרף קיינעם נישט איינלאַדען... צוויי עדות, רעגיסטרירען, ונטערשרייבען און אַ גוטען טאָג... פאַר מיר וואָלטס געווען גענוג.

אבער פאַאולע האָט אין איר עקשנות — און אין דעם פאַל מיט מארטינעטס צוטימונג — געשיקט איינלאַדונגען צו אַלע אירע באַקאַנטע. אזוי ווי זי האָט געפועלט, אז צוזאַמען מיט איר שוועסטער זאָל פיגורירען אַלס עדות הער אמעדיי זשאקמען, אַ דעפּוטאַט פון דער שטאט פּאַריז, האָט מארטינעט, אַלס עדות

פון זיין צד, געבראַכט צו פירען דעם פאָרזיצער פון יוועלערן־פאַרבאַנד און אַ פעטער פון פראַווינץ, אַ נאָטאַריוס. די פערספעקטיווע צו פארברענגען אַ פאָר פריילעכע טעג אין פאַריז איז דעם אַלטען שטאַרק געפעלען.

אניקען און אמעדייען איז פון יענעם טאָג געבליבען אַ מעלאַנכאָלישע דערינערונג. דאס וואַרפען זיך אין די אויגען, די ציינישע בייגיריקייט פון די איינגעלאַדענע געסט, זייער זיך שטעלען אין פאסאן אין שטאַנד־אַמט און אין קירך מיט זייער צירונג און אויפפאַלענדע טואַלעטען, דער טומעל און רעש פון דער אויפנאַמע אין רעסטאָראַן, ווו מ׳האָט אינדערזעלבער צייט געפּ־אַוועט חתונות אין נאָך דריי זאַלען — דאָס אַלץ האָט אניקען און אמעדייען נאָך טייערער געמאַכט דעם אַנדענקען אן זייער אייגענער פאַרייניגונג.

זיי האָבען נאָך אַלץ געוווינט אין בעזונדערע דירות. אָפטמאָל פלעגט אמעדיי נעכטיקען ביי אניקען און זי פלעגט דאַן די איבעריגע צייט פארברענגען אויפ׳ן בולוואר ראספאי. זי פלעגט קומען אין דערפרי, אנפירען מיט די ביורא־ארבעטן, און די ווירטשאַפט האָט זי איבערגעלאָזען דער פרוי דאן ווו, אָפּשאַצענדיק ווי געהעריג איר איבערגעגעבענקייט און פעאיקייט. די גוטע פרוי פלעגט זיך שטאַרק בעמיען צוצוגרייטען פאַר זיי געשמאַקע שפייזען; זיי זענען נישט געווען קיין גרויסע עסער, אָבער ראַפינירטע פיינשמעקער.

ביידע טעמפעראַמענטפול, האָבען זיי געלעבט אין פולשטענדיקער האַרמאָניע. אניקע, אַ גליקליכע, האָט נור געקלערט וועגען דעם, ווי אים צו געפעלן, זי פלעגט אויסגעפינען כ׳ויזענטער קלייניגקייטען, וואס קויפען אונטער דעם מאן און בינדען אים סוף־כל־סוף צו צודערפרוי. זיין אַרבייטס־טיש פלעגט ער שטענדיק געפונען אין אָרדענונג און באפוצט מיט בלומען.

פארשידענע קלייניגקייטען, סטאַטועטקעס און בילדער האָבען ווי באַלעבט די מעבעל און די ווענט. עלעגאַנטע אַנצוגען און מיט געשמאַק צוגעקליבענע קראַוואַטען האָבען באַ-

רייכערט זיין גאַרדעראָב, ער איז געוואָרען לגמרי אנ׳אַנדערער, און דער אויסדרוק פון גליק אין זיין גאַנצער געשטאַלט האָט ממש פארוואונדערט אַלע זיינע פריינט.

אַ געוויסע מיספארשטענדניש, וועלכע האָט סוף-כל-סוף זעהר קורץ געדויערט, ווייל זיי האָבען באַלד אויפגעקלערט די לאַגע, האָט געוואָרפען אַ לייכטען שאָטען אויף זייערע צערטליכע באַציונגען: דאס איז געווען די געלדפראַגע... אמעדיי — וועלכער האט גוט פארשטאַנען, אז אַ יונגע און שיינע פרוי, ווען זי איז אפילו זעהר אויסגערעכענט, קאָן נישט אויסקומען מיט אכטהונדערט פראנק אַ מאָנאַט, וועלכע אניקע פלעגט ביי איהם באקומען אלס זיין סעקרעטאַרין — האָט געוואָלט זיי זאָלען האָבען אַ געמיינזאמע קאסע.

— „אזוי ווי מיר האָבען זיך פולשטענדיק אָבגעגעבען איינער דעם צווייטען — האָט דער דערקלערט אין אנ׳אָווענט, בעת זיי האָבען גערעדט וועגען דעם אַלגעמיינעם יקרות — וויל איך דו זאָלסט נישט האָבען קיין שום מאַטעריעלע זאָרגען... וואס איך פערמאָג, געהערט אויך דיר. איך שענק דיר גאָר-נישט, איך גיב דיר נאָר דאָס, וואָס עס קומט דיר... פון דיינע פארדינסטען קענסטו נישט לעבען אזוי, ווי איך וואָלט געוואָלט... אַ ביסעל ברייטער”...

זי האָט אים איבערגעהאַקט:

— „איך שווער דיר, אז איך דאַרף נישט מער, ווען איך זאָל האָבען צו ווייניק, וואָלט איך דיר גאנץ פשוט געזאָגט אַליין. איך בעט דיך, רעד נישט מער דערפון... איך דאנק דיר”...

זיין ענטוישטער בליק האָט איר געצוואונגען זיך אליין צו אַנאליזירען און זי האָט צוגעגעבען:

— „ס׳איז קאָמיש, אָבער דער געדאנק, אז צווישען אונז קאָן קומען צו וועלכער נישט איז דיסקוסיע צוליעב געלד, איז פאר מיר אונערטרעגליך... עס באליידיקט מיר... פארוואָס? איך קאָן עס אַליין נישט דערקלערן. אפשר איז עס דער איבער-טריבענער שטאָלץ פון מיין אונאָפהענגיקייט”.

זי האָט באמערקט זיין אומעט און האָט חרטה געהאַט וואָס זי האָט אים געקרענקט. זי האָט אים ארומגענומען.

— „איך וויל דו זאָלסט מיך גוט פארשטיין! איך קאָן דיין גוטסקייט און צערטליכקייט... אָבער וואָס ווילסטו פון מיר? איך האָב אָט דעם דאָזיקן שומגעפיל. ס׳איז אפשר נאַריש? ס׳קאָן זיין... אלזאָ גוט, אז עס וועט זיין נויטיג, וועלן מיר נאָך מכּוח דעם רעדן. איך זאג דיר דאס צו, זיי רויק".

ער האָט זיין פאָרשלאג צוריקגעצויגען, באהאלטענדיק פון איר זיין שלעכטע שטימונג, האָט ער זיך אָבער געפילט באליידיקט, ווי אַ מענטש, וואס מען פארשטייט איהם שלעכט. דעם ערשטען מאל פאר דער גאנצער צייט, וואס זי האט אים אנגעהערט, האָט ער זיך אנגעשטויסען אויף א ווינקעל אין איר נשמה, ווי זי פלעגט זיך פארשליעסען אפילו פאר אים. צוציענדיק איר צו זיין ארבייט, האט ער דורכאויס געוואָלט, אז זי זאָל נעמען אנ׳אנטייל אין אַלעם, וואס האט אים אינטערעסירט און וואס ס׳איז אים נוגע. אַנערקענענדיק, פונקט ווי זי, בלויז דעם רעלאטיווען ווערט פון געלד, האָט ער זיך פונדעסטוועגען מיט פארגעניגען באנוצט מיט׳ן פאר- מעגען, וואָס איז געבליבען נאָך זיין פאָטער און וואָס צוויי דריטעל דערפון האָט ער טאקע באקומען בירושה — אַ רענטע פון בערך פופציק טויזענט פראַנק. דאס דאזיקע פארמעגען האט זיך כסדר פארגרעסערט אַ דאנק זיינע באדייטענדע פארדינסטען אַלס אַדוואָקאַט.

אניקע מיט איהר ערנסטער, אינטענסיווער אַרבעט, האָט בייגעטראגען צו דער פארגרעסערונג פון זיין מאַטעריעלען וווילשטאנד. אַליין שטארק פארנומען מיט די הכנות צו דער וואָלקאָמפאניע, האָט ער איר איבערגעגעבען צוויי פראָצעסען, דורך וועלכע זי איז אין אַ גאַנץ קורצער צייט געוואָרען בא. קאַנט אַלס זייער טיכטיגע אדוואָקאטען. ראָזעס פראָצעס, צו- ליעב איר טיפוס-קרענק, איז אָבגעלייגט געוואָרען ביז אפריל.

די גאנצע פארענדערונג, וואס ס׳איז מיט אַמאָל פאָרגע- קומען אין אמעדייען, האָט זיך אזוי געוואָרפען אין די אויגען,

אז זיין מוטער, צוריקקומענדיק נאָך די זומער־פעריען, וועלכע זי פלעגט תמיד פארברענגען אינ׳ם שלאָס מאָרעוואל אין אווערן, האט עס תיכף באמערקט. מאַדאם דעמארעוואל, אַ פרוי מיט אַ בורזשואזער וועלטאנשויאונג און שטרענג קאטוליש, האט זיך פארנומען מיט פילאַנטראָפּיע. פערשטייט זיך, נישט מחמת איר גוטצקייט, נור ווייל דערמיט האבען זיך באשעפטיגט דאס רוב פרויען פון איר סביבה. חתונה האבענדיק צום צווייטען מאָל צוליעב מאטעריעלע צוועקן, פונקט מיט אזא גרויסען מאמין, אַ פראָטעסטאנט, איז זי פונדעסטוועגען געבליבען איבערגעבען און קליינלעך צערטליך צום זון פון דעם איינציגען מענטשען, וועלכען זי האט אמאל ליעב געהאט.

— „געפינסטו נישט, — האט זי געזאגט צו איר מאן, — אז אמעדיי האט זיך מערקווירדיק פערענדערט“?

הער מארעוואל האט עס, נאטירליך נישט אבגעלייקענט, און באלד האט ער זיך טאקע דערמאנט, אז און דער „קאָמעדיע“ איז אים שטארק אויפגעפאלען אַ נאָטיץ וועגען דער חתונה פון דער מוזיקערן פארולא מיט די דעקאראטיווע נעמען פון די עדות. „אנוקע רעמבערט, אנ׳אַדוואקאטען, דער כלה׳ס יונגערע שוועסטער... און הער אמעדיי זשאקמען, אַ דעפּוטאט פון דער שטאָט פאַריז, איינער פון אונזערע אונגעזעהענסטע יוריסטען... און דער טרייער שטיפטאַטע האָט שוין געוווסט פון דער גאַנצער געשיכטע. נאָך מיט אַ צייט צוריק האָט ער געהערט, אז די „קליינע רעמברעט“ איז אנ׳אינטריגאַנטען, וואס לעבא האָט איר געמוזט אַרויסוואַרפען, דרייט זיך אַרום דעם ערליכן אמעדיין...

— איך האב עס פאראויסגעזען נאָך מיט מאָנאַטען צוריק. איך האָב עס דיר געזאָגט... איך האָב מורא, אַז זי האָט שוין דערגרייכט איר ציל!

הער מארעוואל, איינער פון די פירער פון נאַציאָנאַלן בלאָק, האָט אמת געהאלטן זשאקמענען פאַר אנאיבערצייגטן סאָציאַליסט, אָבער פאַר אַ שוטה, און אַ געפערליכן. שוין לאַנג האָט ער זיך געטראָגן מיטן פלאַן אים חתונה צו מאַכן מיט זיינער אַ וויטער

קרובה: פריילײן אַנטאָנעטע צעסאַן די טאָכער פון אַ גרויס-אינדוסטריעלער, וואָס דער קריג האָט פאַרפּילפאַכט זײַנע מיליאָנען...

צעסאַן האָט זיך אמת — איבעריגענס אין דער געזעלשאַפט פון עטליכע טיכטיקע פאַרלאַמענטאַריער — צוליב אַ פאַטאַלן קראַך פון אַ פינאַנציעלער אונטערנעמונג — געפונען אונטער אַ גע-ריכטליכער אויספאָרשונג... אָבער אַ מענטש מיט אַזעלכע באַ-ציונגען!.. די פאַרבינדונג מיט אים איז נאָך אַלץ אַ גרויסער כבוד. דערצו וועט זי אפשר אין אַ געוויסער מאָס באײַנפלוסן די ראַדיקאַלע אנשויונג פון שטיף-זון און אָפּשוואַכן זײַן שעדליכע ווירקונג.

— מען מוז זיך דערצו אײַן פאַר אַלע מאָל ערנסט אַ נעם טון. האָט ער געזאָגט קאַטעגאָריש.

ער איז געווען מאָגער און אויסגעטריקענט ווי אַ לאַנג פּיסיקער רומפּ-פויגל, מיט אַ גאָלן קאָפּ, כמעט אָן אַ קינבאַקן און אַ שנאָבל אַנשטאָט אַ נאָז.

קוים איז אַמעדיי ווען נישט איז געקומען צו זײַנע עלטערן, איז ער גלײַך געוואָרן דער אָביעקט פאַר זייערע שטעכווערטער, זיי פלעגן אים פשוט זידלען, לכתחלה פאַרשטעלט און שפּעטער גאַנץ אָפן. ער האָט זיך דעריבער באַמיט זיי אויסצומײַדן, גע-פונען פאַר גלײַכער אינגאַנצן איבערצורײַסן די באַציונגען, איידער זיך אַרײַנצולאָזן אין אַנאומנוצלעכן קאַמף. שוין אַ פּאָר מאָל האָט ער נישט אָנגענומען זייערע אײַנלאַדונג צו מיטאָג, און דעמאָנסטראַטיוו זיך אָפּגעזאָגט פון פאַמיליען-יום-טוב וואָס פרוי מארעוואל פלעגט אײַנאָרדענען יאָר אײַן יאָר אויס דעם 31-דע-צעמבער און וואָס דאָס מאָל האָט מען ספּעציעל פאַר אים אײַנ-געלאַדן צו דער פײַערונג דאָס פריילײן אנטאָנעטע צעסאַן. ערשט אין לעצטן מאָמענט האָט ער טעלעפאָנירט זײַז איבעראַשטער מוטער:

— אַנאומגעריכטע געשעפטלעכע אַנגעלעגנהייט! איך וועל אַרײַנלויפן מאָרגן מיט דיר זיך זען...

ער האָט געפונען דאָס פּאָר-פאָלק צוזאַמען בײַ הער מאַ-

רעוואל אין אַרבייטס-צימער. ער האט זיך געריכט אויף אַנ-אַנגריף... לכתחלה האָט מען געפּרוווט אים צו אנטוואָפנען, גע-רעדט אויסשליסלעך וועגן גלייכגילטיגע זאַכן — מכּוח וועגן אייביקן פּראָצעס פון די נאַכט-אזילן קעגן דער מאלקערײ-געזעלשאַפט וואס האָט איצט אָנגעגעבן אַנאַפּעלאַציע... דערנאָך האָט הער מארעוואל זייער פריינטלעך אַ זאָג געטון:

— מיר האָבן נאָך דיר נעכטן שטאַרק געבענקט, די גאַנצע פאַמיליע ה ט זיך ביי אונדז צונויפגעקליבן. — און איך האב אייך זייער באַדויערט.

— סאיז נישט געווען אַ פאַרגעניגען, האָט געזאָגט מאַדאם מארעוואל אנטואנעטע... האט געזונגען פּראַכטפול. זי איז אַ קינסטלערן...

— אנאמתע קינסטלערן, — האָט אונטערגעכאַפּט הער מארעוואל.

אַ מאָמענט האָבן אַלע געשוויגן דערנאָך האָט די מוטער צוגעגעבן:

— אַ שיינע, ווילקלינגענדיקע שטים שטייגט איבער אַלע אונסטרומענטן, דער לאַנגפיסיקער זומפ-פויגל האט צוגעבאָמקעט:

— אפילו די האַרפע...

מען שווייגט. אמעדיי, האַלטענדיק, אז די קאָמעדיע דויערט שוין אַ ביסל צו לאַנג, האָט זיך אַ הייב געטון די מוטער, שפּירנדיק די נאָענטע געפאר, האט באַשלאָסן אויסצושפּילן איר לעצטן טרומף, זי האָט אים אָפּגעהאַלטן און אַרומגענומען,

— סאיז נישט ריכטיק פון דיין זייט, וואָס דו האָסט צו אונדז נישט קיין צוטרוי! איך ווייס זייער גוט, אז דיין פּריוואַט און עפנטלעך לעבן געהערט אויסשליסלעך דיר... דו ביזט אין אַלע היבזיכטען געניג דערוואַקסן און דאַרפסט אונדז נישט אָפּ-געבן קיין רעכנונג וועגן דיינע האַנדלונגען. מיר קענען זיך דאָך אָבער דורכרעדן ווי נאָענטע מענטשן. אַ מוטער האָט שטענ-דיק דאס רעכט צו קלערן וועגן זונס צוקונפט, עס זענען אפילו פאַרהאַן פאַלן ווו דאס איז איר פליכט..

מיט אַ שאַרפן בליק האָט ער באַטראַכט איר שטרענגען

געזיכט, וואס קיין שום צערטליכקייט איז נישט געווען בכוח צו מילדערן זיין אייזקאַלטע האַרטקייט. וואָס וויל זי דאָ זאָגן? זי האָט געשפּירט, אז ער ווערט אָפּאָזיציאָנעל און האָט ממש נישט געקענט אַריבערטראָגן די שפּאָטישע קראַפט פון זיין שווייגן, די פרעמדע ענערגיע, פון וועלכער ער איז — לויט איר מיינונג — איצט שטאַרק באַיינפלוסט... אַ ביטערער צער אויף אים, אויפן אומגליקלעכן יונגען מאַן — ער פאַלט אַ קרבן פון זיינע געפילן! איבערהויפּט אין דעם פאַל, ווו דער צווייטער צד איז פאַראינטערעסירט אויסשליסלעך מאַטעריעל...

זי האָט געפּרוּווט אים באַצוקומען מיט חניפה-רייד, מיט צביעות.

— אמת דו ביזט אַ פרייער מענטש, מיין טייער קינד! צו גוט קען איך דיין האַרץ און דיין אינטעליגענץ, און בין דעריבער זיכער, אז דו האָסט געשענקט דיין אויפמערקזאַמקייט נאָך אַ גרינדלעכער איבערלייגונג... ס'איז געווען זייער שיין פון דיין זייט וואָס דו האָסט אונדז פריער קיין מאָל נישט דערציילט, — די דאָזיקע דיסקרעציע האָב איך ווי געהעריג אָפּגעשאַצט — וועגן דיינע... באַציונגען צו דער דאָזיקער פריילין רעמבערט, — מיר האָבן אָבער פיל ווייניק געוווּסט. צו שטאַרק האָב איך דיך ליב איך זאָל זיין ווייניגסטענס פון דערווייטנס — לויט מיין מיינונג שוין צו ווייט — נישט אינטערעסירען מיט דיין לעבן. לכתחלה האָבן מיר עס געהאלטן פאַר אַ צייטווייליגן קאַפּריז ווי פון דיין זייט אזוי פון איר... מיר ווייסן — אז די דאָזיקע יונגע... פערזאָן אפּישירט זיך אַלס „אומאָפּהענגיקע". מיר ווייסן אויך, אז זי איז רייצנד שיין...

הער מאַרעוואל האָט אונטערגעהוסט — דו וועסט צוגעבן, האָט זי ווייטער גערעדט, אז איך האָב רעספּעקטירט די דאָזיקע עובדה אזוי לאַנג, כל זמן מיר האָבן עס געהאלטן פאַר אַ פאַרבייגייענדיקן קאַפּריז ווי אַלע דיינע פריערדיקע צייטווייליגע ליבע פאַנטאַזיעס...

— אמעדיי האָט אויפגעהייבן דעם אָרעם.

— איך דערלויב אייך נישט, מוטער, צו שטעלן קיין שום פּאַראַלעלן.

— אָבער...

— פרייליין רעמברעט קען זיין אומאָפּהענגיק און רייצנד, זי איז אָבער פאַר קיין פאַל נישט די „פּערזאָן" פאַר וועלכע איר האַלט זי. אַ פאַנטאַזיע? אין דער הינזיכט האָט איר אַ גרויסן טעות. איך באַטראַכט אַניקן נישט אַלס מיין פּילגש, נאָר אַלס מיין פרוי. און קיין פאַרמעגן פאָרשלאַג האָב איך איר נישט געמאַכט אויסשליסלעך צוליב דעם. ווייל איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט אים נישט אָננעמען...

וואָס עס האָט איר אָבער לגמרי נישט געשטערט צו אַקצעפּטירן דאָס איבעריגע!..

הער מאָרעוואַל האָט געהאַט בדעה אויסצושיסן מיט אַ געלעכטער. דורך אַ זשעסט האָט אים אָבער זיין פרוי געהייסן שווייגן. די דיסקוסיע פון היינטיקן אָוונט וועט זי אַליין דורכפירן...

— טאַקע דאָס גופא שרעקט מיך אַמייסטן! ווו איז דיין לאָגישער פאַרשטאַנד, אַמעדיי דו ביזט פאַר דערדאָזיקער... (זי האָט געזוכט אַ וואָרט, וואָס זאָל אַמווייניגסטן באַליידיקן) פרייליין אַ שידוך, וועגן וועלכן זי האָט אין לעבן נישט געחלומט... און מיט אַמאָל וויל זי גאָרנישט אויסנוצן דעמדאָזיקן שאַנס און אַנטזאָגט זיך... דאָס גופא איז טאַקע שטאַרק פאַרדעכטיק און לגמרי אומפאַרשטענדלעך!

— דאָס קאָנט איר נישט פאַרשטיין. פרייליין רעמברעט האַנדעלט לויט פּרינציפּן, וואָס זייער מאָראַל שטייט אין דירעקטן קעגנזאַץ צו יענע, וועלכע איר, דו און מיין שטיפמאַטע, זענט געוווינט צו אַכטן... אין די מאָטיוון פון פרייליין רעמברעטס האַלטונג, זענען אַזעלע אויפריכטיקע און ריינע, וויינגסטנס פאַר מיר, ווי יענע, וועלכע באַוועגן אייך איר צו פאַרדעכטיקן. אין וואָס זענט איר זי חושד? אַז זי איז אויסן מיין עשירות. איז זי די אומאייגענוציקייט אַליין. אין וועלכער

נישט איז אומאָרענטליכקייט ? אניקע איז די פארקערפערטע אנשטענדיקייט !

— אנשטענדיקייט ! אַ יונג מיידל, וואס האט אַ געליבטן !

— דאס באווייזט נאָר, האָט הער מארעוואל איראניש באַמערקט, אז די אנשטענדיקייט, פונקט ווי אַ סך אנדערע זאכן, ענדערט זיך לויטן שטאנדפונקט, פון וועלכן מען בעטראכט איר.

אמעדיי האָט געקוועטשט מיט די בארקעס. איבערצייגן זיינע עלטערן ?.. ניין, דאס איז ער נישט בכוח, ער ווייסט עס זייער גוט. די היינטיקע סצענע, ער האָט עס פאָרויסגעזען, זיך גערעכט אויף איר, זי איז געווען אומפארמיידלעך, פון דעם טאָג אָן, וואס זיינע עלטערן האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ. אים חתונה צו מאַכן מיט צעסאָנס מיליאָנען און האָבן זיך דערוווּסט וואס פאר אנאָרט אניקע פארנעמט איצט אין זיין לעבן. ער האָט געהאַלטן פאר ריכטיק מיט איין קלאַפּ איינצוווארפן די לופטשלעסער פון זייערע פראָיעקטן. שפּירנדיק, אז אין דער שטיל טראגן זיי זיך ארום מיט מיאוסע חשדים אויף דער פרוי, וועלכע ער ליבט, האט ער קאַטעגאָריש געמאָלדן :

— פריילין רעמברעט קען מען לגמרי קיין זאַך נישט פאָרווארפן : און אז עס וועט קומען דער טאָג, ווען זי וועט מיר וועלן אָנטון דעם כבוד, פארפולקומען מיין גליק אין אנגעמען מיין נאמען, וועל איך מיט איר באשטימט חתונה האָבן.

אין אניקעס פעסטער ווילן צו בלייבן אומאפהענגיק פאר יעדן פרייז, האט ער שוין כמעט געזען אַ געפאר פאר זייער ליבע, וואס עס האט אים געווויסערמאַסן באונרויקט... ער האט זיך אנגעהייבן פאָרצושטעלן, אז אַ דאנק אַ געזעצלעך סאַנקציאָנירטע פאריייניגונג, וואָלט ער איר נישט בלויז געקענט מער באזיצן, — ווייל דאן וואָלט דאָך נישט געווען קיין שום גרונט צו לעבן סעפּארירט — נאָר טאקע פולשטענדיק.

— דו ווּעסט מיט איר חתונה האָבן, חתונה האָבן ? האט די אלטע דאמע געקריצט מיט די ציין, און איר שטים האט זיך אָפּגע אקט.

גלייכצייטיק האט אמעדיי באמערקט אנאיראָנישען שמייכל אויפן אלטענס געזיכט און האָט אויסגעשריגן:

— און פארוואָס נישט? איך מיין אז איך בין שוין גענוג דערוואַקסן איך זאָל מעגן רעזיגנירן אויף אייער הסכמה!

— אָבער, מיין קינד, אויב דו ליבסט דידאָזיקע... (ווידער האט זי געזוכט אָ וואָרט) עמאנציפאנטקע, איז עס אייגנטלעך נישט מיין זאך דיר איבערצוגעבן וואס פאר אַ מעשיות עס קורסירן וועגן איר. דו קענסט זיך אליין אינפארמירן!

— רכילות! שמוציקע רכילות! עס איז גענוג צו לעבן אָרנטלעך, אבער ווייט פון דער געזעלשאפט, פון דער „וועלט" ווי איר רופט מיט אייערע הויכע פראזן, דעם דאָזיקן קליינעם אָרעמען קרייז, אין וועלכער איר באוועגט זיך — כדי איר זאָלט אריינלייגן אין חרם און באַווארפן מיט שמוץ!.. מיט אייער שמוץ!

— אזוי מיינסטו, מיין ליבער? — האָט אַ זאג געטון הער מארעוואל, אָבער מיר זענען דאך דאָ נישט אויף קיין מיטאג, אויף קיין עפנטלעכער פארזאמלונג! דיין מוטער וועט דיר זאָגן...

— איך בעט דיך, לאָז מיך רעדן...

טרויעריק האט אמעדיי געקוקט אויף זיין מוטער. וואס נאָך וועט זי אויסקלערן?.. דער שטיף-טאטע האָט זיך אנגעבלאָזן און מיט אַ צופרידענער מינע געצופט די מאנקעטן, ווי ער פלעגט עס געוועגלעך טון אין סענאט נאָך אַ זופ צוקער-וואסער בעת זיינע זעלטענע דרשות קעגן דער קאָרופציע, קעגן די איצטיקע פארדאָרבענע זיטן...

ער פלעגט זיך באלעקן ווי אַ קאץ ביי דער דערינערונג אָן ספעציעלע אויסגעלאָסענע שטיק, וועגן, וועלכע ער האָט אַלס שטאַמגאסט און וועכענטליכער באזוכער פון עפנטלעכער הויז אויף רישעליע-גאס, כלומר'שט אין דער שטיל געוואָלט דאָקומענטירן זיין אמפערונג...

פרוי מארעוואל האט זיך געוואקלט.

— רייד, מוטער!

זי האט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— דו גופא צווינגסט אונדז דערצו... צו האָסטו געוווסט, אַז פריילײן רעמבערט אײדער זי איז געוואָרן דײַן סעקרעטאַר, האָט פריער געאַרבייט ביי לעבאָן!

ער האט באַגעגנט דעמדאָזיקן חשד מיט אַנאָפענעם בליק.

— איך האָב עס געוווסט.

— און ווייסטו פאַרוואָס זי האָט פאַרלוירן איר פּאָסטן?

— איך ווייס עס.

— עס איז אומגלעגלעך! אָדער מיין קינד, דו ביזט נישט בלויז פאַרבלענדט, נאָר אויך אַ שוטה און אַ מענטש אָן שום מאָראַלישן געפיל!..

— דיין פריילײן רעמבערט האט לכתחלה אויסגעניצט אַלע מעגליכע קאָקעטעריע-מיטלען צו באַיינפלוסן לעבאָן ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, און כוף-כל-סוף האָט זי זיך אַזוי פרעך באַנומען, אַז ער איז געווען געצוווּנגען איר צו ווייזן די טיר.

איצט וויל זי זיך נוקם זיין און פירט קעגן אים עפּעס אַ מין שאַנטאַזש-פּראָצעס! ווי דו זעסט זענען מיר ווען דעת גאַנצער געשיכטע גאַנץ גענוי אינפאָרמירט!..

דערדאָזיקער ראָזען, — וואָס מיר האָבן איר געמוזט אַרויסוואַרפן, באַמערקנדיק, אַז זי איז מעוברת — און איצט האָבן מיר זיך טאַקע איבערצייגט, ווי ריכטיק מיר האָבן געהאַנדלט.

— ראָזען האָט דיין אַניקע אָדער ווי דו רופסט איר, דיין ווייב, סוגעסטיאָנירט, אַז זי זאָל זיך אָנבינדן אָן לעבאָן... דאָס האָט זי נאָכן קינד-מאָרד, אויסגעטראַכט די מעשה, אַז ער איז דער פאָטער... אויף דעם אופן קלערט זי וועט זי זיך אָן אים נוקם זיין, פּונקט אַזוי ווי זי רעדט דיר איין, אַז זי וויל נישט קיין חתונה, אין דעריבער ביסטו און איר אַזוי פאַרקאָכט... און איצט האַלט זי דיך פעסט אין אירע הענט, דו קענסט זיך מער נישט רירן!.. חתונה האָבן! צו אַזאַ משוגענעם שריט וואָלטן מיר שוין בשום אופן נישט דערלאָזן! האָט זי זיך טאַקע מקדים געווען. זי באַנוגנט זיך מיטן שיין אָנשטאָט דער ווירקלעכקייט, זי נעמט נעבעך דאָס וואָס עס לאָזט זיך.

איר אַמפּערונג, איר אויפרעגונג איז געווען אזוי שטאַרק, אז דאָס תמיד בלייכע, שטרענגע געזיכט איז געוואָרן רויט ווי־ פייער.

— דאס איז אלץ ? — האט אמעדיי קאלט אַ פרעג געטון.

— פאַר דיר איז עס נאך ווייניק ?

מיט פארביטערונג האט ער זיך געוויצלט :

— עס וואלט געווען אומבאַשיידן צו פארלאנגען מער. נישט בלויז עס איז מיר גענוג, נאר איך בין זיך אייך מודה און מתודה, אז עס איז שוין אַ ביסל צו פיל ! לעבא, וואס איר זענט איצט זיין גראמאפאָן, איז אַ ביסל צו ווייט פאַרקראָכן. עס קען איס צו טייער קאָסטן איר קענט עס אים איבערגעבן, אויב איר וועט אים זען פריער פון מיר.

זיין רויקייט האָט ממש ארויסגעבראכט פון די כּלים דעם הער מארעוואל און ער האט איראָניש געשמייכלט .

— וואס וועט העלפן מוסרן, קאראלינע, אז אין מאָראַלישע ווי אין פּאָליטישע פראגען איז דיין זון לחלוטין נישט אימשטאַנד לאָגיש צו דענקען.

זי האט זיך נאך אָבער נישט אונטערגעגעבן און האט אים באַשווירן :

— איין זאך מוזטו מיר צוזאגן, אמעדיי ! עס איז מעגלעך, אז איך האב אַ טעות, אז מענטשן האָבן מיר פאַלש אינפאָרמירט. עס איז אָבער אויך נישט אויסגעשלאָסן, אז די צוקונפט וועט וועט דיר עפענען די אויגן... אויב איך בין אומגערעכט, וועל איך זיין די ערשטע וואס וועל עס אַנערקענען, דו מעגסט מיר גלויבן, אז מיט דעם וואס איך דאָב דיר דאָ געזאָגט בין איך נישט אויסן קיין זאַך נאר בלויז דיין טובה — און דעריבער פארצייַ מיר... וועלן אבער די געשעענישען באַווייזן, אז מיין אומרויקייט איז נישט געווען אומזיסט, — און דערין בין איך מער ווי זיכער — טו זיי וויסן, אז דו וועסט שטענדיק געפונען ביי מיר די שטיצע פון מיין גאַנצער צערטליכקייט, מיין איבער־ געבנסטע ליבע, וואס האט זיך, נישט געקוקט אויף אונדזערע גרויסע מיינונגס־פארשידנהייטן, אויף קיין האָר נישט געענדערט

וועד ווייסט אפשר וועסטו גאָר זיין דער ערשטער וועלכער וועט און איין שיינעם טאָג קאָנסטאַטירן, אז דיין אלטע מאמע איז געווען גערעכט און וועסט טאקע שטארק באדויערן וואס דו האָסט זי נישט געפאָלגט !..

סוף־כל־סוף האָבן מיר דאָך געהאט די פליכט דיר צו זאגן — דאס, וואס עס דיקטירט אונדז אונדזער געוויסן...

זי האט אַ זיפץ געטון :

און האָבנדיק דעם געפיל, די איבערצייגונג, אז דו האָסט געקענט זיין אזוי גליקלעך, דערפון גלייכצייטיק אונדזער אַלעמענס וווּנטש, און גרינדן אַ פאמיליע אנאנשטענדיקע, אזעלכע ווי עס האט אויף דיר געווארט... און וועט נאך אפשר ווייטערווארטן, ווער ווייס...

— אַ ! יאָ ! אנטואנעטע צעסאן !

ער האט אָנגעהייבן צו לאכן, נאָכדעם ווי ער האט שוין עטלעכע מאל געהאט בדעה אַ האק צו טון מיט די טיר און זיך אפצוטראגן. זיין פעיקקייט צו פארשטיין מענטאליטעטן *) לגמרי אנטקעגנגעזעצטע צו זיינע און דאס קליין ביסל קינדערלעכע איבערגעגעבנקייט צו דער אלטער פרוי, וואס איז אַמאל געווען זיין מאמע און איז נאך איצט אויך, נישט געקוקט אויף אלעם, זיין מוטער — האט אים געגעבן די קראפט צו בענדיגן זיין אמפערונג און זיין ווידערווילן. ער איז דערמיט געווען צופרידן, ווייל ער האט געפונען פאר ריכטיקער אויסצומיידן אַ פיינלעכן, עפנטלעכן ברוך. און אַ כל־ער׳שט גוטער שטימונג האט ער מעלאנכאָליש אפגעמאָסטן דעם אָפגרונט, וואס עס שאפט זיך צווישן די גענעראַציעס, און די גאנצע טיפעניש פון תהום, וואס די לעצטע יאָרן מיט זייער ווירבל־שטורם, האבן ארויסגערופן צווישן אים מיט זיין מוטער און שטיפ־טאַטן.

— אויף ווידער זען, מוטער, — האט ער געזאָגט, איך האב

---

*) מענטאליטעט — גייסטיגער צושטאנד.

י איבערזעצערן.

פאר דיר נאך אנאָנפטראג טאַטע צו דער פריידיין אנטואנעטע-צעסאָן... אדער בעסער צו אירע מיליאָנען, מיט וועלכע איך וועל קיינמאל אין לעבן נישט ח—ת—ו—נ—ה ה—א—ב—ן... גיב איר אנעצה, אז צוריקקומענדיק קיין דאוויל, זאל זי זיך דע-צודירן צו געפינען אַ פאראנטוואָרטליכן ארויסגעבער צווישן אירע פליכטן. זי האט זיי שוין זיכער אויסגעשטודירט. און קען גוט זייערע מעלות און חסרונות!.. זי זינגט שיין, עס קען זיין, אבער זי... טאנצט נאך בעסער, דאס האט מיר איבערגעגעבן טאקע איינער פון אירע טאנגא-טענצער.

— אַ שלעכטער וויץ! נישט אנשטענדיק פון דיין זייט.

— איר געפינט?

און איצט האָט ער געווענדט זיין איראניע קעגן הער מארעוואל.

— דאס באווייזט בלויז, אז דער באגריף וועגן רכילות — ענדערט זיך אויך, ווי אלע אנדערע זאכן לויטן שטאנדפונקט, פון וועלכן מען באטראכט אים... האט קיין פאריבל נישט, הער גענעראל-קאמיסאר אדער פארדאן! עקסעלענץ... — מען ווייסט באמת נישט, ווי מען זאל איך אייגנטלעך רופן!

— רוף מיך חבר, מיין טייערער דעפוטאט, האט דער סענאטאר געזאגט מיט אַ קרומען שמייכל.

כאטש ער האט אין זיין שטופ-זון געהאסט דעם געגנער, האלטנדיק זיין פאליטישע פראגראם נישט בלויז פאר אנאוטאפיע נאר ממש פאר בגידה צו אינטערעסן פון זיין קלאס, האט ער דאך, רעכנדיק זיך מיט זיינע ערפאלגן אין טאלאנט — גע-וויסערמאסן געהאט פאר אים דרך-ארץ. דאס געהערט אויך צום אפארטיניזם פון דער כלומרשטער ברודערשאפט צווישן פארלאמענטאריער, וואס סוף-כל-סוף פארטראגן זיך דאס רוב פון זיי, ווי גנבים, אונטער איין דעקע... הער מארעוואל האט אין זיין לעבן געזען צו פיל מיניסטעריעלע קאמבינאציעס, ער זאל פארלירן די האפענונג, אז זשאקמענס סאציאליזם, — ער איז דאך נאך געווען אזוי יונג! — זאל אין איין שיינעם טאג-מען ווערט דאך עלטער — נישט ווערן אפגעשוואכט ווי בײ-

אַ סך אנדערע... ער דאַרף נאָר באַקומען די מאַכט װי׳ װילפּאַ!

מיט זײַן זומפּיגער פילאָזאָפיע, אומעמפּינדלעך קעגן שנאַבל-קלעפּ און אַ שטאַרקער מומחה אין דער קונסט צו שטײַן אַמאָל אויף איין פוס און אַמאָל אויף דער אַנדערער, האָט הער מאַרעװאַל, נאָכדעם װי זשאַקמען האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר — באַשלאָסן:

— מען מוז װאַרטן!

2

אַז אַמעדײ האָט זיך געטראָפן מיט אַניקען בײַם מיטאָג, האָט ער נישט געקענט באַהאַלטן פון איר אַז ער איז געװען מיט אַ בעזוך בײַ זײַן מוטער.

פּרוי דאַנװואַ האָט זיך באַמיט צו ־פּצושטעלן אַ מעניו װי עס פּאַסט פאַר אַ יום-טובדיקן טאָג; װײַל עס איז געװען נײַ-יאָר. רויזן פון ניצע האָבן געװאָרפן אַ זונען-שטראַל אויפן געשטיקטן טישטוך. און דער אַסטי האָט געשפּרודלט אין די באָקאַלן, װאָס זײ האָבן געטרונקען אײנעם נאָכן אַנדערן, „לכּבוד דעם נײַען יאָר!"

איבערגעבנדיק אַניקען דעם געשפּרעך װאָס ער האָט געהאַט מיט זײַן מוטער האָט ער פאַרשטײט זיך, אַרויסגעװאָרפן אַלץ װאָס עס האָט געהאַט אַ שײַכות צו איר. זי האָט אים אָבער צו גוט געקענט, ביז די פײַנסטע ניואַנסן פון זײַן געזיכט, געלײענט אפילו זײַנע געדאַנקען, און דעריבער האָט זי גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט גערעדט אויסשליסלעך װעגן איר און געשפּירט אין װעלכן זין.

— נישט אמת? פון מיר האָט מען קײן װאָרט נישט גע- רעדט? קײן שלעכט װאָרט?.. קענסט אויף דעם שװערן?

ער האָט געשמײכלט מיט דער גאַנצער אָפנהערציקקײט, אויף װעלכער עס האָט באַזירט זײער קעגנזײַטיקער צוטרוי, דער יסוד פון זײער אויפריכטיקער ליבע. ער האָט זיך מודה געװען:

— יאָ! זייער פיל שלעכץ.

— דערציי̄ל.

— לעבא קען דיר בשום אופן נישט שענקען וואָס דו האָסט בדעה אויפצודעקן זיין נידערטרעכטיקקייט. ער איז זיך נוקם אויף אַ שענדלעכן אופן. איך האָב אים געהייסן איבערגעבן, אַז אויב ער וועט נישט פאַרמאַכן דאָס מויל, האָט ער מיט מיר צו טון!

— איך בין גענוג שטאַרק זיך אַליין צו פאַרטיידיקן!

— געוויס, האָט ער, אַנאויפגערעגטער געמורמעלט.

— און וואָס זאָגט ער?

— מיט פאַראַכטונג האָט ער געקוועטשט מיט די באַרקעס.

— אָבער וואָס נאָך?

— פונקט דעם היפך פון אמת.

אַ, דאָס!

— זי האָט געלאַכט, און לוסטיקער געלאַכט דערהערנדיק מכּוח דעם פסיידאָ־שאַנטאַזש פון דער פּאָטערשאַפט. אמעדיי האָט איר דערקלערט:

— זיי פּאַרזיכטיק! עס איז דער שוואַכסטער פונקט פון פּראָצעס... ראַזעס באַשולדיגונג באַזירט נישט אויף קיין שום זאַך, אויסער אויף אירע ווערטער... קיין שום באַווייזן. אפילו נישט קיין גרונדלעכע פאַרדאַכטן... אויב דו וועסט אַריינציען לעבאַן אין פּראָצעס — לויט דיין אינטערעס, ריזיקירסטו אָנצושטעלן קעגן אייך די ריכטער, ווייל זיי זענען דאָך אויך מענער... ער איז מעכטיק, און וועט דעם גאַנצן ענין אַזוי אַראַנזשירן, אַז ער איז נעבעך אַנאומשולדיקער קרבן פון אַ פּערזענליכן אַנגריף.

— פון מיר, הייסט עס!

— פון דיין קליענטן... און דאָס איז פאַרן אורטייל לגמרי נישט גינסטיק.

— וואָס בלייבט, הייסט עס, צו טון?

— גאָט מיינער!.. ער איז שולדיק, און האָט מורא... אפשר איז טאַקע בעסער אים צו האָבן אין דערדאָזיקער אַנגעלעגנהייט אויף דיין זייט און נישט קעגן זיך... ווער ווייס? אפשר זאָל

מען אים צוזאָגן, אז מען וועט אים צורו לאָזן און דורך פרידלעכע פארהאַנדלונגען זען עפּעס אַרויסקריגן פון אים פאר ראזען...

— די געשווירענע לאָזן זיך נישט אַריין אין אַזעלכע אפּערעס...

— די געשווירענע ריכטער טאַקע נישט, אָבער דער פּראָקוראָר—יאָ. און דאס וועט זיין אָפּהענגיק פון זיין באַשולדיגונגס-אַקט... אפילו טאַרטיף זאָגט, אז דער הימל גופא האָט גאָר נישט קעגן פשרות... אפשר וועט מען אויך קענען קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיטן גאַט פון וואנדאם-פּלאַץ סאַלמו איז לעבאַס אַ גוטער פריינט"...

— „וויסטו", — האָט זי געזאָגט, „וואס מיר איז אַזוי נמאס אין דער פּאָליטיק, וועלכע האָט געקענט זיין אַזוי ריין און שיין ?"

— „די מענטשן, וואָס טרייבן פּאָליטיק".

— גאַנץ ריכטיק".

— „איך פיל זיך באַליידיקט" !

— „נישט אַלע זענען אַזוי, ווי דו !.. סוף-כל-סוף מוז מען אַנערקענען, האָט זי אים געדראָעט מיטן פינגער, אז דו אַליין האָסט אויך אַ שטיקל שוואַכקייט צו דעם דאָזיקן — האַנדל ! מען מוז דאָס אַזוי פאַרשטיין, אז דער פעלער ליגט אין דער פּראָפעסיע גופא.

— „יעדע פּראָפעסיע האָט אירע פעלער".

זי האָט זיך פאַרטיידיקט :

— „עס איז תמיד אָפּהענגיק דערפון ווי מען פּאַסט אויף די פּראָפעסיע. איך פאַרזיכער דיר, אז אַלס אַדוואָקאַטן"...

— „אָ, דו וועסט זיין, און דיין קלייד, דאס זעלבע, וואס מיר אין אונדזערע אַנצוגן...

— „אָ, ניין ! מיר פרויען זענען אַ סך אידעאַלער פון אייך. דו וועסט זען, וואס דו ווייבלעכע אויפריכטיקקייט (ווייל, ווען נישט די מענער, וואָלטן מיר זיך נישט געוווען צוגעוווינט צו ליגן), גוטמוטיקקייט און ווייכקייט וועלן ביסלעכוויין

אַרייַנברענגען פאַר אַ פּראָגרעס אין אַלע אידעען־אָרגאַניזאַציעס.. און אפילו אין דיין שמוציקער פּאָליטיק, ווען מיר וועלן סוף־כּל־סוף באַקומען שטימרעכט"

פונקט אַזוי, ווי איר איז נישט געפעלן, — כאָטש פּרינציפּיעל איז ער מיט איר געוועזן לגמרי איינשטימיג, — איר אומאָפּהענגיקקייט, אַזוי האָט איר פאַרדראָסן, וואָס ער גיט אָפּ די גאַנצע צייט דעם באַרוף, און זיינע אַמביציעס שטערן זאָגאַר זייער ליבע. אָפטמאָל אין אָוונט פלעגט ער ממש זיין פאַרצווייפלט, וואָס ער מוז אַוועקגיין פון איר, אַ, ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ער קען בלייבן אין איר קליינער, געמיטלעכער וווינונג, ווו זיי פלעגן איצט גאַנץ אָפט עסן מיטאג און אניקע אליין האָט צוגעגרייט די לייכטע שפּייזן... עס איז אים שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון די אַנגענעמע שמועסן, און צערטליכקייטן... אָבער דאָ האָט ער געהאַט אַ זיצונג, וועלכע מען קען נישט אָפּלייגן, אָדער אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער ער האָט צוגעזאָגט צו זיין... און ער האָט זיך געמוזט אַרויסרייסן פון אָרעמס, וועלכע וואָלטן אים אַזוי גערן פאַרהאַלטן...

אייגנטלעך איז דאס ביי אניקען געווען אנאומווילקיגער פאַרדרוס, ווייל, נישט קוקנדיק אויפן ביזאַנטיניזמוס,*) וועלכער הערשט און יעדער פאַרטיי, האָט זי זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט דער פּאָליטישער באַוועגונג און מיט דער פּאָליטיקטרייבעריי פון די פאַרשידענע גרופּירונגען אין דער פאַרטיי גופא. אפילו אז מען קוקט זיך צו צו דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, אין וועלכער זשאקמען איז אַריינגעטרעטן נאָך דאן, בעת זי איז געווען אנאייניהייטלעכע, אונטער דער אנפירונג פון זשאָרעסן, אויף וועמען זי האָט געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען — וויפל גוטן ווילן האָט מען דארט געזען... און וויפל קרעפטן וואס האבן זיך אין דער פאַרטיי גופא איינער די אנדערע באַקעמפט.

---

*) „ביזאַנטיזמוס" — שמוציקע פּאָליטיק טרייבער

אויסערהאלב דער פאַרטיי — די ראַדיקאַלן און רעפּובּ־ליקאנער, אין דער אַלטער פאַרטיי — די אומאפּהענגיקע (צו וועלכע עס האט געהערט זשאקמען) און די עקס-פאַרייניקטע, אָרטאדאָקסע רעוואָלוציאנערן פון דער ראַטן-דיקטאַטור, וואס די קאמוניסטן האבן זיי, פון זייער זייט, אויסגעשלאסן... פון איין זייט די פיר ערשטע גרופּן, וואס זענען גרייט געווען זיך צו פאַרשטענדיקן... פון דער צווייטער זייט — אַ רייע סעקטן, פון וועלכע מען האָט, אייגנטלעך, נישט געוווסט, צו זיי טראגן אין זיך אַ צושטערנדיקן פערמענט, אדער אַ מיסטישן... דאס אַלץ איז געווען קאָרופּטירט דורך פערזענלעכע אינטערעסן און פינצטערע שנאה...

— „עס איז נישט קיין וווּנדער, מיין טייערער”, פלעגט אַניקע אָפט זאגן, „אז דריי־פערטל פון די וועלער אינטערעסירן זיך נישט מיט דעם, וואס איר גרייט צו אין אייערע קעכן. דער ריח פון קעלער־פענצטער, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס, רופט ארויס די זעלבע יישט גוטקייט. און סוף־כּל־סוף מוז מען זיך זאגן, אז דער, וואס שטייט ביי דער קיך, קלערט נאר וועגן זיין זופּ! דאס איז אויך די מיינונג פון מאדאַם דאנוווא: „וואס אַרט די מיניסטארן, אז פּוטער קאסט צוועלף פראנק?... זייער טעלער איז שטענדיק פול!”

בעת אמעדיי, פארכאפּט דורכן ערשטן פיבער פון וואַל־פעריאד, איז איצט געווען געצוווּנגען נאך אָפטער צו פאַרלאזן דאס הויז, האט אַניקען געטון דאס איריקע אין יוסטיץ־פּאלאַץ. א דאנק אירע גרונדלעכע יורידישע קענטענישן און איר רעדנער־טאַלענט איז זי און איר קרייז פון טאג געווארן באַרימטער.

די צוֹ דרינגלעכע קלאָגן האט זי גלייך אין אנהייב משלח געווען: די גרויקעפּיקע מיט באַקנבערט און ראזירטע, וואס האבן אויסגעזען ווי אַלטע שוישפּילער, ווי אויך די יונגע, וועלכע זענען געווען נאך חוצפּהדיקער. מיט איר שיינער פיגור און עלעגאנטן הוט אויף די קורץ־געשוירענע בראנע לאָקן, האט זי צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאמקייט, דערצו איז זי

געווען פול מיט לעבן און האט אויף אלץ געהאט אַ פּאַסנדן ענטפער, דעריבער אויך האבן איר אלע באַלד אנערקענט... אניקע רעמבערט? אנאריגינאל!

נאר פרויען, די ביידישע קאנקורענטקעס (אויסער אזעלכע, וואס זענען אויך געווען יונג און שיין, און דערצו ווייניקער שטרענג) האבן איר קריטיקירט... אניקע רעמבערט? זי פאזירט דאך!.. אז זי האט אבער סוף־כל־סוף געהאט גרויען ערפאלג און מען האט זיך דערוווסט וועגן אירע באַציונגען מיט אמעדיי זשאקמען (וועלכער איז היינט געווען לידער און האט מארגן געקענט ווערן מיניסטער האט זיך די עפנטלעכע מיינונג וועגן איר פעסט געשטעלט. אניקע רעמבערק? אַ געפערלעכע פערזאן, מיט וועלכער מען מוז זיך אבער רעכנען.

זי האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס וועגן די סבות פון איר דערפאָלג. מער ווי איר פערזענלעכע אַרבייט, האָבן איר געבראַכט נוצן — פריער לעבאס געהיימע פּראָטעקציע און שפּעטער אמעדייס. און ביז היינטיקן טאָג האָט זי זייער גוט געוווסט, אז נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט גענוג פאַרדינט צום לעבן, איז איר געלונגען צו באַזיגן אַלע שוועריקייטן, אַרויסקריכן פון די דאָזיקע שרעקלעכע זומפּן, וואס, אָן פּראָטעקציע און אָן הילף, וואָלט זי זיכער אין זיי אונטערגעגאַנגען, ווי אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט ווייניקער גליק און ווילנס־קראַפט. די דאָזיקע מסכנות האָבן פאַרשטאַרקט איר כעס געגן דער אומגערעכטיקקייט און אומגלייכקייט, און די ערינערונג אָן דער געשעעניש פון ערשטן מאַי האט אנגעשפּארט איר קאַמפּ־לוסטיקקייט, כאָטש דער סימן פון ווונד איז לאַנג פאַרשוווּנדן, אָבער יענע ברוטאַלע האַנדלונג איז אין איר זכרון געבליבן פריש, ווי אין ערשטן מאָמענט.

נישט געקוקט אויף דעם האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלוירן איר שיינעם גלויבן אין דער צוקונפט, מיט וועלכן זי האָט אויפגעהאַלטן פאַולען אין איר שוואַכקייט און שפּעטער אין איר פאַרצווייפלונג. ווייל צווישן פאַולען און מארטינעטן איז שוין אין דעם אָוונט פון זייער חתונה געקומען צו אַ פולשטענדיקן

זיך. אַלס מאַן איז ער געווען אַזוי ברוטאַל, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן, האָט זיך די אומגליקלעכע פרוי כסדר פאַר אים געשראָקן. ער איז איר געווען לגמרי אַ פרעמדער. ווייל ייט די צייט און נישט קיין געמיינזאַמער אינטערעסן קענען נישט אויפטון קעגן פיזישן עקעל. מאַרטינעט, וועלכער האָט אין דער חופה-נאַכט פאַרשאפט זיין פרוי בלויז שמערצן און די נידעריגע פון אַ סאַנקציאָנירטער פאַרגעוואַלטיגונג, האָט אומזיסט געפרווט אויפצוועקן איר ליידנשאַפט, קוים איז אים דאָס נישט געלונגען, האָט ער באַפרידיקט זיין תאווה און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פאולע האָט אַרויסגעוויזן צו אים אַנ-אָפּענעם ווידערווילן, האָט ער זיך דערפון אויסגעלאַכט און איז, אונטערזינגענדיק אַ לידל, אַוועק געגאַנגען. פאַולע איז געוואָרן פאַר אים נישט מער, ווי אַ מין הויז-טיר און ליזע בערטאָ האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן די ערשטע פידל אין זיין ראָמאַנלעבן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער געוואָרפן זיין פרוי — „די לאַנגווייליגע" און האָט זיך אומגעקערט אין זיין אַלטן שטאַל.

פאַולע איז אין אָנהייב געווען זייער צופרידן פון איר איינזאַמקייט, שפּעטער אָבער איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער נעוראַסטעניע, ווען זי זאָל כאָטש האָבן אַ קינד! אַ טרייסט אין איר עלנטקייט, וואָלט עס אפשר געקענט שטילן די שמערצלעכע בענקעניש פון איר צובראָכן האַרץ. אָבער וועגן דעם ענין האט איר הער און געביטער געהאַט אַ פעסטע מיינונג: „אַ קינד! ווען מען איז נישט קיין קאַפּיטאַליסן! איין קינד?! פאַרוואָס נישט עטלעכע?! קינדער האָבן איז גוט פאַר די, וועלכע ווייסן נישט, וואָס זיי טון! דאס איז אנעסק פאַר שכורים פאַר פּראָלעטאַריער"!

— אניקע?.. ביי איר גאַנצער צערטלעכקייט, האָט דאָך געהאַט איר אייגן לעבן, אירע אייגענע דאגות. פּאאולא האָט נישט געהאַט אין וואָס זיך צו קלאמערן. איר איז געבליבן דער בערוף: די קאָנצערטן, דידאַזיקע אָנשטרענגענדע און אויפרייצנדע קאַריערע... אבער אויך דאס האָט תמיד געדינט אלס

אָביעקט פאַר סצענעס מיטן מאַן, וואס זיין גראָבקייט אין אַזעלכע פאַלן איז איר ממש געווען אומערטרעגלעך.

פון נאָך דער חתונה אָן, האָט פּאַאולא געשפּילט אונטערן נאמען מארטינעט, ווייל ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט פיגורירן אויף די פלאַקאטן, און איצט פלעגט ער איר טעגלעך מאַכן ז׳ער־פאַר סקאַנדאַלן, אייפערזיכטיק אויף איר דערפאָלג. אויב אזוי, היינט וואָס איז, ער, מאַרטינעט, אַ צוליייג, אַ זערא, אַ גארנישט?

אויסערדעם פלעגט ער טאָג איין טאָג אויס קאָנטראָלירן אירע פאַרדינסטן... דעם האָנאראַר פאר וועלכער נישט איז לעקציע, דעם פאַרדינסט פון דער קלענסטער פאָרשטעלונג, פלעגט ער גלייך צונעמען פאַר זיך אלס טעגלעכע קאָנטריבוציע, אלס צוואנגס־שטייער פאר זיך אויסגעבאָרגטן נאָמען...

— דאָס געזעץ, פלעגט ער חוזק מאַכן פון אירע פּראָטעסטן דאָס געזעץ? איך שפּיי אויף אים! איך האָב דיך גענומען אָן אַ גראָשן, און דו מוזט העלפן פירן די הוצאה...

און אויף דעם אופן איז געקומען דאָס, וואָס עס האָט געמוזט קומען.

אין איין שיינעם מאַי־טאָג, — נאָכדעם ווי איר גיהנום האָט זיך שוין געצויגן גאַנצע צוויי חדשים — און זי האָט ווידער אָנגעהויבן צו קלערן וועגן לולי בראַנטיער, האָט פּאַולאַ, נאָך אַ פֿאָרשטעלונג ביי גאַבאַ, ווו זי האָט מיט אַנאומגעוועגלעכן דער־פֿאָלג געשפּילט מאָצאַרטן אין גריגן, באַגעגנט ביים אַרויסגאַנג אַ יונגן אינדוסטריעלער, וועלכן זעליאַנאָוו האָט איר פֿאָרגעשטעלט...

— ראַגער זשוו, פֿריער אַנאַוויאַטאָר, איצט אַ פֿאַבריקאַנט פֿון עלעקטרישע אַפּאַראַטן, די פֿירמע זשוו אין כאַבאַז.

נאָך ציטערנדיק אין גאַנצן פֿון דעם דערגרייכטן דערפֿאָלג און פֿון איר עמאָציע ווייל אָבגעבנדיק זיך איצט לגמרי דער שכּרות פֿון דער מוזיק האָט זי אַריינגעלייגט אין שפּילן איר גאַנצע נשמה — האָט זי מיט צופֿרידנהייט אויסגעהערט זיינע גערעכט קאָמפּלימענטן און זיין אויפֿריכטיקע באַוווּנדערונג.

אין אַז ראַגער זשוו האָט פֿאָרגעשלאָגן דער גאַנצער גע־זעלשאַפֿט זעליאַנאָוו, פֿרוי ברוססאַט, אַניקע און זשאַקמען — צו

פאָרן אויף טיי אין בולאָן-וואַלד, האָט זי עס זייער גערן אַק־צעפּטירט, מער אונטערן אימפּולס פון איינעם פון יענע צופעליגע מאָמענטן, וואָס באַשטימען אָפּטמאָל דעם ווייטערדיקן שיקזאַל, ווי נאָך אַנערנסטער איבערלייגונג.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז זי געווען ראַגערס פּלגש. דער אומבאַקאַנטער פון נעכטן האָט איר מיט איין מאָל — און עס האָט איר לגמרי נישט געוווּנדערט — געגעבן אַלץ וואָס איר האָט ביז איצט געפעלט: פאַרגאַנגענהייט און פאַמיליע.

אַריינגייענדיק אין געשמאַק פון תאווה־לעבן האָט פאַאולאַ גלייכצייטיק דורכגעמאַכט דעם ברויזנדן שטורם פון דער ליבע. דאָס לעבן האָט פאַר איר ווידער באַקומען זין און אינהאַלט... ראַגער איז איצט געוואָרן איר טעגלעכער הימל, דער האָריזאָנט פון אַלע אירע האָפענונגען. איצט האָט זי באַקומען די נייטיקע קראַפט אויף אַריבערצוטראָגן די שרעקלעכע ענוים, דעם דעספּאָטיזם, די שטיקנדיקע אַטמאָספער פון איר כּלומר׳שטער היים.

נישט האָבנדיק קיין שום מעגלעכקייט איר צו העלפן, האָט זיך אַניקע מיט טרויער צוגעקוקט צו די ליידן פון איר שוועסטער. זי האָט איר נישט געמאַכט קיין שום צוועקלאָזע פאָרוואָרפן:

„האָסט זיך עס אַליין בידים, גענומען! איך האָב דיר אַלץ פריער געזאָגט". אָבער אַזוי ווי פאַאולאַ האָט זיך איצט אַליין איבערצייגט, אַז אַ הייראַט וואָס איז נישט מער ווי אַן האַנדלס-אָפּמאַך, קען מיט געוויסע פּערזאָנען ווערן די ערגסטע שטראָף אין לעבן — האָט אַניקע געהאַלטן, אַז די אומגליקלעכע האָט גענוג געלערנט פון איר אומגעלומפּערטן עקספּערט. זי מוז זיך וואָס גיכער זען באַפרייען!.. פאָדערן גט.

פאַאולע האָט זיך לכתּחילה געוואַקלט. די פרייהייט, יאָ, אָבער באַלד הייבט זיך ווידער אָן דאָס דאגהן וועגן שטיקל ברויט... אַ נייע דילעמע...

איר ביזאַיצטיקער שווערער לעבנסקאַמף האָט לגמרי איינגעבראָכן איר ענערגיע. נישט בעסער אוז נישט ערגער ווי

דאס רוב בירגערלעכע פרויען, האט זי זיך געשפירט שוואך, ווי פאראליזירט, ווידער אנצוהייבן אליין איר לעבנסוועג.

ליבנדיק אליין און געניסנדיק די ליבע פון ראגערן האט זי זיך מיט אמאל דערשפירט אין גאנצן אנאנדערע. זי איז געווען גרייט מיט פרישן מוט זיך צו לאזן אין וועג אריין, האבנדיק די זיכערקייט, אז ראגער וועט איר נישט פארלאזן!

אניקע, דערוויסנדיק זיך וועגן פאאולאס ליידנשאפט, האט געפאדערט זי זאל וואס גיכער מאכן א סוף, אין איר שרעקלעכן אבשיי צום שקר, האט זי בשום אופן נישט געוואלט דערלאזן, אז פאאולא זאל לענגער שווייגן.

— דו מוזט דאך אבער פארשטיין, פלעגט זי האלטן אין איין טענהן, אז דער שמוץ ליגט נישט אין דעם, וואס דו האסט באציוגגען מיט אנאנדערן, געמיין פון דיין זייט איז הויפט-זעכלעך דאס, וואס דו זאגסט אים נישט גאנץ אפן!.. איצט מוזטו, דו ערסט, דו מוזט אויסשרייען פאר דייז מאן דעם גאנצן אמת...

— יא, האט פאאולא געזאגט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט...

ביידע שוועסטער האבן זיך גענומען אויסארבייטן א באפרייונגס-פלאן, צוגרייטן אלע מעגלעכע מיטלן. אניקע איז כסדר געקומען צו דעמזעלבן באשלוס:

כדי דורכצופירן דעם גט וואס שנעלער, מאכן אים בכלל מעגלעך, מוזטו זיך קודם כל דורכריידן מיט מארטינעטן.

אן אומגעריכטע געשעעניש האט נאך מער פארשטארקט אניקעס איבערצייגונג און גלייכצייטיק אבער פארגרעסערט פאאולאס ספקות. אנפאנג פעברואר האט זי מער נישט געקענט באהאלטן, אז זי איז מעוברת — אפשר דוכט זיך דיר? האט אניקע געפרעגט

— איך בין געווען ביים דאקטאר...

דער דריטער מאנאט. —

— וואס זאגט ראגער דערצו?

— ער ווערט משוגע פון שמחה.

— ווייל ער גיט זיך אויף קיין רעכענונג נישט אפ, פונקט ווי דו. אין אייער לאגע קאמפליצירט א קינד דעם גאנצן ענין. איצט איז שוין אבער אונמעגלעך עפעס אונטערצונעמען. מען מוז אומבאדינגט גלייך איבערגעבן דיין מאן... וויסנדיק, אז דאס קינד איז נישט זיינס, וועט ער עס, נישט לאנג קלערנדיק, זיכער דיך איבערלאזן...

— יא, אבער...

— צו דען האט ראגער אן אנדער מיינונג?

— אך, וואס רעדסטו, ער לאזט מיך נישט רוען איך זאל זיך וואס גיכער אנטשליסן.

— נאר וואס דען?

— אט וואס... הער מיך אויס, אניקע!

— ווי לאנג דארף מינימום דויערן דאס דורכפירן דעם גט נאך א קעגענזייטיגער פארשטענדיגונג?

— א דריי, פיר מאנאט ווייניגסטענס...

— אפשר גאר א יאר.

— דאס הייגנט אפ פון גוטן ווילן פון דיין האר און מושל.

— און דאס קינד וועט נאכן גט, לויטן געזעץ טראגן מיין איצטיקן נאמען... מארטינעט, אדער נישט?

— יא, אויב דיין מאן וועט נישט פארפירן קיין פראצעס וועגן פעסטשטעלן די פאטערשאפט.

— אָ — !

— אויף איר געזיכט איז געלעגן איין שרעקליכער שמערץ פון ספקות, אז אניקע איז צו איר צוגעשטאנען:

— וועגן וואס קלערסטו? רעד זיך אויס! ענדליך האט פאאולע דערקלערט:

סהאנדעלט זיך וועגן דעם... וואס ראגער מוז אויף א פאר מאנאט אוועק פאהרן קיין יאפאן.

— נאכן גט וועסטו מיט אים מיטפארן.

— דאס איז אונמעגליך... זאלבענאנד איז די רייזע צו קאמפליצירט און דארף צו פיל קאסטן...

— א, איך לייד געגוג דערפון וואס איך קאן אים נישט

באגלייטן... וואס האב איך מורא? סלאזט זיך נישט דערקלערן, איך ווייס אליין נישט... נישט, אז ער וועט מיך פארלאזן, ניין! אין אים בין איך זיכער... איך האב מורא פאר עפעס ערגעס... פאר אן אומגליק...

זי האט אכאפגעטון אניקעס הענט און פיבערהאפט זיי געדריקט:

— די נסיעה אויפן ים, ווער ווייס... איך שרעק זיך. אפשר קומט ער נישט צוריק...

א שרעקליכע ווייזיע איז געשטאנען פאר אירע אויסגעגלאצטע אויגן: אנאונטערגייענדיקע שיף... די הילפרופן פון די וואס טרינקען זיך...

— דו ביזט לגמרי משוגע! האט אניקע געפרובט פון איר חוזק מאכן.

— ניין, איך האב עפעס א מין פארגעפיל... און דעריבער קלער איך, אפשר זאל איך נאך האבן געדולד, נאך צוווארטן...

— נאך אביסעל וועסטו שוין דיין צו שטאנד נישט קאנען מער באהאלטן, אין א פאר וואכן ארום וועט זיך מארטינעט סיי ווי סיי דערוויסן...

פאאולא איז רויט געווארן:

— נישט דאס באומרויקט מיך.

— נאר וואס?

זי האט אפגעדרייט דעם קאפ.

אניקע האט פארשטאנען.

— דו האסט זיך, הייסט עס, אין דער הינזיכט אסעקורירט מיט אים?

— יא!...

— אָ! פאאולא...

א פארבליפטע האט איר אניקע אנגעקוקט: איצט האט זי, א פארשעמטע, ביטער געוויינט... אין גאנצן איז זי געווען א צובראכענע... נישטא מער נישט קיין מוט, נישט קיין ווילן...

— דאס האסטו געטון?

— מפארטיידיקט זיך ווי מקען.

איר געווייַן האָט זיך פאַרשטאַרקט, אַניקע האָט זיך אָבער נישט געפילט בכח איר צו טרייסטן... איז עס הייסט עס געווען איר שוועסטער, די דאָזיקע עלענדע באַשעפעניש, עקזאַלטירט אויף אַ מאָמענט דורכן עגאָיזם פון דער ליבע. און באַלד ווידער אַרייַנגעפאַלן אין שמוץ פון קנעכטשאַפט. צי איז זי די פאַרקערפּערונג פון נידעריקייט און פאַלשקייט? דורכאויס נישט. אין אומגליקלעכע אונטערדריקטע, וואָס אין איר שוואַכקייט, כאַפּט זי זיך אָן פאַר יעדן געווער, וואָס קאָן, לויט איר באַגריף, דינען אַלס פאַרטיידיגונגס-מיטל... אַניקע האָט איר שטאַרק באַדויערט. אַז מטראַכט זיך דערין אַריין, קומט מען צום באַשלוס, אַז פּאַולאַ איז פּונקט אַזוי אומפאַראַנטוואָרטליך ווי, למשל, אַזאַ ראָזע... די פּשוטע, די אומגעבילדערטע האָט אָפּגענאַרט... אַ פאַרברעכן אָדער אַ זינד צו איז עס נישט, און גרונד גענומען, דערזעלבער רעפלעקס?

סאיז געקומען דער פרילינג, און פּאַולאַ, אין גאַנצן אַבסאָרבירט פון ראַגערס נאָענטן אָפּפאַר — האָט נאָך אַלץ נישט אָנגענומען קיין שום באַשלוס, די ביידע שוועסטערס פלעגן זיך זעלטן זען. די יונגערע האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דער עלטערער איר אומפאַרצייליכע, אומערליכע האַלטונג... זי האָט פּאַולן, אייגנטליך, נישט ווייניגער ליב געהאַט, אָבער, פאַרלעצט אין אירע הייליגסטע געפילן, אין איר אַזויגערופענער מאָראַלישער רעליגיע, האָט זי איר מער נישט געקאָנט אַכטן... אַפילו איר קינסטלערישער טאַלענט האָט בלויז, אין אַ געוויסער מאָס, געקאָנט דערקלערן, אָבער בשום אופן נישט רעכטפערטיקן די עובדה, וואָס זי האָט אַלס פרוי לגמרי פאַרלאָרן דאָס גלייכ-געוויכט

ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן די זיצונג פון די געשוווירענע ריכטער, זענען די טעג אַזוי געשווינט פאַרבייגע-לאָפן, און אַניקע איז געווען אַזוי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אַז זי האָט נישט בלויז פאַר דער דאָזיקער איוואַנטורע, נאָר אַפילו פאַר אירע שטענדיקער באַשעפטיגונג קיין מינוט צייט נישט געהאַט.

אין גאנצן אריינגעטון אין איר ארבעט אלס סעקרעטארן און אין צוגרייטן איר פארטיידיגונגס — רעדע, האט זי זיך צומאל נישט געקאנט אראפכאפן צו פריילן הארדי און צו מאדאם ברוססאט.

די איינציקע הפסקות אין דעמדאזיקן פערמאנענטן טומל זענען געווען — די אלץ זעלטענערע אָוונדן, וואס זיי פלעגן פארברענגען צוזאמען מיט אמעדייען, כדי וואָס ווייניגער צו פארלירן פון די דאָזיקע קורצע, זיסע שטונדן, האָט זי זיך אנטשלאָסן אין דער שטיל אריבערציען צו אים. אין גאנצן האט זי זיך נאך דא נישט באַזעצט, נאך לאנגזאם צוגעגרייט זיך אַ פלאץ.

ביידע זענען זיי געווען שטאַרק צופרידן מיטן דאזיקן צופאַסונגס-פראָצעס, און די נעכטליכע איינזאַמקייט, די קערפער-ליכע פאריייניקוג האָט געפירט צו דער פולשטענדיקער צונויפ-גיסונג פון די נשמות די גוטוויליקע קאָמפּראָמיסן, די קעגנ-זייטיקע השגחה האָבן געשאפן אן אטמאָספערע פון פולשטענ-דיקער הארמאָניע.

נישט אָן א פראָטעסט האט זי, סוף-כל-סוף, געמוזט נאָכ-געבן צו פירן דעם פראצעס לויט זיינע פארשריפטן, אניקע האָט זיך גלייך איבערצייגט, אז דאס פאדערן אומבאַדינגט ראזעס אינטערעסן. אויב מ׳וועט פארשווייגן לעבאס שולד, איז נאך מעגליך אז מ׳זאל איר באַפרייען... אָדער ווייניגסטנס מילדערן די שטראף.

זייענדיק לעצטנס אין רוען, האט זי זיך געזען מיטן פראָקוראר און ער האט צו איר מיט אַ האלבן מויל געגעבן צו פארשטיין...

פארשטייט זיך, אז דער באאמטער מיטן גלאַט-ראזירטן געזיכט, האט חלילה נישט קאָמפּראָמיטירט די אויסערליכע אומפּאַרטייאישקייט, די לעבליכע רעזערווירטקייט פון דער יוסטיץ, וועלכע ער האט רעפּרעזענטירט. זי האט דאס אבער אינטויטיוו געשפּירט, אַ בליק, אן אינטאנאציע. דער גאָט פון וואנדאם-פלאץ האט גענומען צו הילף דער טעמיס, די געטין

פון גערעכטיקייט. זי דאַרף בשום אופן דעם דאַזיקן פאַל נישט אינדיווידואַליזירן, קוים וועט זי פון דער פאַרדייטיגונג איבערגיין צו אַן אָנגריף, שטעלט זי אַן קעגן זיך (דערין איז זי געווען זיכער) די גאַנצע מענער געזעלשאַפט, וועלכע גרופּירט זיך אַרום לעבאַנן.

די דאָזיקע אומפּאַרשעמטע פעלשונג פון דער גערעכטיקייט האָט לכתחלה אַרויסגערופן ביי איר ווילדן צאָרן און פּאַראַליזירט איר גאַנצן מוט. קעגן אַזעלכע פעסטונגען איז איז בכלל אוממעגליך עפעס צו טון!.. העכסטנס קאָן זי דערגרייכן, אַז ראָזע זאָל אין דעם דאַזיקן אומנוצליכן שטורם פאַלן אַלס ערשטער קרבן...

פריילן האַרדי, מיט וועלכער זי האָט זיך באַראַטן, האָט איר געהייסן נאָכגעבן, אַלס אַדוואָקאַטין דאַרף זי קודם כל ראַטעווען איר קליענטן.. וויכטיג און אַנטשיידענט איז בלויז דער סוף... זי מוז זיך אונטערוואַרפן!.. מער ווי אַלץ האָבן, נאַטירליך, אויף איר געווירקט אַמעדייס לאָגישע מאָטיוון. א קאַפּיטולאַציע, וואָס פאַר איר איז עס געווען אַן אמתע געוויסענס-דראַמע.

ראָזען איז נישט שווער געווען צו איבערצייגן אין דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער טאַקטיק. די קראַנקהייט האָט אין גאַנצן איינגעבראָכן איר ווילדן כאַראַקטער, פּאַראַליזירט איר שרעקליכע עקשנות. זי איז נישט געווען מער ווי אַ פאַרלאָרענע זאַך, וואָס טראָגט זיך איבערן וואַסער. נישט האָבנדיק קיין געוויסנסביסן — ווייל זי האָט נאָך עד היום נישט באַגריפן איר שרעקליכע עובדה — פלעגט זי, פונדעסטוועגן, שעה׳ן לאַנג אַבוויינען. אַ דערשלאָגענע, ווי אַ פאַרלאָזענע חיה, האָט זי אין דער איינזאַמקייט פון איר פינצטערער תפיסה געוואַרט אויפן אורטייל. אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט זי געציטערט ווי אַ בלאַט, פאַרשטעלנדיק זיך די געשוואָרענע ריכטער און דעם שרעקליכן מאָרגן. אַניקע האָט איר געפונען אַ גליענדיקע פון פיבער, מיט שלאָפע הענט

זוי אַ באַרויקונגס מיטעל האָט זי געטרונקען די עצות פון איר אַדוואָקאַטין.

ענדלעך איז געקומען דער אַנטשיידענדיקער טאָג. אניקע אויסערלעך רויק, איז אבער פאַקטיש געווען נערוועז און אויפגערעגט. אמעדיי, פאַרנומען מיט אַ דרינגענדער אינטערפּעלאַציע אין דער קאמער, האָט איר בלויז געקענט באַגלייטן צום באַן. ער האָט זער געוואָלט זיין אויפן פּראָצעס, כדי מיט זיין אנוועזענהייט איר צוצוגעבן מוט. פון אנפאנג אַפּריל אָן, האט זי זיך אן אַ שום גרונט געשפּירט זער מיד... אמעדייען האט די דאָזיקע מידקייט שטארק באונרויקט. ער האָט איבערגעגעבן אניקען דער פריילין הארדי, וועלכע האָט אומבאַדינגט געוואלט בייוווינען דעם פּראָצעס: מ׳האָט נישט פאַרויסגעזען, אז ער זאל דויערן מער ווי צוויי טעג. — אויב מיין זיצונג וועט זיך ענדיקן פרי, וועל איך זייגער צוועלף זיין אין רועען. דו וועסט הײנט נישט קומען צום וואָרט... איך וויל דיר אומבאַדינגט הערן.

זי האָט אים געדאנקט מיט מיט אַ בליק. נישט געקוקט אויפן פארגעניגן צו האָבן אים ביים זייט, האָט זי בעסער געוואלט זיין אַליין, אים האט זי עס אבער נישט געזאגט. פערזענליך האט זי זיך אין זיין אבוועזנהייט געשפּירט פרייער, גלייכצייטיק האט איר אבער געדריקט עפּעט אַ מין בושה געפיל, די מורא, אז ער וועט זיך אפשר אנטוישן אין זיינע דערוואַרטונגען.

אין אוונט האבן זיי זיך געטראפן אין האטעל-צימער, ווו זי האט אויף אים געווארט, שרעקליך פון דער ווילנס-קאנצענטראציע, נישט דורכצולאָזן קיין איין ווארט פון באשולדיגונגס-אקט. און פון די טענות פון די פאראינטערעסירטע צדדים. אירע אויסזיכטן זענען געווען גוטע. ראזע, מיט איר צורה פון אַ געיאָגטער בהמה, מיט אירע שטאמעלדיקע ענטפערס, האט זיך געהאלטן שטארק אין רעזערוו אזוי ווי מ׳האט אבגערעדט. די געשווארענע האָבן נישט געהאט קיין בייזע מינעס. און פארוואס זאלן זיי מיט זייער געזונטן מענטשנפאַר-

שטאנד נישט אַרויסווייזן אַזוי פיל מיטלייד ווי דער פּראָקוראָר מיט זיין געזעלשאַפטליכער חכמה?

דו ווייסט, האָט זי זיך מודה געווען אין אַן עפן געטאַן דעם פענצטער אייצועטעמען אַ ביסל פרישע לופט, — מ'ווערט דערשטיקט! דו ווייסט ווי איך שפּיר זיך? ווי אַ שוישפּילערן פאַרן אַרויסטרעטן! איך האָב אַ טרעמע... אַלץ מאַכט דעם איינדרוק פון אַ טעאַטער-דעקאָראַציע, דער גרויסער זאַל מיט זיינע האָלץ — פאַרצירונגען אין די הוילע ווענט, די כּלי-קדש, — דער זייגער און דער קרוציפיקס — די צושויער אויף די באַנק... אויף איין זייט: די פּראָקוראַטור און די געשוואָרענע; אויף דער צווייטער: די פאַרטיידיגער, די זשאַנדאַרמען, און די אָנגעקלאָגטע... און אין הינטערגרונט — ווי אין טעאַטער — גרופּירן זיך די ריכטער. וואָס פאַר זיי, אייגענטליך, ווערט די פּיעסע געשפּילט!... צום גליק קען איך מיין ראָל... ס'מאַכט אָבער נישט אויס, ס' איז אַ גאַנץ שרעקליכע קאָמעדיע...

דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט, בעת זי האָט זיך נאָך דער לאַנגער רעדע פון פּראָקוראָר אַ הויב געטאָן פון אָרט אין דער אומגעוויינליכער שטילקייט. זי האָט געזוכט מיט די אויגן אמעדייען און פריילין האַרדי, וועלכע זענען געזעסן אויף רעזערווירטע פּלעצער, הינטערן פּרעזידענט. נעבן דעם געריכטס-רעפּאָרטער פון „אַפּעל” האָט זי באַמערקט פרוי לורדאַל, וועלכע איז געווען דעלעגירט אַלס באָאָבאַכטערן, אין אַ רעזעדאַגרינעם הוט מיט אַ גרויסן מירטענגרינעם קרויטקאָפּ. דערנאָך, אַז אירע בליקן זענען ווידער געפאַלן אויף ראזען, האָט זי מער נישט געזען ווי יענער און איר ציל: אַרויסצורייסן דער אומגליקליכער פון פאַרברעכן, אין וועלכן זי האָט בלויז געשפּילט די ראָל פון אַ בלינדן ווערקצייג.

איר שטים האָט אָנפאַנגס געקלינגען שוואַך, באַלד איז זי אָבער געוואָרן פעסטער, און דער קלאָרער געדאַנק האט געגנצליך באַהערשט דעם צווייקאַמף פון אירע געפילן. לכתחלה האָט זיך איר געדוכט, אַז אַנדערע נישט זי דעביטירט דאָ אַן אויסגע-לערנטע לעקציע וועלנדיק אַרויסרופן געוויסע עפעקטן. מאָמענ-

טאָל איז אָבער פאַרשווינדן דער שרעק, אַ טיפע איבערצייגונג האָט דורכגעדרינגען איר גאַנצן מהות און האָט זיך לייכטנדיק אַדורכגעריסן.

איבעראַשט, און אַרויסווייזנדיק לכתחלה אומצוטרוי צו דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער אינטערווענץ — וואָס האָט דאָ צו טון די פּאַריזער אַדוואָקאַטין? — באַלד אָבער פאַראינטערעסירט מיט איר רייצנדער שיינקייט אַלס פרוי, האָבן זיך די געשוואָרענע אויפמערקזאַם צוגעהערט דער גאַנצער זאַל, פאַרכאַפּט דורך דער קראַפט פון אירע שאַרפע אַרגומענטן, דורך דער באַרעדזאַמקייט פון דערדאָזיקער ליידנשאַפטלעכער דיאַלעקטיק האָט עטלעכע מאָל אויסגעדריקט זיין צושטימונג. די ריכטער זענען אונטערן דאָזיקן שטרום געזעצן אומבאַוועגלעך, אָפטמאָל געשאָקלט מיט די קעפּ און מיט זייערע צוגעמאַכטע אויגן האָבן זיי אויסגעזען ווי דרימלענדיקע. ראָזע, אַ צענויפגעהויקערטע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רוקן, וואָס טוט יעדע מינוט אַ ציטער. דעם קאָפּ אין די הענט האָט זי כסדר ווידערהאָלט: „גאָט מיינער! גאָט מייגער״!

די פאַרטיידיקונגס-רעדע האָט געקלונגען, פאַרכאַפּנדיק דעם גאַנצן זאַל:

— אָך, מיינע הערן, אייער אויפגאַבע איז אַ שווערע. איך פאַרשטיי אייער אָפּפערונג קעגן דעם דאָזיקן שרעקלעכן, פאַרברעכן. אַ מוטער, וואָס טויט, צוטרעט מיט די פיס איר אייגן קינד! און דאָך, אויב ס׳זענען פאַראַן מאָטיוון, קאָנען — איך וועל נישט זאָגן מוחל זיין — אָבער אויפקלערן די דאָזיקע אומבאַגרייפלעכע עובדה? צי ווערט נישט פאַרציטערט אייער נשמה, איר גערעכטיקייטס — מענער, ביי דער פאַרשטעלונג, אַז אין איין שיינעם טאָג וועט איר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַנשטאָט מיט אייער גוטצקייט צו ראַטעווען אַ מענטשן, האָט איר אים מיט אייער שווערן אורטייל געטריבן צו שמוץ, צו אַנארכיע? יאָ, אמת די דאָזיקע פרוי איז שולדיק. זי האָט זיכער נישט געוווּסט וואָס זי טוט? זי האָט מיר אַליין דערקלערט אויף מאָרגן נאָכן פאַרברעכן: „אַזוי פיל

בהמות האָב איך אין מיין לעבן געטויט...! דאס דאָזיקע קינד, וואס איז איר געפאַלן צו לאַסט. — ווייל דער פאָטער האָט דערפון נישט געוואָלט וויסן — האט זי אומגעבראַכט מיט דערזעלבער גלייכגילטיקייט ווי אַ קליין ציגעלע. איך בעט אייך איר זאָלט נישט פאַרגעסן, אַז קוילערן האָט זי זיך צוגעווינט אין פלייש־האַנדל...

— פרעגט, מיינע הערן געשווירענע, פרעגט ביי אַלע, וועלכע האָבן אַנטייל גענומען, אין קריג, צי ס'איז געווען אַזוי שווער צו הרגענען דעם צווייטן מאָל ווי דעם ערשטן! אַלע אין איין קול וועלן אייך ענטפערן, אַז די בעסטע זענען מיט דער צייט געוואָרן פאַרהאַרטעוועט! -- איך גופא וואָלט געווען די ערשטע וואָס וואָלט אייך זאָגן: „פאַראורטיילט מיט דער שאַרפסטער שטרענקייט, אויב איר האט פאַר זיך אַ באַוווסטזיניקע פאַרברעכערן!” אָבער די חרטה פון דער אומגליקליכער, וואָס די קראַנקהייט האָט איר פאַרוואַנדלט אין אַ סקעלעט און זי איז פון קרענקונג שיעור נישט געשטאָרבן, די עדות, וועלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז זי איז געווען פאַרצווייפלט, פאַרשטויסן און אויסגעלאכט, אַפילו דער איינגעהאַלטענער טאָן פון פראָקוראָרס באשולדיקונג־רעדע, שטרייכן אונטער גאַנץ בולט, אַז זי פאַרדינט אַ מילדערע שטראָף! אַ שטאַרקערע האַנט, מיינע הערן געשווירענע, האָט אין דער שטיל באַוואָפנט און געלייַנקט איר האַנט! הינטער איר שטייט דער פאַרפירער, וואָס באַהאַלט זיך, און דאָס געזעץ, וואָס באַשיצט אים!

וואָס! איר באַשטראָפט בלויז דער דאָזיקער אומגליקליכער און דעם מיטשולדיקן, וואָס זאָג איך — דעם הויפּטשולדיקן. וועט איר פריילאָזן?... האָט רחמנות, הערן געשווירענע, אויף דער, וואס אַ לײדאַק האט איר געהאַט אַלס בתולה און וועלכע האָט נישט פאַרלאַנגט און נישט געוואָלט ווערן קיין מוטער; אויף אַזעלכער, וואָס דער ביטערער גורל און די מענליכע תאווה האָט איר אַריינגעשלעפּט אין אַ נעץ פון זינד און פאַרברעכן! זי איז גענוג געשטראָפט דורך די שרעקליכע חרטה־געפילן, וואָס נאָגן איר האַרץ. דער חשק פון איר נשמה,

הויבט זיך ערשט אָן או פצקלערן!... עלענדע פרוי, דו האָסט פארניכטעט א לעבן, וואס דו האָסט געהאַלטן פאר דיין איי־געגס און זיך אליין דערהרגעט! אבער אן אנדערער, א פיל גרעסערער פארברעכער ווי דו, האט זיך ארויסגעדרייט פון זיין פאראנטווארטליכקייט. האנדלט לפנים־משורת־הדין! איך באשווער אייך, א פרוי בעט ביי אייך רחמים פאר איינער פון אירע באקלאָגנס־ווערטע שוועסטער. וויפיל האָט שוין דאָס דאָזיקע מיידל אויסגעליטן, און אין גאנצן איז זי ערשט אלט צוואנציק יאָר. צוואנציק יאָר! אפשר האָט איר, הערן געשווירענע טעכטער אין אזא עלטער, וואָס ווארטן אויף אייך רויק אין דערהיים, פאנטאזירנדיק וועגן זיירע חתנים! ראָזע האט נישט געהאט קיין פאָטער וואָס זאָל איר היטן און באשיצן... אין נאָמען פון איירע גליקליכע, געצערטעלטע טעכטער, בעט איך ביי אייך באגנעדיקונג פאר דער דאזיקער אומגליקליכער פרוי.

א מורמלען... עטליכע בראווא־רופן... אָבער אניקע, א שטארק אויפגערעגטע, האט אינם גאנצן ארומיקן טומעל נישט אונטערגעשייט מער ווי א קאפשווינדלדיקן מישמאש... זי האט זיך נישט געזעצט. נאָר איז כמעט אנידערגעפאלן, האלטנ־דיק די האנט אויפן הארצן...

אז זי איז געקומען צו זיך, האט זי דערזען אמעדייען און פריילן הארדי צושראָקענע אריבערגעבויגן איבער איר בלייכן געזיכט...

— איך ווייס נישט וואס מיט מיר איז געשען א שרעקלי־כער קאָפשווינדל...

זי האָט געשמייכלט צום געזעמל, וואס האָט זיך ארום איר אנגעקליבן, געדריקט געדריקט העגט...

— איך צווייפל נישט, אז מ׳וועט איר באפרייען, האט פריילן הארדי דערקלערט.

א לייכטערע שטראף לכל הדעות, האָט זשאקמען אויסגע־בעסערט. דו ביסט געווען אנטציקנדט! אין מאָמענט פון האַ־פנונג האָט ער, פונקט ווי אניקע, נישט, געהאט די קלענסטע

אנונג, אז ס׳הויבט פאר זיי אָן צו בליען אנאנדער האָפנונג, א סך א גרעסערע אז אין איר לייב הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען די שפּראַצונג פוו א ניי לעבן.

IV

ראזען האט מען פאראורטיילט אויף פינף יאר צוואנגס־ארבעט.

— א גרויזאמער קלאפ, האט אניקע געזיפצט, לייענדיק דעם אורטייל.

אמעדייען חאט געקאָסט גענוג מי איר אויפצוקלערן, אז נישט געקוקט אויף דער דייטליך מילדער באַציונג פון דער פּראָקוראטור און דער גוטער שטימונג פון פרעזידענט, איז דאס געריכט געווען געבונדן מיט די ענטפערס פון די געשווירענע... און זיי האָבן ארויסגעגעבן אן אורטייל לויט די סאָציאַלע געזעצן, וואס זענען געשריבן אויסשליסליך דורך מענער. די לייכטערע שטראף גופא — איז פאקטיש א גרויסער פערזענליכער דערפאָלג.

...אניקע איז אָבער געבליבן ביי דאָס איריקע און געטענהט, אַז זי האָט געהאט א דורכפאַל. פיל פארביטערונג און טרויער האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרגעסן דאָס בילד ווי די זשאנדארמען האָבן אַוועקגעפירט דער שטומפזיניקער ראָזען, וועלכע האָט זיך לגמרי נישט ארענטירט אין איר שרעקליכער לאגע... א גאַנץ אומגעריכטע געשעעניש האָט אבער באלד געצויגן אויף זיך איר גאנצע אויפמערקזאמקייט און האָט איר לחלוטין אבסארבירט.

באלד איז זי דערגאַנגען דעם סוד פון אירע אָפטע שווינדל־אַנפאַלן. אן אנדער לעבן האָט זיך אין איר איינסטאלירט... א סודותפולע אָנוועזנהייט... לכתחלה האָט׳ס אַרויסגערופן ביי אניקן בלויז א מין התפעלות. שפעטער האָט זי, נישט געקוקט אויף דער אומבאקוועמליכקייט פון די אָפטע איבעלקייטן געשפירט א מין אומרויקייט מיט געמיש מיט פרייד... געוווינט מיט זיך אליין פריי צו דיספּאָנירן, האַט איר דאָס דאָ־

זיקע אריינרייסן זיך פון דער צוקונפט — אין איר גייסטיקן ווי אין פיזישן לעבן — אנגעפילט מיט טרוימעריייען...

וואָס וועט ער זיין דער דאָזיקער עמבריאָן, אין וועלכן צוזאַמען מיט איר וועט אויך אויפלעבן אמעדיי... און וואָס, אָן אַנדערער ווי זיי, וועט ער דאָך שפּעטער פון זיין זייט ווייטער טראָגן דעמדאָזיקן פינק, און וועלכן ס׳צינט זיך אָן דער לעבנס-פאָקל פון די געגעראַציעס?... א ייִנגעל, א מיידל? פון וועמען האַלט ער מער? מיט א שטאָלצן ציטער פון איר גאַנץ וועזן האָט זי אָוועקגעלייגט די הענט אויפן בויך, וואָס האָט נאָך לגמרי נישט פאַראַטן דעם סוד פון דער באַפרוכטונג, און קאָנצענטרירט איר ווילנסקראַפט אויפן איצטיקן מאָמענט און אויף די צוקונפטיקע שטונדן. איר וועט עס געהערן, איר אַליין, די דאָזיקע זיסע פרוכט, וואָס זי האָט בדעה אויסצופאָרמירן א קעמערל נאָך א קעמערל, פון איר סובסטאַנץ!

די דאָזיקע פאַרשטעלונג האָט מאָמענטאַל פאַרשטאַרקט איר גאַנצע שפּאַנקראַפט. זי האָט נישט געשפּירט מער קיין מידקייט. אירע לעבהאַפטע באַוועגונגען, איר ליכטיק פּנים האָבן געשטראַלט מיט אַזאַ זיכטבאַרער צופרידנקייט, אַז אַמעדיי איז פּשוט נשתּומם געוואָרן ער האָט זיך דערפרייט געפינענדיק ווידער אין דער חברטע די געליבטע, וואָס די אַרבעט פאַר די לעצטע וואָכן האָט איר שוין צו פיל געוואָגן פאַרכאַפּט. שפּעטער אַז אַניקע האָט זיך מיט כּסדר וואַקסנדיקן אייפער אָבגעגעבן איר אינטענסיווער טעטיקייט, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס זי קלערט אַזוי ווייניק וועגן אים און איז צופרידן מיט זייערע סעפּאַרירטן לעבן אין גאַנץ פאַרשידענע ריכטונגען.

זי האָט אים נאָך ווען דער גרויסער געשעניש קיין וואָרט נישט געזאָגט. אייפערזיכטיק האָט זי געהאַלטן דעם סוד זיך... זי האָט פאַרויסגעזען, אַז די דאָזיקע אויפקלערונג וועט זיכער אַרויס רופן אומפאַרמיידליכע שנויִם אין זייער צוזאַמענלעבן, גאַנץ נייע געפילן און אפשר גאָר מיספאַרשטענדענישן... אינסטינקטיוו האָט אַמעדיי געשפּירט, אַז עפּעס קומט אין איר

פאר א טיבגריי־פענדיג פאדערונג און האט זיך שטארק דערנערווירט וואס ער קען נישט דערגיין די סבה דערפון.

אַזוי ווי זיי האָבן זיך מיט יעדן טאָג צערטליכער געליבט, האָט ער בשום אופן נישט באַגריפן איר עקשנות צו בלייבן אין איר דירה אויפן פלאַץ סען־סולפּיס, אויב ער האָט נאָך אין אַ געוויסער מאָס צוגעגעבן, אַז זי דאַרף אפשר האָבן די דאָזיקע ביורא — ווייניק פאַר אירע פּראָפעסיאָנעלע קאָנסול־טאַציעס — האָט ער אָבער פאַר קיין פאַל זיך נישט געקענט דערקלערן די עובדה, וואָס זי וויל נישט בלייבן, יעדן אָוונט אין זיין וווינונג. קודם כל איז עס געווען זער אומבאַקוועם, דאָס שטענדיקע לויפן הין און צוריק נאָך יעדער קלייניקייט, אַ קלייד, וועש... דעפיניטיוו איז זי נישט געווען ביי אים און נישט ביי זיך... און אַזוי ווי ער האָט זייער אָפט געמוזט אוועקגיין פלעגט ער זיך דערנערווירן וואָס קומענדיק צוריק געפינט ער איר נישט אין דערהיים גרייט אים אויסצוהערן, ארומצוריגלען מיט איר צערטליכער אויפמערקזאַמקייט, לויטן מיט איר לאָגישן אורטייל... און אירע אָרעמס, אירע שיינע אָרעמס, האָבן אים שטאַרק געפעלט!... די נעכט, אין וועלכע ער האָט איר נישט געשפירט שלאָפענדיק בא זיין זייט, זענען אים פשוט געוואָרן אומדערטרעגליך.

חתונה האָבנדיק וואָלטן זיי דאָך תמיד און פולשטענדיק געקענט זיין צוזאַמען. אָדער אויף זיין אומאויפהערליכן בעטן זיך, פלעגט זי כּסדר ענטפערן „שפּעטער! לאָמער נאָך צו־וואַרטן! לאָמער צוואַרטן!" פאַרוואָס האָט זי זיך נישט געקענט אַנטשליסן וויינציגסטענס אַריבערגיין אין גאַנצן אויפן ראספּאיל־בולוואַר? צוליב פּרוי ד'אַנוווא? צוליב פליאָטקעס? און גע־ריידעריי? זי האָט זיך דאָך אָבער מיט אַזעלכע זאַכן נישט גערעכנט!

אַ סצענע — די ערשטע נאָך צוואַנציק פאָרוווּרפן אַ טאָג, וועלכע זי פלעגט אָפּטורן מיט אַ גלייכוועָרטל אָדער מיט אַ צערטליכקייט — האָט אים באַוויזן צו מאַכן אַן ערנסטן אָנגריף. זיי זיינען נאָך געלעגן פויל איקבעט ביי אים אין דירה האָט

אַניקע מיט אַ מאָל געשווינט אַראָפּגעוואָרפן די דעקע: א! מיר האָבן דאָך צוגעזאָגט רוססאטן צו זייז ביי ביי דער עפענונג פון „נייעם זאלאן"...

אינטערעסירט דיך באמת אַזוי שטאַרק דער גאַנצער אָפּיציעלער עולם מיט ווילפאָ אין דער שפּיץ?

יאָ. און זייערע פּרצופים נאָך די צוויי ערשטע בילדער פון טריפּטיכאן „נאכן קריג"... אין זעליאנאוויס גאסן... איך האב פּינקט געצוג צייט אויף זיך איבערצוטאן: אויב איך וויל עלף אַ זייגער זיין אין די טואילערין. מיר וועלן זיך טרעפן ביים אַריינגאנג, יאָ? ביים גרויסן-באסיין, ווו די קינדער לאזן איבערן וואסער זייערע שיפלעך... שלעכט געשטימט האט ער מסכים געווען.

ווי שווער דו מאכסט זיך בידים דאס לעבן מיט דיינע אומניצליכער אומגעלומפּערטער טאַקטיק! ס'וואלט געווען אזוי פּשוט שיין ווען מיר זאלן חתונה האבן!

— איך זע נישט איין וואס קען די חתונה צו געבן צו אונדזער ליבע...

— לגמרי גארנישט, אבער צו אונדזערע באקוועמליכקייטן א סך.

— ביסטו נישט גליקלעך אזוי?

— איך וואלט געקענט זיין גליקליכער... זי איז צוגעגאנגען צום בעט, — ווו ער האט זיך נאך אין א שלעכטער שטימונג געצויגן, — אים א נעם געטאן פאר די בארקעס, א טרייסל געטאן און זיך צולאכט:

— בורזשוי! קליינבירגער! ער האט געברומט:

— דו ביסט נישט ערנסט!... לאמיר זיך סוף-כל-סוף מצוגויפ-רעדן, דו ווייסט זער גוט, אז וועגן דער הייראט און איר סאציאלן ווערט האב איך פונקט דיזעלבע מיינונג ווי דו! איך האלט גאנץ ווייניק פון דער טראדיציע, אז אין נאמען פון געזעלשאפט דארף דוקא סאנקציאנירן אונדזער באנד א הער אין א דרייפארביקן גארטל, פארלעזנדיק דערביי עטליכע פסוקים פון געזעץ-בוך.

— גאט צו דאנקן!

— יא, יא, דו האסט פולשטענדיק רעכט, איך לייקן עס נישט!.. איך וויל נאך טאקע צוגעבן. אז אונזער פאראייניגונג, אן דער הסכמה פון געמיינגדע-פארשטייער באזירט אויף א סך פעסטערע יסודות — אויף אונזער קאנגזייטיקער ליבע — מיר וויסן, אז אונדזער גליק, — אויב מיר וועלן נאר דערצו שטרעבן — קאן דויערן אזוי לאנג ווי אונדזער לעבן...

— אלזא?

און ווייל מיר זיינען זיכער אין דער טיפקייט און דויערהאפטיקייט פון אונדזערע געפילן, פארשטיי איך ווירקליך נישט, וואס ס'האלט דיר אפ צו ווערן אפיציעל מיין פרוי? אז שטארקער וועלן מיר זיך נישט ליב האבן, דאס איז א פאקט. אבער מיר וועלן דאך זיין מער צוזאמען...

— גוט, אבער!...

— דו ווילסט אפגעבן דיין ארבעט אויף שאפן א בעסער לעבן פאר דער צוקונפטיקער געזעלשאפט? הויב אן דערמיט, האס דו וועסט עס לייכטער מאכן פאר מיר. לאמיר ארבעטן פאר דער צוקונפט — דערויף בין איך מסכים — אבער נישט קאמפליצירן צוליב דעם די געגענווארט.

— האלטסטו פאר אומבאדינגט נויטיק פאר דיין גליק, אז איך זאל הייסן פרוי זשאקמען? אט, זעסטו, מאדאם ברוססאט און זעליאנאוו זיי זענען גליקליך אזוי ווי זיי זענען.

— סארא משל! זי איז אן אלמנה פון פערציק יאר! און מושעל, (ער האט געקוועטשט מיט די בארקעס) איז קודם-כל א קינסטלער און דערצו א רוס... יא, איך דארף עס האבן פאר מיין גליק, אז מיר זאלן ביין אונדזער וועג האנט ביי האנט און מיט די זעלבע טריט, דו, פארזענלעך האסט פארווירקליכט דעם פאראדאקס צו לעבן ווי א בחור און דורכגעזעצט, אז מ'זאל דיר דאס דאזיקע רעכט אומעטום אנדערקענען און דווקא אין אזא צייט און אין אזא סביבה, וו די יונגע מיידלעך, וועלכע וואלטן זיך נישט אינטער, ווייניגסטנס אויסערליך,

די געזעלשאַפטליכע געזעצן, ווערן באַכטראַכט אַלס פּראָסטיטוטקעס...

קאָנווענציאָנעלע שקרים! וואָס שטערן לגמרי נישט גלייכצייטיק אפצוטון כּל דבר אָסור!

ריכטיק! אָבער וואָס קאָנסטו העלפן, אַז די דאָזיקע שקרים זענען דאָס ברויט וואָס מ׳עסט און די לופט וואָס מ׳אָטעמט!... דו גופא האַלטסט זיך אָן די דאָזיקע שקרים פופציק מאָל אין פאַרלויף פון מעת-לעת. דו אינטערוואַרפסט זיך זיי נישטוועלנדיק און באַמערקט אַפילו נישט... און אויב דאָס דאָזיקע ברויט איז נאָר געשמאַק אין אַפּעטיטלעך, עסטו דאָס אַזוי ווי אַלע און אָטעמסט ווי די גאַנצע וועלט. און ס׳ברענגט דיר חלילה קיין שאָדן נישט. קוים איז די הייראַט פאר אונדז נישט מער ווי א פאָרמאליטעט און האָט נאָך דערצו די מעלה וואס זי פאראייניגט אונדזערע עקזיסטענצן אויסערליך פארשטיי איך באמת נישט וואס פאר אן ערנסטע מאטיוון קאנסטו קעגן דעם ברענגען! זי האָט זיך ערנסט צוגעהערט. ער האָט ווייטער גערעדט:

— אויב דו האָסט מיר ווירקליך ליב, דארפסטו זיך נישט קווענקלען צו לעבן מיט מיר אונטער איין דאַך. און מיר ניטהעלפן אין מיין עפנטליכן לעבן טראָגן מיין נאָמען, אויף וויפיל איך ווייס, איז אויך נישט אַזאַ אומכּבוד! זי האָט זיך נאָך אַלץ געפרובט ווייצלן:

— פרעג ביי דיין מוטער צי איז איר נישט ליבער, אז איך זאל בלייבן ביי מיין פאַמיליע-נאָמען!

צום ערשטן מאָל זינט זיי האבן זיך געקענט, איז ער געוואָרן אין כּעס:

— לאָז מיין מוטער צורו! איך שפיי אויף דער מיינונג פון מיין משפחה און אויף דער צבועות פון דער געזעלשאפט! די פראגע איז דא בלויז וועגן דיר און מיר. ענטוועדער זענען דיינע א ידייען וועגן סאָציאַלע רעפאָרמען און צוקונפטס-גליק נישט מער ווי מח-טעאָריעס, אָדער דיין האַרץ וועט דיר דיקטירן א ריכטיקן וועג.

זי האָט געענטפערט פאַרלעצט:

— איך דאַנק דיר!

— נישט ביי קליינקייטן, נאָר דוקא ביי גרעסערע אנגע־לעגענהייטן טאָר מען נישט גיין, אויף קיין קאָמפּראָמיסן מיטן געוויסן. איך וויל נישט חתונה האָבן, מיין טייערער מאַן. ווייל איך וויל בלייבן אַ גלייכגעשטעלטע מיט דיר און דאַלט פאַר וויכטיק צו דעמאָנסטרירן מיט אונדזער ביישפּיל, אז די דאָזיקע פאָרמאַליטעט איז לחלוטין איבעריק כּדי צו קאָנען לעבן אין א פולשטענדיקער פאַרייניקונג...

— אין א פולשטענדיקער פאַרייניקונג! שיינע ווערטער... אויסגעצייכנט! פאַר דיר איז עס גענוג... אָט צום ביישפּיל: איך קום אייערנעכטן אין אָוונט, אהיים אַ צומאַטערטער, נאָך דריי פאַרזאַמלונגען... די מאַדאַם איז נישטאָ..! דער מאָטיוו: זי האט א דרינגענדע ארבעט מארגן פרי ביי זיך אין דער היים. א צווייטער פאַל. ס'איז צען א זייגער און דו מוזט זיך גאך לויפן אויף סען-סולפּוס-פּלאַץ... ס'איז פּראָסט פּשוט אידי־אָטיש. אנדערש קאָן מען עס באמת נישט אַנרופן... אויב דו האסט מיך וויהקליך ליב!..

— צי האָב איך דיך ליב?

אניקעס געזיכט איז געוואָרן מילד. דאס לעצטע ווארט האט געטראָפן אויפן ריכטיקן ארט. איצט האבן שוין דא מער נישט עקזיסטירט קיין צוויי אנטקעגנגעזעצטע עגאָיזמען, קיין צוויי קעמפּענדע ווילנס — דאָ זענען שוין בלויז געשטאַנען א געליבטער מאַן און א ליבענדע פרוי.

ווארט, האט זי געזאגט, אויב ס'איז נישט מער ווי דאס וועלן מיר עס שוין איינאָרדנען.

זי האט זיך פארנייגט מיט א שעלמישער צערמאַניע:

אויב איך האב דעם כּבוד זיך אפּצוזאגן, פון דיין האנט, בין איך אבער גרייט אין איינעם פון די נאָנטסטע טעג זיך איבערצופּעקלען אהער מיט מיין גאנצער גאַרדעראָבע, האק און פּאַק, און דעפּעניטיוו איבערצונעמען די ראָל פון דיין הויז־פרוי! מה גם...

מה גם, וואָס הייסט׳ס...

אָבער, נישט געקוקט אויף זיין צודרינגלעכן בעטן, האָט זי געשוויגן... און אַרומנעמענדיק אים אזוי הערצליך, אַז ער האָט זיך צולאַכט, האָט זי אַנטלויפנדיק אַ זאָג געטון:

— שפּעטער אַ ביסל... — היינט האָב איך קיין צייט נישט.

אין „זאַלאָן״ האָבן זיי שוין די אָפּיציעלע געזעלשאַפט נישט געפונען, און די צימערן זענען שוין אויף אַ העלפט געווען איבערפולט מיט פּריווילעגירטע געסט. זיי האָבן גלייך דערקענט דעם געוועגלעכן, שטענדיקן עולם פון גרויסע פּרעמ־יערן און אַ קליינע גרופּע אויסשטעלער מיט זייערע עקספּאַנאטן. קינסטלער מיט זייערע פאַמיליעס, פּראָפּעסיאָנעלע און צופעליקע מאָדעלן, וואָס האָבן געלויערט אַרום זייערע בילדער. האָט וועלכע עס איז ווערק געהאַט דערפאָלג האָבן זיך תיכף אַרום אים אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע מחנה טומלדיקע ליידיק־גייער.

— מ׳זעט לגמרי גאָרנישט, האָט אָניקע געזאָגט, און מ׳צו־גייט פון היץ.

— צו דער עפענונג פון אויסשטעלונגען קומט מען נישט זען, נאָר זיך ווייזן, האָט באַמערקט זשאָקמען.

— אָט זענט איר דאָך!

פון אַ גרופּע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען ווי צו־שראָקענע פאַר זיינע פינף אומפאַרשטענדליכע קנאַלרויטע אַרכי־טעקטאָנישע צייכענונגען, האָט זיך געזען זעלינאָווס הויכע פיגור. ער האָט באַמערקט זיינע פריינט...

— לאָמיר דא נישט שטיין, האָט ער געזאָגט גוט געשטימט, מ׳הערט צו פיל נאַרישקייטן. אָבער, אויסער עטליכע, געציילטע זידלעריי־אויסרופן, האָט בכלל געהערשט עפּעס אַ מין אומזיכערע שטילקייט אין באַצוג צו דערדאָזיקער הערמעטישער נייקייט. אמתע אדער כלומרשטע באַוואונדערונג, אדער פּשוט די מורא זיך צו קאָמפּראָמיטירן מיט וועלכן נישט איז אורטייל אין דער אדער יענער ריכטונג.

— רוסקאַטן האָט איר שוין געזען?

— גאָר נישט, מיר גייען אַ הין.

— שרעקליך!... הערט, למשל, סארא סקאנדאל!... ווילפא האט, פארבייגייענדיק, מיט אַן אויסדרוק פון עקל אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל נישט זען נישט דעם קינסטלער, נישט זיין ווערק... איך וועל נישט זיין איבעראַשט, אויב ס׳וועט אינגיכן באַשטימט ווערן אַ נייער דירעקטאר פאַר דער קונסט-אַקאַדעמיע. וואָס נעמטער זיי זענען צוגעקומען צום זאַל פון „נא-ן קריג" אלס געדיכטער איז געוואָרן דער געדראַנג... ס׳האָט זיך געהערט אַ ווילדער ליאַרם. רוסאטס נאָמען האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, אונטער קוללות און געלעכטער. פון דעם נישט פאַרענדיקטן טרופּטוכאַן זענען בלויז געווען אויפגעשטעלט די ערשטע צוויי בילדער „די שיבער" און „די גינאנדרע" (געוויקס) מיט זייער שניידענדיקער סאטירע האָבן זיי געהאַקט ווי מיט אַ באָמבע אין דער פארבלופטער פּיינטזעליקער מאַסע אויסשטעלונגס-באַזוכער. אפילו רוססאַטס פריינט גופא האָבן מיט אַן אומצופרידענער מינע געשוויגן ביי די סאַר-קאזמען פון איינע און דער פאַרביטערטער קריטיק פון די אַנדערע.

דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען פון כל המינים, שלום און מלחמה גבירים, פון אַ מחנה פאַרנארישטע אָדער צבועקישע חייבער, אונטערגעהעצטע פון די אייפערזיכטיקע אויסשטעלער. זיי האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג,—נאַטירליך אַ פאַלשן, אנגעבנדיק אים אָבער אַלס פאַקט—אַז רוססאט האָט פאַרקויפט אַ דענישן אַמאַטאָר,— אַן אַגענט פון אַ דייטשער פירמע—פאַר דריי הונדערט טויזנט פראנק זיין פריערדיקן באַרימטן טרופּטוכאַן: „די מארשאלן". די דאָזיקע ידיעה האט פארשטארקט ביז צו דער העכסטער שטופע די קנאה פון די אייפערזיכטיקע חברים פון גרעסטן ביזן קלענסטן און דעם שאָוויניזם פון די געזעלשאַפטס-מענטשן.

— אַ, יאָ, האָט געברומט זעלינאָוו, אונטערן אויבערשטן גלאַנץ איז אונטן שמוץ און צופּדילטקייט. אויסער די קוביסטישע קינסטלער, האָבן בלויז רוססאַטס עטליכע איבערגעבליבענע תלמידים געהאַט דעם מוט אים אויסצודריקן אָפן זייער אנער-

קענונג. אָניקע און זשאַקמען האָבן שוין געקענט נישט בלויז „די שיבער״ און „גענאַנדרא״, נאָר אויך די שטארקע סקיצן, צו די דאָזיקע ווערק. אַ טייל פון זיי איז געווען אָנגעוואָרפן מיט דרייסטע ליניעס און גראָבע פּענזעל-שטריכן אויפן לינקן זייט פון דער ברעטערוואַנט.

אויך דאָסמאָל האָט עס געמאַכט אויף זיי אַ שטאַרקן איינדרוק.

די שיבער! אין האָרדע געמיינע בעלי-תאוה ניקעס, פּעטע, מיט חזרשע פּנימער, פּוטערגעשמירטע פּליכעס און סימבאָלישע בייכער — מאָגערע, מיט שנאָבלען פון רויב-פייגל און פּיסקעס פון הינער און שאַקאַלן, — האָט זיך מיט אַ ברוטאַלן שטורם געריסן אין אַ שטראַלנדיקן רעסטאָראַן, וווּ ביי גרויסע טישן פול מיט וויין, טאָרטן און געררויכערטע פליישן, צווישן פּרוכטן און בלומען, האָבן געוואַרט האַלב-נאַקעטע ווייבער אין דורכ-זיכטיקע קליידער. אונטערן שיין פון די טאָג-העלע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיי געפינקלט פון ברילאַנטן און פּערל... אויפן ערשטן פּלאַן זעט זיך, אַרויסגייענדיק פון אונטערן שאָט, אַ באַנדע באַרוועסע און לייזיקע... מיט ווילדע בליקן און אויפגעהויבענע פויסטן... מענער און פרויען פון אַן אומבאַ-שטימטן עלטער... אָפּגעריסענע קינדער מיט אָפענע מיילער וואָס רייסן זיך מיט זייערע גאַנצע כּחות עפּעס וואָס צו כאַפּן... אין הינטערגרונט, איבער דער לייכטענדיקער דעקאָראַציע פון דער אָרגיע, אַ בלוטיקער וואָלקן, פון וועלכן עס זעען זיך די גוסרינעס פון הויכע אויוועסנס אַ וואַלד לאַנגע קוימנס: אומ-געהײַערע קאַנאָנען וואָס שפּייען מיט שוואַרצן רויך, און איבערן גאַנצן לייוונט אַ רעגן פון האַלב פאַרברענטע געלט-באַנקנאָטן, וואָס זעען אויס ווי אָפּגעסמאָלעטע זומערפויגעלעך...

די „גינאַנדרע״ פּאַראַלעל מיטן ערשטן בילד, שטעלט פאָר אין אַ טאַנץ פון ווילדער שכרות דעם גאַנצן שטורעם פון אויסגעלאַסנקייט, אין וועלכן, ס'איז אַריינגעפאַלן פאַר דער צייט פון קריג פּאַריז — דאָס מאָדערנע בבל — און ווי פון די ווידער אויפגעמאַכטע פאַבריקן און שפּיטעלער, פון די עלע-

גאנצע האטעלן און בודוואַרן האָט זיך די דאָזיקע קארופּציע אומגעשטערט אַרויסגעריסן און פארפלייצט די גאסן. דאָס גאנצע בילד איז נישט מער ווי אן אומענדליכער דאנסינג באַלויכטע פון פילפאַרביקע לאָמפּן, ווו אויסגעלאסענע ווייבער אין קורצען קליידער האלטן זיך אין איין דרייען, עפּילעפּטישע באוועגונגען מיט מענער פון אלע ראסן און אלע אוניפאָרמען... רעכטס, אין אווינקל, אונטער א גלעזערנער וואנט, שפּאצירן ארום, אלס ערן־געסט, איינער לעבן אנדערן, דער טויט און דאָס לעבן. מיט געשלאסענע הענט קוקן זיי זיך צו, איינער מיט זיינע פינצטערע אויגן־לעכער, דער צווייטער מיטן שטארן בליק פון א בלינדן צום טומל פון די צעווילדעוועטע אינסטינקטן, צום דאָזיקן צונויפדריין זיך פון די קערפּערס, וואס די מוזיק שאקלט זיי אין קראמפּהאפטיקע וועלן־באוועגונגען... דער גאנצער אויבערשטער טייל פון בילד איז געווען אפּגעשלאָסן מיט א לאנגער גרויליכער וואנט פון עפּענטליכע הייזער, באלויכטן דורך פארדעכטיקע לאמטערנעס, און אינטן אן אומענדליכע ריי צימערלעך. דורך אן עפענונג אין רעכטן מיטן זעט זיך אן הארדע נאקעטע פּראָסטיטוטקעס, אַ סטאדע שלאכט־פי, פאר־פינצטערטע און ווייסע, וואס ווערט צוריבן, ווי דורך אן ערד ציטערניש, פון דער צעווילדעוועטער מחנה זעלנע...

אין דער ערשטער ריי פון די צושויער האָט אַ דאַמע מיט גרויע האָר געפּאָכעט מיט איר פעדערן־באַפּוצטן הוט און זיך געבלאָזן ווי אַ צורייצטער יענדיק. ס'איז געווען פרוי פון סען־וואלענטין. סימאנע לארדעל, אַ צוקאָכטע פון גרויס אויפ־רעגונג, האָט אויסגעדריקט איר מיטגעפיל דורך שטאַרקע זיפצן.

— ס'איז אומפאַרשעמט! האָט דערקלערט גאַנץ הויך א שטעכעדיקע שטים.

אמעדיי איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט דערקענט דעם קלאַנג פון הער מארעוואַלס קול. גלייכצייטיק האט אַניקע באַ־מערקט לעבאס אלטע פּלגש און דעם זומפּ־פליגעל, ער האָט געגומען פאַר אן עדות דעם דיקן רייכמייער, דער האָריקן בער מיט די קורצע פיס:

— לאָמיר זען, מיין טייערער, איר זיינט דאָך אַן אַמאַנטאַר אַ קונסט-קענער, וואָס אייערע קאָלעקציעס פאַרדינען מ׳זאָל זיי אַרויסשטעלן אין לוווער...

— דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט! האָט זעליאַנאָוו געברומט. צען פאַלשע בילדער פאַר איין עכטן!...

— לאָמיר זיך אָפּטראָגן, האָט אַ זאָג געטון אַמעדיי, וואָס האָט לגמרי קיין חשק נישט געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אַן עפּענטליכער דיסקוסיע מיט זיין שטיף-פאָטער. אַניקע, זייענדיק הונגעריק, האָט זיך נישט געלאָזן בעטן.

— אייגנטליך, וואָלט איך וועלן הערן זיינע דכמות!

הער מאַרצוואַל האָט געדריקט רייכמייערס האַנט און געוועגט דירעקט אויף אים דעם פּריער פון זיינע גוט-געמיינטע פּראַזען. אַ רעפּעטיציע, וואָס איז אים איצט געווען אומבאַדינגט גוויטיק, פאַר זיין נאָענטער רעדע וועגן דער קאָרופּציע פון די זייטן (ער האָט נאָך נעכטן גערעדט מכה דעם מיט ראַנשאַרן אויף רישעליע-גאַס). ער האָט זיך שטאַרק געאיילט וואָס גיכער צו באַגליקן דערמיט דעם סענאַט... יעדע אינטערווענץ, וואָס ער פלעגט מאַכן אַלס פּרעזידענט פון דער ליגע קעגן דער געפאַר פון די גאַסן קיאָסקן, — האָט אים געבראַכט אַן אומגעהייערן דערפאָלג פון אַכטונג, וואָס צוליב זיין טפשות האָט ער נישט געזען איר לעכערליכקייט.

— אויב פראַנקרייך וועט נישט קומען צום שכל, גייט זי צו גרונד און אויף אַ מיאוסן אופן!

איר גייט שוין אפשר אַ ביסל צו ווייט, האָט זיך געוואונדערט רייכמייער, וואָס אַ דאַנק זיינע גוטע געשעפטן אין קויפהויז „אַלץ פאַר גראָנישט” איז ער געווען געניט צו אָפּטימיזם.

— ניין! דאָס איז דער גורל פון יעדער לאַנד, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער דער השפּעה פון אויסגעלאַסנקייט! דאָס קלטערטום!—וואָס דינט אונז תמיד אַלס פאַרבילד, אַלס מוסטער — לאָמיר נעמען, למשל, רוים – דאָס רוימישע פאָלק!... אַ קליינ-

קייט!...דאס שטאַרקסטע, דאס גרעסטע פון אַלע פעלקער! וואָר האט עס באַזיגט? האַרמאָטן? געווער? ניין, דער לוקסוס, די אויסגעלאַסנקייט, די מוטער פון דער אַנטפעלקערונג.

— גאַנץ באַשטימט!

— טאַציט און יובענאַל! צי זיינען זיי דען נישט געווען קיין צו גוטע נביאים...

— אבער, האט געזאגט רייכמייער, וואס האט אליין געהאס רוססאטס עטליכע בילדער און אין מאַלעריי פלעגט ער בכלל שפעקולירן, אויף דער האָסע — מ׳קאן דאך נישט אפלייקענען, אַז ער שילדערט פארט א ריכטיק בילד פון אונזערע זיטן...

— אן שום ספק.

— היינט ווי קאן מען פארוואַרפן דעם קינסטלער, — וואס האט, למשל, ווי רוססאט, אפגעגעבן זיין גאנץ לעבן דער ערליכער קונסט — דאס וואס זיין בילד איז די פאַרקערפערונג פון אונזער לעבן?... זענען זיינע ווערק אמתדיקע, ריכטיקע, דארף מען באַגליקווינשן זיין מוט, זיינען זיי פאַלשע — טו זאל מען זיי צורייסן אויף שטיקלאך!

- רכילות אדער אמת, די געפאר בלייבט די זעלבע! ס׳זענען פאַראן זאכן וואס מ׳דארף וועגן זיי נישט רעדן. שילדערן דאס פאטערלאנד אין אזעלכע פארבן — דאס הייסט א פאראט, א בגידה!

— אפילו אויב די פארבן שטימען לחלוטין מיטן אמת?

— בעיקר צוליב דעם מאטיוו! דער אויסלענדער, מיין פריינט! איר קלערט לגמרי נישט וועגן אויסלענדער!... ער אבער, וואס קלערט ער מכח אונז? לאמיר ווייניקסטנס באהאלטן אונזערע פעלער, אויב מיר קאָנען זיך פון זיי נישט באפרייען. הער רוססאט, גלויבט מיר, איז א שלעכטער פראנצויז.

— ס׳קאן זיין, האט רייכמייער פחדנותדיק צוגעגעבן. ער גופא איז געווען א ייד, וואס האט געשטאמט פון פוילן.

— הער מאָרעוואַל איז שטענדיק גערעכט, האט זיי איבערגעהאקט סימאנע לורדאל מיוקענדיק ווי א קאַץ.

זי האט געקענט רייכמייערס געהיימסטע פארלאנגען, און האט זיך שטארק באמיט אין די פארשידנסטע מיניסטעריומס און ביי איינפלוסרייכע פערזענליכקייטן מכח ארויטן באנד פאר זיין קנאפּ־לאך. אלס קעגנלייסטונג האט זי גערעכנט אויף א סובווענץ פארן „אפעל״ און זעלבסטפארשטענדליך אויף א גרעסערן קרעדיט פאר זיך און זיין קויף־הויז „אלץ פאר גאר־נישט״. מיט א וויכטיקער מינע האט זי פארגעשטעלט:

— די גרעפין פון סען־וואלענטין. מיט א שנעלן בליק האט דער סענאטאר אפגעשאצט איר האלדז־קאליע און אירע אויררינג־לאך, דערנאך האט ער זיך מיט גרויס אכטונג פארבויגט. צופרידן מיט דער פארגרעסערונג פון זיין פובליקום האט ער ווייטער גערעדט:

— איבעריגענס האנדלט זיך דא נישט אויסשליסליך וועגן ריכטיקער שילדערונג... דא איז נאך אויך א פראגע פון קינסטלערישן טאקט... פרעגט נאר ביי פרוי לורדאל. וואס איז אייגנטליך קונסט ?... אידעאליזירונג ! מ׳קאן — אפילו אויפ־דעקנדיק דאס, וואס איך האלט ריכטיקער צו באהאלטן — בלייבן אין די גרעניצן פון אנשטענדיקייט. אט האט איר א באוויז ! די דאזיקע אנטציקנדע אקטן, געצייכנט דורך סימאנען, וואס דריקן אויס אזוי גייסטרייך די שטימונג פון פארגעניגן און זינד...

בעשיידן און רויק האט מאדאם לורדאל אויסגערופן : אָה !

— יא, יא, אזוי איז עס ! ווי זאגט מען׳ס, פיקאנט, אנרע־גנדיק. רוססאטס אקטן, פארקערט, — קוקט זיך צו ! — זיינען דורכגעפירט מיט אזא ברוטאליטעט, וואס רופט פשוט ארויס אן עקל. די ארט פון דער אויספירונג, מיין טייערער !

מ׳מוז נעמען אין בעטראכט דעם אינטערעס פון סאציאלן וווילשטאנד, איר פארשטייט... די טעכניק איז אלץ...

רייכמייער האט געשפירט, אז די טעכניק פון זיין אײ־גענעם אינטערעס פאדערט, ער זאל איז דעם מאמענט נאכגעבן

און בעת סימאנע לורדאל האט איבערגעלאזן דעם „גרעפין" בלומרשט צוליב אנדערע פריינט, האט ער באמערקט:

— יא, דער אינטערעס פון סאציאלן ווילשטאנד, איך וויל אייך טאקע גלייך איבערגעבן וועגן אן אידייע... וואס למשל וואלט, געזאגט דערצו מאדאם מארעוואל, אז מ׳זאל ביי די אוונט-אזילן, אין די דריי בעצירקן ווו אייער פרוי האט איינגעארדנט אזעלכע אויסגעצייכנטע שלאפ-שטעלן, עפענען אומזיסטע קוכן „זופ פארן פאלק"? עטליכע פריינט און איך דיספאנירן איצט צו דעם צוועק מיט א געוויסן קאפיטאל... איך גלויב, אז אויף קיין בעסערע זאך קאן מען׳ס נישט פארווענדן...

מיט א קרומען בליק האט ער געפרוווט דעם ביינערדיקן פנים און זיך געצווונגען גליק: „ביי דעם האט זיך עס אנגע-נומען!..." מיטן צוזאג איבערצושיקן זיינע קאלעקציעס אין לוווער, די צוואנציק טויזנט פראנק וואס א פריינט פון האנדעלס-מיניסטער האט היינט פרי אונטערגערוקט אלס פארמיטלער, און די צוויי הונדערט טויזנט, וואס ער שפענדעט צו קאכן פארן פאלק זופ, אז ס׳זאל גיין א פארע — דער טייוול אליין קאן שוין דא נישט שטערן ער זאל נישט באקומען דורך וועלכן ס׳איז מיניסטעריום — פאר פאלקס-געזונט, בילדונג אדער האנדעל —„דאס פארפלוכטע בענדעל" וואס לאזט אים ממש נישט שלאפן ...

4

נעכטן אין אוונט האט אניקע ערשט געפאטערט דאס אריבערטראנספארטירן אירע זאכ׳ן פון סען-סולדיס-פלאץ אין פן דאספאיל בולוואר. די איבערזידלונג איז ניט געוועזן שטארק קאמפליצירט: דריי קופערס און עטליכע פעקלאך. וועש און פאמיליען-לאמפעס... א קליין קעסטעל ביכער, עטליכע פילאזאפען און א פאר דיכטער: רענאנ׳ס „די צוקונפט פון דער וויסענשאפט", און זיינע „סוועניכס" וואס זי האט באזונדערס ליב געהאט,

דער באצויבערער אַנאטאָל פראנס... קאמילע מייקלער: „די פיזישע ליבע״...; זשאן פינאָט: „די פאראורטיילן און פראבלעמען פון די געשלעכטער...״ זי האט גענומען אהער בלויז דאס נויטווענדיק־סטע, איר ארבעטס־ביבליאָטעק, די מעבעל און די בילדער האט זי געלאזט ביי זיך אין ביורא.

— אדיע, ווענט. אדיע, גוטער טיש!... אדיע, מיין שלאפצימער! האט זי געזאגט, גלעטענדיק מיט איר בליק אָדער מיט׳ן האנט די אלע זאכן וואס זיינען יארן לאנג געווען צונויפגעבינדן מיט איר עקזיסטענץ...

זי האט זיי צוגעשריבן אן אייגענע עקזיסטענץ, האבנדיק די איבערצייגונג פון אן אוניווערסאלן לעבן, וואס דרינגט אריין ביז דער כלומרשט אומבאלעבטער מאטעריע, און אַזעלכע מאמענטן פלעגט זי אפט, אין דער שטיל, לייענען אויסענווייניק די שיינע פערזן פון געראַרד דע נערוואל, — איינעם פון אירע ווייטע גוטע פריינט...

אויפ׳ן גרונט פון פינצטערן זיין ווינט אַ פארבארגענער גאָט. די בלינדע וואנט, זיי פארזיכטיק, זי קוקט זיך צו דיר: די אומבאלעבטע זאכן גופא, האבן אַ ווארט נ׳ט זיי נישט אויס פאַר קיין שלעכטע מעשים...

— איך פארלאז אייך, אָבער כמעט יעדן טאג וועל איך צו אייך קומען.

אויפ׳ן שוועל, איידער זי האט פארשלאסן די טיר, האט זי נאך אַמאל ארומגענומען מיט אירע בליקן דאס דאזיקע געראַמע צימער... אַ גליקליכער עטאפ פון איר ארבעט און אומאפהייננגיקייט! זי האט אַ קלער געטאן וועגן די פארגאנגענע שעהן, און האט דערש.ירט אַ לייכטע מעלאנכאליע ביי דעם געדאנק אן דעם נייעם עטאפ אויפ׳ן באפארשטייענדיקן וועג... זי האט, אמת, געוואַרט פון אים בלויז גליק, האט אָבער גוט געוואוסט, אז אן קאמף און ליידן ווערט קיין שום נייעס נישט געשאפן.

זי איז געווען שטארק צופרידן און לגמרי רויק, וואס דאס דאזיקע מקום־מקלט — דער צופלוכטס־ארט, וו: זי האט

געהאפט, געליבט און געארבעט, בלייבט איר ווי א פאראנקער־טער שיף אויפ׳ן אומזוכערן ים. דער געדאנק, אז דא וועט זי א פאר מאל אין וואך — אויסער דער אויפנאמע פון קליענטן און סתם באזוכער — קאנען זיין מיט זיך אליין, זיך אפגעבן אירע שטיל טראכטן — האט איר אנגעפילט מיט א געוויסער זיכערקייט.

ניט ווייניקער אנגענעם איז איר אבער אויך געווען דאס, וואס פון איצט אן ארדענט זי זיך איין אין א שטילער רויקער היים, ווו זי וועט אומגעשטערט קאנען טיילן מיטן געליבטן מאן די פארשיידענארטיקייט פון די טעג און די אייניקייט פון די נעכט... אין פארלויף פון 24 שעה — זי האט׳ס אפילו נישט באמערקט — האט ער פארוואנדעלט דאס פריערדיקע בייגרא־צימער — דעם צימער מיטן גרויסן בעט — אין א פראכטפולן קאבינעט, ווו זי זאל קאנען זיין אליין ווי נאר זי וועט שפירן דערין וועלכע נישט איז באדערפעניש. נעבן ביי איז אויך געווען א קליינער טואלעט־צימער.

— געליבטער! — האט זי געזאגט שטארק גערירט פון זיין אויפמערקזאמקייט... — דאס איז לגמרי געווען איבעריג...

זיי האבן זיך אנטזאגט פון א געמיינזאמען אווענט־ברויט מיט פרוי ברוססאט און זעליאנאוו׳ן, וואס האבן געהאט אויף דעם אווענט א לאזשע אין שוועדישן באלעט, ס׳ האט זיי פארשאפט א קינדישן פארגעניגן צו פארברענגען גאנץ אליין דעם דאזיקן אווענט פון זייער פולשטענדיקער דערנענטערונג און פייערן ווי א יום־טוב דעם ערשטן טאג פון זייער געמיינזאמען לעבן.

אניקע איז געלעגן, א פארמאטערטע אין טיפן לעדער פאטעל דאס איינציקע באקוועמע מעבעל־שטיק אין גאנצן ארבעטס־צימער. זי האט געלייענט אונטערן קרייז פון דער עלעקטרישער לאמפ, וואס אמעדיי, זיצענדיק ביים שרייב־טיש, האט אויפגעהויבן דעם רעפלעקטאר. ער האט זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט, האט געעפנט א גאנצן בארג

באריכטן און בראָשורן, צוגעשיקטע פון דער אמערקאנישער האַנדעלס־קאמער.

פון קריג אן האט ער זיך ארומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן וועגן אַ רייזע אין די פּאראייניקטע שטאַטן, פון ניו־יארק קיין סאן־פראנציסקא, פון שיקאַגא, קיין ניי־ארלעאנס. ס'האָט זיך אים שטארק געוואָלט — נאָך ענגלאנד, ווו ער האט פריער אַ צייט לאַנג געלעבט — באקענען אויך מיט דער גרויסער נאציאָן פון געשעפטס־לייט, וואס איז איצט געווארן דער אלמעכטיקער קרעדיטאָר פון דער איראָפּייאישער רעקאָנסטרוקציע.

צופעליק — צו אינסטינקטיוו — האט ער א הויב געטאָן די אויגן און דערזען ווי ביי אניקען פאלט ארויס פון האנט דאס בוך, ווי זי וואָלט זיך פּלוצלינג דערשפּירט קראנק. זי האט ארויפגעלייגט די האַנט אויפן הארצן און איז געווארן אזוי בלייך אז זשאקמען, אַ צושראָקענער, איז אויפגעשפּרונגען פון ארט און צוגעלאפן צו איר:

— וואָס איז דיר?

— גאָר נישט,—האָט זי געזאָגט... שרעק זיך נישט.

— איך בין אומרויק.

זי האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן.

— אָ, ווי מיר דריקט אונטערן הארצן... לאָז מיר... ארויסגיין.

— איך וועל מיטגיין.

— ניין, ניין, איך בעט דיך, איך קום גלייך צוריק.

אין אַ מינוט אַרום איז זי אריין צוריק, אַ ביסל פאַרענדערט אין געזיכט, אָבער שמייכלענדיק. ער האָט געפרעגט מיט אַ אומזיכערע בליקן. ערנסט און גלייכצייטיק שעלמיש האָט זי געשוויגן.

— דאָס איז עס? האָט ער געפרעגט מיט האַרץ קלאַפּעניש...

לאַנג האָבן זיי זיך געקוקט אין די אויגן אריין. ער האָט אין אירע אויגן געלייענט דעם שטומען ענטפער אויף זיין שטורמישער פראַגע. ער האָט געשטאַמעלט:

— גלויבסטו, אז דאָס איז עס?
— זיכער. יאָ, איצט בין איך זיכער.
— אָה, סארא גליק!
— ער איז געווען אויפן זיבעטן הימל.

אַלץ, וואָס ער האָט, זינט זייער לעצטער דיסקוסיע, געהאַלטן ביי זיך, זיינע מאָטיוון, ווונטשן און בעטן, זיין וואַקסנדיקע אויפרעגונג קעגן איר באַשלוס, אַלץ איז איצט מיט איין קלאַפּ געקומען צום אויסדרוק:

— נו, מיין טייערע. איצט מוזטו שוין נאָכגעבן און זיך אנטשליסן צו ווערן מיין פרוי... דו ביזט עס מחויב צו טאָן פאַר דעם, וואָס איז אַזוי גוט מיינער ווי דיינער... קלער זיך אָן... איצט דיספּאָנירסטו נישט מיט קיין שום וויכטיקע קעגן־מאָטיוון.

— אָבער...

זי האָט באַמערקט אויף זיין געזיכט דערשטוינען און שמערץ, זי האָט געשפּירט, אַז זי וועט אים נאָך פאַרשאַפן פיל ליידן, אָבער דער אינערליכער דראַנג פון איר טיפער איבערצייגונג האָט איר געטריבן פאָרווערטס, און זי האָט געפרעגט:

— פאַר וואָס מוז איך איצט נאָכגעבן? וואָס אַזוינס איז, אייגנטליך, געשען, וואָס קען בעאיינפלוסן מיין באַשלוס?

—דו, אַן אדוואָקאַטין, שטעלסט רויק אַזאַ פראַגע?.. בעת זו קענסט אויסגעצייכנט די אַלע אידיאָטישע, אָבער מעכטיקע פאָראורטיילן, וואָס הערשן נאָך אין אונדזער געזעלשאַפט קעגן דער נאַטירליכער, פרייער וואַל...

— אָבער טאַקע דוקא דערפאַר, וואָס מיר לאַכן זיך אויס פון די דאָזיקע פארשימעלטע פאָראורטיילן, וואָס מיר האָבן די מעגליכקייט צו געבן אונדזער קינד אַזאַ דערציונג, אַזעלכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אַז ער האָט נישט קיין שום שיכות מיט די אַלע אידיאָטישע פאָראורטיילן, ווי מעכטיק זיי זאָלן נישט זיין... צי איז עס נישט אונדזער פליכט פאַרויסצוגיין מיט אונדזער ביישפּיל?

אָן אויפגערעגטער האָט ער געקוועטשט מיט די באַרקעס:

— לאָמיר זיך נישט אָפּנאַרן איין דור וועט דעמדאָזיקן ווידערשטאַנד נישט איינברעכן. אונדזערע קינדער וועלן נאָך אויך לעבן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט זיין ענליך צו אונדזערער. און קענסטו גאַראַנטירן, אַז אונדזער זון — און אַ טאָכטער אַודאי און אַודאי — וועט, נישט געקוקט אויף אונדזער דערציונג, נישט ליידן צוליב דיין איצטיקער עקשנות ?

— דו וועסט דאָך אָבער צוגעבן, אַז פאַר אַן אידייע קאָן מען ליידן, ברענגען קרבנות. אט האסטו דאָך אַליין אריינגעטראָגן אַ געזעץ-פּראָיעקט, וואָס...

ער האָט איר איבערגעהאַקט:

— יאָ! יאָ! אָבער פון פאָרשלאָגן ביזן אנעמען!...

מיר און אונדזערע אייניקלעך וועלן פריער אויסשטאַרבן!... דו ווייסט זייער גוט, אַז כדי דורכצופירן דעם געזעץ וועגן גט האָט מען נאָך דער רעסטאווראציע נאָך דער יולי-מאָנאַרכיע, נאָך דער אימפעריע, געמוזט האָבן גאַנצע צוואַנציק יאר רעפּובליק!... איך האב גאר נישט דאַגעגן מיר זאלן צוגרייטן פּיאנערן, אבער לאמיר נישט אפּנעמען ביי זיי לכתחלה דאס קאַמף-געווער

זי דאט אפּאנירט מיטן גאנצן ברען:

— פּונקט פארקערט, מיר געבן זיי דאס בעסטע געווער! יעדער באַוווסטזיין, וואס כאפּט זיך איצט אויף, ווערט, נאַטירליך, געבארן אויף ליידן, אונדזערע קינדער אבער, וואס מיר ויעלן פארמירן זייער גייסט פון ערשטן אטעמצוג אן, וועלן מארגן שוין ווייניגער ליידן. געבנדיק די פרייהייט, נאָך איידער זיי האָבן אנגעהויבן אטעמען, אָנווייזנדיק זיי דעם ריכטיקן וועג נאָך איידער זיי עפענען די אויגן, דערמיט גופא פארשאפן מיר זיי די גרעסטע זיכערקייט און קראַפט! איך וועגד דיין אַרגומענט קעגן דיר אַליין. איצט איז אויס-געשלאָסן וועלכע נישט איז אפּווייכונג פון מיין באַשלוס!

ער האָט אָפּגעזיפצט:

— קליינע אניקע, עקזאלטירטע הארץ... זיי פּאָרזיכטיק! די דאָזיקע אומגערעכטע געזעלשאַפט וועט נאָך בלייבן לאַנגע

דורות, אזוי ווי זי איז, און אונדזער קינד וועט מוזן אין איר לעבן... דו האָסט נישט קיין רעכט צו ברענגען עס אויף דער וועלט אלס אומגעזעצליך קינד!...

— אַה! איך מוז לאַכן... אַה! דו זין פון דיין מאַמען! איצט האָסטו פאַראטן דיינע אנגעבאָרענע נייגונגען, דיין גייסטיקע ירושה!

— און אויב אַפילו דאָס! אז איך האָב דיר לעצטנס געוואָלט בעאיינפלוסן זאָלסט מסכים זיין אויף אַ פארמעלער הייראַט, האָב איך ווירקליך געקלערט נאָר וועגן זיך און גערעדט ווי אַ מאַן. איצט, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר געבראַכט דאָס דאָזיקע אומענדליכע גליק, איצט ווען איך ווייס, אַז אונדזער זון עקזיסטירט שוין, איצט רעד איך מיט דער אויטאָריטעט פון אַ פאַטער. איך פארלאַנג פאר אים אן אמתע היים, אַ סטאַבילע פאַמיליע... ער וועט אַ דאנק דעם נאכמער געצערטלט ווערן פון אַלע, פון זיינע עלטערן, גרויס-עלטערן, פון אונדזערע פריינט...

אָניקע האָט נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן. ער האָט אַ נעם געטאָן אירע הענט:

— דו פארשטייסט שוין, פרוי זשאַקמען?

— ניין, איך פאַרשטיי לגמרי גאר נישט. דוקא די דאָזיקע לאַסט פון סאָציאַלן באגאזש, וואָס דו שלעפּסט אויף דיינע פּלייצעס, וויל איך — נישט געקוקט אויף דיינע ליידן — פאַרשפּאָרן מיין קינד!... אָה! ניין, ניין! איך בעט דיך! לאָמיר איבערייסן די דאָזיקע אומנוצליכע פּיינליכע דיסקוסיע... וויי־ניקער ווי ווען ס׳איז קאָנסטו איצט רעכענען אויף מיין אָקצעפּטירן. ווייל מער ווי ווען ס׳איז נויטיק איך זיך פון איצט אן אין מיין געזעצליכער אומאָפּהענגיקייט בנוגע דיר... זיי נישט אומרויק! באקלער זיך! וואָס מאַכט עס דיר אויס, צי דען האנדלען מיר נישט שטענדיק אין דער פולסטער האַרמאָניע? צי האָב איך נישט איינגעוויליקט אויף לעבן מיט דיר צוזאַמען? אויסער מיינע אַרבעטס-שטונדן, בין איך איצט שטענדיק מיט דיר!... און איבערהויפּט היינט, ווען אונדז

האט געטראפן דאס גרעסטע גליק, היינט, מיין טייערער קוועל זיך נישט! קלער ווי איך, בלויז וועגן דער פרייד צו פארלענגערן, צו קאנסערווירן אונדזער ליבע אין אַ קליינעם, מענטשליך וועזן... זאָג, האָב איך נישט רעכט?

צערטליך האט זי גענומען זיין קאָפּ — זי האט בעשלאסן אים מיט גוטענס צו איבערצייגן: זיך געזעצט ביי אים אויף די קני, ארומגענומען און ליידנשאפטליך זיך צו אים צוגעדריקט. זי האט געהערט ווי זיין הארץ קלאפט און שווייגענדיק געפאלגט זיין געדאַנקען-גאנג. זי האט געשפירט, ווי ער בערויקט זיך, נישט געקוקט אויף דער שטארקער מיינונגס-פארשידענהייט... מער האט זי באשלאסן אין אים נישט צו דרינגען און באלד האט זי ווידער אנגעהויבן מיט איר חוזק-טאָן:

— אויספרדעם, דארפסטו וויסן, אז אין מיין צושטאנד טאָר מען מיר בכלל נית אפזאגן, אויב איך נעם זיך עפעס אריין אין קאפ...!

זי האט זיך איינגערעדט: ביסלעכווייז וועל איך אים איבערצייגן אין סוף כל סוף וועט ער נאכגעבן. באלד האט זיך אָבער אין קאָנטאַקט מיט דער באַרירונג אויפגעכאַפּט די ליידנשאַפט און זי האט שוין בכלל אויפגעהערט צו טראכטן... זי האט זיך שוין מער נישט באמיט דורכצוזעצן איר ווילן אָדער באווייזן ווער פון זייביידן איז גערעכט... זי האט פארמאכט די אויגן און באטויבט, ווי דורך אן אַנעסטעזיע, זיך איבערגעגעבן דער שכרות פון דער ליידענשאפט.

אניקע האט איבערגענומען די גאנצע ווירטשאפט, איבערלאזנדיק דער מאדאם ד׳אנווואַ בלויז די געלט־ענינים. זי האט אַפילו איינגעווויליגט זיך צו פארנעמען מיט אמעדיי׳ס געשעפטליכע אנגעלעגנהייטן און אים מיט צוהעלפן אין דער פארוואלטונג מיט זיין פארמעגן. בלויז אין איין פונקט האט זי פאר קיין פאל נישט געוואלט נאכגעבן: אירע פערזענליכע אויסגאַבען האט זי געדעקט פון איר אייגענער טאש.

ס׳זיינען אַוועק טעג און וואכן.

דער חודש מאי און שפעטער יוני. נישט געקוקט אויפן

שטילן אבמאך נישט צו באריר ן מער מיט קיין איין ווארט דעם שוואכן פונקט.

איר פעסטן ווילן צו בלייבן פולשטענדיק אומאָפּהענגיק — האט זיי דאך געדריקט עפּעס אַן אומגעלומפּערטע שפּאנונג, װאס האט זיך געטראגן איבער די מאנאָטאנע שטונדן, ווי דער שיין פון אַ געוויטער־זון איבער אַ פלאך־לאנד. גאנץ אָפט פלעגט זי ריידן וועגן דער צוקונפט. וועגן דער מאָסע פּראיעקטן, וואס איר שוואגערשאַפט, וועלכע מ׳האט נאך איבעריגענס נישט באמערקט — האט פּארטינקעלט ווי אַ וואלקן דעם האריזאָנט... אויב אַ זון וועלן זיי אים אַ נאָמען געבן קלויד נאָך אומעדיי׳ס זיידן. אַ טאָכטער ? ... ער וואלט וועלן זי זאל הייסן דעמזעלבן נאָמען ווי פרוי מאַרצוואל... ביי זיין ערשטער אנדייטונג האט אָבער אָניקע נישט געקאָנט באהאלטן איר ווידערווילן. . . קענענדיק און פארשטייענדיק גאנץ גוט אניקע׳ס אנטיפּאטיע צו זיין משפחה האט ער דאך אין זיין אומבאוווסטזיניגן טראדיציאנאליזם שטארק געליטן פון דעמדאזיקן תהום צווישן די ביידע פאַמיליעס און פון דעם פאקט וואס זיין פרוי קאן נישט ליב האבען זיין מוטער.

— און אויב אפילו אַ טאָכטער, — האט אניקע געזאגט וועלענדיק אָפּשוואכן דעם איינדרוק פון דאזיקן אומאנגענעמען געשפּרעך, — קאן מען איר אויך אַ נאָמען געבן קלויד ! ס׳פּאסט זיך גאנץ גוט פאר אַ מיידעלשן נאמען אויך...

וואס ווייטער איז אָמעדיי אַלץ געוואָרען אומעטיקער און אויפגערעגטער. זיינע געדאנקען האָבן איצט געאַרבעט בלויז אין איין ריכטונג: ווי אזוי צו ווירקן אויף אניקען זיי זאָלן אפיציעל הייראַטן פארן געבורט פון קינד. ער האט לגמרי אויפגעהערט שלאָפן. אַ שטארק געקרייענקטע האט זיך אַניקע צוגעקוקט צו דעם, וואס אין אים קומט פאר.

שטיינדיק גראד אין רעכטן ברען פון פּאליטישן קאמף איז אמעדיי געווען געצוווּנגען צו פארברייננגען צו נאכמיטאג — שעהן אויסערן הויז, און זי פלעגט דאַן שטענדיק בלייבן

אליין. דאַמאָלס פלעגט זי זיך איינגאנצן — נישט געקוקט אויף איר פארשידנארטיקער אַרבעט-קליענטן, אַרויסטריטן אין געריכט — אפגעבן אירע דאגות. זי האט פאראויסגעזען, וואס נעענטער ס'האט זיך צוגערוקט די צייט, אַן אומפארמייד־ליכן שווערן קאמף. זי האט געפרוווט, דורך אפטע באזוכן ביי אירע פריינט, ביי איר שוועסטער, אבצושוואַכן איר נייגונג צום פעסעמיזם. כדי צו פאר טרייבן אירע פינצטערע געדאנקען האט זי זיך נאָך מיט אַ שטארקערן אימפעט געווארפן אויף אירע טעגליכע באַרופס־ארבעטן.

רעגלמעסיק פלעגט זי באַזוכן די זאלן פון יוסטיץ-פּאַלאַץ פּאַ-פּערדי. די אקטן-טעקע, פיל גראָפּט מיט פּאַפּירן, אונטערן אָרעם, האט זי געשפּרייזט איבער דער קאכעל-פּאדלאָגע, באגריסט פון אלע זייטן. פאר דער לעצטער צייט איז די אכטונג צו איר פּערזאָן שטארק אויסגעוואקסן. זי האט עס באמערקט פון די פריינטליכערע שמייכלען און די טיפערע גרוסן.. זי פלעגט זער ליבנסווירדיק באדאנקען און זיך האלטן פון ווייטן, אויף אַ געהעריקן שטח... יאָ, ווען איך זאל זיי נישט געפעלן און ווען זיי וואלטן נישט געוווסט, אז איך בין אמעדייס חברטע... זי וואָלט געווען צופרידענער ווען זי קען איר דערפּאָלג צו שרייבן בלויז איר טאַלענט.

זי האָט זיך אַ מאָל דערין מודה געווען — נאָך אַ געוווינטעם פּראָצעס — בעת ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווי זי האָט פאַר־בראַכט דעם טאָג (דאָס איז תמיד געווען די ערשטע פראַגע, אַז איינער פון זיי פלעגט אַהיים קומען...) ער האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַזאַ העפטיקייט אַז זי האָט זיך געפילט באַליידיקט.

—דו פאַרלאַנגסט באמת צו פיל: מענטשן בלייבן מענטשן...

אויב דיין באַרוף ברענגט דיר אנטוישונגען, צו וואָס פאַר־נעמסטו זיך מיט אים? קיינער צווינגט דיר נישט דערצו!

זי האָט אים אונגעקוקט מיט פאַרווונדערונג. וואָס איז אים עפּעס פּלוצלינג איינגעפאַלן? זיין קאפּריז האָט אים אַן

זיין וויסן פאראטן, אפשר מער ווי זיינע ווערטער!... אָבער וואָס פאַר אַ טענות האָט ער געקענט האָבן קעגן אַזאַ נאָרמאַלער פארוואַנדלונג פון איר צייט און אירע פעיקייטן? דאָס מאָל האָט זי זיך באַנוגנט צו ענטפערן:

— קיין זאַך צווינגט מיר נישט, גאַנץ ריכטיק... און וואָס, למשל, צווינגט דיר? צו וואָלסטו אָבער געקענט לעבן אָן דיינע אַרבעטן?

— דאָס איז לגמרי אַן אַנדער זאַך.

— אַן אַנדער זאַך? פאַר וואָס אייגנטליך?

די מעלדונג, אַז ס'איז געדעקט דער טיש האָט איבער־געריסן דעמדאָזיקן געשפּרעך וואָס האָט אָבער אויף איר אָנגע־וואָרפן אַ געוויסע מרה שחורה... גאָר עפּעס אַנדערש, נישט דאָסזעלבע... זי האָט געוואָלט פאַרשטיין זיין הינטערגעדאַנק. צי איז עס דער אויסדרוק פון מענערשן באַגריף וועגן די ראָלן פון מאַן און ווייב, וואָס זענען שוין אין דער געדאַנקן־אַסאָ־סאַציע פאַרשיידנאַרטיק אין זייער מהות און וואס די פאַרעל־טערטע טראַדיציע האָט זיי צוגעשיקט צו אַ באַשטימטן ווירקונגס־קרייז?

וואַרשיינליך... אפילו די, וועלכע האָבן זיך שוין כלומרשט באַפרייט פון אַלע פאָראורטיילן, זענען בעצם די זעלבע עגאָאיסטן און שפּירן זיך ווי אייגנטימער!

זי איז נישט געגאַנגען ווייטער, ווייל ס'איז איר לגמרי נישט איינגעפאַלן אים צו פאַרדעכטיקן, אַז ער, דער באַרימטער אַדוואָקאַט, קוקט מיט קנאה אויף איר דערפאָלג אין דעמזעלבן באַרוף ווי זיינער... ניין, פאַר אַזוי קליינליך — כאָטש אַזעלכע פאַקטן קומען; אפילו פאַר בײַ אַ מאַר פאַלק פון דעם זעלבן באַרוף — האָט זי אים בשום אופן נישט געקאָנט האַלטן.

זי האָט אויסגענוצט אַ דאָנערשטאָג, בעת ער איז געווען אויף דער קאַמער און זי פריי, און איז אַ וועק צו פריילין האַרדי אויסגיסן איר האַרץ און געפינען אַ טרייסט אין יענערס פריינטשאַפט. מערעטע האָט אַניקן אויפגענומען מיט איר גע־וויינלעכער פרייד. אַניקע, שפּירנדיק די דאָזיקע האַרציקייט

האט זיך אליין געמאכט פאָרווורפן וואָס זי האט עס פארנאכ-לעסיגט, בעת זי האט זיך דערין נישט געזיטיקט.

— ווי פילסטו זיך אין דיין נייעם צושטאנד?

— זער גוט!

— איך האב שטארק געגארט דיך צו זען, האָט געזאָגט די אלטע פריילין. דא, אין דער סביבה פון מיינע קינדערלעך, לעב איך באמת ווי אויף אן אומבאוווינטער אינזל. אויסער די בלאנשעטע זע איך קיין לעבעדיקן נפש נישט.

— וואס הערט זיך ביי זיי?

— אך, מיר שיינט, אז די לעצטע צייט איז עפעס צווישן זיי נישט אזוי גלאטיק.

— אזוי, האט אניקע באמערקט, אן וועלכער נישט איז נייגיריקייט, ווייל זי האט זיך בכלל נישט אינטערעסירט מיט קיין פרעמדע מיספארשטענדענישן. איך האב געהאט בדעה פארבייגייענדיק זיך אריבערצוכאפן אויף א ווייל צו זיי... שוין כמעט צוויי חדשים האב איך זיי נישט געזען... עפעס ווייס איך אליין נישט ווי איך לעב.

פון איר ערשטן באזוך אָן, וואָס האט איבערגעלאזן אין איר זכרון אן אומפארגעסליכן איינדרוק, האט זי מיט אניקן געשלאָסן פריינטשאפט און מיט זשאָרדש בלאנשע אנגעקניפט אן הערצליכע סימפאטיע. מען פלעגט זיך אָפט טרעפן, עסן איינער ביים אנדערן מיטאג. „ס'איז אן אמתער פארגעניגן אויף זיי צו קוקן", האט זי לעצטענס באמערקט נאך א געמיינזאמען מיטאג אויפן ראספאיל-בולוואר. זי האט זיך דערמאנט אָן אמעדייס מעלאנכאָלישן „יאָ" און אָן דעם, וואָס ער האט צו-געגעבן מיט אזיפץ:

„זיי זענען פולשטענדיק גליקליך. די הייראט האט מאניקן אפגעגליקט..." אז אניקע האט איבערגעגעבן פריילין הארדי די דאזיקע באמערקונג, האט יענע אויך געשפירט אין איר דעם פארבארגענעם פארוורף...

— האלט ער זיך נאָך, הייסט'ס כסדר ביי דער זעלבער אידיי-עפיקס! דוקא תאוה האָבן?

— מער ווי ווען סאיז...

— איך מוז דיר מודה זיין, אז איצט פארשטיי איך אים איינ־גערמאַסן־מער. ס׳איז באמת שווער פאר אַ מענשן אַפילו אַזאַ אינטעליגענטן און גוטען ווי אמעדיי, זיך מיט איין קלאַפּ צו באפרייען פון זיינע לאַנגיעריקע געוווינהייטן און שפּירן ווי ווייט מ׳איז אוועק איינער פון אַנדערן! אז מ׳איז אַפילו אין דער טעאריע אזוי פּראָגרעסיוו ווי ער, ווערט מען אויך לגמרי אן אַנדערער בעת ס׳האלט, ביים פּראקטישן דורכפירן די איידיע אין לעבן...

— אַ! איך פארשטיי אים אויך! און באַדויער אים ווירקליך... יאָ, איך לייד די ערשטע פון דער קריינקונג, וואס איך פארשאף אים אָבער וואס זאל איך טאָן? איך האב אים קיין זאַך נישט צוגעזאגט. פונקט פארקערט, זינט איך קען אים האָב איך געהאַלטן אין איין טענהן, אז איך וועל קיין מאל אַפּיציעל נישט הייראטן די געזעצן זיינען לויט מיין מיינונג צו שלעכט געמאכט.

אזוי ווי איר לעבט צוזאמען און ער וויל דאך אנער־קענען דאס קינד אלס זיינע, ווייס איך ווירקליך נישט וואס ער לאכט זיך נישט אויס פון די אלע איבעריקע נאַרישקייטן!

— איצט זיינט איר טאַקע צוגעקומען צום אמתן אנקן פונקט. די אנערקענונג! איך ציטער ביים געדאנק אז פארן האָבן וועל איך נאך מוזן ריידן מיט אים מכח דער דאזיקער פראַגע... איך לייגס אפּ פון טאג, אויף טאג, סוף כל סוף ווערט ער דאך אבער מוזן נאָכגעבן:

— מיט וואס נאך פאר אַ געדאנק טראגסטו זיך ארום? איך בין שוין אומרויק...

פריילין האָרדי האט אַרויפגעלייגט די האנט אויפן הארצן. זי איז געווארן בלייך ווי קאלך. אניקע האט איר צערטליך אנגעקוקט:

— אַ דאנק מיין בארוף קען איך צו גוט אונזער געזעצגעבונג, וואס פארשקלאפט אונז פרויען אפילו ביי אַ פרייער פארבינדונג. איר מעגט הערן, מיזרעטע: אַ געזעץ

נוגע דעם שוץ פון נאַטורליכע קינדער... קוים עמט זיך אָבער דאס געזעץ זיי צו שיצן — איז ער לגמרי עוועגדט קעגן דער מוטער...! ערשטער ארטיקל... אָ, איך קען אים אויף אויסעגווייניג: די פאטערליכע מאכט געהערט דעם פון די עלטערן, וועלכער האט דער ערשטער דורכגע־פירט די אנדערקענונג פון קינד אין פאל פון גלייכצייטיקער אנדערקענונג דעם פאטער.

— אויסשליסליך דעם פאטער?

— יאָ.

— דעם פאטער, איך פארשטיי!... אָבער דו וועסט מיר דערלויבן, איך וויל'ס מיר פארצייכענען... פאר מיין קליין ביכעלע. וואס איך גרייט צו: מיין פראקטישער געזעץ־בוך פאר פרויען. דאס וואס מיר האָבן נישט די קלענסטע אנונג וועגן די געזעצן, איז באמת אַ שרעקליכע זאך! דו זעסט אפילו איך גופא... די יסודות פון געוויינליכן רעכט, וואס ווערט פראקטיצירט אין טאָגטעגליכן לעבן — אָט וואס מ'האט געדארפט איינפירן אלס למוד אין די שולן אנשטאט אַ סך אנדערע אומנוצליכע נארישקייטן!... וואס האָסטו געזאָגט? אַ געזעץ אין באַצוג... גוט. פון? פון צווייטן יולי 1907.

— איך דאנק דיר... אויב דו ווילסט, הייסט'ס אויסנוצן די מעגליכקייט נישט צו דערציען דיין קינד אין דיין גייסט...

— בין אין געצווינגען צו בעטן ביי אמעדייען, אז ער זאל'ס אנדערקענען ערשט נאך מיר.

— אויף דעם וועט ער קיין מאל נישט איינגיין.

— אפשר יאָ.

— דו מיינסט אזוי?

— ער מוז מיר דאס נאכגעבן. דער הויפט־מאטיוו פאר וואס איך וויל נישט הייראטן, איז דער ווונש צו האָבן פרייע הענט אין דער דערציונג פון מיין קינד!

— איך האב מורא, אז ער וועט בשום אופן נישט נאכגעבן. שטעל זיך פאר, מיין ליב קינד, דעם שמערץ, די דערנידערונג פון אַ מאן, פון אַ פאטער, וואס דארף זיך

אפזאגן פון זיין עלעמענטארסטע רעכט... אן אומבאגרינדעטע פריווילעגיע, מסכים.. וואס איז אָבער אַ דאַנק דער פראַקטיק און דעם גאַנצן געזעץ געוואָרן אַ פעסטגעשטעלטע רעכט!... און איך זע אים אין געמיינדע־אמט, — ווי ער ווילן אָן שום ספק אנדערקענען אייער קינד אלעס דאָס זייניקע—געצוווּנגען צו לאָזן איינשרייבן: דער פאָטער אומבאקאַנט!...

— ער וועט׳ס אנדערקענען אויפן צווייטן טאָג.

— די פארלאַנגסט צו פיל, אניקע. א צו גרויזאַמע אבדיקאַציע!...

— און דאָס זאָגט איר, מערעטע, איר אויף וועלכע האָט אזוי פיל געארבעט און געקעמפט פאר דער דאזיקער פרייהייט, מקריב געווען פאר איר דאָס גאַנצע לעבן! דאָס וואָס איר, בלייבנדיק אומפארהייראט, האָט נישט געהאַט דעם מוט צו רעאליזירן, דארף איך, אייער גייסטיקע טאָכטער, — ווי שווער און ביטער ס׳זאָל נישט זיין דער קאמף — אומבאַדינגט דורכזעצן אין לעבן.

— יאָ, אָבער וואָס טויג די דאזיקע עקשנות! איידער אמעדיי וועט אקצעפטירן זיך אפצוזאָגן פון אן אויפגאַבע וואָס ער קען דערפילן אזוי גוט ווי דו...

— איך ווייס עס, אמעדיי, וואָס איך פארגעטער אים, פארדינט נישט דעמדאזיקן פארדאַכט דער גערעכטער ליידט אָבער שטענדיק פאר די זינד פון כלל, פון די שולדיקע. אה! ווען ער זאָל ווייניקסטנס באַטראַכטן בלויז א פאַטאַלן צופאַל דעמדאזיקן פאַקט, וואָס זיין פרוי, וועלכע ליבט אים ביז משוגעת, איז געצווּנגען קעגן אים גופא זיך צו פארטיידיקן... זאָגט, צי האָב איך נישט רעכט?

פרייליין האַרדי האָט איר ארומגעכאַפּט מיטן צערטלעכן בליק פון אירע בלויע אויגן וואָס זייער גלאַנץ איז געווען אפגעשוואַכט דורכן טרויעריקן באַוווּסטזיין, אַז מער ווי ספקות קען זי נישט געבן.

אניקע האָט אפגעזיפצט.

— אייגנטליך, האבן מיר נאך געגנוו צייט גאנצע פינף חדשים... און ביז דעמאלט!..

רווט צו לעבן, מיין טייערע, און נישט קווען איינער דעם אנדערן. דאס גליק איז זער א צארט געוויקס!... אין גרונט גענומען, מיין איך, העגגט עס נישט אָפּ נישט פון דער הייראט און נישט פון דער פרייער פארבינדונג... פרוי ברוססאט האָט גאנץ רעכט. ס'ליגט אין אונדז גופא... דו קווענסט זיך מיטן קינד, וואָס דו ווילסט דוקא האָבן פאר זיך אַליין אין וואָס אנטצווייט אייך שוין איצט, אַמעדייען און דיך... מאָניקע און בלאנשע, נישט געקוקט אויף די אנטציקנדע קינדער, וואָס פארייניקן זיי...

— אַך! יאָ, מאָניקע!... דערציילט

— דו ווייסט געוויס, אַז די הויפּט-הכנסות פון דער פאמיליע—כאָטש בלאנשע פון זיין זייט האָט אויך אַ גרויס פארמעגן — שטאמען פון דעם גרויסן דעקאָראַציע אַטעליע, וואָס מאָניקע האָט געגרינדעט נאָך אַלס פריילין לערביע אינטערן נאָמען: „דער בלויער דאָרן"

— נו, איז וואָס?

— זי איז אים געבליבן די אייגענטימערין, די גאנצע לייטונג האָט זי אָבער איבערגעגעבן איר סעקרעטארין, דער רוסישער פריילין...

— טשערבאליעוו... קלארע טשערבאליעוו, וועלכער האָט חתונה געהאט מיטן באראָן פלאמבינא, זעליאנאוו קען איר.

יענע אָבער האָט זיך מיטן געשעפט גאַנץ ווייניק אינטערעסירט, האָט עס געלאָזן עפּעס אויף אַ פארטרעטערין און נישט קוקנדיק אויף דער גוט אויסגעאַרבעטער מארקע, האָט דער „בלויער דאָרן" ביים אונטערגיין... מאָניקע וויל דורכאויס צוריק איבערנעמען די לייטונג און בלאנשע איז אויסגעשפראָכן דאַגעגן. אויף דעם באַדן זענען די רייבונגען.

— איר זעט, מיין טייערע, צו וואָס ס'פירט, האָט אָניקע אויסגערופן, אַז מ'לאָזט זיך אַ וועקרויבן די פרייהייט!

— אַה! האָט פרייליך האַרדי געזאָגט, זיי פאַרגעטעט'ז איינער דעם אַנדערן, און מאָניקע וועט זיכער נאָכגעבן.

V

פּאַולע און איר געליבטער האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער אומאַרמונג אויפן צעוואָרפענעם בעט.

צומאטערטע ווי נאָך אַ ווילדן קאמף אָדער אַ קאָפּשווינדל־דיקער נסיעה, זענען זיי געבליבן ליגן אומבאַוועגליך. ענדליך האָט ער געעפנט די אויגן און איר אָנגערירט מיטן האַנט. זי האָט אַ ציטער געטאָן.

ער האָט געשמייכלט, באַמערקנדיק דורכן גאָלדבלאָנד פון אירע זיידיקע האָר איר געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מידע רויז. פול און פעסט האָט זיך געוועלבט איר אויבער־קערפּער. איין קני געבויגן, די צווייטע פוס אויסגעצויגן, האָט זי נישט ווילנדיק געוויזן די ליניע פון די היפטן, די צאַרט מאָדעלירטע בויך־פּלעכן, די סימנים פון דער מוטערשאַפט, ואס האט זיך שוין מער נישט געלאזן באהאַלטן.

ער האט איר אנגעקוקט מיט איינעם פון יענע טיפע בליקן, וואס די דאנקבארקייט שוואכט אפ זייער שטאלץ און וואס זי האט אזוי ליב געהאט זייער פיל זאגעדיקן אויסדרוק. זי איז פלוצלינג אויפגעשפרונגען, האט אים ארומגעכאפט מיט אירע ארעמס, אוועקגעלייגט דעם קאפ אויף זיינע בארקעס און ליידנשאפטליך געמורמלט:

— א, דו, מיינער!

אָבער היינט — צומאטערט ווי געוויינליך, אדער צו שטאַרק פארנומען מיט איר אייגענעם איך — האט פּאאולע, אַ שטארק פארטראכטע, געטרוימט מיט אפענע אויגן... מעכאניש האט ער געשטעלט זיין געוועגליכע פראגע, וואס יעדער ליבנדער רוקט אריין אומערמידלעך, ווי אזאָנד, אין דער טיפעניש פון דער נשמה, וואָס ער גלייבט צו האָבן פארשקלאַפט, אין וועלכע

באפרייט זיך אינסטינקטיוו ווידער, קוים שפירט זי זיך נישט פון ס'ניי דערשלאָגן אָפּ.

— ווענן וואָס קלערסטו?

ווי זיכער ראַגאַר האָט זיך נישט געפילט אין גענוס פון די אומבאַגרענעצטע מתנות פון זיין פּלגש, האָט ער דאָך געוווּסט, אז די ליבע איז נישט קיין אייגנטום, וואָס מ'קאָן עס דערווערבן איין פאר אַלע מאָל, נאָר אַן אומזיכערער און טייערער געשענק, וואָס מ'מוז עס כסדר ווערט זיין צו באַקומען...

זי האָט טיף אָפּגעזיפצט, און ער האָט גלייך חרטה געהאַט אויף זיין אומגעלומפּערטער פראַגע. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אז איין איינציקער געדאַנק, — וואָס האָט אים אייגענ־טלעך, אויך נישט געלאָזן רוען — האָט אין איצטיקן מאָמענט אַבסאָרבירט אַלע אירע חושים: אז דאָס איז זייער לעצטער צוזאַמענזיין פאר אַ חדשים־לאַנגער, אומפאַרמיידלעכער צעשייד־דונג, אַז באַלד וועלן זיי זיך איינער פון אַנדערן מוזן אָפּרייסן... אין זייער „אויף ווידערזען" קלינגט דערייבער ווי אַ ביטערער „אַדיע"!

זי האָט זיך אויסגעדרייט און אים אַרומגענומען מיט אַזאַ האַסט, פּונקט ווי זי זאָל פאַר קיין פאַל נישט וועלן מער אַרויסלאָזן דעם איינציקן אנהאַלט פון איר עקזיסטענץ. אין נישט ריידענדיק מער פון די הויפּטליידן, ווייל זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרט צו זיין שטאַרק, האָט זי אַ זאָג געטאָן אין אַ נערוועזן טאָן:

— איך רעכן, אז מ'דאַרף גיין אַהיים... אַהיים!... אין דאָסדאָזיקע געפיינעניש, וואָס איך האָב לגמרי גאָר נישט אויסער די האָפענונג אויף אונזער קליינער געגעטע...

איר פאַרלאַנג איז געווען צו האָבן אַ מיידעל, וואָס זאָל הייסן גי. מיט אַן אינסטינקטיוון זשעסט האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך די דעקע און פאַרבאַהאַלטן איר נאַקעטקייט. אויסער די שטונדן, ווו אַלץ פלעגט זיך פאַרניכטן אינטער דער שכרות פון דער ליידנשאַפט האָט זי — זינט זי איז מעוברת

געוואָרן — אין דער ליבע צוריק גנפונען די צניעות, און דוקאָ נישט אינטערן איינדרוק פון טעמפּער צביעות פון איר קלויסטער־לעבן, נאָר דורך אַ געפיל פון נאַטורליכער קאָקעטע־ריע... אַ צאַרט געפיל, וואס זי האָט אזוי אומקאנסעקווענט פאראייניגט מיט דער אורמארליטעט פון אַ טאָפּעלן אָפּנאַרן:

אונטערן שלייער, וואס פאאולע האָט, זיך אויסטוענדיק, צוזאַמען מיטן הוט אויפגעהאָנגען אויפן זייגער, האָט דער ארגע־נטינער פּאמפּעדיקעל פלוצלינג, אין דער טיפסטער שטילקייט, אנגעהויבן אויסצוקלאַפּן די שעהן... פיר... פינף... זעקס...

זעקס אַזייגער, האָט זי טרויעריק איבערגעחזרט:

— שוין! האָט צוגעגעבן ראַגער.

זי האָט זיך געצויגן.

זיצנדיק אויפן קאַנט פון בעט האָט זי אַנגעטאָן די זאָקן. זי האָט שוין געהאַט אַנגעטאָן דאס העמד, און איר ווייסע הויט האָט אזוי אנציינעדיק געלויכטן דורכן רויזן דורכזיכטיקן באַטיסט, אַז ראָגער, וואס איז נאָך געלעגן האט איר ווידער אַ צו געטון צו זיך און געקושט די זיסע אטלאַס גלאַטקייט פון אירע רונדע שולטערן.

— ניין, איצט לאָז מיך שוין אָפּ! איך וועל קומען צו שפּעט.

מיט אַן האַסטיקער באַוועגונג האָט זי זיך אַ הויב געטאָן און ער נאָך איר...

און באַלד האָט זיי ווידער פארכאַפּט דאס לעבן מיט זיין איינפארמיקייט און מיטעלמעסיקייט. די בירגערליכע קליידונג איז פאַר זיי גלייכצייטיק געווען זייער אַרבעטס־קאָסטיום. קיין מאל האָבן זיי נישט געשפּירט אזוי דריקענד זייער שווערקייט ווי אין איצטיקן מאָמענט. גלייכצייטיק האָט זיי, מיט אַ וואַקסענדיגער מוראָ, געשטיקט די נויטווענדיקייט איצט צו ריידן, אַרויסצוזאָגן די שרעקליכע דראָהונג.

מיט דער גאַנצער ווילענסקראַפט, מיטן גאַנצן מוט האָבן זיי זיך געגעבן אַ וואָרט נישט צו פארביטערן די מינוטן פון זייער לעצטן צוזאַמענזיין מיט קיין שום אומנוצליכן, צוועק־לאָזן קלאַגן וועגן דער אומפארמיידליכער רייזע.

אַ סך מער ווי ראַגער האָט געליטן פּאַאולע. און וואָס ווייניקער
זי האָט מכּח דעם געוואָלט ריידן, אַלץ מער האָט זי זיך,
קעגן איר ווילן, פֿאַראַטן.. וואָס האָט זי זיך, איינגעבנטליך, אַזוי
געשראָקן פֿאַר דערדאָזיקער רייזע? ער האָט איר פֿאַרזיכערט,
אַז אין סעפּטעמבער, ווען זי וועט דאַרפֿן האָבן דאָס קינד,
וועט ער שוין געוויס זיין צוריק זי האָט אָבער כּסדר געזע-
בלויז די פֿינצטערע זייטן. די סכּנה פֿון אַ ים־רייזע, איר פֿיינטן
זעלעקע הויז, איר אומדערטרעגליכער מאַן... די גאַנצע פֿאַרבאַר-
גענע אומזיכערקייט פֿון דער צוקונפֿט.

אַ ספּעציאַליסט אין די פֿאַרשיידענאַרטיקסטע באַנק־פֿראַגן
און גלייכצייטיג אַ גרויס־אינדוסטריעלער לויט די מאָדערנסטע
מעטאָדן, האָט רעגאַר זשווו, — נאָך פֿאַר זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט
פּאַאולען — זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו באַנייען די אַלטע
באַציהונגען מיט יאַפּאַן, וואָס איינער אַכאָבאַז, וועלכער איז
געווען עטאַבלירט אין אָסאַקאָ, האָט אנגעקניפּט נאָך בעת דער-
הערשאַפֿט פֿון פֿריערדיקן מיקאַדאָ. די דאָזיקע אונטערנעמונג
האָט פֿאַר דער פֿירמע זשווו און כאָבאַז געעפֿענט זייערע גינס-
טיקע פּערספּעקטיוון. צו זאַמען מיט עטליכע פֿריינט פֿון די
באַנק־קרייזן האָט ראַגער פּראָיעקטירט צו עפֿענען אין אָסאַקאַ
אַ לאַגער פֿון אַלע ספּעציעל אַפּאַראַטן פֿון דער עלעקטרישער
אינדוסטריע און גלייכצייטיק א האַנדעלס־אַגענטור און א באַנק-
הויז פֿאַר קאָמערציעלען קרעדיט. די צענטראַלע פֿון דער געזעל-
שאַפֿט דאַרף זיך געפֿינען אין פּאַריז; אויף דעם אופֿן קאָן
געשאַפֿן ווערן אַ באַוועגונג פֿאַר אַ גרויסן קעגנזייטיקן סחורות-
אויסטויש פֿון ביידע לענדער. מיט געהעריגע קאַפּיטאַלן, קאָן
מען, דורך ערליכקייט און געשיקליכקייט דערווערבן אַ גרויס
פֿאַרמעגן. נאַטירליך איז דערביי פֿאַראַן אַ געוויסע ריזיקע!
דאָס איז דאָך אָבער די פֿאַראויסזעצונג פֿון יעדער גרויסן
דערפֿאָלג און פֿאַרשטאַרקט נאָר זיין ווערט...

און אָט איז געקומען דער מאָמענט, אַז אַלץ וואָס
איז ביז אַהער געווען בלויז אַ פּראָיעקט, איז איצט געשטאַנען
פֿאַר זיי אַלס ברוטאַלער פֿאַקט... דאָס צושיידן זיך, און אפשר

אויף אייביק! מיט איין קלאַפּ איז פאַרשווינדן דאָס שיינע ציבער בילד. אָט שטייען זיי פאַר אַ גראָבן, וואָס אין פּאַאולעס אויגן, ביי איר שרעקליכער נערוועזיטעט, וועלכע זי איז נישט געווען בכּח צו באַהערשן, האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיפן אָפּגרונט.

— אַ טרונק פאַרטוויין? מאַכט ער מ׳דאַרף אים ענדיקן.

די דאָזיקע ווערטער, אייגנטליך גאַנץ אומבאַדייטנדיקע, האָבן איר ממש געשטאָכן ווי שפּיזן...

מאַכן אַ סוף... מאַכן אַ סוף... זי האָט געזען דעם ים, וואָס ציט זיך אָן אָן ענדע, אַ שיף, וואָס פליט אַוועק מיטן טייערן געזיכט און ווערט פאַרשוווּנדן...

ראַגער וואָס האָט ביים שפּיגל אויסגעבונדן זיין קראַוואַט, האָט דערזען איר צעטראָגענעם געזיכט. מיט איין שפּרינג איז ער געשטאַנען לעבן איר, האָט איר, אַרומגענומען און געטרייסט:

איך טו עס דאָך צוליב אונדזער גליק! דו ביסט זיכער אין מיר, ווי איך אין דיר... ס׳מוז דאָך אַזוי זיין. און ווי איך וועל נאָר צוריקקערן, וועט זיין דער גט...

— איך ווייס עס זער גוט, האָט זי געשטאַמלט. איך בעט דיר פאַרצייַ מיר, ס׳איז שטאַרקער פון מיר, טרערן האָבן גע־פּערלט אין אירע אויגן. זי האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענ־גונגען זיך צו בערויקן. געקלאַפּט מיטן פוס: ס׳איז ממש אידיאָטיש מ׳האָט געשוואָרן וועגן דעם מער נישט צו ריידן, און דאָך

--ס׳איז ווירקליך נאריש מ׳האט דאך געשוואָרען מער ווע-
נען דעם נישט ריידן, און דאך...

זי האט זיך געוואָלט באהערשן, האט געווישט מיט איר
קלייניקער נאָזטיכעלע — וואס איז תיקף נאס געוואָרן, די טרע-
רען פון די באקן.

ראגער האט איר דערלאנגט אנ׳אנדערע, איין גרויסע
קראַט׳ן. זי האט זיך באמיט צו שמייכלען:

— ווען די לייוועגט זאל ניט זיין אזוי גראָב וואָלט איך
געקענט אָנווערצן א גאנצע האלבע טוץ; אזעלכע טיכלעך טוי-
גען בלויז צום שייערן די נאָז. דו האסט מיר וויניגסטענס גע-
דארפט געבן איינע פון די וואס איך האב דיר געבראכט.

— יענע זענען שוין איינגעפאקט, אין בעסטען אָרדנונג,
צוזאמען מיט דיין פערפום... און אט איז דיין פאָטאָגראפיע,
דו זעסט! ער האט אנ׳עפן געטאָן זיין פאָרטפעל... דער גע-
דאנק וועגן דיר וועט מיר אויף קיין איין מאמענט נישט פארלאָזן.

מיט קליינע קושן האט ער אין גאנצן אָבגעווישט די
טרערן פון איר׳ע פארוויינטע אויגן.

— דער געדאנק וועגן דיר מיין טייערע!... וועגן דיר
און וועגען אונזער צוקונפטיגער גי, וועט מיר געבען קראפט
און מוט אלץ אריבערצוטראָגן. איר באגלייט מיר אומעטום פאר
אייך גיי איך, פול פארטרויען, און ווייטען וועג, א דאנק אייך
וועל איך זיין בכוח אויסצוהאלטן די שווערע צייט פון אונזער
צושיידונג... דיין בילד וועט מיך שוצן קעגן איינזאמקייט און
בייגקשאפט.

זי האט אויפגעהויבן דעם קאפ. און נישט קלערענדיק
לגמרי א׳ן די קעגן — פארזיכערונגען וואס זי פלעגט באקומען
פון איר מאן, צאלנדיק דערצו פון צייט צו צייט, רעזיגנירט,
אלע אירע התחיבות׳ן, האט זי געזאגט:

— דו, דו ועסט האבען צושטרייאונגן... די רייזע,
דיין ארבעט... א מאן האט בכלל מער מוט און ענערגיע
און אז ער האט איר אנגעקוקט מיט אזא ליבע-פולער צער-
טליכקייט, אז זי איז געווען גערירט, כאטש זי האט היג-

טערן אויסדרוק פון מיטלייד געשפּירט אין זיין טאָן א מין אינערליכע צופרידענקייט. די פאָרשטעלונג וועגן דער נאָנטער טעטיקייט און די אומפּאָראויסגעזעענע געשעענישן, אנשטריי־גונגען און פאָרפאַלן. א ווילדע אייפערזוכט האָט פלוצלינג צוגוּפּ־געפּרעסט איר ליידענד האַרץ:

— דו וועסט מיך נישט פאַרגעסן, שווער מיר צו!... און יענע העסליכע פּרויען, ווי די קליינע מעכאַנישע ליאַלקעס... איך קאָן זיי נישט אָנקוקן, מיט זייער פאַרשקלאַפטן אויסזען און די נשמה־לאָזע אויגן...

זי האָט אים אין גאַנצן אַרומגעכאַפּט מיט א ברענענדיקן בליק. ער איז געווען אַזוי שיין מיט זיין הויכער, שלאַנקער פיגור, מיטן גלאַט־ראַזירטן געזיכט און די ברוינע עטוואָס לאַנג־ליכע האָר, וואָס זייענדיק פאַרקאַמט אויף הינטן, האָבן זיי אויפּ־געדעקט א הויכן שטערן פול ענערגיע און אָפענקייט. זי האָט שטודירט דעם בליק פון זיינע ברוינע אויגן, וואָס וועלן איצט גאוהדיק פאַלן אויף אַנדערע פרויען־געזיכטער.

זיין אָפענהאַרציגער לאַכן האָט איר באַרואיגט. ווי זי זאָל זיך אַליין נישט האָבן קיין שום זאַך פאָרצוּוואַרפן, האָט זי אָנגענומען זיין שבועה.

— דו קענסט גאַנץ רואיק גיין מוסיריי, ביי מיר איז איצט מער קיין אָרט נישטאָ פאַר קיין שום אַנדערע פרוי! דו ביסט דאָ,... דאָ... און דאָ...

ער האָט געמאַכט א דעמאָנסטראַטיוון זשעסט, זיך א קלאַפּ געטון אין שטערן, אין האַרצן... און נידריקער. זי איז אויפגע־ציטערט געוואָרן. שפּעטער געלאַכט:

— א משונהדיקע אַרט פון זיך ציילמ׳ן!... אויך איך, מיין געליבטער, שפּיר דיך טיף אין מיין בלוט! און דאָס וועט מיר געבן די קראַפט צו וואַרטן... און צו קעמפן!.. ווייל איך האָב שטאַרק מורא, אַז מיט יענעם שלעכטן מענטשן וועט ביי מיר אין דער היים אַזוי גלאַט נישט אָפּגיין!

— ווילסטו איך זאָל בלייבן, אויב דו שרעקסט זיך פאַר עפּעס... וועל איך זיך בעסער פון אַלץ אָפּזאָגן איידער...

זי האָט געזען די אומרואיקייט אויף ראַגערס געזיכט און כדי אים מער נישט צו מאַטערן האָט זי אַ זאָג געטאָן:

אַ! אניקע און איך, קאָנען שוין אונזער שטעל באַשטיין!... מיר ווען זיך שוין אַן׳עצה געבן! דו קענסט רואיג פאָרן, און אַז דו וועסט צוריק קומען, וועל איך מיר שוין אויסקעמפן מיין פרייהייט.

נאָך עטליכע מינוט, מ׳דאַרף נאָר אויפמאַכן די טיר, און זי וועט די ערשטע, אַליין אַוועקגיין... יעדערער פון זיי וועט גיין זיין יועג, ווי אים איז באַשערט. ער האָט פאַרלאָזן פאַ־ריז נאָך דעמזעלבן אָוונט, מיטן שנעלצוג קיין מאַרסיל.

ביידע האָבן זיי בעסער געוואָלט זיך אָפזעגענען אין דער שטיל, ביי זיך אין דער היים, און ניט אויפן פעראָן פון וואקזאַל, געשטופט און געשטויסען אונטער די גלייכגילטיגע בליקען פון פרעמדע, נייגיריגע מענטש׳ן.

שווייגענדיג האָבן זיי זיך אָגגעקוקט. זי האָט זיך גע־וואָרפן אין זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס. אויך איצט אין דער דאָזיגער מינוט, האָט זי זיך לחלוטין נישט פאַרטראַכט — פונקט ווי פריער — וועגן איר דאָפּעלטער אומאויפריכטיקייט. זי האָט בלויז געפאָלגט דעם אינסטייקע פון איר לייכט באַוועג־ליכן האַרצן, וואָס האָט מיט דער אייגענער שרעקליכער זעלבס־פאַרשטענדליכקייט כסדר געשטרעבט אבצוהיט׳ן זייז פאַרגעניגען און זיין נוצן.

— מיין געליבטער, מיין לעבן, האָט זי זיך געבעטן, פאַרגעס נישט מיר יעדן אָוונט צו שרייבן, אַזוי ווי איך דיר. יעדע פאָסט דאַרף מיר ברענגען אַ גאַנצן טאָג בוך... אויף אניקעס אַדרעס... ווי מיר האָבן אָבגערעט אַ דעפּעשע פון מאַרסיל און פון יעדע שיף־סטאַציע, אויסער דעם פון צייט צו צייט אויך אַ דעפּעשע, כדי איך זאָל קאָנען געדולדיג וואַרטן אויף בריוו.

ער האָט איר אָנגעקוקט מיט טרערן אין די אויגן און אויף אַלץ צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ יאָ, יאָ... דערזעענדיק אָבער אַז נישט געקוקט אויף זיין שטאַרקע ווילענס־אָנשטרייגונג, האַלט ער זיך ביים צעוויינען אויפן קול, האָט זי געהאַט גענוג מוט צו

מאַכן אַ סוף.

צום לעצטן מאָל האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט איר קורצן דורכדרינגענדיקן בליק, ליידנשאַפטליך אויפגענומען אין זיך דעם איינדרוק פון זיין פערזאָן און די גאַנצע קראַפט פון איר געפיל, וואָס זי האָט אין דעם מאָמענט געשפירט, האָט זי איבערגעגעבן אים, אויפן וועג צודה לדרך. און געשווינד איז זי אַרויסגעלאָפן.

ערשט אויף די טרעפ האָט זי דערשפירט אַ שרעקליכע שוואַכקייט, פונקט ווי, צוזאַמען מיט איר, האָט זי אויך פאַרלאָרען איר גאַנצע קראַפט. זי האָט געהאט דעם געפיל ווי זי זינקט, אַ טויטע זאַך אין ליידיקן חלל, אין דער נירוואַנע...

4

אַלץ דאָסזעלבע, האָט אַניקע אַזאָג געטון אַוועקוואַרפענדיק די צייטונג. לעבאַ איז באמת צו שטאַרק מגזם!

פון ערשטען טאָג אָן זינט ס'האָט זיך געעפענט דער „סאַלאָן" האָט דער „אַ פעל געהאַלטען אין איין אָנפאַלען אויף „די שיבער" און דער אַ „גינאַנדער" די אָנגריפן זענען פשוט געווען שענדליכע אויך מיט לעבאַ גופא איז'ס געווען אַ שאַרפער קריטישער אַרטיקעל אין דער קונסט רובריק, ווו סומאַנע באַפאַלט מיט זלזולים דער „אומפאַרשעמטן" דעם „חצוף" אין נאָמען פון דער צניעות פון די פראַנצויזישע פרויען.

אַמעדיי האָט אוועקגעלייגט דאָס לעפעלע אויף דער קאַווע-טאַסע:

— ווידער אַנ'אַרטיקעל קעגן רוססאַט?

— ווידער אין אָבער! הער צו! „דעראָזיקער דירעקטאָר פון זיטנלאָזיקייט זאָל באָר נישט מיינען, אַז ער קאָן זיך אַלץ דערלויבן, ווייל איבער אים איז נאָך לעת-עתה קיין משפט נישט געווען. זשאַן רוססאַט, וואָס האָט געפרווט שענדן פראַנקרייכס גוטן נאָמען דורך זיינע העסליכע שילדערונגען פון אונזערע זיטען — באַגייט דעמאָזיגען פאַרברעכן שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. צו דען האָט ער נישט באַשמוצט אונזער נאַציאָנאַלן כבוד

מיט זײַן באַרימטן טרופּטיראַן פֿון די מאַרשאַלן? אַמײסטן עקלט מיר אין דער דאָזיקער טראַגי-קאָמעדיע דער פֿאַקט, וואָס פּרעטענדירענדיק אויף דער ראָל פֿון אַ גרויסן מאָראַליסט, איז ער, בלויז אויסן אָנצושאַרן אין דעם דאָזיקן שמוץ וואָס מער געלט אָנצושטאָפּן זײַנע אײגענע טאַשן!...

צום טײַוועל! האָט אויסגעשריען אַמעדיי, באמת, צו שטאַרק! פֿאַר דעם אָבער וואָס קען רוסטאַט'ן אַ'ן זײַנע אומאײגענוציקייט, קלינגט עס פּשוט אידיאָטיש.

הער ווײַטער, ס'איז נאָך נישט אַלץ: דידאָזיקע טרעגער פֿון דער זיטנלאָזיקייט איז געשען אַ נס וואָס זיי האָבן די חוצפּה צו פֿאָדערן זײער סחורה מיט אַן'אידייען-מאַנטל!... ביז די רעגירונג וועט האָבן דעם מוט צוציען צום געריכט דעם דאָזיקן עפֿנטלעכן פֿאַרברעכער פֿאַר זײַן פֿאַרלעצן די זיטן, פֿאַרמאָגט זי נאָך גענוג אַנדערע סאַנקציאָנירטע מיטלען. מ'אינפֿאָרמירט אַז שוין איצט קומען כּסדר אָן צאָלרײַכע אָנקלאַגן ווי אין אינטעריכטס-מיניסטעריום אַזוי אויך אין געריכט. ווי לאַנג נאָך וועט דערדאָזיקער פּענזעל-שאַנטאַזשיסט קאָנען אָפֿן און פֿרײַ פֿירן זײַן פֿאַרגיפֿטנדיקע טעטיקייט אַלס אָפֿיציעלער מיטגליד פֿון דער קונסט-אַקאַדעמיע? אַרויסיאָגן דאַרף מען אים פֿון דאָרט, נאָך אײדער ס'הייבן זיך אָן קעגן אים די פֿאַרפֿאָלגונגען. מיר האָפֿן אַז די מיניסטאָרן פֿאַר בילדונג און יוסטיץ אַז דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, וועלן זיך לענגער נישט לאָזן אָפּשרעקן דורכן אײַנפֿלוס פֿון אַ געוויסער קרובהשאַפֿט! ס'איז שוין צײַט, אַז הער ווילפּא, מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿטס-אַקאַדעמיע זאָל פֿאַרגעסן די פּאָליטישע קאָמפּראָמיסן און זיך דערמאָנען אויסשליסלעך אין זײַנע מאָראַלישע פֿאַרפֿליכטונגען!...

— האַלאָ! האָט אַמעדיי אויסגערופֿן — אַ קלאַפּ פֿאַר פּיער רוסטאַט!... אויב נישט דו, איז עס דײַן ברודער!

אַלס דילעטאַנט האָט ער אויסגעטרונקען דעמדאָזיקן בעכער גאַל ביזן דעק. לויט זײַן אַנזיכט, וועלן אַזעלכע אָנגריפֿן — רוסטאַט, דערין איז ער געווען זיכער, רעאַגירט אפֿילו נישט דע-

רויק — וואָס שטאַמען פון אַזאַ נעדער אַרויסרופן בלויז פאַראַכטונג.

— איצט איז אַלץ קלאָר! האָט ער באַשלאָסן. די דאָזיקע אויפן ערשטן בליק אומפאַרשטענדליכע העפטיקייט — ווייל דער דאָזיקער גבזה איז, נישט געקוקט אויף אַלץ אינטעליגענט!... אַ טויגעניכטס, דאָס גיב איך צו, אָבער אינטעליגענט!

זיין גאַנצער גיפט, זיין צאָרן, האָט איין ציל: דורכן יונגערן ברודער קלאַפּן דעם עלטערן, קעגן וועלכן לעבאַ טרעט אַרויס אין נייגטן בעצירק אַלס קאַנדידאַט! דאָס מאָל האָט ער זיך פאַראַטן, אַרויסגעוויזן זיין אמתן פּרצוף... מ׳קליינגט? דאַרף היינט אימיצער קומען?

— יאָ, פרוי ברוססאַט און זעליאַנאָוו. מיר ווילן טאַקע אַלע דריי גיין צו רוססאַטן. איך האָב לגמרי פאַרגעסן דיר עס צו זאָגן... איך האָב איבעריגענס, געוווסט, אַז דו ביסט היינט פאַרנומען. ער האָט זיך געצוי̈לט.

— וואָס דו גייסט היינט ניט אין יוסטיץ-פּאַלאַץ?

זי האָט געשפּירט דעם באַהאַלטענעם שטאָך, און פּשוט געענטפערט:

— ניין, נאָר מיינע אויפנאַמס-שעהן אויף 8ען־אַלפּיר-פּלאַץ און דערנאָך מיט אַ וויזיט צו רוססאַט... אין יוסטיץ-פּאַלאַץ האָב איך היינט נישט וואָס צו טאָן!

— אויב אַזוי איז טאַקע זער גוט וואָס דו וועסט אַביסל פאַרברענגען מיט דיינע פריינט!... אָן דעם וואָלט׳ס דיר געפעלט.

און דעם מאָמענט זענען אַריין דער קינסטלער און מאַדאַם ברוססאַט. אַניקע איז זיי אַנטקעגן געלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די לעצטע ווערטער האָט זי כלומרשט נישט געהערט. נישט געקוקט אויף דעם האָט זי געשפּירט דעם שטאָך פון דער דאָזיקער באַמערקונג און געפילט אין לייכטן טאָן דעם דרוק פון יואַקסענדיקער פיינדזעליקייט קעגן איר אַקטיוויטעט און זייער געמיינזאַמען באַרוף

— „דער אַפּעל“ האָט אַ זאָג געטאָן זעליאַנאָוו, אַוועקשליידערנדיק די צייטונג ווי עפּעס אַ שמוציקע זאַך... לעבאַן האָט איר געליינט?... אַנ׳אומרייבער אינדיווידום! ס׳אי אַביסל קאָמיש, וואָס גראָד היינט אין אָוונט וועל איך זיך מיט אים טרעפן. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג צום מיטאָג ביי דער גרעפין סען-וואַלענטין.

אַניקע האָט זיך דערמאָנט אַז דעמדאָזיקן נאָמען האָט זי געהאַט געליינט אין די לעצטע געזעלשאַפטליכע נאַכריכטן.

—איר וועט זיך לאָזן ווויל גיין, פּרינץ! האָט זי זיך געוויצלט.

ער האָט זיך כלומרשט גאַלאַנט פערבויגט:

איך מוז אייך זאָגן, אַז די גרעפין — שטאַמט, דאַכט זיך, פון בעלגישן אַדעל — איז אַנ׳אינטערעסאַנטע פרוי... אַליין געהערט זי, אמת, צו אַנ׳עלטערע אויפלאַגע, אין דער מאַלערייִגייט זי אָבער מיט דער נייסטער ריכטונג. זי האָט אָפּגעקויפט ביי מיר מיין לעצטן בילד — שפּאָטביליג, און דאָס נאָך אויך נישט באַצאָלט... גאַנץ פּאַריז טרעפט איר ביי איר. היינט אין אָוונט וועט דאָרט זיין ראַנדשאַרד, רייכמייער (אַלץ פאַר גאָר נישט) און — די מאָרעוואַלס, מיין ליבער! און ווער נאָך? דער יוסטיץ-מיניסטער סאַלמוי, דאָס פאָר פאָלק לורדאל און, נאַטירליך לעבאַ!...

— אַ פיינער מעלאַנזש, אַ סאַלאַט!

— אַ רוסישער סאַלאַט, האָט געזאָגט זעליאַנאָוו, איך האָב זייער ליב אַ מעלאַנזש. ביטש יעדן אָוונט פאַרשטייט זיך! האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ליבן שמייכל אויפן אַדרעס פון פרוי ברוססאַט...

— אויב אַזוי בלייבט איר אַליין? האָט אַניקע געזאָגט. זייט איר אונזער גאַסט צום אָוונט ברויט. הער זעליאַנאָוו וועט אויך קומען אָפּנעמען.

— מסכים! האָט ער אַקצעפּטירט, פרעגענדיק ביי זיין חבר׳טע מיט אַ שטומען בליק... איר ווייסט גאָר נישט, מיינע דאַמען וואָס פאַר אַ קאָמעדיע איר פאַרלירט, זיך אָפּזאָגנדיק צו גיין ווען כ׳בין אין דער געזעלשאַפט.

— אַלע גרעפינס פון סען וואַלענטין האָבן איין כּבֿים, האָט דערקלערט פּרוי ברוססאַט. און אַלס געהעריגע קאָנסעקווענץ זיינען אויך אַלע מיטאָגן ווי איינער. ווער ס׳האָט מיטגעמאַכט איינעם...

— פאַר מיר איז גענוג, האָט אַניקע באַמערקט, זיך אויפהויבענדיק פון אָרט, בלויז מיר זיך עס פאָרצושטעלן און איך שפּיר אַנ׳איבעלקייט ביז טרערן...

— שטענדיק איבערטרייבן!

אַמעדיי האָט אַזוי צערטליך אַ וואָרף געטון דידאָזיקע באַמערקונג, אַז זי האָט אויפגעכאַפּט בלויז דעם פריינטשאַפטליכן טאָן. דאָך האָט איר דער פאָרוואורף אומאַנגענעם באַרירט. זי האָט אים בגנבה אָנגעקוקט. ווי ביז ער איז אויף איר — האָט זי געטראַכט; אַז ער נוצט אויס יעדער געלעגענהייט כּדי, קענען זיין ווילן — אַזוי האָט זי וויניגסטענס געקלערט, אויסצוגיסן זיין ביטערן כּעס.

— פאַרלאָזט איר מיר, הייסט עס, האָט ער געזאָגט, באַגלייטענדיק די געסט און אַרומנעמענדיק אַניקען.

זי האָט אויסגענוצט די פּאָר מינוט וואָס יענע זענען געבליבן אין פאָרצימער און איז געשווינט אַריין צוריק אין קאַבינעט.

— דו גייסט נישט אַוועק?

—נאָך נישט אַזוי גיך.

— ווי אַזוי? דו האָסט זיך דאָך באַשטעלט אויף דריי אַ זייגער, און דיין פערמאַנענטער...

ס׳מאַכט נישט אויס, אַז איך וועל קומען פיר... דערווייל האָב איך אַנ׳אַנדערע אַרבעט.

ער האָט איר אָנגעוויזן אויפן באַרג בריוו, אַקטן און ביכער, זיך געבלאָזן, כאָטש אַלץ איז געווען איינגעלייגט אין דער בעסטער אָרדנונג.

— ווילסטו אַז איך זאָל בלייבן?

— ס׳איז נישט נויטיג. איך בין שוין געווינט נאָך מיטאָג דיך אַנ׳עצה געבן אָן דיר...

— דו ביסט דאָך קיין מאָל אין דער צייט נישטאָ!

— און אַז איך בין יאָ דאָ, גייסטו אַוועק.

— צי דען האָב איך געקענט וויסן?

— וואָס ווילסטו? אַמאָל איז עס די אורזאַך, דעם צווייטן מאָל עפּעס אַנדערש... דער יוסטיץ-פּאַלאַץ, דיינע קליענטן, דיינע פריינט... ס'איז א פאַקט. גיי, גיי, ס'איז נישט וויכטיק. איך קאָנסטאַטיר בלויז. דאָס איז אַלץ.

זי האָט אים געשווינט אַרומגענומען. זי האָט געקעמפט מיטן פאַרלאַנג זיך צו אַנטשולדיקן פאַר פרוי ברוססאַט, וואָס זי קאָן ליידער נישט גיין מיט איר צו רוססאַט אויסדריקן אים איר סימפּאַטיע — אין א מאָמענט, ווו ער האָט זיך, דערין אַזוי שטאַרק גענויטיקט און מיטן ווונש צו בלייבן מיט אַמעדייען. נישט לאַנג קלערענדיק האָט זי אָנגענומען אַ באַשלוס:

— אַלזאָ אויף היינטיגן אָוונט, דו וועסט מיך געפינען אין דער היים, אַז דו וועסט צוריק קומען.

— ניין זי האָט נישט געדאַרפט נאָכגעבן קיין קאַפּריז, וואָס אַן און פאַר זיך האָט עס ווירקליך נישט קיין שום באַדייטונג, אָבער מיט דער צייט ווערן אַ געפאַר. עפּעס ווי דורך א שלייער האָט זי דערזען אַ נייע דראָונג, וואָס קאָן אָבער ביסלעכווייז אָננעמען אַ גאַנץ אומגעוווּנשטער פאָרם.

אין דער אַקאַדעמיע האָט אויף איר געוואַרט אַ נייער סיור־פּריז. זיי האָבן געפונען רוססאַט אין מיטן פּאַקן זיך... עמפּערט קעגן די העפטיקע אָנגריפן, האָט ער מיט אַן'אָוונט פריער גע־מאָלדן דעם בילדונגס-מיניסטער וועגן זיין דעמיסיע אַלס אַקאַ־דעמיע דירעקטאָר.

— יאָ, מיין פריינט, איך האָב שוין גענוג איבער די אוי־ערן! א! איך ווייס זייער גוט וואָס זיי וועלן זאָגן... און וואָס לעבאַ וועט מאָרגן פרי שרייבן: „דער דאַזיקער זשעסט פון בלומרשטער פאַראַכטונג איז בלויז אַ שכלדיקער פאָרויסזען . . . זשאַן רוססאַט מאַכט דעם אָנשטעל אַז ער וואַרפט דער עפענ־טליכער מאַכט אין צורה זיין דעמיסיע פון אַ פּאָסטן וואָס היינט, מאָרגן וואָלט מען אים סיי ווי מיט שאַנד און שפּאָט פון דאָרט

אַרויסגעיאָגט..., אַ געשיקטער מאַנעוור, וואָס פאַרבלענדט אָבער קיינעם נישט די אויגן א, א, ו. א, א, וו...

— ווי טרויעריק דאָס איז אַלץ! האָט אַניקע אויסגעשריגן.

— חזרים! — האָט אַ כּרום געטון זעליאַנאָוו.

— לאָזט געמאַך! — האָט רוססאַט דערקלערט... איך האָב געהאַט אַ קייט אויפן האַלדז. איצט בין איך פריי.

מיט דער פּיפּקע אין מויל האָט ער ערנסט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון איבערציען. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט וואָס גיכער אָפּרייניקן זיין אַטעליע וואָס איז געווען פול אָנגעשמעלט מיט פאַרפאַקטע קאַסטענס... זיינע פריינט האָבן אים געהאָלפן. זעליאַנאָוו האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טוזשורקע און זיך גלייך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. דער אומגעהייער גרויסער צימער האָט אויסגעזען פוסט, ווייל די ווענט זענען געבליבן ליידיק זינט מ'האָט אַוועקגעטראַנספּאָרטירט פון דאָנען דעם טריפּטוראַן די מאַרשאַלן. מ'האָט עס נישט פאַרקויפט קיין דעניִשן סוחר, נאָר דעם באַרימטן אַנטיקוואַר סיגעלמאַנען וועלכן רייכמייער האָט קלוג און פאָרזיכטיק אונטערגעשטעלט אַלט קויפער. זיין אויסצייכנונג איז דאָס נאָך נישט געווען פובליקירט אין דער אַמט־בלאַט. וואָס זיי דערצעלן אַלץ פאַר אַ מעשׂיות! האָט רוססאַט אויסגערופן, געצויגן די פּיפּקע און פילאָזאָפיש אַ שפּיי געטאָן אויפן פאָדלאָגע... ס'איז אַ באַנדע קרעטינס! דער ערשטער רעזולטאַט פון זייער פיינדליכער קאַמפּאַניע איז לכל הפּחות געווען דאָס, וואָס איך האָב געקאָנט גיט פאַרקויפן אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט... די גינאַנדער־סקיצן!... ווען איך זאָל געוועסט האָבן טויזענט אַנשטאַט פינף הונדערט, וואָלט מען זיי אַלע צוכאַפּט! די צוויי גרויסע בילדער, למשל לאָז איך מיר איבער!... שפּעטער וועל איך זיי ווידער אויסשטעלן... ווען איך וועל פאַרענדיקן דאָס דריטע... איר ווייסט דאָך, אדם און חוה! דער וועג אין צוקונפטס־לאַנד... דאַן וועלן זיי זען — אויב זיי וועלן חשק האָבן צו זען!... און דערווייל אַדיע! ביים מוירישן ברעג איז די לופט געזונט איר קענט נישט מיין קליין ווינקעלע?..

קאָרק-דעמבעס, פיניען-בוימער, זון און ים... און אַן אַטעליע אַזוי-
רויס ווי מ׳קען אָנוואַרפן נישט איין טרעפטוראַן!... איר מוזט אַהין
קומען מיר באַזוכן. אַן אמתר גן-עדן! שוין דריי יאָר ווי איך קען
פּאָסדאָזיקע לאַנד און איך בין זיך מודה ומתודה, אַז מ׳דאַרף
זיין משוגע צו פאַרברענגען אַ האַלב יאָר אין פּאַריז! און
איבערהויפּט איצט, ווען קיין זאַך האַלט מיך דאָ נישט מער...

זעליאַנאָוו וועלכער האָט פאַר קיין פאַל נישט באַגריפן, אַז
מ׳קאָן זוינצן ערגעץ ווו אַנדערש ווי אויף דער אוועני-קלעבער
האָט אויסגערופן:

— פאַרלאָזן פּאַריז! דאָס איז אַ פולשטענדיקע משוגעת!
קודם כל דאַרפט איר זיך דאָך באַפרייען...

רוסטאַט האָט אַ ווייז געטון אויף אַ האַלב אָפּגעבערענט
שטיקל פּאַפּיר מיט וועלכער ער האָט פאַרויכערט זיין ליולקע און
געזאָגט:

— אַ שטראָף-געריכט? דאָס וואָלט שוין זיין צו פיל. ניין,
איך גלויב נישט זיי זאָלן זיך עס דערלויבן!... מיין ברודער
האָט מיר נעכטן איבערגעגעבן וואָס סאָלמוי האָט געענטפערט
אויף די דרינגענדע פאָדערונגען פון פאַרשיידענע זייטלעכקייטס
פאַראייניגן: אַ פּראָצעס? איר ווייסט, אַז פאַרן בילד האָבן מיר
קיין שום רעכט אים נישט צו באַשטראָפן! פאַר אַ זעלכע זאַכן
באַשטראָפט מען איצט בכלל נישט!” און ס׳איז אַ פאַקט, אַז
אויב מ׳זאָל פאַראורטיילן פאַר אַזעלכע זאַכן, האָט מען לאָגישער-
ווייזע, גלייכצייטיק געדאַרפט אַריינזעצן אין געפענקעניש יענע,
וועלכע האָבן מיר געדינט אַלס מאָדעלן! דאָס וואָלט שוין אָבער
צו ווייט פאַרפירט...

— דאָס איז אמת, האָט געזאָגט זעליאַנאָוו, ווי ס׳זאָל נישט
זיין, האָבן מיר אין פאַרלויף פון די לעצטע צען יאָר מיטגע-
מאַכט מערקווירדיקע מעשים!... דער קריג האָט אונז אַזאַ טרייסל
געטאָן, אַז אומעטום האָט זיך דער באָדן אַנטפּלעקט ביז דער
טיפסטער שיכט...

אַנקע האָט אים אָפּגעלאָזן אין דער געזעלשאַפט פון פרוי
ברוססאַט. זי האָט געבעטן רוסטאַטער זאָל איר דערלויבן אים

אַרומצוינצמען. זי איז געווען אַ סך מער צורודערט ווי ער פון דער פאַטאַלער אַוואַנטורע, וואָס מיט אים איז געשען... ס'אַראַ פּאַריסייערטום!... וואָס מער זי האָט וועגן דעם געטראַכט אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן איר צאָרן.

די שטראָפּלאָזיקייט פון די גרויסע די אָפיציעל פאַראַנט-וואָרטליכע אין מאָרדן, פון די ערגייציקע און אומפּעיקע, וואָס האָבן עס מיליטעריש פאַרלענגערט, פון די, דורכן אַלגעמיינעם חורבן פעטגעוואָרענע מלחמה-גבורים און אינסערלאַנד, וואָס האָבן ערשט אַ דאַנק דעם שלעכט געשלאָסענעם שלום אָנגעשטאָפּט זיי-ערע טאַשן... אויבן אַנ'אומגעהייערע געווין-גייציקייט, די פאַר-קערפערונג פון דער העכסטער קאָרופּציע. אונטן, מידיקייט און שלאַפּקייט, די קאָנסעקווענץ פון אַלע איבערגעלעבטע צרות און ליידן, נויט און פּיין! אַ טעמפּער צאָרן, צייטווייליק אַנ'איינגע-האַלטענער, וואָס צעוואַקסט זיך אָבער אין אַ כּוח... און די קליי-קע פון ווערני האָט געמיינט, אַז מיט אירע חוצפּהדיקע אָנ-פאַלן אין נאָמען פון פאַלשער צניעות און כּלומרשטן מאָראַל, וועט זי דאָ אַרויסרופן אַנ'איבערקערעניש. ווי אַבסורד, ווי לע-כערליך...

די נויטווענדיקייט צו מאַכן פּראָיעקטן, ענטפערן די פּאָר קליענטקעס, מיט וועלכע זי האָט זיך באַשטעלט, האָט איר — נאָכדעם ווי זי איז אַרויס פון אַטעליע, כּדי צו קומען אַ היים נאָך פאַר אָמעדייען — געבראַכט די געוויינלעכע צושטרייאונג. איר נייגונג צו פאַרמאַנענטן פּרובן און גריבלען האָט תּמיד קאַ-פּיטולירט פאַר איר אומגעוויינליכן חשק צו אַרבעטן.

דער אָוונט איז אַ וועק אין אַ זייער לעבהאַפטער איבער-האַלטונג אַ דאַנק די אינטערעסאַנטע באַריכטן פון איר און מאַני דאַם ברוססאַט. אַרום עלף אַ זייגער איז געקומען זעליאַנאָוו, צו שאָרן דעם פייער. אין עטליכע שאַרפע ווערטער האָט ער סקי-צירט דעם גאַנצן פאַרלויף פון מיטאָג און דערנאָך (די דאַמען אין זאַל, די מענער, נאַטירליך אין ריכטער צימער) פון אינטע-רעסאַנטן פּאַרס.

— אַנדערש קאָן מען עס נישט אָנרופן!... ניין! ראַנשאַר-

דער אַלמעכטיקער האָט געפירט אַ זאַכליכן שמועס וועגן קריג מיט צעססאַנצן, שאַרף שטאָלצענדיק מיט זיינע שיפס - קאָנסט-רוקציעס...

— צעססאַן ? האָט אַמעדיי אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל זיך דערמאַנענדיק בשעת מעשה אין דעם נסיון מיט אַנטיאַנטען. ער האָט זיכער געשטראַלט פון גליק, וואָס מ'האָט אים פריי-געשפּראָכן !

דערדאָזיקער שיפס-בויאינטערנעמער איז זיינערצייט געווען צוגעצויגן צום געריכט פאַרן פאַרטיילן פיקטיווע דיווידענדן ביי איינער פון די פילע געזעלשאַפטן, וואָס ער האָט בעת'ן קריג געגרינדעט. איצט האָט מען מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן פּראָצעס.

אָבער דאָס סאַמע קאָמישע איז געווען זיך צוצוקוקן ווי רייכטייער קריכט פאַר סאַלמוין און סאַלירוי חנפעט זיך צו לע-באַן !... דערפון וואָלט איר אויך שטאַרק הנאה געהאַט ! דער „אַלץ פאַר גאָרנישט" האָט געטאַנצט איינגעבויגן אין דרייען, אַרום דעם פּאָרזיצענדן פון גרויס-קאַנצלער-אַמט, וואָס פאַרטיילט די ערן-אָרדענס, און דער „אַפּעל" האָט פאַרהילכט די אויערן, פון אָבער פּראָקוראָר וועלכער איז נישט מסכים אויף אַ פּראָצעס קעגן רוססאַט... סאַלמוי האָט מיט יופּיטער - בליקן אויסגעהערט רייכמייערן, און ממש צוגאַנגען פאַר געלעכטער זיך פרייענדיק מיט לעבאַן... דער גאַנצער ענין-רוססאַט איז איבעריגענס, אַ שיינע מעשה פאַרן מיניסטעריום ! מ'רויכערט ווייראוך דעם אַפּעל, ווייל מ'האַלט אים פאַר מעכטיק, און מ'שטיצט אַ שמוציקן שטרייך קעגן אַ פּאָליטישן קעגנער.

— דאָס וועט זיין אַ גוטע לעקציע פאַר פּיער רוססאַט האָט אַניקע באַמערקט, ער זאָל מיטהעלפן צו רעקאָנסטרואירן דעם בלאָק פון די לינקע קעגן דעם נאַציאָנאַלן !

אָבער וואָס ס'איבערשטייגט אַלץ, וואָס פלאַבער וואָלט אָנגערופן די קרוין פון קאָרופּציע — איז די נידערטרעכטיקייט פון לעבאַן ! ער האָט געוואָלט איינרעדן, יאָ, מיין ליבער, איינ-רעדן, אייער שטיפפאָטער און מיר, אז ער ער האָט קיין מאָל

נישט איבערגעטרעטן דעם שוועל פון דער אויסשטעלונג, ער האָט געדעדט וועגן בילד נשיט האָבענדיג עס אפילו געזען!... איך האָב אויסגעשריגן: „אויב אַזוי, זייט איר דאָך ווייניגסטענס אימפּאַרטייאיש!” און ווייסט איר וואָס ער האָט געהאַט די חוצפה מיר צו ענטפערן? (זעליאַנאָוו האָט נאָכגעמאַכט זיין גראָבע שטים:) — „זייער ריכטיק! איך ריזיקיר נישט צו ווערן באַיינפלוסט!” דער אורטייל פון העד מאָרעוויל, וואָס קיינער קוועסטיאָנירט נישט זיין אויטאָריטעט איז ארויסגעזאָגט געוואָרן פאַר מאַדאַם לורדאַל. פאַר מיין געוויסענהאַפטיקייט איז עס גענוג, ס'הערשט דעריבער די אַלגעמיינע מיינונג, פרינץ — מיטן אויסנאַם פון קוביסטישן סאָוויעט, — (דאָס האָט ער געמיינט מיר!) אַז רוססאַטס בילד די „גינאַנדער” איז די לעצטע שווייבעריי. און אַזוי ווי גליקליכערווייזע, האַלטן אונז נאָך נישט מאָסקווע, נישט קיינע רוססאַטס אויף דער וועלט, אונטער זייער דיקטאַטור!...

אָבער דאָס בילד „די גינאַנדע”— האָב איך אַריינגעוואָרפן — — איז נישט פיער'ס, נאָר זשאַנס!... דאָ האָט ער מיר רחמנותדיק אָנגעקוקט און דערקלערט: „פאַר דער פּאָליטיק, ווי פאַר דער קונסט גילטן דיזעלבע רעגולן. איצט דאַרף בלויז זיין אין פראַנקרייך, די פון נצחון. באַקעמפּענדיק אומעטום, ווו איך האָב די מעגלעכקייט, יענע, וואָס שטרעבן צי פאַרקלענערן איר פרעסטיזש, צו פאַרשוועכן איר כבוד, דערפיל איך אַ פליכט פאַרן אַלגעמיינעם גליק פון מיין פאָלק. און צים! באַלאַ בום! בום בום!...

אַמעדיי האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

— דער נידערטרעכטיקער! דאָס זעלבע האָט ער שוין איידערנעכטן געזאָגט אין פענטיעוור-זאַל. דאָס איז איצט זיין לייעדל,

— איר ווילט וויסן מיין מיינונג? האָט פרוי ברוססאַט אַ זאָג געטון מיט עקל... ראַנשאַר'ד, סאַלמוי, לעבן די גאַנצע באַנדע טויגעניכטסן דרעשן זייער אייגענע שטרוי אויפן רוקן פון כלל!

— אַך ווי איז טאַקע דעריבער צו די שאָף, וואָס לאָזן

זיך שפּרן! — האָט אַניקע באַמערקט! אייגענטליך האָבן זיי בדוי־ געדאַרפט איבערבייטן זייערע פאַסטוכער.

— אַרום דעם פּירט זיך טאַקע די אַרבעט, האָט פאַרענ־ דיקט אַמעדיי, און נישט ווילנדיק אַ געגעץ געטאָן. דאָס איז גע־ ווען אַ סיגנאַל פאַר די געסט אויף אַוועקצוגיין,

— דו ביסט איבערגעאַרבעט! האָט אַניקע אין עטלעכע טעג שפּעטער געזאָגט אַמעדייען, אַז ער האָט זיך שוין פון אין דער פרי באַקלאָגט אויף קאָפּ שמערצן... וואַרף היינט אַלץ אַוועק... דיינע וואַלן! דיינע וואַלן! אויב דער טערמין איז אפילו אַ פריערדיקער, האָסטו נאָך אויך ביז אָקטאָבער גענוג צייט. גאַנ־ צע צוויי חדשים!... נעם אורלויב, ווי אַלע טוען.

— ווי אַלע טוען! מיינע ·ווייַלער גיבן נישט קיין אורלויב, אַרבעטער רוען בכלל נישט.

— אָבער די קאַמער האָט דאָך וואַקאַציעס, דו קאָנסט זיך זייער גוט אַ וואָך, אָדער צוויי אויסרוען... אויב דו ווילסט נישט אַוועקפאָהרן ווייט, וואָלטן מיר זיך אפשר צייטווייליק איינגע־ אָרדנט אינוועקסאיל, וואָס מיר האָבן אַזוי ליב!... און אין טריאַ־ נאָן איז אויך גאַנץ גוט! דו האָסט דאָרט דיין פריינט בלאַנ־ שעט... און אויך מערענטן, נישט רעכענענדיק מאָניקן...

ער האָט זיך געלאָזן איבערעדן, זעענדיק גלייכצייטיק אין דעם א מיטל איר גופא צו איבערצייגן... דערדאָזיקער שנוי פון די לעבנסגעוווינהייטן, די נייע פולשטענדיקע אינטימקייט, וועל־ כע האָט זיך געשאַפן אַ דאַנק דעם וואָס זיי זענען גאַנצע טעג געווען צוזאַמען... אפשר וועט אים איצט לייכטער געלונגען צו באַזיגן איר עקשנות און אָפּווענדן פון אַ באַשלוס, וואָס האָט דאָך פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט זיין קיין דעפיניטיווער..

ווי מיט אַ וואַנע נאָך אַנ׳ערמידענדיקער אַרבייט, האָבן זיי זיך געקוויקט מיטן גרינעם טאָג פון די יומטובדיקע אַלייען און דער איינזאַמקייט פון גרויסן פאַרק. הונטער די קינסטלעכע שפּילערייען פון קליין־טריאַנאָן מיט זיין מעלאַנכאָלישן איינגלישן גאָרטן און די האַמאָ־רואינען, ווו מאַריע אַנטאַנעטע האָט זיך געווילט בעת פאַרשידענע שפּילן, בעת די מאָנאַרכיע איז צע־

בראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך. האָבן זיי אַנטדעקט אַ פאַרלאָרענעם ווינקל, די פּראַכט פון גרויס-טריאַנאָן... די צייכנונג פון לענאָט-רע מיט אירע געשטערנטע קרייץ-בויגנס זענען נאָך געווען אַנ-זיכטיק ווי אין דער צייט פון זינען-קעניג. נאָר אומעטום האָט די נאַטור באַקומען די איבערהאַנט דורך אירע פאַרניכטענדיקע גרע-זער און געדיכטע ביימלעך.

זיי האָבן געוואַנדערט צום הייליקן אָרט. די געדיכטע גרי-נע צווייגן האָבן זיך נאָך כסדר געצויגן לענג אויס די זיילן גייענג פון טעמפּל. דיזעלבע בלויע פלאַנצן האָבן געבליט אויפן זעלבן אָרט. פאַר וואָס האָבן זיי אין דער דערינערונג, וואָס זייערע הערצער האָבן צניעותדיק געפרווט זי ווידער צו באַלעבן, זיך איצט נישט געפילט אַזוי פולשטענדיק גליקליך ווי דאַמאָלט? פאַרוואָס האָט די אָנוועזנהייט פון קינד — וואָס האָט זיך שוין איצט גוט אָנגעזען — נישט פאַרשטאַרקט זייער איינקופט, נאָר פונקט להיפך צו די פריערדיקע האַפענונגען — דוקא פאַרטיפט און פאַרשאַרפט זייערע מיספאַרשטענדענישן?...

אפילו דעם קלוגען איינפלוס פון פריילן הארדי און איר באַרועגנדיקער פילאָזאָפיע איז נישט געלונגען צו פאַרבעסערן זייערע באַציונגען כאָטש ביידע זענען געווען גרייט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן. אַנקע האָט אָנגעווענט איר גאַנצן זעלבס-באַהויפּטונגס - אינסטינקט, פונקט ווי אַמודיי זיין פולשטענדיקן הערשער אַטאַוויזם, כדי איינער דעם אַנדערן נישט נאָכצוגעבן. ביידע האָבן שטאַרק געליטן אונטערן דאָזיקן פאַרבאָרגענעם אַנטאַגאָניזם, אנשטאָט פּראָסט פשוט אָפּן זיך מודה צו זיין.

אַ באַזוך ביי די בלאַנשעטס, וווהין זיי זענען צופעליק אָנגעקומען אויף אַ טרויעריקער פאַמיליען - סצענע, האָט מיטגע-האָלפן צו פאַרשפעטיגן ביי אַניקען איר באַשלוס און גלייכציי-טיק צו עקזאַלטירן אַמעדייס אַמפּערונג.

— אַ איר קומט צו דער רעכטער צייט — האָט זשאָרזש בלאַנשעט אויסגערופן דערזעענדיק זיי פון ווייטן אויפן לאַנקע:

שוין עטליכע מאָל האָט אַניקע געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיט איר בעזוך פאַלט זי תמיד אַריין אין מיטן פון אַ

פאַמיליען-סכסוך. מערסטנס איז געווען מער ווי אַ מחלוקת: ס'האָט שוין געהאַלטן ביי אַ קאָנפליקט, אוז, ביי אַ דראַמאַטישן!...

בלויז דער רעספּעקט פאַר דער קאָנוועציאָנעלער אַנשטענדיקייט האָט אָבגעהאַלטן מאַניקען און איר מאַן צו פירן זייער דיסקוסיע אין געגנוואָרט פון אַנדערע. דאָס מאָל איז דער בעכער געוואָרן איבערפולט און זיין ביטערקייט איז איבערגעגאַנגען.

— דו וועסט זיין אונזער שופט, אַלטער! האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר נעמענדיק אַמעדייען אונטערן אָרעם און אַוועקזעצנדיק אים צווישן זיך און מאַניקען... הערט אויס... איר זענט אינפאָרמירט... כסדר די מעשה מיטן „בלויען דאָרן"!... מאַניקע, טענהנדיק אַז די אונטערנעמונג פאַלט און אַז זי געפינט נישט קיינעם אויף פּרוי פלאַמבינאַס אָרט—וואָס האָט איר,—צווישן אונז גערעדט—גוט אויסגעמאַכט דעם אויער, וויל דורכאויס איבערנעמען צוריק די לייטונג פון געשעפט. אויב זי האָט בדעה זיך דערמיט ערנסט צו באַשעפטיגן איז אונזער פאַמיליען-לעבן בכלל קאַפּוט. קודם כל קאָן זי מער נישט זויגן...

אַניקע האָט זיך אינסטינקטיוו אַוועגעזעצט לעם איר פריינדין און האָט איר אַרומגענומען מיט אַ צערטליכקייט, וואָס זאָל איר צוגעבן מוט. ביי זיך אין האַרצן האָט זי איר געגעבן גערעכט קעגן איר מאַן. מאַניקע האָט פולע רעכט צו אַרבעטן, אויב זי האָט דערצו לוסט. דאָס איז איר אַבסאָלוטע און רעספּעקטירנדע רעכט. און מיטן מאָמענט וואָס דאָס איז דאָס זיכערסטע מיטל צו פאַרטיידיגן אירע מאַטעריעלע אינטערעסן...

— זיי נישט אומאויפריכטיק! האָט מאַניקע געזאָגט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיינע מילך ווערט פון טאָג ווייניקער סילוועסטער מוז מען אומבאַדינגט אַנטווינען.

— מיט די קינדער יועט זי זיך שוין לכל הדעות נישט קאָנען מער אָפּגעבן... און, זעלבסטפארשטענדליך אויך, נישט „מיטן מאַן. דער בלויער דאָרן" איז אַזאַ גראַנדיעזע אונטערנעמונג וואס וועט, אומגליקליכערווייזע, אַבסאָרבירן איר גאַנצע צייט.

— דריי שעה! טעגליך, נאָכמיטאָג! ווייל פריילן האַרדי האָט פאַר מיר אַן'אויסגעצייכנטע געהילפן.

— דאָס זאָגסטו איצט! און באַלד וועט'ס זיין צוויי שעה אין דער פרי, און דריי אין אָוונט... דאָס גאַנצע לעבן צודרייט! צו וואָס דאַרפן מיר אַזוי פיל געלד? פאַרקויף דאָס געשעפט. מ'פּראָפּאָנירט דיר פינף מאָל הונדערט טויזנט פראַנק. מער ווי צוואַנציק טויזנט פראַנק טראָגט עס נישט. אויף דעם אופן פאַרגרעסערט אונזער הכנסה און אויסגעקוירירט אונזער רויקייט...

— דיינע...

בלאַנשעט איז בלייך געוואָרן.

— איך האָב געלעבט אָן דיין פאַרמעגן און מיר לעבן זינט מיר האָבן חתונה געהאַט אַזוי גוט פון מיינע פאַרדינסטן ווי פון דיינע רענטעס, אפשר נישט?

— אָ, דזשאָרוש, ס'איז שלעכט פון דיין זייט אַזוי צו אינטערפּרעטירן מיינע ווערטער... איך זאָג בלויז, אַז דו ווילסט מיך נישט לאָזן אַרבעטן כדי מיך צו האָבן אינגאַנצן פאַר זיך, אָן באַגרענעצונג...

— און אָן טיילונג.

זי איז בלאַס געוואָרן און האָט שמערצפול געזאָגט:

— דו קאָנסט נישט צוגעבן, אַז איך מעג אין די שעהן וואָס דו ביסט אַבסאָרבירט פון דיין באַרוף, זיך צוריק פאַראינטערעסירן מיט מיינעם?

— איך גיב עס צו. איך מוז אָבער קאָנסטאַטירן, אַז די נייע עלעמענטן, וואָס דאַרפן אייגנטליך ווערן דיין לעבנס-אינהאַלט, דיין זון, דיין טאָכטער, זענען פאַר דיר נישט גענוג.

— לואיזע, וואָס האָט דיר אויסגעהאָדעוועט, קאָן גאַנץ גוט אַכטונג געבן אויף די קינדער פאַרדערצייט וואָס איך בין אין „בלויען דאָרף"...

— ס'זענען דאָ פאַלן ווען אַ באָנע קאָן בשום אופן נישט פאַרבייטן די מוטער!

— סאַראַ חכמה! נישט ביי אַזעלכע קליינע קינדער ווי זשערזיו און סילוועסטרע!... נייז, ס'זענען דאָ פאַלן, ווען די

קינדער דאַרפֿן לגמרי נישט האָבן דער מוטער פֿאַר אַ דינסט... לאָמיר זיך נישט אָפּוועבדן פֿון אונזער פֿראַגע.

— אָבער זאָג, בין איך דער פֿאָטער צי ניין? בין איך דער העך אויף איינצואָרדנען אונזער לעבן ווי איך האַלט עס פֿאַר ריכטיק?

— דער פֿאָטער, יאָ, מיין ליבער דזשאָרזש. דער העך נישט. דו מוזט זיך רעכנען מיט דיין שקלאַפֿין.

זי האָט זיך אַ הויב געטון און זיך אַנטשולדיקט:

— פֿאַרצייט מיינע ליבע פֿריינט, און קומט טרינקען אַ גלאָז אָראַנגיד. נעמט נישט די זאַך אַזוי ערנסט. ס'ציט זיך שוין אַ וואָכן דריי... ער איז ווי צומישט.

בלאַנשעט האָט געמאַכט אַזאַ זויערע מינע, אַז זי האָט פֿאַרלאָרן די רויקייט.

— אַך דו ברענגסט מיר אַרויס פֿון געדולד!... גוט! גיב אָן דעם אמתן גרונט פֿון דיין אָפּאָזיציע, אויב דו האָסט דערצו דעם מוט! איך וואָרן דיך אָבער, זיי פֿאָרזיכטיק!... כאַפּ נישט איבער די מאָס! קיין זאַך זינט איך האָב דיך ליב, גיט דיר נישט די רעכט אויף אַזאַ באַליידיקנדיקן פֿאַרדאַכט!... אויב דו דערנידעריקסט זיך אויף צוצולאָזן, אַז...

אַניקע האָט מיטן האַנט געשטערט איר דראָונגס-זשעסט.

— מאַניקע, שווייגט. האָט מיטלייד אויף זיך אַליין...

— האָט איר מיטלייד אויף מיר?

אַלע זענען אויפֿגעשטאַנען. בלאַנשעט האָט געשריגן אויסער זיך פֿון אויפֿרעגונג:

— ענטוועדער דו וועסט זיך פֿאָלגן און זיך אָפּזאָגן פֿון דעמדאָזיקן אומגעלומפּערטן פּראָיעקט, וואָס וועט זיין, צו דו וועסט זיין, צי דו וועסט עס וועלן צי נישט, דער אָנפֿאַנג פֿון אונזער סעפּאַראַציע, אָדער...

— שווייג, דו שווייג אויך! האָט אַמעדיי באַפֿוילן.

ער דאָט אַ נעם געטון זיין פֿריינט אונטערן אָרעם, און וועלנדיק אים באַרויקן, אָפּגעפֿירט אין אַ זייט. אַניקע און מאַניקע האָבן נאָכגעקוקט ווי די צוויי מענער זענען אַוועק: בלאַנ-

זשעט האָט געמאַכט מיט די הענט, אויף יענעמס אַקסל און אין אים אַריינגערעדט... אַז זיי זענען אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָט זיך מאַניקע אַ וואָרף געטאָן אַניקן אויפן האַלדז און אויסגעבראָכן אין אַ נערוועזן געוויין. דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די טרערן:

—אַך! די פאַרגאַנגענהייט!... די פאַרגאַנגענהייט! דשזאָרדש איז גוט, ער ווייסט, אַז איך ליב אים, נאָר אים... און, דער געדאַנק, אַז דורכן „בלייען דאָרן" קאָן איך זיך ווידער באַגעגנען מיט די פריערדיקע באַקאַנטע, ווידער קומען צו אַ נסיון... ווי נאַריש, ווי נאַריש! ליידן דערפון וואָס עס עקזיסטירט נישט מער וואָס ס'האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט... איין מאָל האָב איך שוין אַזעלכע יסורים איבערגעלעבט... אַנאַנדער נישט אַזאַ זשענטעלמאַן ווידער, האָט מיר עס שוין געגעבן צו פילן... אַך, אַניקע! אַלע מענער, אפילו די בעסטע, זענען טיראַנען, בעת זיי ליבן און איבערהויפּט בעת זיי ווייסן, אַז מ'האָט זיי ליב און ווען זיי ליבן נישט, זענען זיי ברוטאַל, נידעריק... וואָס זאָל איך איצט טאָן? וואָס וואָלט איר אויף מיין אָרט געטאָן.

אַניקע האָט איר אָנגעקוקט און געוואָלט דערגיין, וואָס ס'טוט זיך אין דער נשמה פון דפרדאָזיקער צעטליכער און ריינער פרוי, נישט געקוקט אויף אירע איבערלעבטע ליידן... צי האָט זי גענוג ענערגיע דורכצוזעצן דאָס, וואָס זי האַלט פאַר ריכטיק און גערעכט? צי איז איר שוואַכקייט פאַר דער ליבע גרעסער ווי די אַמפּערונג קעגן ווילן פון איר מאַן?...

— א י ך וואָלט נאָכגעגעבן, האָט זי געמורמעלט. אָבער א י ר, מיין פריינדין, איר וועט נאָכגעבן...

מאַניקע האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— יאָ, אַניקע, אייך האָט אַמעדיי דערקענט בעת איר האָט אָנגעהויבן אייער וועג מיט אַ רויקער האַרץ, דאָס לעבן האָט אייך נאָך מיט זיין קלאָג און יאָמער נישט באַרירט!... אַ! וואָס וואָלט איך נישט אָפּגעגעבן איך זאָל קענען נאָך אַ מאָל אָנהויבן פון אָנפאַנג, אַזוי ווי איר!... אפשר וואָלט איך איצט געהאַט מער מוט...

— קיינער, מיין טייערער, איז נישט קיין פולשטענדיקער בעל-הבית איבער זיין לעבן.

און דאָך האָט זי געקלערט: אַ טייערע לעקציע ווי צו דיריזשירן מיט מיין לעבן!

— ווער ווייס, האָט נאָך מאַניקע געזאָגט, צו זייענדיק אויף אייער אָרט, אומאָפּאייגיק און נישט האָבענדיק געמאַכט קיין שום פאַלשע טריט, — צי וואָלט איך איבערהויפּט חתונה געהאָט?... איר קלויבט זיך ווערן אַ מוטער... איר וועט אויך נישט געקוקט אויף אייערע איבערצייגונגען, איר וועט אויך נאָכגעבן . . .

אַניקע האָט איז אַרומגענומען, נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט.

7.

— לאָמיר זיך צוזעצן, האָט אַניקע געזאָגט. איך הויב אָן אַביסל מיד צו ווערן.

זיי זענען אַרויס פון שטוב גאַנץ פרי און צוגעקומען איבער ראָקענקור, ביז צום מאַרלי-וואַלד. די לאַסט פון איר מוטערשאַפט האָט זי געטראָגן מיט אַ פרייליכן מוט און אירע באַוועגונגען זענען אין זיבעטן מאָנאַט געווען פונקט אַזוי לעבהאַפט ווי דעם ערשטן טאָג.

זי האָט נאָך קיין מאָל נישט באַזוכט די חורבות פון אַלטן שלאָס. זיך אינטערעסירנדיק מיט אַלע היסטאָרישע דערינערונגען׳ האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט זיין זי האָט נאָך דאָרט געקאָנט מאַכן לאַנגע שפּאַצירגענג, צוקומען ביז צו דער סעפּלאַווא־ע, ווו ס׳איז אַ מאָל געשטאַנען, אין דער ריכטונג צווישן דער גרויסער קאַסקאַדע און דעם באַסיין פון די צוועלף פּאַווילאָנען, דער קליינער פּאַלאַץ אין פולן גלאַנץ פון זיינע פיר פּאַסאַדן איינגעפּאַסט רונד אַרום מיט אַ געדיכטן וואַלד.

זי איז געווען איבעראַשט נישט געפינענדיק קיין זכר פון פון דעם אַלעמען. אויפן אָרט פון דער ווייט אויסגעשפּרייטער וואַסער פּלאַכקייט האָט זיך איצט געפונען אַנ׳איינגעזוינק: גער

באָדן, אײנגעצאַנצן באַװאַקסן מיט גראָז. אַ װיסטער פעלד װאָס האָט גיװוערדירט אַלץ אַרום. עטליכע פײגל האָבן געזונגען אין פּאַרק, װאָס איז צוריק מגולגל געװאָרן אין אַ װאַלד... און איבער דער דאָזיקער נישטיקײט פון אַ נאָמען, װאָס האָט אפילו נישט דערמאָנט מער אין קײן חורבות, די אײנזאַמקײט, די אומפּרוכטבאַרע פאַרלאָזענקײט...

— מ'זעט, אַז דאָ האָט דורכגעמאַרשירט די רעװאָלוציע, האָט זי געזאָגט.

— באַגלײט פון דער שװאַרצער האָרדע, װאָס האָט אַלץ חרוב געמאַכט.

זי האָט זיך געװוּנדערט, װאָס דער פאָלק, דער איצטיקער סוּװערן פון דער קײזעליכע דאָמינעס, האָט דאָ נישט אײנגעאָרדנט קײן נוצליכע אינסטיטוציעס: לאַבאָראַטאָריעס, לאַנדװירטשאַפטליכע פּרוּביר-סטאַציעס, הײמען פאַר אַלטע לײט, פערינען-קאָלאָניעס!... אַנשטאַט אַ יאַגד-רעװיר פאַרן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק.

— ס'איז מערקװירדיק, געפינסטו עס נישט, װי טיף בײ אונז שטעקט נאָך אין בלוט די מאָנאַרכיע! דער פּראָגרעס גײט מיט זײער לאַנגזאַמע טריט.

— גוט װאָס דו זעסט עס כאָטש אַלײן, האָט אַמעדײלעבהאַפט באַמערקט.

אין דער שטיל האָט ער זיך עקשנותדיק אַרומגעטראָגן מיט זײן געדאַנק.

זי האָט פאַרשטאַנען זײן הינטערגעדאַנק און אַ קלײנער, אומדורכדרינגליכער שמײכל האָט זיך באַװיזן אויף אירע ליפּן:

— אַ גרונט מער פאַר די װאָס קאָנען גײן פאָראויס!

— אָבער נישט צו געשװינט!

אויטאָמאַטיש האָט זי מיט דעם שפּיץ שטעקן אַראָבגעבויגן די גראָז-שטײגלאַך אַרום דעם בוים-שטאַם, װוּ זײ זענען געזעסן. נישט ענטפערנדיק קײן װאָרט האָט זי פאָרגעזעצט איר אַרבעט. זי האָט זיך געהאַלטן בײ איר טאַקטיק זיך נישט אַרײנצולאָזן אין קײן שום דיסקוסיעס... װאָס שפּעטער אַלץ בע-

זער. יעדער טאָג וואָס איז אַוועק, האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גליק.

ער האָט געזוכט אַנאַנדער אָנגריפס-פּונקט און האָט זיך אומגעקערט צום ענין, וואָס האָט מיט אַנ׳אָוועקנד פריער שיער נישט אַרויסגערופן צווישן זיי אַ סצענע, צו וועלכער ס׳האָט אים געטריבן זיין רעכטס-געפיל און זיין גאַנצע עמפּפינדונג. ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— יאָ, נישט צו געשווינט! ווען נישט איז מען געצוואונגען אין איין שיינעם טאָג זיך אַוועקערן צוריק. דאָסזעלבע האָט מיר אויך בלאַנשע געזאָגט.

— אין באַצוג צו וואָס? האָסט אים געפרעגט אַנ׳עצה? זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט זיין פרוי, און אויף אַ קלוגערן אופן! וואָלט עס אפשר בעסער געווען.

זי איז אויפגעשטאַנען. זיי זענען ווייטער געגאַנגען.

— ווי נערוועז דו ווערסט, קוים קלערסטו נאָר, אַז מ׳וויל אָנרירן דיינע רעכט! . . . ניין. איך האָב נישט גערעדט מיט זשאַרזשן וועגן אונז; אָבער ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער קאָן זיין פרוי פאַר קיין פאַל נישט דערלויבן זיך נעמען ווידער צו איר פאַך, ווייל זי איז זיינערצייט צו ווייט אַוועק און זאָרגנדיק פאַר זייער געמיינזאַמען גליק, האָט ער מורא פאַר׳ איינפלוס פון אַ געוויסער סביבה...

— מאַניקע באַדויערט געוויס אירע פאַרגאַנגענע פּולע טריט אַזוי, אַז ער, קאָן איצט פּולשטענדיק טרויען!

— דו קענסט גאַנץ גוט מיין סימפּאַטיע צו איר..

— און דאָך שטערט עס דיר נישט צו געבן איר אומרעכט.

— גאַנץ געוויס. בלאַנשע קלערט נישט בלויז וועגן זיין דויקייט, נאָר גלייכצייטיק אויך וועגן מאַניקעס און גערעכט איז ער.

— נאַטירליך ווי קאָן עס אַנדערש זיין!

— נישט צוליב דעם, ווייל ער איז דער מאַן, נאָר ווייל אין זיין פאַל, ביי דער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פרוי...

— איר פאַרגאַנגענהייט! ריידנדיק מיט אייך קאָן מען מיי־
נען אַז זי איז די איינציגע, וואָס האָט התונה געהאַט אַלס פרוי
מיט אַ פאַרגאַנגענהייט! און ער? און זיין פארגאַנגענהייט? צי
מאַכט זי אים דערפאַר וועלכע נישט איז פאָרוווּרפן? ס׳איז פשוט
נאַריש און עמפערענד פון זשאָרזש׳ס זייט, אַזעלכע פערדאַכטן!...
ער, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי אינטעליגענט! די איי־
פערזוכט פון דער פאַרגאַנגענהייט איז די סאַמע נאַרישע
וואָס ס׳קען נאָר זיין.

— מ׳קאָן דערצו גאָר נישט העלפן.

— פונקט פאַרקערט. מ׳קאָן זייער פיל העלפן. ווען די
פרויען זאָלן נישט אָוועקקוקן, נישט אַבסטראַהירן די פערגאַנ־
גענהייט פון מאַן, וועלכן זיי ליבן, וואָלט נישט געווען קיין
איין גליקליכע... אפילו איך אויך נישט!

— ער האָט זיך אנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער געלעגנ־
הייט:

— אָ! אויב ס׳קוועלט נישט עמיצן אַזאַ זאַך, איזעס
עפעס אַנדערש. בלאַנשע איז אומרויק צוליב דער פאַרגאַנגענ־
הייט פון זיין פרוי, און מיך לאָזט אונזער צוקונפט נישט
רוען. אַך! און ווען דו זאָלסט וועלן, האָסטו מיט איין וואָרט
געקאָנט פאַרטרייבן מיין קומער!...

זי האָט צערטליך געדריקט זיין האַנט:

— דיין קומער?

— יאָ, מיין טיפן, טיפן שמערץ! דו ווייסט עס זער גוט!

זי האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק און כלומרשט
פריילעך א פרעג געטאָן:

— דו האָסט מיך מער נישט ליב?

— אָ! איך ליב דיך צו פיל! און דו פאַרדינסט עס
נישט! הער מיך אויס, איך בעט דיר...

זי האָט רעזיגנירט אַ זיפץ געטאָן.

— דו ווילסט דוקא טאָ רעד, אויב ס׳ליגט דיר אַזוי
שטאַרק אויפן האַרצן!... און דעמאָלט וועלן מיר דערמיט איינ־
מאָל פאַר אַלעמאָל, מאַכן אַנ׳ענדע... איבריגנס, אפשר ביסטו

געראכט: ס׳טויג טאַקע נישט, אַז דער גיפּט זאָל זיך שטילער־הייט אַלץ מער און מער איינפרעסן...

— קודם כל האָסטו זיך גיכטן עמפערט קעגן מיינע באַמערקונגען וואָס איך האָב מיר דערלויבט בנוגע דיין פאַרלאַנג צו אַרבעטן אויסצואיבן אַזאַ באַרוף, וואָס אַבסאָרבירט צען מאָל מער ווי דער, צו וועלכן מאַניקע וויל זיך צוריק נעמען! יאָ ס׳ערגערט מיך אָפטמאָל, וואָס ער רויבט מיר אַוועק די שטונדן בעת איך בין אין דער היים און וואָלט דיך וועלן האָבן לעם מיר — אָבער איך בין נאָך נישט אַזאַ עגאָ׳יסט, איך זאָל פאָדערן דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן פון אַ פאַרגעניגן, וואָס באַשטייט, איבריגענס, אַמווייניגסטן דערין, דו זאָלסט אויף דעם אופן קאָנען אונטערשטרייכן דיין אומאָפּהענגיק׳ייט!...

— און אָבגעבן מיינע קרעפטן לטובת הכלל...

— ס,אַרא אַמביציעס! דו פאַרלאַנגסט צו פיל... נוצליך פאַר אַלע!

זי האָט געשמייכלט.

— אַנגענעם בלויז פאַר איין איינציגן דאָס וואָלט נאַטירליך, געווען גענוג. וואָס ניין?!

— ניין, אַניקע! איך קלער נישט מער אויסשליסליך וועגן זיך. איך קלער וועגן דעם קליינעם לעבן, וואָס האַלט זיך אין שאַפן... און דיין שווייגן, דיין באַשלוס לגמרי צו נעגירן די אומבאַדינגט נויטיגע דעציזיעס — פאַרשאַפט מיר פיל ליידן...

— אָבער, געליבטער, ווייל מיר האָבן זיך אַזוי ליב, ווייל מיר לעבן בלויז איינער פאַרן אַנדערן, ווייל דער, וואָס קלויבט זיך באַלד צו קומען, קאָן נאָר פאַרגרעסערן אונזער גליק!...
טאָ זיי טאַקע צופרידן וואָס דו האָסט נישט קיין שוםווירקליכן גרונד צו זיין אומגליקליך.

— איך האָב עס יאָ! ווי זאָל איך עס פאַרשטיין, וואָס די פרוי פון מיין לעבן, דער חבר פון אַלע מיינע שטונדן, דאָס דאָזיקע וועזן, וואָס געהערט מיר, וואָס פאַרזיכערט, אַז

זי האָט מיך ליב נעמט אָפּ — מיר די פרייד צו געבן מיין נאָמען דער מוטער, פון מיין קינד!

— ווידער דאָסזעלבע! גוט!...

זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ באַנק, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון וועג, אַ שטיק שטיין באַוואַקסן מיט מעך:

— לאָמיר זיך אַוועקזעצן און לאָזן דעם שטורם זיך אויסווילדעווען, כדי אונזער הימל, זאָל ווידער ווערן בלוי... וואָס גייט דיר אַזוי אין לעבן די דאָזיקע קליינע געזעלשאַפט־ליכע סאַטיספאַקציע, וואָס האָט פאַר מיר לגמרי קיין שום ווערט נישט און איז מיר זאָגאַר עקלהאַפט?

— ווייל מיר לעבן, צי ווילסטו עס אָדער נישט, אין דער געזעלשאַפט און ווייל איך פאַרלאַנג, אַז אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט זאָל די מוטער פון מיינע קינדער זיין געערט און געאַכט.

— איך פאַר דיר איז עס אָבער אינגאַנצן לעכערליך!

— איך וויל נישט, אַז יעדער אידיאָט זאָל טעלעפאָניש, אָדער אַז מיר טרעפן זיך, ערגעץ ווו איינלאַדן צו מיטאָג נאָר מיר אַליין, ווי, למשל, נעכטן פלאָמבינא!

— וועמען גייט עס אָן?

— מיך רעגט עס אויף. מיר איז עס שרעקליך אומאַנגענעם. ס׳זענען פאַראַן מענטשן וואָס איך מוז מיט זיי האָבן געשעפטליכע באַציונגען און איך מייד זיי אויס, ווייל אַליין וויל איך צו זיי נישט גיין, אָדער ווייל זייערע פרויען ווילן צו אונז נישט קומען, ווען דו זאָלסט זיין אַ געוויינליכע פלגש, וואָלטן זיי דיך קאָנען רופן מאַדאַם זשאַקמען און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי מיינען, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט! אָבער אַלע קענען דער אַדוואָקאַטן אַניקע רעמברע! פאַרמאַכען די אויגען דערצו זענען די דאָזיקע צבועים נישט פעיק. דו קאָנסט זאָגן וואָס דו ווילסט, מוזט אָבער מודה זיין, אַז ס׳איז אַ מאָטיוו פערמאַנענטע רייבונגען.

זי האָט געשמייכלט:

אויב די סיבה ליגט אין מיין אָנוועזנהייט און דו ליידסט

דערפון, קאָן איך זיך צוריק אריבערטראָגן צו מיר.
— אַניקע די דאָזיקע אידייע איז נידריקער פון דיין כבוד.
— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מ׳קאָן געפונען אַ בעסערע לעזונג אָבער דו וואַרפסט זי בייזווילליק אָפּ.
— זיי נישט בייז, מיין טייערער, מיין געליבטער! יאָ, איך רייץ זיך מיט דיר, פאַרצייי!... אָבער, ערנסט גערעדט, זע איך נישט קיין אויסוועג. דו ווייסט, אַז איך וויל נישט הערן פון קיין חתונה, און איצט נאָך וויניקער ווי פריער, ווייל איך וויל נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון פאָרמירן אַ קליינע נשמה...
— מיר וועלן איר צוזאַמען אויסבילדן!
— זעלבסטפאַרשטענדליך! און זיי רויק, קוים וועלן דיינע אָנווייזונגען גאָר זיין גוט, וועל איך זיי געוויס אָנעמען.
— סוף כל סוף איז דאָך דאָס קינד מיינס ווי דיינס!
— ניין, לגמרי דאָסזעלבע נישט.
— דאָס געפעלט מיר! פאַרוואָס למשל נישט?
— צי קלאַפּט ער דיר מיטן פיסל אין בויך?... דריקט ער דיינע לענדן אַזוי אַז דיר ווילט זיך שרייען? אויב ס׳איז דיין קינד פונקט אַזוי, ווי מיינס, טאָ זיי זיך מודה אַז ביז היינט האָט דיר נאָך זיין עקזיסטענץ לגמרי נישט באַשווערט!
— דאָס איז אמת! אָבער איך בין דאָך זיין פאָטער. ער וועט טראָגן מיין נאָמען, ווייל אויב איך קאָן שוין מער נישט אויפטאָן וועל איך אים דאָך לכל הפחות אָנערקענען גלייכצייטיק מיט דיר... ער וועט אויפוואַקסן אין אונזער סביבה... דערצו ־ הייסטו זייער גוט, צי דו וועסט זיין מיין פרוי צי נישט — וועל איך האָבן איבער אים אַלע געזעצליכע רעכט פון פאָטערליכע מאַכט. און אייב מיר זאָלן זיין קאָנסעקווענט מוזטו צוגעבן, אַז דיין אָבסטינענץ איז נישט בלויז אָנאַבסורד, נאָר פשוט אומ־ערטרעגליך!
— בערויק זיך און פ־וב מיר אויסצוהערן אָן כעס, כדי איך זאָל האָבן די מעגליכקייט דיר צוזאָגן, מיין טייערער גע־

ליבטער, אַלץ וואָס איך קלער.

זיין געזיכט האָט אָנגענומען אַ פאַרשלאָסענעם אויסדרוק.

— ווען איך זאָל קאָנען, דו פערשטייסט, — כדי די דאָזיגע ווערטער צו אונטערשטרייכען, האָט זי זיי איבערגעחזרט, — ווען איך זאָל קאָנען נישט גלויבן אין עפּעס אַ מין העכערע פליכט — וואָלט איך מיט דיר — דאָס שווער איך דיר ביים קאָפּ פון קינד וואָס איך טראָג אין זיך — גלייך חתונה געהאַט.

— ווי אַזוי קענסטו, קענענדיק מיך אַזוי גוט, צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'איז פון מיין זייט מער ווי קליינליכע ווידערשפּעניקייט...

— דו מיינסט אידאי, אַז דו ביסט אַנ'אויסנאַם, דערמיט וואָס דו האַנדלסט נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פרויען!

— אויב אַזוי קענסטו מיר זייער שלעכט!

— דו טוסט אַלץ וואָס דו קענסט, כדי מיר צו פאַרשאַפן ליידן איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר אינגאַנצן אָנגעהערן, און די זאָגסט זיך דערפון אָפּ, פונקט ווי דו ווילסט צו מיר קיין צוטרוי נישט האָבן!..דו זוכסט אַ מיטל ווי אַזוי זיך צו פאַרזיכערן אין דער צוקונפט.

— איך האָב צו דיר דעם פולסטן צוטרוי, איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנצער נשמה. אָבער איך ווייס, אַז נישט געקוקט אויף דער גאַנצער ליבע פון דער וועלט, קאָן פון צוויי פערזאָנען נישט ווערן איינע. מיר האָבן צוויי קערפּער, מ'האָט צוויי פאַרשיידענע אָרגאַניזמען, וועלכע רעאַגירן אויף אויסערליכע איינפלוסן אינדיווידועל, לגמרי פאַרשידנאַרטיק. דו ביסט אַ מאַן, ס'הייסט אַ וועזן, וואָס איז שטאַרק, ווייל ס'איז פריי. פאַרהייראַט, איך בין נישט מער ווי דיין פרוי, ס'הייסט אַ שוואַך וועזן, אונטערדריקט דורך אייערע געזעצן.

— דעריבער מוז די פרוי האָבן אַ מאַן וואָס האָט איר ליב און קאָן איר פאַרטיידיקן.

— אַ בשום אופן נישט! דעריבער מוז די אָנשטרענגונגען פון דער נייער פרוי גייען אין דער ריכטונג נישט צו זיין אָפּ־

הייגיק פון דעם מאַן און זיך פאַרלאָזן אויסשליסליך אויף די אייגענע קרעפטן.

— דיין שטאָלץ פאַרפירט דיך אין אלף השׂשי.

— ס'קאָן זיין! אָבער דאָך בין איך אין דער מיינונג, אַז דער געפיל, דער גלויבן, וואָס שפּאָרן מיר אָן, האָבן לחלוטין מיטן שטאָלצקייט קיין שום געמיינזאַמעס נישט. איך וויל מיינע קינדער בלויז אַרויסרייסן פון יענעם תהום, וווּ איך בין אַליין שיער נישט איינגעזונקען געוואָרן... איך וויל בלויז מאַכן פון זיי ווירקליכע מענטשן און ווירקליכע פרויען, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד מיטצואַרבעטן ביים אויפבוי פון אַ בעסערע געזעלשאַפט, וווּ די צו פיל מיסברויכטע הויכע ווערטער פרייהייט, גלייכהייט און ברודערליכקייט זאָלן אויפהערן צו זיין בלויז פוסטע קלאַנגען!...

פאַרשטיי מיר! פאַרשטיי מיר דאָך סוף כּל סוף! איינפלאַנצן אין דידאָזיקע יונגע מוחות, — בעת זיי האַלטן זיך אין פאַרמירן, — אַ נייעם אידעאַל... עמפּערונג קעגן די גערעכטיקייט און געוואַלד, האַס קעגן קריג, ווידערווילן צו געלט...

זי האָט געשוויגן און געלאָזן אירע געדאַנקען ווייטער אַרבעטן.

— די הייראַט וועט דיר פאַר קיין פאַל נישט שטערן צו דערציען די קינדער אַזוי ווי דו ווילסט. און אפשר טאַקע יאָ! לויטן געזעץ האָב איך דאָך אויף זיי קיין שום רעכט נישט. שטעל דיר פאָר, אַז דיר געפעלט עפּעס נישט אין זייער דערציונג און דו ווילסט מיר דוקא אויפצווינגען דיין ווילן, וואָס פאַר אַ מיטל האָב איך דיר זיך אַנטקעגן צו שטעלן? לגמרי גאָר נישט!

— דו רעדסט נאַרישקייטן! פאַרהייראַט אָדער נישט. מיינע רעכט איבער אונזערע קינדער האָב איך לכל הדעות.

— ניין!

— דאָך!

— ניין... און איצט קומען מיר צום גרויסן קרבן. וועגן וועלכן איך האָב נאָך ביז היינט נישט געהאַט דעם מוט מיט

דיר צו רעדן. איך האַלט עס אָבער פאַר ריכטיגער דיר צו פרעגן איצט...

— שווייג, שווייג, אַניקע! דו ביזט משוגע... לגמרי משוגע.

— דו ווייסט דאָך נאָך נישט וואָס איך וויל דיר זאָגן.

אין זיין שטים האָט זיך געהערט כּלופן:

— איך זאָל נישט אַנערקענען מיינע קינדער!

דער שטורם איז אויסגעבראָכן. דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט האָט ער קאָנוולסיוו געוויינט. דערזעענדיק זיין שרעקליכע פאַרצווייפלונג, האָט זיך אַניקע אויך אין דער שטיל צעוויינט. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע אָרעמס.

— מיין געליבטער, מיין טייערער האַרץ, וויין נישט, איך בעט דיך! איך האָב דיך ליב! גלייב מיר, טרוי מיר צו! ניין, נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, ניין, ניין!... ווי ס׳זאָל נישט זיין בין איך דאָך נישט אַזוי גרויזאַם, אַזוי נאַריש, ניין... ווען דו זאָלסט וויסן ווי איך לייד פון דיין שמערץ! אָ! ווי גערן וואָלט איך דיר געוואָלט צופרידן שטעלן!... דו ווייסט, ס׳איז באמת, גרויזאַם, נישט רעכענען זיך מ׳טן אייגענעם עגאָאיסטישן גליק, צו וועלן מאַכן בעסער ווי אַנדערע.

זי האָט אים אַראָפּגענומען די הענט פון געזיכט; ער איז געבליבן אין דערזעלבער פּאָזע און האָט געוויינט אויפן קול מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— רעד, רעד, איך בין רויק, איך בין גרייט דיך אויס־צוהערן... וואָס האָסטו נאָך פון מיר צו פאַרלאַנגען.

זי האָט נישט געהאַט קיין מוט מער צו רעדן, צו פאַר־גרעסערן זיינע ליידן. זי האָט געשפּירט אַ שרעקליכע מידקייט. זי איז געווען דערשיטערט זעענדיק אים וויינען ווי אַ קליין קינד.

— ניין, גאָר נישט. ס׳איז נישט ריכטיק. איך וועל דיר עס שפּעטער זאָגן.. שפּעטער.

— פאַר וואָס נישט באַלד?

— איך האָב איצט קיין חשק נישט. איך בין מיד, מיד . . .

— דו האָסט מיר ווירקליך ליב!

— דו ביסט מיין לעבן, און קענסט עס ביי מיר צו נע-מען; ס'איז דיין.

— אויב אַזוי, זיי אויפריכטיק, מיין פרוי!

— ווען ס'זאָל זיך האַנדלען בלויז וועגן מיר! . . . מיין לעבן יאָ, אָבער דאָס לעבן פון מיינע קינדער, די צוקונפט קאָן איך דיר נישט אָפּפערן. ס'איז נישט קיין שפּילצייג. דעם גאַנ-צן גליק פון דער מענשהייט טראָגן די מאַמעס אויף זיך.... ביז איצט האָבן זיי עס נישט געקאָנט איינהיטן. נישט פאַרשטאַנען ווי איינצוהיטן. מ'מוז זאָגן, אַז זייט די וועלט שטייט, האָבן זיי דערפון אַבדוקירט, ס'איז זיי נאָך עד היום נישט געלונגען אָפּצוהיטן אין אייך די אידייע פון קריג, זיי, די מאַמעס וואָס האָ,טן די קינדער אונטערן פאַרטוך, ווען זיי זענען שוין גרוי-סע בחורים.

— זיי דאַרפן פריער זיך אַליין דערציען, איידער זיי פּרעטענדירן צו ווערן די ערציערינס פון אַנדערע!

— דו וואַרפסט אונז פאָר אייערע פעלער! . . . דעריבער דאַרפן מיר די וואָס טראַכטן און פאַרשטיין לערנען יענע וואָס ווייסן נאָך נישט, אַריינהאַקן זיי אין די קעפּ: אייער אויפגאַ-בע אַלס מוטער וועט איר ערשט דאַן האָבן פולשטענדיק דער-פילט ווען צוזאַמען מיט דעם קערפער וועט איר אויך פאָרמירן די גשמה!...

— קודם כל דאַרפן זיי זיין דערצו פעיק!

— דו וועסט זען, דו וועסט זען... אין אַלע לענדער קו-מען איצט די דערציערינס צו וואָרט... פאַרנעמען דעם גע-העריגן פּלאַץ!... און איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון קאַמף?... ניין, ניין! נישט געקוקט נישט אויף דיר און נישט אויף מיר, האָב איך קיין רעכט נישט דאָס צו טאָן.

די מאַכט פון גאַנצע דורות מיט זייער פינסטערער נאַכט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שוואַכן שיין פון טאָג, דעם

אויפגאַנג פון דעם לויכטענדיקן מאָרגנשערן. די פּאָטערשאַפט מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון איר טויזנטיעריגער איבערמאַכט, מיט איר דורכן געזעץ און טראַדיציע סאַקציאָנירטן כח... און פּלוצלינג — פּנים אל פּנים — קעגן איר די מוטערשאַפט, פּאָדערנדיק פאַר זיך דעמזעלבן פּלאַץ און אידענטישע רעכט!

— זיי זיך מודה! האָט זי געזאָגט... זאָג אַרויס ערליך דיינע געדאַנקען!... דיין אינטעליגענץ, דיין האַרץ, וואָלטן געווען אויף מיין זייט, ווען נישט דער אורמענטש, דער אדם הראשון...

ער האָט אויסגעשריגן:

— אַך! איך ווייס שוין גאָר נישט! אפשר איז עס נישט געווען מער ווי אַ רעפלעקס, וואָס ס׳האָט מיר נעכטן געטריבן צו געבן בלאַנשען געזעצט... אפשר איז עס נאָר אַ רעפלעקס, וואָס צווינגט מיך דיך צו בעטן דו זאָלסט נאָך נישט אַרויסזאָגן דיין דעפיניטיוון ניין... אז איך נעם צונויף מיין גאַנצן ווילן, שפּיר איך זייער גוט, אַז מיר קאָנען לעבן אַזוי גליקלעך נישט פאַרהייראַט, ווי חתונה האָבנדיק... איך בין איבערצייגט, אַז דאָס קינד, קוים וועלן מיר עס דערציען לויט דיינע אידייען, וועט זיך קאָנען אנטוויקלען שטאָלץ און הייך ווי אַ שיין געוויקס... אָבער, דו זעסט, אַז אין איין טאָג קאָן מען נישט ענדערן נישט די געזעלשאַפט, נישט די מענטשען... היט זיך דעריבער, אַז דיין העלדענמוט, און זיין האַס קעגן איין אומגערעכטער אָרדנונג זאָל נישט אַריינפאַלן אין קיין צווייטן עקסטרעם!... היט זיך אַז דורך דיינע שטרעבונגען אָפּצוווענדן ליידן פון ברואים, וואָס דו קענסט זיי נאָך גאָר נישט זאָלסטו שוין איצט נישט פאַרשאַפן קיין שמערצן אַמענטשן וועלכן דו האָסט ליב...

— געליבטער, האָט זי אַזאָג געטון, אַרומנעמענדיק אים מיט אַן׳אומווילקלירכער באַוועגונג, צי ווייסטו דען נישט, אַז איך גופא בין צובראָכן פון טיפן שמערץ?... און ווען איך זאָל נישט האָבן די אַבסאָלוטע איבערצייגונג, אַז אונזערע ליידן קאָנען ברענגען נוצן, אַז אַ דאַנק זיי וועט אויפבליען אַ בעסערע צו-

קונפט, וואָלט איך קלערסטו זיך אַריינגעלאָזן אין אַזאַ קאַמף? דו האָסט מיך ליב און איך פאַרגעטער דיר... לאָמיר פּרובן, איך בעט דיך, אויב ווייטער צו לעבן אַזוי ווי ביז אַהער... ווער ווייס? אפשר שפּעטער... אַז די קינדער וועלן אויס־וואַקסן...

— וועלן אויפוואַקסן!... אַ! ביז יענער צייט!

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

— ווער ווייס וואָס די צוקונפט גרייט פאַר אונז! איצט מוזסטו רחמנות האָבן אויף מיינע ליידן... שפּעטער...

אַניקע האָט געשפּירט די געפאַר און געשוויגן ער האָט געדראָוט:

— גרויסער שמערץ און גרויסע פריידן שטערן דאָס גלייכ־געוויכט און טאָרן לאַנג נישט דויערן.

— אַלזאָ... לאָמיר צוואַרטן...

ער האָט געפילט, אַז זי איז פעסט אין איר באַשלוס און האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג. ער איז נאָך געווען ווייט פון רעזיגנירן, האָט אָבער געשפּירט מער פאַרביטערונג ווי כעס, — אַ דרייסטע האָפנונג, אַז דאָס לעבן גופא, וואָס איז שטאַרקער ווי פערזענליכע עקשנות, קאָן ברענגען עפּעס אומפאָר־אויסגעזעענע, אַ וועלכע נישט איז מעגליכע ענדערונג אין דער איצטיקער סיטואַציע.

שווייגענדיק זענען זיי געגאַנגען אַ היים. זי צורודערט און אומצופרידן, וואָס זי האָט נישט געהאַט דעם מוט אים צו זאָגן מכח דעם אומפאַרמיידליכן קרבן, ער מיט אַ שווערער הארץ. ער האָט געקלערט וועגן דעם אַפּגרונט וואָס ס'האָט זיך געשאַפן צווישן זיי און פאַרלויף פון יאָר, אין אַזאַ פאַרהעלטניס־מעסיק קורצער צייט — פון בליענדיקן פּאַרק־ווינקעל אין ווער־סאַיל ביזן פינסטערן ווינקל אין מאַרלי־פּאַרק...

די פיזישע פאַראייניקונג, די קוועלע פון דער סודותפולער לעבנסהאָפנונג, און דער טראַגישער קאַמף פון זייערע נשמות אַרום קומעדיקן קינד, אין די אינטימסטע מאָמענטן...

דריטער טייל

„די מענטשהייט וואָלט געווען
גליקלעכער ווען זי זאָל
זיין גערעכטער"

זשאַן פינאָט

(די פאַראורטיילן און
די פראָבלעמען פון די
געשלעכטער)

אַ דאַנק אַניקעס פאַרשטאַרקטער צערטלעכקייט האָט אַמעד" נישט געקוקט אויף זיין דאַגהן באַקומען אַ גליקלעכן אויסזען. ער פלעגט זיך אָפט מיט איר רייצן און איר דראָען:

— נאָך זעקס וואָכן... נאָך אַ חודש... נוץ אויס די צייט, ווייל נאָך דעם ווי דאָס קליינע ווינדער, וואָס דו טראָגסט אין זיך, וועט געבוירן ווערן, וועסטו זען ווי איך וועל זיך אין דיר נוקם זיין, פאַר די אַלע ליידען, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט!

זי האָט געלאַכט... ענדלעך איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בלויז אַניקעס פיזישער צושטאַנד איז די סיבה פון איר ווידערשפעניקייט... באַקומענדיק צוריק איר גלייכגעוויכט וועט זי צוליבן קינד גופא, — איר פלייש און בלוט — איינגיין אויף דער אומפאַרמיידלעכער לעגאַליזירונג. פול שטאָלץ

פלעגט ער יעדן אויגנבליק זאָגן: „מיין זון", און צערטליך אַרומנעמען אַ ביקען. ער האָט נישט געזען ווי אירע אויגן פלעגן זיך דאַן פאַרטינקלען.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער וואַל-קאַמף מיטן גאַנצן ברען. גאַנצע טעג איז די שטוב געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן כסדר געהאַלטן אין איין שרייען און זשעסטיקולירן.

אַז זיי פלעגן צופעליק אַמאָל בלייבן אַליין, האָט איר אַמעדיי פאָרגעליינט זיינע דעקלאַראַציעס און קאָמענטירט זיין פראָגראַם. ער פלעגט געשווינט אַדורכקוקן די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט זאָרגפעלטיק סאָרטירט, כדי ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט אויסצוזוכן די אַנאָנימע בריוו, וועלכע זענען געווען פול שמוץ און דראָונגען.

דאָס לעבן איז איצט געווען אַזוי רוישיק, האָט איר אַזוי צומאַטערט, אַז זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געבעטן ער זאָל איר דערלויבן ביז צו דער געבורט זיך באַזעצן אין טריאַנאָן . . . זי קאָן פאַר קיין פאַל לענגער נישט אַריבערטראָגן דאָס געיעג פון די אומאויפהערלעכע אַגיטאַציע-שעהן, בעת אין ווערסאַיל, לעם מערעטן..

זיך שרעקנדיק פאַר דער פיינפולער סצענע, האָט זי עקשנותדיק געשטרעבט דורכצוזעצן איר באַשלוס: צו שטעלן אים, מיט געבינדענע הענט, פאַר די קאָנסעקווענצן פון אַ געשעענעם פאַקט.

דו וועסט אַרויסקומען ווען דו וועסט נאָר האָבן אַ פרייע שעה. אויסערדעם האָבן מיר דאָך אַ טעלעפאָן!... ווי נאָר איך וועל דערשפירן די ערשטע שמערצן, וועל איך דיר גלייך געבן צו וויסן...

נישט האָבנדיק דער מינדסטן פאַרדאַכט האָט ער רויק איינגעווילגט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער טומל און די באַוועגונג, אין וועלכער זי האָט זיך ערשט נישט געקאָנט באַטייליגן, האָט איר שטאַרק דענערווירט, בעת זי נויטיגט זיך דוקא אין פולשטענדיקער רויקייט.

אין ווערסאַיל איז זי אָנגעקומען אין רעכטן מיטן פון

דער גרויטער הפסקה. פרייליין האַרדי האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן הויף צוזאַמען מיט אירע געהילפינס. די מיידלעך האָבן זיך געשפּילט און זענען פריי אַרומגעלאָפן. גייענדיק אין דער ריכטונג צו מערעטן צו, האָט זי באַמערקט אַ קליין בלאָנדע מיידעלע פון אַ יאָר זיבן... וואָס איז געזעסן אָפּגעזונדערט פון אַלע גאַנץ אַליין.

דאָס קינד האָט אויסגעזען אַזוי טרויעריק, אַז אַניקע האָט זיך לעם איר אָפּגעשטעלט:

— וואָס טוסטו דאָ מיין קינד?

— איך אַמוזיר זיך.

— מיט וואָס?

— מיט גאָר נישט!

אין דעם מאָמענט האָט זי דערהערט הינטער זיך פרייליין האַרדיס שטים... „סאַראַ סיורפּריז" דערזעענדיק די דירעקטאָרין האָט זיך דאָס קינד אַ הויב געטאָן פון אָרט.

נאָך אַלץ דרייסטו זיך אַרום! לעראַ, נעמט לואיזע מאַרשאַן מיט אייך זיך שפּילן.. גיי, מיין ליב קינד, גיי! (זי האָט געקלערט): אַ קליינע אומגליקליכע... די עלטערן רייסן זיך אַרום... דער פאָטער איז אַ שכור. די מוטער פאַרשטייענדיק, אַז דאָס קינד דאַרף נישט צוזען די שרעקליכע סצענעס אין שטוב, האָט איר געוואָלט אַוועקשיקן צו דער באָבען וואָס האָט עס זייער ליב. האָט אָבער דער אויסוואורף נישט געלאָזען!... דער רעזולטאַט: אַ פאַרלוירן קינד... לואיזע מארשאן שפּילט זיך קיינמאָל נישט...

— אָרעם קינד!

— קום אַרויף אין דער הויך! וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי! האָסט צייט?

— צייט האָב איך גענוג. פון היינט פריי אָן האָב איך זיך איינגעאָרדענט אין טריאַנאָן, ביז איר וועט פאַר מיר אייסזוכען אַ גוטע סעקרעטאַריע.

— וואָס? וואָס זאָגסטו?

מערעטע, אַנ׳אומרויקע, האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגען:

— און אמערדיי?... וואָס איז געשען?

— בערויקט איין׳, מערעטע, מיר לעבן בשלום! אין אונזער וווינונג האָב איך אָבער איצט בשום אופן נישט געקאָנט לעבגער בלייבן... אַ געפילדער... אַנ׳איבערקעניש... בעט דאָ...

— אַה, גוט, גוט: און ער הייסט עס וועט קומען צום האָבן?

— ער רעכנעט אַזוי! איך וועל אָבער געבן צו וויסן ערשט נאָך דער דערקלערונג...

און נאָך דיין אַנדערקענונג. דער פּאָטער, הייסט עס אומבאַקאַנט. אויף עטליכע שעה! ס׳איז אומבאַדינגט נויטיג, ווייל נאָר אויף דעם אופן באַקום איך די פּאָטערליכע מאַכט.

— דו האָסט, הייסט עס, נאָך אונזער געשפּרעך, עד היום נישט געהאַט דעם מוט מיט אים וועגן דעם צורעדן?

— ניין, איך האָב נישט געהאָט די דרייסטקייט... און אגב איז אַ געשעענעם פּאַקט לייכטער אַריבערצוטראָגן, ווי זיך צו צוקוקן, — בעת מ׳לעבט אין איין שרעק — צו דער אנטוויקלונג פון די געשעעענישן... און אָט וועלן מיר זען...

פרייליין האַרדי האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— וואָס דיר שטייט נאָך אַלץ פאַר אַריבער צוטראָגן!

— וואָס האָט מען דערפון, אַז מ׳פאַרשטייט די פליכט, אויב מ׳שרעקט זיך צו דינען אַלעס בייספּיל?

— ס׳איז אמת, אָבער אויב ער וועט זיך שפּעטער אָפּזאָגן צוגעבן דעם קינד זיין נאָמען?

— לויט ווי איך קען אים, איז עס אונמעגליך. אויסגעשלאָסן... און סוף כּל סוף וועלן מיר ביידע דערפון נישט שטאַרבן! וועגן דער ירושה? אַן אָנהויבנדיק פון אַ באַשטימטער סומע, דאַרפן אַלע פאַרמעגענס בכלל געהערן דער מלוכה! צי דען וואָלט איך, למשל, געאַרבעט ווען איך זאָל נישט זיין אָרעם? און טראָגן מיין נאָמען יועט אפשר זיין דער אייגענער כּבוד ווי זיינעם... דערפאַר נעם אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט...

— סאַראַ ווילנסקראַפט דו דאַרפסט אָבער האָבן צו גיין דיין וועג!

— דאָס האָב איך פון אייך געלערנט.

— ניין די דאָזיקע קראַפט איז געלעגן אין דיר גופא... איך בין נישט מער ווי אַנ׳אַלטע פריילן וואָס דרשנט, פּריידיקט. פאַרן קאָנקרעטיזירן די טעאָריעס האָב איך זיך דערשראָקן. דו אָבער ביסט אַנ׳היגרייסנדער כח, דיין גלויבן ברעכט אַלע שטע- רונגען, וואָס שטייען אויפן וועג.

— אָבער איך בין גערעכט נישט אמת? ווייל, ווען איך זאָל מיך האָבן טועה געווען... ווען איך זאָל אומזיסט און אומ- נישט האָבן פאַרשאַפט אַזוי פיל ליידן דעם מענטשן, וואָס איך האָב ליב, און זיך גופא!

— ניין אַניקע, קיין שום גרויסע זאַכן זענען נאָך קיין מאָל אָן קיין ליידן נישט געשאַפן געוואָרן. פאָרווערטס גייט מען תמיד מיט פאַרוווּנדעטע הענט און טאַפּענדיק...

— אין דער נאַכט - פינסטערניש...

— וואַרטנדיק אויפן טאָג.

אין דער שטילקייט פון דער וווינונג האָט אַגרעסיוו און עקשנותדיק אָפּגעהילכט דער קלונג פון טעלעפאָן. ס׳איז געווען מיטאָג - צייט. קיין סעקרעטאַר האָט זיך גראָד דעמאָלט אויך נישט געפונען. פרוי דאַנוווא איז אָן אַנ׳אָטעם אַריינגעלאָפן פון קיך:

— האַללאָ!

— סאָקס 12 — 21? הער זשאַקמען?

— יאָ, דאָ איז עס. דער הער איז נישטאָ אין דער היים.

— אָך! גיט אים אַלזאָ איבער, אַז זיין פרוי האָט גע- בוירן אַ יונגעלע...

אָ אה!... איז אַלץ גוט אַריבער?... אה!... סאַראַ גליק!... גוט איך פאַרצייכן, 12, פאַראָאָס — גאַס 12, אין ווערסאַיל... דער הער וועט זיין זער צופרידן... האַללאָ, האַללאָ!...

פון דער אַנדערער זייט האָט מען אָפּגעענטווערט. פרוי דאַנוווא, וואָס איז געווען נייגעריק צו וויסן די פרטים, האָט נאָך אַ מאָמענט אונטערגעהערט, אָבער אַנטוישט...

די קראַנקן - פלעגערין, וואָס אַניקע האָט איר געשיקט

טעלעפאָנירן, איז אין דעם מאָמענט אַריין אין צימער ווי יענע האָט פיבערהאַפט געוואָרט... די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער מעשה, וואָס זי האָט אָפּגעטון!

— נו, וואָס?

— ער איז נישט געווען אין דער היים, איך האָב געבעטן איבערגעבן... איר דאַרפט עפּעס האָבן? איך וויל גיין עסן.

אַ בלייכע, האָט אַניקע מיט אַ זשעסט דערקלערט, אַז זי דאַרף קיין זאַך נישט. נאָך אַ גאַנצע נאַכט שרעקלעכע שמערצן האָט זי פיר אַ זייגער געבוירן דאָס קינד. איצט איז איר זון שוין געווען פאַרשריבן אין אנדערקענט, די הויפּטזאַך איז שוין געווען אָפּגעטאָן. זי האָט אָפּגעזיפצט, אַ צורודערטע.

פריילין האַרדי האָט דורכאויס פאַרלאַנגט צו אַסיסטירן ביים דאָקטאָר און דער קראַנקן - שוועסטער. דער טראַגישער ספּעקטאַקל האָט אויף איר שרעקליך געווירקט.. דאָס קרעכצן פון דער פּאַציענטן, די ווייען פון קערפּער, וואָס זוכט ווי אַרויסצוואַרפן פון זיך די לאַסט, די אונרויִקע בליקן, וועלכע געפינען זיך קיין אָרט נישט אונטערן דרוק פון די אויסערגעוויינלעכע שמערצן, דערנאָך די אַנעסטעזיע, דער דאָזיקער מין טויט - צושטאַנד, וואָס פון אים רייסט זיך ענדליך אַרויס, מיט אַ קלאָגנדיק קינדער געשריי, אַ ניי לעבן... און גראָד איז אַניקע געווען די ערשטע, וואָס האָט פאַר מערעטעס אויגן אָפּגעצאָלט דער מוטערשאַפט אַזאַ שטייער!

דער דאָקטאָר האָט איר אָוועגעשיקט אַהיים, זי זאָל זיך אַביסעל אויסרוען. עלף אַ זייגער איז זי צוריקגעקומען, אָבער אָן מאַניקען. צוזאַמען מיטן דאָקטאָר האָבן זייביידע געזאָלט גיין אין געמיינדע - אַמט באַזאָרגן די פאָרמאַליטעטן וועגן פאַרשרייבן און אַנדערקענען דאָס קינד איידער אַמעדיי וועט זיך דערוויסן.

בלאַנשע האָט אָבער נישט דערלויבט זיין פרוי, אָפּצוטון אַמעדייען אַזאַ געמיינהייט און זי האָט געמוזט נאָכגעבן, אויף איר אָרט איז דעריבער מיטגעגאַנגען די לייטערן פון סאַנאַטאָריע.

אניקע האט פאמעלעך געננ׳עט מיט דער האנט דאס שלאפנדיקע פיצעלע, וואס מ׳האט אוועגעלייגט איר ביים זייט און פלוצלינג אויסגעבראכן מיט א געוויין, די אפשוואכונג פון דער ווילנסקראפט... מידקייט... איינזאמקייט... אלץ צוזאמען האט אויף איר שטארק געווירקט. אבער הויפטזעכליך — כאטש פריילן הארדי וועלכע איז מיט א האלבע שעה צוריק אוועקגעגאנגען האט איר צוגעזאגט גלייך נאכן עסן צוריק צו קומען — א טיפער געפיל פון פארלאזנקייט. זי האט געקלערט וועגן אנדערע מאמעס, וואס זענען ארומגערינגלט און געפלעגט דורך נאנטע, דורך אייגענע. און לעם איר איז נישטא קיינער, קיין קרוב, קיין מוטער, קיין מאן?... צי האב איך עס נישט געוואלט?... — אה! ארעמע מענטשליכע-נשמה, סארא קרעמפן, סארא קאמפן דו מוזט נאך אלץ דורכמאכן, כדי צו באזיגן דיינע געירשנטע געוווינהייטן, פאראורטייל און טעותים! איך רייס זיך ארויס פון דער תפיסה און דאס דאזיקע רייסן זיך צו די פרייהייט איז די סיבה פון מיינע שווערע ליידן...

פארזיכטיק האט זי אויסגעדרייט דעם קאפ צו איר זון.

— אויך דו, פאר וועמען איך האב שוין אזוי פיל געליטן, אויך דו וועסט זען, ווי שווער ס׳איז מיט זיך אליין צופרידן צו זיין: זי האט ארויסגעצויגן פון אונטערן קאפ-קישן א פאפיר און געלייענט:

„אמעדיי קלויד רעמבער, געבוירן פון... דער פאטער אומבאקאנט... אך, ווען אמעדיי זאל מיר פארצייען! איך נעם דאך נישט אפ ביי אים זיין זון, איך נעם בלויז מיין טייל, דאס וואס סגעהערט מיר באמת... זיין זון?... וואס וואלט פון מיר געווארן פון דעמדאזיקן בלינדן זאמענקערנדל, פון דעם מיסטעריעזן אטאם, וואס מ׳ווייס אפילו נישט אין וואס פאר א מענטשער פארבינט זיך מיט׳ן פריכטבארן קעמערל! מיין זון!.. אן מיין הויך וואלט ער דאך נישט געאטעמט! דאס האב איך אריינגעבלאזן לעבן אין זיינע צארטע לונגען, בעת ער איז נאך אין מייז בויך געווען נישט מער ווי א הילפלאזע מאסע! איצט איז

ער געבוירען און איך האָב שוין אויף אים מער קיין רעכט נישט?... ניין, ניין, וואָס איך האָב געטאָן, איז זייער ריכטיק.

אַמעדיי האָט זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער נאָכמיטאָג. פון דער קאָמער האָט ער טעלעפאָנירט צו פרוי דאַנוון און געפרעגט צי איז נישטאָ עפּעס נייעס, ווייל ער איז ווידער געשטאַנען אויפן וועג. כאָטש ער האָט געהאַט באַשטימט אויפן אָוועגד גאַנצע דריי פאַרזאַמלונגען,האָט ער זיך דאָך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַראָפּכאַפּן קיין ווערסאַיל כדי אַרומצונעמען זיין פּאַציענטין, וועלכער ער האָט שוין צוויי טעג נישט דערזען.

— אַ יונגעל... און אַלץ איז אַריבער בשלום?.. געשווינט גרייט מיר צו מיין רייזע טאַש! פאַרבייגייענדיק וועל איך אים מיטנעמען... הער בלאַנשע?... ער האָט אויך טעלעפאָנירט?... מוז מיט מיר גלייךריידן.. אַז דערנאָך וועט זיין צו שפּעט?... גוט.

ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאָרגעפיל... ער איז געווען אַזוי גליקליך, אַז אים האָט זיך געוואָלט זינגען.. ער איז געווען איבערצייגט, אַז איצט וועט זיך אַלץ איינאָרדנען אויפן בעסטן אופן... ער האָט אַ זאָג געטאָן דעם שאָפער (דער אויטאָ איז געווען אָפּגעדונגען אויף דער גאַנצער צייט פון די וואַלן): „ראַספּאַיל-בולוואַר, געשווינט!” האָט אַ נעם געטאָן פון דאָרט זיינע זאַכן, נאָר דאָס נויטיגסטע... כדי צו קאָנען איבערנעכטיגן אין טריאַנאָן, קוים וועט זיין אוממעגליך צו בלייבן אויף פּאַראַס-גאַס... צו וואָס אייגענטליך אויף פאַראַס-גאַס, אַז אין האָטעל איז אַלץ פאָרויסגעזען און איינגעאָרדנט?

ווי שנעל דער אויטאָ איז נישט געלאָפן, האָט זיך אים דאָך געדאַכט, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט. דער שטח וואָס האָט אים צושיידט מיט זיין פרוי און מיט זיין זון, איז געווען לאַנג... א צערטליכע דאַנקבאַרקייט האָט ער פּלוצלינג דערשפּירט צו דער, וואָס האָט אים פאַרשאַפט דידאָזיקע פרייד... ווי זעט אויס דאָס בילד, וואָס איז געקומען פון אים? וועלכע אומבאַקאַנטע אייגענשאַפטן וועלכע גערירשנטע נייגונגען ליגן אין

זיין בלוט? דער פאָטער?... די מוטער? ווער וועט דאָמינירן אין דעמדאָזיקן קליין מענטשעלע?

ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווען דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שאָפער האָט געמוזט אויסשטייגן און אים מעלדן, זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט בעת ער האָט אָנגעקלונגען.

אַז ער האָט אָנגערופן זיין נאָמען, האָט אים די פלעגערן פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַ שיינעם, קלוגן זון, אַז די פרוי פילט זיך זייער גוט, אַז מ'טאָר איר אָבער אין משך פון די נאָנסטע פיר און צוואַנציק שטונדן נישט צו פיל אָנשטרענגען, כדי ס'זאָל צוקומען די מילך... ער מוז דעריבער זען זי זאָל וואָס ווייניקער ריידן!...

ווי נאָר זי האָט אים דערזען האָט זי שוין נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן. ער האָט אַנעם געטאָן אירע הענט, זיי געגלעט און הארציק געקושט. ער האָט גערעדט צו איר מיט זיסע שטים ווי צו אַ קליין מיידעלע. די צערטליכע ווערטער די מילדע ליבע אויסדריקן האָבן נאָך מער אָפּגעשוואַכט אַניקעס ווילענסקראַפט. זי האָט אים אַ ווינק געטאָן ער זאָל נעמען דאָס קינד. ער האָט עס אויפגעהויבן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט אַ רירענדע אומגעשיקטקייט און האָט עס באַטראַכט מיט אַזאַ ערנסט און אַזאַ וויכטיקייט, פונקט ווי ער וואָלט איצט טראָגן אויף זיינע הענד די גאַנצע וועלט.

דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן און געוואָלט עס אַנידערלייגן לעם אַניקן...

זי האָט אים אָבער נישט געלאָזן:

— ניין. האַלט אים צו און זעץ זיך אַנידער, איך מוז דיר עפּעס איבערגעבן.

— די פלעגערן האָט געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט ריידן.

— דאָך...

— ניין, געליבטע! קודם כל וועל איך גיין אין געמיינדע אַמט און אָנמעלדן די געבורט פון דעמדאָזיקן קליינעם הער.

— דאָס איז עס טאַקע... אָבער הער מיר אויס.

— שטיל! האָט ער אַ זאָג געטאָן, מיט אַ פינגער אויף די ליפּן.

— ער הייסט קלויד אַמעדיי...

— מסכּים!... קלינג אָן, מזאָל קומען אים אָנטאָן...

— וואַרט! דו דאַרפסט אים בלויז אַנדערקענען, פון דיין זייט. אַלע איבעריגע פאָרמאַליטעטן זענען שוין געמאַכט...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט איר גאַנצער שמערצפולער ליבע, און דערלאַנגט דעם געבורטס-שיין.

— וואָס? וואַרט לאָז מיר אײַנוויקלען דאָס קינד.

ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען. זיין מוח האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן, ווי אַ מאָטאָר וואָס בלייבט שטעקן. ביים ערשטען בליק אויפן פּאַפּיר האָט אָבער זיין געדאַנק ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן . . . ער איז געווען טויט-בלייך, דאָס פּאַפּיר האָט געציטערט אין זיינע הענט:

— דאָס האָסטו געטון!

פאַרציי מיר... הער צו!... איך וועל דיר דערקלערן...

ער האָט איר געמאַכט אַ צייכן זי זאָל שווייגן. דער געבורטס-שיין איז אַרונטערגעפאַלן אויפן פּאַרקעט. אַמעדיי האָט געבראָכן מיט די הענט און זיך געוואָרפן ווי אַ שלאַכט-אָפּפער, וואָס צאַפּלט זיך אונטערן מעסער, דערזעענדיק זיין שרעקליכע פאַרצווייפלונג, אונטער וועלכע ס'האָט זיך באַהאַלטן אַ געוואַלדיגער צאָרן, האָט זי נישט געפונען קיין ווערטער אויף אים צו באַרויקן. ער האָט געפילט, אַז ער גייט אַרויס פון די כּלים, פאַרלירט לגמרי דאָס גלייכגעוויכט און איז איצט פּשוט אָפּצוטאָן דעם שרעקלעכסטן געוואַלד-אַקט. מאָמענטאַל האָט ער זיך אויפגעהערט וואַקלען, איז צוגעשפּרינגען צו דער טיר און מיט אַ ווילדן זשעסט, ווי אַ משוגענער אַרויסגעלאָפן פון צימער.

אַכט טעג נאָכאַנאַנד האָט אַניקע געלעבט אין דער שרעקליכסטער אויפרעגונג. נישט געקוקט אויף אירע ליבפולע בריוו אויף אַלע אירע פּרובן אים צו איבערצייגן — נישט רעכענענדיק זיך מיט בלאַנשען, וועלכער האָט זיך באַמיט מיט אַלע קרעפטן אים צו באַרויקן, — האָט אַמעדיי נישט געוואָלט אָנ-

זיקן מער ווערסאַיל. דער וואַלקאַמף האָט אים געדינט אַלס אַ גוי-זער אויסרייד דיווירקליכע סיבה איז אָבער געווען זיין פאַר-ביטערונג קעגן אַזאַ העסליכער דערנידערונג.

— דו מוזט דאָך אָבער דיין זון אַנדערקענען!

— ס'איז לגמרי צוועקלאָז, זי האָט אים געוואָלט פאַר זיך, און זאָל זי זיך מיט אים האַלטן!

— דו רעדסט נישט לאָגיש! דו האָסט איר דאָך ליב און וועסט אויך אים ליב האָבן... נישט קוקנדיק אויף אַלץ ביסטו דער פאָטער... און קוים וועסטו אים אָנערקענען, וועט ער דאָך טראָגן דיין נאָמען...

— אָבער פאַר וואָס האָט זי מיר פריער נישט צוּוויסן גע-געבן?

— זי זאָגט אַז דו וואָלסט נישט מסכּים געווען.

— דאָס ווייס איך נישט.

אַ אַלזאָ?... איז וואָס?... איך גיב איר, נאַטירליך, נישט גערעכט. דו ווייסט אַז איך האָב מאַניקן פאַרבעטן צו זיין אַנ-עדות, און אַז איך האָב געפּרוווט דיר מודיע צו זיין — אָבער איצט...

— ניין, ניין!

— דו מוזט עס אָבער טאָן, ס'קאָן אַנדערש נישט זיין...

דער שטאָלץ?... אין אַזעלכע פאַלן איז ער אַ שלעכטער יועץ. נאָך די לעצטע דיסקוסיעס, וואָס איך האָב אין פאַרגאַנגענעם חודש געהאַט מיט מיין פרוי, האָב איך שטאַרק אריינגעטראַכט אין גרונד גענומען איז מאַניקע מיט איר פאַרלאַנג צו אַרבעטן, גאָר נישט געווען אַזוי אומגערעכט... אפשר טאַקע גאָר ווייניקער ווי איך. נייע פּרויען, נייע זיטן, מיין אַלטער!... מיר מוזן זיך צוגעוווינען צו דידאָזיקע פיינליכע אָבער אומפאַרמיידליכע קאָנ-פליקטן צווישן זייער יונגער אומאָפּהענגיקייט און אונזער אויטאָ-ריטעט . . . און וואָס באמת, גייט איר זיך פונאַנדער אין דעם פאַל, דו אין אַניקע? ס'איז נישט מער ווי אַ פראַגע פון ווער-טער. איז זי פאַר דיר דער אמתר און איינציג מעגליכער הבר? יאָ, און וואָס פאַרלאַנגט זי פון דיר? אפשוטע קאָנצעס'ע אין

אין דער פאָרם ווײַל אין ענין גופא, דאָס הייסט, וועגן דעם זין פון דער דערציונג, וואָס איר ווילט געבן אייער קלײדן זיינט איר דאָך ביידע איינשטימונג. גיב איר די פּלאַטאָנישע סאַטיספאַקציע, וועלכע זי פאַרלאַנגט. נאָך אַלעמען ליבט זי דיך צערטליכער און אפשר מער ווי דו איר... דו בלײבסט דאָך דער שטאַרקערער...

אין אָוונט נאָכן דאָזיקן שמועס, האָט אַמעדיי אַסיסטירט אין ראָטהויז ביים עפנען די שטים-צעטלען... די ליסטעס זייגען כסדר געוואקסן... זשאקמען... זשאַקמען... זשאַקמען... זיין וואַל איז געווען אַ געזיכערטע... אין זיין טרויעריגן האַרצן האָט עס אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד.

שוין גאַנצע אַכט טעג איז ער נישט געווען אין ווינרסאַיל!..

אַ דעפּעשע פון אַניקען, וואָס ער האָט היינט בייטאָג באַקומען, איז געלעגן ביי אים אין פאָרטפעל לעם דער פאָטאָגראַפיע פון קליינעם קלויד, וואָס בלאַנשע האָט עס אים איבערגעגעבן. זיין צאָרן האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָפּקילן... עפעס האָט אים פּלוצלינג פאַרכאַפּט אַן אומקלאָרע בענקשאַפט נאָך צערטליכקייט. אויב ער האָט זיך געוואָלט איינרעדן, אַז אים פאַרשאַפט נישט מער קיין פאַרגעניגן דער געדאַנק צו זען אַניקן, האָט ער אָבער געשפּירט אַ משונהדיקע עמאָציע טראַכטנדיק וועגן דעם מאָמענט, ווען ער וועט ווידער זען זייער קינד.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער... נאָך אַ האַלבע נאַכט... כאָטש דאָס סקריטיניום* איז נאָך נישט געווען פאַרענדיגט, האָבן אים שוין אַלע גראַטולירט. ער האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אויף זיין ליסטע. פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער וועט פאָרן קיין ווערסאַיל און דאָרט וואַרטן אויפן רעזולטאַט פון די וואַלן. אין דער פּאַראַאַס-גאַס איז אָבער די טיר געווען געשלאָסן. אַניקען האָט ער ערשט געקאָנט זען מאָרגן פרי.

אַז די פלעגערן האָט אים אַריינגעפירט, און ער האָט דערזען אויפן קישן דאָס אָבגעמאָגערטע געזיכט מיט די איינגעפאַלענע אויגן, וואָס האָבן צו אים אזוי מיד און אזוי טרויריג גע-

---

*) ראָס ציילן די שטימען.

שמייכלט, האָט אים פאַרדריקט דאָס האַרץ, און ער האָט זיך מיט גרויס מי קוים באַהערשט.

פונקט ווי זי זאָל אים האָבן געזוכט ערשט נעכטן אין אָוונט, האָט זי אים געפרעגט מכּח די וואָלן און איז געווען גליקלעך מיט זיין דערפאָלג ווערן ווערלכן ס'איז שוין געווען געמאָלדן אין די מאָרגן-צייטונגען. זי האָט נישט געוואָלט ריידן וועגן קינד נישט וויסנדיק מיט וואָס פאַר אַ כּוונות ער איז אַהער געקומען. ס'איז אָבער פונקט געווען די צייט פון זויגן: דער אינסטינקט, אָדער שוין די געוווינהייט — דאָס פּיצעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן קלאָגן.

— וויפיל איז דער זייגער? האָט זי געפרעגט ביי דער פלעגערין:

— נאָך פינף מינוט. איך וועל צוגרייטן דאָס פלעשעלע.

ווי זיי זענען געבליבן אַליין. ער האָט נאָך אויסגעמיטן צו קוקן איר אין געזיכט:

— דו זויגסט אים נישט?

— לעת-עתּה איז עס אוממעגלעך, פונ מיינע מילך ווערט ער קראַנק.

— פאַר וואָס?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פאַר גאָר נישט!... איך וויל אָבער נישט, אַז מ'זאָל אים צוליב דעם אַנטוויינען, ווייל איך האָף, אַז אין עטליכע טעג אַרום זאָל איך ווידער קענען אָנהויבן. דערווייל שאַדט עס מיר.

ער איז צוגעגאַנגען צום וויגעלע, האָט אָנגעקוקט דאָס פּיצעלע, וואָס האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געזוכט מיטן מיילכל די ברוסט וואָס האָט אים געפעלט.

אַמאָדיי האָט אים אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן אין שטערן.

זי האָט געמורמלט:

— איך דאַנק דיר! איך דאַנק דיר! מיין געליבטער! ס'איז נישט געווען קעגן דיר, דו ווייסט זען דו ווייסט זען...

ער האָט אָװעקגעלײגט דאָס קינד אין װיגעלע. איז צו־נעגאַנגען צום בעט און האָט איר באַרויקט:

— שװײג, נישט איצט, שפּעטער... איך װיל זען װי ער טרינקט, דערנאָך גײ איך באַזוכן מײן פֿאַמיליע און נאָכמיטאָג קום איך צוריק... הײנטיקן נאָכמיטאָג...

נישט רעדנדיק קײן װאָרט, האָט אַניקע גענומען אַמעדײס הענט און זײ צוגעדריקט צו אירע ליפּן.

2

מיט דרײ מאָנאַטן שפּעטער אױפֿן ראַספּאַיל־ בולװאַר.

זיצנדיק רויק בײם װיגעלע פֿון איר דרעמלענדיקן זון, האָט מאַניקע אױטאָמאַטיש אָראָפּגעטריבן די פֿליג, װאָס האָט זיך אַװעקגעזעצט אױף זײן קלײנעם, גערונצעלטן שטערן. זי האָט זיך אָפּגעבן אַ גאַנץ געננױען דין וחשבון װעגן די ענדע־רונגען, װאָס ס'האָט איר געבראַכט דערדאָזיקער צײטװײליקער שטורם...

זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען װי אַזױ האָט זי איבערגעלעבט די צײט זינט זי איז אַװעקגעפֿאָרן קײן װערסאַיל, ביזן טאָג װען זי האָט זיך װידער געקענט אומקערן מיטן קלײנעם קלױדן אין איר באַקװעמע הײם.

שרעקלעכע שטונדן, זי האָט מאָראַליש און פֿיזיש אַריבער־געטראָגן שנײדענדיקע שמערצען... שטונדן, װאָס האָבן שױן איצט געהערט צו דער פֿאַרגאַנגענהײט, װעלכע זי האָט שױן כמעט פֿאַרגעסן, מיט די אַלע װילדע געשרײען און גײסטיקע לײדן, װאָס איצט איז פֿון זײ בלױז געבליבן אַ גרױסע רויקײט, דער שטאָלץ אַז זי האָט געליטן, כּדי צו קאָנען געבן דאָס לעבן.

דאָס בוך װאָס זי האָט, אַ פֿאַרטראַכטע אַװעקגעלײגט אױף די קני, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט, און אַז ס'האָט זיך געעפֿנט איז פֿון איר אַרױסגעפֿאַלן די קאַרטע, מיט װעלכער זי האָט זיך

פאַנוצן ביים אויפשניידן די זייטלאַך. זי האָט עס אויפגעהויבן — ס'איז געווען די מעלדונג וועגן קלוידס געבורט!

צופרידן האָט זי עס נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט: פריילין אַניקע רעמבער און העד אַמעדיי זשאַקמען האָבן דעם כּבוד אייך צו מעלדן וועגן דעם געבורט פון זייער זון קלויד אַמעדיי . . .

סאַראַ סקאַנדאַל! זי האָט נאָך איצט פון דעם געלאַכט.

מ'האָט אויפגעהויבן אַזאַ „ויצעקו" ס'האָט זיך דערהערט אַזאַ געשריי, ווי בעת מ'וואַרפט אַריין אַ שטיין אין אַ טייך פון צפרדעים, פון זשאַבעס. פון ביידע זייטן, פון די אָנהענגער, ווי פון די אָפּאָזיציע, האָבן זיי באַקומען גאַנצע פּעק קאָרעספּאָנדענץ, פול זידלערייען און גליקווונשן, צו שריפטן פון אומבאַקאַנטע און אַנאָנימע ברייוו.

די אומגעוויינלעכע מעלדונג איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין די פּרעסע און האָט אַרויסגערופן אַ פאָרמעלע דיסקוסיע. די לאָקאַל-רעפּאָרטערן פון פאַרשיידענע קליינע צייטונגען, האָבן נאָך אַ צייט לאַנג געשמירט וועגן דעם גאַנצע אַרטיקלען.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אַ העפטיקע סצענע צווישן פרוי מאָרעוויל מיט איר זון, איז זאַגאַר דערשינען אַ אָנגריף־אַרטיקל אין „אַפּפעל" מיט דער אונטערשריפט „ווינדעקס". ער האָט קריטיקירט די חוצפּה פון אַזאַ פּראָוואָקאַציע, די שעמלאָזיקייט פון דערדאָזיקער אומגעהערטער באַליידיגונג קעגן דער געזעצלעכער חתונה אין דער פאַמיליע מיט אַזאַ גאַסן-סטיל, אַז אַז זיי האָבן תּמיד דערקענט די רעדנערקראַפט פון הער מאָרעוואַל.

צווישן דעם רעוואָלוציאָנער'ן זון און אַמפּערטע עלטערן, איז אויסגעבראָכן אַן אָפענע קריגס-דערקלערונג. דער מבול פון פאָרווורפן, וואָס פרוי מארעוויל האָט פאַרשפּרייט אַזאַ מיאוסן גערודער, אַז אַמעדיי האָט באַשלאָסן זיך לגמרי צוריקצוציען. ער האָט זיי געלאָזן פרייע הענט צו שיטן מיט קללות און קינות וויפיל זייער האַרץ גלוסט. ער האָט לגמרי אויפגעהערט אויף דעם צורעגירן.

— איר וועט מיר מער נישט זען, ביז איר וועט זיך איבערצייגן אין אייער פאַלשן שריט...

— עלענדער נאַר! דאָס ביסטו דער פאַרפירטער!

— אַדיע, איך וואַרט אויף אייער אַנטשולדיגונג!

— קיינמאָל אין לעבן נישט!

— אַלזאָ, קיינמאָל אין לעבן נישט

די פעסטקייט און בכבודיקייט פון זיין האַלטונג האָט אָגגעפילט אַניקען מיט אַ צערטליכער באַוואונדערונג. זי האָט גאַנץ גוט געזען ווי טייער אַמעדיי באַצאָלט פאַר זיין מוטיגער דערקלערונג, און האָט אָנגעווענדעט אַלע אירע קרעפטן, כדי צו היילן מיט איר אויסערגעוויינליכער צערטליכקייט דידאָזיגע שמערצפולע וואונד.

אינטואיטיוו האָט אַניקע געשפירט, אַז זיין גאַנצע פאַרביטערונג, וואָס איז נאָך אייגנטליך נישט פאַרשוואונדן, האָט ער איצט איבערגעטראָגן פון איר אויף די מאַרעוואַלס. אַ בעהאַלטענער האַס. פון וועלכן ס׳איז שווער געווען אים אויסצוקורירן.

די פיינטזעליקייטן, איבערהויפּט די כאַמע העפטיגע, האָבן נישט לאַנג געדויערט. דאָך האָט נאָך אַניקע געשפירט דעם בעהאַלטענעם כעס אין די שיינע פראַזן, וואָס די אַלטע דאַמע האָט מיטעליכע טעג צוריק אַריינגעשיקט אַלס איינלייטונג צו איר נאָכגעבן. אין אַ לאַנגן בריוו צו אַמעדייע׳ן האָט זי דאָך מודה געווען, אַז מ׳האָט אויסגענוצט איר גוטן גלויבן. כאָטש זי באַקלאָגט נאָך כסדר די פאָרם, וועלכע ער האָט, לויט זיין מיינונג, געמוזט געבן זייער פאַרבינדונג מיט פריילין רעמברע, בויגט זי זיך פאַר איר אָרענטליכקייט און אירע פאַרדינסטן. ס׳וואָלט איר פאַרשאַפט פיל פרייד צוזען ווידער איר זון. וועגן דער פאַרגאַנגענהייט וועט מען מער נישט ריידן, און דערווייל בעט זי אים אָנצוקישן פון אירעטוועגן איר קליינעם אייניקעל.

א נייע געפאַר, צו וועלכער זי מוז זיך ווי געהעריג צוגרייטן!... אַמעדיי האָט זיך אַזוי געפרייט מיט דעררדאָזיגער אָפענהערציקער חרטה — דעקלאַראַציע, אַז זי איז געוואָרן אומרויק. ער האָט גלייך אָנגענומען די איינלאַדונג צום מיטאָג ביי

זיינע עלטערן, כּדי וואָס גיכער צו פאַרפעסטיקן דעם פרידענס־טראַקטאַט. וועגן דערדאָזיקער צערעמאָניע האָט ער איר בלויז איבערגעגעבן גאַנץ קורצע פּרטים. וואָס קלערט ער גופא וועגן דעם גאַנצן ענין? ווי ס'זעט אויס האָט ער אַליין נישט קיין צו גרויסן צוטרוי, און אפשר באַהאַלט ער נאָך עפּעס פון איר?

זי האָט זיך כּסדר געפרעגט וואָס אַזוינס שטעקט איצט אינטער זיין גוטער שטימונג און זיין פולשטענדיקער רויקייט... יאָ, ער האָט קאַפּיטולירט פאַרן געשעענעם פאַקט און דערפילט זיין פליכט (פאַרן צוריקערן קיין פאַריז האָט ער קלוידן אָנ־דערקענט) צי איז עס אָבער מעגליך, אַז ער איז ווידער גליק־ליך — אַזוי פולשטענדיק — אַזוי ווי פריער?...

זי האָט עס נישט געגלויבט, אָבער געה פּט. אַז דורך איר ליעבער פולער באַנעמונג דורך איר פאַרמאַנענטער אויפמערקזאַמקייט וועט איר סוף כּל סוף געלינגען צו דערהאַלטן די ווירקונג פון די טעג.. אַמעדייס וווּנד וועט זיך מיט דער צייט פאַרנאַרבן. דער צו איז איצט זיין לעבן אַ סך אינהאַלטסרייכער און זיין אַרבעט אַבסאָרבירט אים אינגאַנצן, פיל מער נאָך ווי ווען ס'איז...

דורך די וואַלן איז די קאַמער, אין אַ געוויסער מאָס, אָפּגעריייניגט געוואָרן פון „עם־הארצות און נאַרישקייט".

פאַריז האָט ווידער געוויילט פּיער רוססאַט, און לעבא איז דורכגעפאַלן... פון צייט צו צייט רייסט זיך אַלזאָ יאָ דורך עפּעס אַ מין אויפבליץ פון גערעכטיקייט!... נאָך דער ציקעראָן דיק־טאַטור איז אַנטשטאַנען אַ מיניסטעריום פון לינקע, וואָס האָט זיך באַמיט צוצופירן דאָס לאַנד צו אַנ'עראָ פון אינטערנאַציאָ־נאַלן שלום און אייראָפּייאישע רעקאָנסטרוקציע. דער רור־געביט איז עוואַקואירט און דער אַנטשעדיגונג־טראַקטאַט איז אַ דאַנק דעם אויסגלייך צווישן די פאַרבינדעטע סוף כּל סוף דורכגעפירט געוואָרן. מ'האָט געשמועסט וועגן דער דעמיסיע פון פּרעזידענט ווילפּא: „זיך אינטערוואַרפן אָדער אַבדוקירן". אַמעדיי האָט אָבער דעם מענטשן צו גוט געקענט, ביי אים איז קיין שום צווייפל נישט געווען, אַז ער וועט זיך אינטערוואַרפן! וואָס אַנבאַלאַנגט דעם „אַפּעל" האָט ער, אין דיגסט ביי־

ראשאַרן און לטובת די געמיינזאַמע אינטערעסן פון דער מעטאַל־אינדוסטריע ווייטער געפירט זיין פּילדייטיקע, האַלב רעאַקציאָנערע האַלב פּראָגרעסיווע פּאָליטיק.

דער אַלטער סיקאָפאַנט*) האָט באַצאָלט פאַר זיין צווייטן מאַנדאַט אין דעפּאַרטאַמענט פון דער אונטער־סענאַ נישט מער און נישט ווייניקער ווי פינף מאָל הונדערט טויזנט פראַנק.

לעבאַ האָט זיך איבער זיין דורכפאַל אין פּאַרלאַמענט געטרייסט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אויפן אַדרעס פון דער אַקאַדעמיע אַ קאַמף קעגן דער געבורטן־פאַרמינדערונג, דורך דערדאָזיקער מלחמה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פילאַנטראָפּישן און פּאַטריאָטישן כאַראַקטער, האָט ער זיך דערוואָרבן נייע פאַרדינסטן וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט געפּאַסט צו יענע, וואָס ער האָט געשאַפן דורך זיין פריערדיקן קאַמף קעגן „דער פאַרשטאַרקונג פון דער זיטנלאָזיקייט”.

רייכמייער האָט באַקומען דאָס ערן־בענדל און איינגעאָרדענט דערפאַר „די זופּ פאַרן פאָלק”. די „מאַרשאַלן” האָט ער פאַרקויפט אַן אַמעריקאַנער, בעת זשאַן רוסאַט האָט ערנסט געאַרבעט ביים פאַרענדיקן זיין גרויסן טריפּטיכאָן „נאָכן קריג” אין דער רויקער זיניקער גאַילזרד, אין אַ קליינעם ים־קוואָרט, ביי די מורישע ברעגעס צווישן קאָרק־דעמבעס און פּיניען־בוימער.

צאַניקע האָט זיך פאַרגענומען, אויפן פאַל, אַז אַמעדיי זאָל דורכפירן זיין פּראָיעקט, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין אַ צייט לאַנג אַרומגעטראָגן, יועגן אַ רייזע קיין אַמעריקאַ, צו פאַרברענגען אויגוסט און סעפּטעמבער מיט קלוידינגעטן ביים מאָלער ווין סען־אויגולף אַ שכנישע שטעטל ביים ים־ברעג.

זיי וועלן אָפּדינגען אַ ווילע צוזאַמען מיט פרוי ברוסאַט און זיעליאַנאָוון, האָפענטלעך וועט מערעטע, וועלכע האָט זיך פון אַ געוויסער צייט אָן געשפירט מיד און אָנגעשטרענגט, ענדלעך איינוויליקן איר צו באַגלייטן, נישט געקוקט אויף איר מורא פאַר דער היץ...

זי וועט זיך באמת פרייען, אַז איר וועט געלונגען צו באַאיינפלוסן איר אַלטע פריינדין. ס׳וועט ווירקלעך זיין דיער

*) אַ רכילות טרייבער צו ליבן אייגענעם נוצן.

געבנעם נאָך אַ שווער אַרבעטס-יאָר, אַרומצוטאַנצן דאָרט אַפּאָר חדשים ווי אַ וויצוויאָרקע. ווייל דער אורלויב האָט זיך געענדיקט! — האָט זי זיך געזאָגט, מ׳מוז זיך ווידער נעמען צו דער אַדוואָקאַטור, און אָניאָגן די פאַרלאָרענע צייט!...

זי האָט זיך אַ הויב געטאָן, געשמייכלט צום פּיצעלע וואָס האָט מיט צונויפגעפּרעסטע פויסטן, שטיל געאָטעמט און איבערגעדעקט דאָס וויגעלע מיט אַ וואָלענעם פאַרהאַנגעל.

דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום קאַמין און האָט אָנ׳עפן געטאָן אַ ׳אַקטן-פּאָרטפעל, וואָס זי האָט דאָרט אַוועקגעלייגט, אַריינקומענדיק פון אַרבעטס-צימער... זי האָט עס אָנגעהויבן דורכבלעטערן, און אין דעם מאָמענט איז אַמעדיי פאָרזיכטיק אַריין אין צימער.

ער האָט געוווּסט אַז דאָס קינד שלאָפט רויק נאָך יעדער עסן, וואָס די מוטער האָט פּוּקסירט די שטונדן מיט אַ מעדיצינישער פּינקטליכקייט. אַז ער האָט דערזען אַניקען, אַריבערגעבויגן איבער די אַקטן איז מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן דער אויסדרוק פון צופרידענהייט וואָס האָט פריער באַלויכטן זיין געזיכט. (פאַרן אַוועקגאַנג האָט ער איר האַרציק אַרומגענומען).

— וואַרף עס אַוועק! האָט ער געזאָגט... זשאַקעט וועט עס שוין ברענגען אין אָרדנונג.

זשאַקעט איז געווען איינער פון די סעקרעטאַרן וואָס האָט פון סעפּטעמבער אָן פאַרטרעטן אַניקען.

זי האָט אים איבעראַשט אָנגעקוקט און אָנגעהויבן לאַכן:

— איך אַרבעט דאָך נישט פאַר דיר נאָר פאַר מיר!

— איך האָב עס שוין אַזוי פיל מאָל געהערט!

— איך האָב געמיינט, אַז איצט וועסטו — אָ! חלילה נישט אויף שטענדיק, זיי רויק, נאָר נאָך אויף אַ געוויסער צייט קאָנען איבערלאָזן לכל הפּחות אַ טייל פון דיינע באַשעפטיקונגען... צי דען נעמט דאָס קינד נישט אָפּ ביי דיר דיין גאַנצע צייט?

אַניקע האָט פּלוצלינג דערשפּירט אַ שטיקן אין האַלדז. דער וואָפענשטילשטאַנד, הייסט עס, ענדיקט זיך! יאָ, כל זמן זי האָט זיך באַנוגענט מיט דער ראָל פון אַ „מאַמושע" פון

אַנ'איבערגעגעבענער ווירטן —וואָס לויט אמעדייס חלום איז עס איר איינציגע באַשטימונג - איז אַלץ געווען שיין און פיין!... אָבער איצט קוים האָט זי מאַניפעסטירט, נאָך אפילו נישט איר באַשלוס, נאָר איר ווילן זיך נעמען צוריק צו דער אַרבעט!...

רויק האָט זי באַמערקט:

— דו ווייסט זייער גוט, אַז נישט געקוקט אויף מיין הייסן ווונש קלוידן אַליין ווייטער צו שטילן און אויף דער אַנטשפּרעכענדיקער דיעטע, האָב איך דאָך נישט קיין מילך לגמרי. קעגן מיין ווילן האָב איך זיך שוין זינט אַכט טאָג געמוזט אומקערן צוריק צו דער פלעשל... צום גליק איז אמעליע די פאַרקערפּערונג פון ריינליכקייט אַליין. דער סטעריליזיר-אַפּאַראַט און די זויג-פלאַש בלאַנקן פון זויבערקייט. זי איז פאַר מיר אַנ'אויסגעצייכנטע געהילפין.

— אַ נייער איינפאַל! שוין בעסער אַ גוטע אַם...

— ניין! אַ גוטע קו! ... יעדער'ן זיין באַרוף! די האַמעס דאַרפן אַליין זויגן זייערע קינדער, אויב זיי קאָנען עס נאָר, נישט פאַרקויפן זייער מילך די רייכע, ווייל זיי זענען אָרים און באַרויבן זייערע אייגענע קינדער... יאָ! אונטער די אַלע עקספּלואַטאַציע—פאָרמען פון דער פרוי איז'ס די ערגסטע, וואָס דערנידערט איר, באמת, צו אַ צושטאַנד פון אַ „בהמה", ווי מ'זאָגט אין איוועלינעס

— ביסטו, הייסט'ס, דעצידירט אמעליען איבערצולאָזן אויך אויף ווייטער?

— נאַטירליך, ווייל פרוי ברוססאט גאַראַנטירט פאַר איר. האָסטו עפּעס דאַגעגן? ער האָט אַ מאָמענט געשוויגען און דערנאָך רויק געזאָגט:

— לגמרי גאָר נישט, אויב אונזער פריינדן גאַראַנטירט פאר איר, קאָנען מיר זיין גאַנץ רויק... כאָטש, צווישן אונז גערעדט, מוז איך זאָגן, אַז דער מאַטעריאַל פון וועלכן ס'רעקרוטירט זיך דער היים און א טייל...

— האָסט עפּעס אַ בעסערן פאָרשלאַג פאַר מיר?

ער האָט ווידער אַ מאָמענט געשוויגן.

— ניין. ווייל ס'איז דאָך שוין אַ געשעענער פאַקט. אויסער

דעם וואָלסטו דערויף געוויס נישט איינגעגאַנגען...

זי האָט געשאָקעלט מיטן קאָפּ, אויפּפּאַסענדיק גלייך דעם צוזאַמענהאַנג:

— ווייל דאָס איז זיכער אַ פּערזאָן, וואָס דיין מוטער פּראָטעזשירט איר?... נעכטן, יאָ, בעת דו ביסט דאָרט געווען צו מיטאָג?... אַזאַ פּאַראיינטערעסירונג, שוין ביים ערשטן מאָל, ווי דו ביסט ווידער אַריבערגעטרעטן איר שוועל!... פאַרוואָס האָסטו מיר גאָר וועגן דעם נישט געזאָגט?...

— איך האָב עס באמת נישט געהאַלטן פאַר אַזוי וויכטיק

ער האָט איר צערטליך אָנגעקוקט. די מוטערשאַפט האָט איצט, נאָך דער ליבע פאַרענדיקט די אַנטוויקלונג פון איר שיינער פיגור. ער האָט זיך אַנציקט מיט איר אויסזען, בכלל האָבן אַלע זיינע ספקות נישט לאַנג געקאָנט בײשטיין קעגן איר ווי גאָלד שעמערירענדיקן בליק.

דערפאַר פלעגן זיי אָבער צוריק קומען מיט אַ גרעסערער לעבהאַפטיקייט, קוים פלעגט ער צופעליג בלייבן אַליין און זיך אַנדרויבן גרייבלען אין די מאָטיוון פון זיין אומצופרידנקייט. טיף אין הארצן האָט אים כסדר געגאָגט דער געפיל פון דערנידעריגונג, וואָס ער האָט קעגן זיין ווילן, געמוזט רעזיגנירן אויף זיינע טיפסטע איבערצייגונגען. באַרויבט פון זיין פאָטערליכער מאַכט, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין אַניקן זיין דורכפאַל און אין כימרע עובדה צו באַזיגן זיין ווילן. ער האָט כסדר געקלערט וועגן אַ רעוואַנש, האָט זיך גערעכנט מיט איר מידקייט, מיט דעם, וואָס זי גייט אַריין אין געשמאַק פון אַ פאַמיליען-לעבן און ער האָט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז סוף כל סוף וועט אים געלינגען איר צו באַיינפלוסן זי זאָל זיך צופּאַסן צו איר וויר ליכער ראָל — פון אַ פאַמיליען-מוטער און גלייכצייטיק אים מיטהעלפן ביי זיין אַרבעט אַלס סעקרעטאַרן.

מיסטרויענדיק האָט אַניקע געפרעגט:

— און ווער איז אייגנטליך, דיין פּראָטעזשע?

— אַן׳עלטערע פרוי. אַן׳אַלמנה וואָס איז געווען גוט אַפּגעשטעלט, האָט אָבער געהאַט אַן׳אומגליק...

— זאָג אָפן, איינע יואָס אַ מאָל געווען רייך!

— נישט גראָד דאָס... אָבער כמעט...

— אויב אַזוי דאַנק איך דיר זייער. מיר איז ליבער אַ יונגע, פשוטע מיידעל, וואָס איר איז פריער געווען שלעכט... ווייניגסטענס קאָן איך איר עפעס העלפן און איר דרעסירן וויט מיין געשמאַק.

ער האָט זיך געריבן די הענט מיט אַ צופרידענער מינע.

— איך פערלאָז זיך אינגאַנצן אויף דיר, דו ביסט פאַר מיר אַן אויטאָריטעט!... אַה! דיין קינד כאַפּט זיך אויף.

זי האָט אים כלומרשט געדראָעט מיט דער פויסט.

דאָס איז געווען דער לעצטער שטאָכוואָרט, מיט וועלכן ער פלעגט זיך איצט כסדר באַנוצן, נישט קיין בייזווילליגער, אָבער נישט קיין איבעריג אַנגענעמער. „דיין זון!״ אַנדערש האָט ער קלויד׳ן אין אַניקעס אַנוועזנהייט נישט גערופן.

דאס קינד האט שטיל געוויינט. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּאָרהענגל, און ס׳האָט זיך גלייך באַרויקט.

— דיין פאָטער איז אַן׳עמפינדליכער הער! האָט זי זיך געוויצעלט.

— דו ווערסט נישט געפינען קיין סך, וואָס זאָלן זיך אַזוי צופּאַסען, האָט ער באַמערקט איר אַרומגעמענדיק... אויף ווידערזען!...

אַה! איך האָב שיער נישט פאַרגעסן, היינט וועל איך צום אָווענטברויט נישט זיין... זשאַקעט איז מיר געקומען. דערמאַנען. אַז איך האָב אַבאַנקעט... „זשאָרע׳ס פריינט״.

— גוט! אויב אַזוי וועל איך אויסנוצן דעם אָוונט און גיין צו פּאַאולין. זי איז אַליין און פילט זיך נישט גוט, נישט געקוקט אויפן געלונגענעם אַנטווינן... פון ראַגערן נאַטירליך, נישמאָ קיין שום ידיעות! ער געפינט זיך אַלץ אויפ׳ן ים! דידאָזיקע אומענדליכע רייזע לאָזן איר פשוט נישט רוען... און מיט מאַרטינעט׳ן רייסט מען זיך אַרום, ווי מ׳האָט עס געקאָנט פאַרויסזען...

— ווען זי זאָל געווסט פאלגן דיין עצה...!

— זייגן זיי, הייסט עס, צייטענווייז יאָ גוט?
ער האָט זיך נישט געוואָלט דערקלערן אלס באַזיגט און
אַ זאָג געטאָן:
— אָך! פאַר אַנדערע זעט מען שטענדיג בעסער.

III.

פּאַולא האָט אַ לענגערע צייט נישט באַקומען פון ראָגערן קיין שום נאַכריכט, און איר נערוואָזיטעט איז געוואקסן פון טאָג צו טאָג. זי האָט געשוועבט אין אַ פּאַנישן שרעק צווישן דער האָפענונג אויף פרייהייט, ווי נאָר ראָגער וועט צוריק קומען אין צווישן דעם ווידערווילן פאַר דער קנעכטשאַפט, וואָס זי האָט, צוליב איר שוואַכקייט, אויף זיך גענומען. אליין מיט מאַרטינעט׳ן, און וועלכער ס׳איז מאראלישען הילף אויסער די טייערע בריוו פון יאַפּאָניע, האָט זי ווידער געמוזט ווערען אַ קרבן פון זיינע נידעריקע תאוות. פאַר די פּאָלגן האָט ער שוין מער נישט געהאט וואָס מורא צו האָבן — „דאָס אומגליק איז דאָך שוין געשען, ניין?" און דער מאַן האָט זיך איצט געקאָנט פאַרגינן אַ פאַרגעניגן וואס קאסט קיין געלד נישט, וויפיל זיין הארץ גלוסט... זי פלעגט ווערען אַנ׳אויפגעציטערטע, דערזעענדיק זיין פעטן גוף, זיינע שטארקע פויסטן און די רויטע באָרד.

אַניקע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי פּאַאולן אין שלאָפצימער לעבן קינדס וויגעלע און די שוועסטער האָט אויסגעגאָסן פאַר איר די גאַנצע ביטערע האַרץ. ס׳האָט זיך דערהערט אַ ברוּטאַלער האַק מיטן טיר אין פּאָרצימער. זי האָט דערקענט זיין שווערן טריט, און איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע.

— דאָס איז ער...

מארטינעט איז אריין אַנ׳אָנגעבלאָזענער.

— אויף מיר האָט איר זיך נישט געריכט, וואס?

פּאַאולא האָט געשטאַמעלט:

— ניין, דו האָסט מיר געזאָגט... דו זעסט.. איך האָב איינגעלאַדן אַניקן...

— די פרוי אדוואָקאַטין! ניין, עפּעס אַזוינס... ס'אַ כבוד!...

ער האָט אָנגעקלונגען. פינע, דאָס מיידל צו אַלץ — (כאָטש ער האָט געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן, האָט דער בריליאַנטן-הענדלער געהאַלטן אַז זי און פּאַולאַ זענען פול-שטענדיק גענוג) האָט זיך באַוויזן אין טיר מיט איר לאַנגן, ביינערדיקן, פערדישן פּנים.

— נאָך געשיר פאַר מיר אויך, מיין קינד, און דערלאַנג צום טיש!

ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער זופּ אַריינגיסענדיק זיך פריער אין טעלער אַ גלאָז ווייַן. — „דאָס פרישט אָפּ!" האָט ער באַמערקט. און באַלד האָט ער זיך גענומען דער-קלערן פאַר וואָס ער האָט געענדערט זיין פּראָגראַם און די אורזאַך פון זיין שלעכטער שטימונג.

— אָה! גאָט איז מיין עדות! איך האָב באמת קיין חשק נישט געהאַט צו זיצן היינטיקן אָוונט דאָ... איך שטיי אייך אין וועג וואָס? צושטערט אַלע אייערע פּלענער?...

ער האָט אָפּגעשניטן פאַר זיך אַ גרויסע שטיק רינד-פלייש און אָנגעלייגט אַ טעלער געמיזע דערנאָך האָט ער ערשט דערלאַנגט צוריק די שיסעל.

— היינט האָב איך געהאַט אַ שלימזלדיקן טאָג! ערש-טענס האָב איך פאַרלאָרן אַ קליינעם פּערל, פאַר וועלכן דער גאָלד-אַרבייטער וועראַן אויפן בולוואַר באָן-נוועלי האָט מיר געזאָלט געבן דערפאַר טויזנט פראַנק ... יאָ, מיינע דאַמען פאַר טויזנט פראַנק קאַפּוט! און איך האָב זיי נויטיק געדאַרפט האָבן אויף אויסצוקויפן מאָרגן אַ וועקסל פון פיר הונדערט פראַנק... דערנאָך קום איך צו לערמאַן, וואָס האָט מיך איינ-געלאַדן אויף זעקס אַזייגער אין רעסטאָראַן און ... געפין אים אין בעט! אַ פלוקסיע! אַ צאָנגעשוויר! ... און דאָ האָב איך באַשלאָסן: איך וועל מאַכן פאַר אייך אַ סורפּריז. איידער גיין עסן ער-געץ ווו איז גלייכער אין דער היים... ס'וועט זיין בעסער און

קאָסט נישט קיין גראָשן. ער האָט פאַרשטייט זיך, נישט צוגעגעבן, אַז דער פלומרשטער לערמאַן, איז פאַקטיש געווען די פריילין בערטאַ וואָס, באַקומענדיק אַ שטאַרקן מיגרען, האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט מיט אַ קאַלטן קאָמפרעס אויפן שטערן, אויסגעלאָשן אַלע לאָמפן און אים פראָסט פשוט געוויזן די טיר.

ער האָט זיך געקראַצט אין שטערן. דענערווירט וועגן דעם וועקסל, וואָס איז מאָרגן פעליג, דעם העזק פון פאַרלאָרענעם פערל און מכח די פיר הונדערט פראַנק, וואָס ער מוז אומבאַדינגט האָבן. נעמען פון געלט, וואָס ער גיט אויף הוצאה? אינמעגליך ... פאַאולינאַ קלאָגט אַזוי אויך, אַז זי קומט נישט אויס. אַרויסציען די דאָזיקע סומע פון זיין באַנק־קאָנטע? פון דער דאָזיקער היפאָטעזע וואָלט זיין קמצנות צו שטאַרק געליטן. אָבער צי דען האָט זיין פרוי נישט באַקומען נעכטן אין אָוונט גאַנצע פינף הונדערט פראַנק פאַר עטליכע מוזיקאַלישע פרימאָרגענס? ... און אָט האָט ער שוין וואָס ער דאַרף! מיט דער דאָזיגער סומע קאָן ער אַלץ איינאָרדנען.

מיט גרויס אויטאָריטעט האָט ער אָפגערוקט די שיסל קרעם וואָס פינע האָט דערלאַנגט און, אָנשטאָט צו נעמען זיך, אַלס קאָפ פון, דער פאַמיליע, דעם ערשטן ליבן — חלק, האָט ער׳ס גאַלאַנט אונטערגעטראָגן די ביידע פרויען.

פאַאולאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

וואָס זאָל עס באַדייטן, לכל הדעות איז עס נישט אומזיסט...

מיט באַדויערן און בליק האָט ער געצוואַרט ביז די שיסל וועט זיך ווידער פון פאַאולינען און אַניקן, אומקערן צוריק צו אים. מיט צופרידענהייט האָט ער איר אַ נעם געטאָן אויסגעליידיקט מיט איין קלאַפ אויף זיין טעלער און געגעסן אַזוי געשמאַק אַז ס׳האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן צימער.

— די קרעם איז אַן אמתע דעליקאַטעס! האָט ער דערקלערט. נאַטירליך, דאַרף פינע דערפון נישט וויסן, מ׳קען שוין אַזוי אויך פון איר נישט אויסהאַלטן. דער דאָזיגער פערד וועט מיגען. אַז מ׳קאָן זיך אָן איר גאָר נישט באַגיין. איך

יעל איר סיי ווי אין איינעם פון די גאַנסטע טעג משלח זיין, קוים וועל איך נאָר געפינען אַ פּיינערע. — זי האָט אַזוי ליב געהאַט זיך, און היינט איז אָפּ אויסגעצייכענט,

— דאָס איז נישט די אויפגאַבע פון קיין דינסט. דערצו איז דאָ אַ מאַמע... אַז דו וועסט די גאַנצע צייט נישט שפּילן אויף דער האַרפע!... אָדער אויף דער פלייט!...
פּאַולאַ האָט אַ הויב געטאָן די אויגן צום סופיט, און אַניקע האָט מיט פאַראַכטונג געטרומעלט מיט די פינגער אויפן טישטוך. פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איז נישט דער רעכטער וועג: „מיט עסיג כאַפּט מען נישט קיין פליגן"...

—אָ! דו ביסט פריי, זעלבסטפאַרשטענדליך. דיין שוועסטער האָט דיר געגעבן אַריין אין קאָפּ: די רעכט פון דער פרוי... און באַלד די פּאָליטישע רעכט... איך האַלט זייער ווייניג פון די דאָזיגע אַלע מעשיות. דערפאַר אַנדערקען איך אָבער, אַז דו האָסט אַ טאַלאַנט און בין צופרידן מיט דיין באַרוף, ווייל ער ברייגט טאַקע פּראָפיט!

ווידער האָט ער זיך געקראַצט דעם שטערן, זיין געוויינליכער זשעסט בעת ער האָט געהאַט עפּעס אַ דאגה. פּאַולאַ האָט אין גאַנצן געציטערט. ער האָט פאַרוויקלט זיין סערוועטקע און איר אַריינגעלייגט אין דער מיט קאָרנבלומען געשטיקטער בייטעלע. פּלוצלינג איז ער איבערגעגאַנגען צו דער אַטאַקע:
— ווייסטו וואָס דו וואָלסט געטאָן ווען דו זאָלסט זיין פאַרשטענדיג. דו וואָלסט מיר געגעבן די פיר הונדערט פראַנק אויף באַצאָלן מאָרגן דעם וועקסל...
— אָבער...

— דו קאָנסט עס טאָן. דו האָסט דאָך נאָר וואָס באַקומען גאַנצע פינף.
— אמת...

זי האָט נישט געוווּסט ווי אַרויסצוקריכן. ער האָט איר צוגעדריקט צו דער וואַנט. ער איז געווען זיכער, אַז ווי תמיד, וועט זי אים אויך היינט נאָכגעבן. און אַזוי ווי אַניקע און

פּאולאַ זענען אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט ער פריינדלעך ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער ווייבס אַקסעל, בעת פינע האָט האַסטיק אָנ׳עפן געטאָן די גלעזערנע טיר פון זאַל.

פינע! האָט ער באַפוילן — דעם קאָניאַק!

פּאַולאַ האָט זיך אַוועקזעצט אין אַ ווינקעל אויף אַ פאָטעל אין סטיל פון לודוויג דעם זעכצעגטן. — באַגילטע העלץ און בראָקאָט זיידענער איבערצוג, פון דער פירמע די פּאַעל־וואָס ביי איר מאַן אין די אויגן איז עס געווען צייכן פון דער העכסטער בירגערליכער עלעגאַנץ.

אַניקע האָט אַ נעם געטאָן אַ טאַבורעטקע און זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער שוועסטערס פיס. זי האָט אַרומגענומען אירע קני און איר פאַרדעקט מיטן איינגעבויגענעם קערפּער ווי מיט אַ שוצוואַל.

הער מאַרטנעט, האָט אַרומגעשפּרייזט איבער׳ן צימער מיט וואַקלדיקע טריט ווי אַ בער אין שטייג. אַז פינע האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליין טישעלע די טאַץ מיט די פלאַש און די ליקער גלעזעלאַך האָט ער זיך געמיטליך גענומען צום טרינקען.

— נישט איבערן ראנד!

דערנאָך האָט ער מיט כח אַריינגערוקט דעם פּראָפּן אין העלדזל און אָנגעצייכנט דעם איצטיקן ניוואָ פון ליקער, מאַכנדיק אַ סימן מיטן נאָגל אויפ׳ן עטיקעט.

— איצט קאָן מען זיין רויק, האָט ער געלאַכט.

פּאַאולא האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס:

פינע טרינקט קיין מאָל נישט.

— זאָל זי דערציילן אַ מעשה... אָבער דער קיילער־יונג אָדער דער גאַסנהענדלער... ביי די ווייבער קאָן מען בכלל עפּעס וויסן...

— אַ דאַנק אייך אין זייער נאָמען, האָט אַניקע אַ זאָג געטאָן.

ניין, ער האָט נישט געהאַט ברעה זיך צו קריגן. אויף דיסקוסיעס איז איצט נישט געווען קיין פּאַסנדער מאָמענט.

קודם כל מוז ער האָבן די פיר הונדערט פראַנק... ער האָט אַרייַנגעטאָסן מיט איין קלאַפּ דעם שנאַפּס און צופרידן געש־מאַלצט מיטן צונג. איצט האָט אים, כדי צו פאַרדייען גוט דעם עסן נישט געפעלט מער ווי זיין אַלטע פּופּקע. ער האָט זי אַרויסגענומען פון קעשענע צוזאַמען מיט א פּעקל מאַרילאַנד און געשמוגלטע שוועבעלעך, מיט וואָס ער האָט שטאַרק שטאָלצירט...

פּאַולאַ האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם רויך. צוליב איר איז אים אָבער נישט איינגעפאַלן זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ פאַר־גענייגן א צופרידענער האָט ער געצויגן דעם טאַבאַק, וואָס האָט זיך צוברענט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געלאָזן אין דער לופט געדיכטע רויך־רינגען. אזוי! איצט וועט׳ס גיין... ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אין א קאַמף פאָזע נעבן פּאָטעל:

אַלזאָ מיין טייערע אָפּגעמאַכט. דו גיסט מיר די פירהונדערט פראַנק, וואָס? הונדערט וועלן דיר נאָך בלייבן אויף לעבן אַטאָג.

פּאַולאַ, וואָס האָט זיך א דאַנק אַניקעס אַנוועזנהייט געפילט שטאַרק, האָט ציזאַמענגענומען איר גאַנצן מוט און דפ־פיניטיוו דערקלערט:

אויף דעם קאָנסטו מער נישט רעכענען, איך האָב שוין די גאַנצע סומע אויסגעגעבן.

-- וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז ווען איך זאָל דיר אפילו וועלן געבן דאָס געלט, קאָן איך עס שוין נישט.

אויף זיין איבעראַשונג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין א כעס, האָט זי רעאַגירט מיט אַן׳אבסאָלוטער קאַלטקייט...

—האָסט עס... אויסגעגעבן... און מיר גאָר נישט געזאָגט...!

— יאָ, אַזוי איז עס.

— און קאָן מען... קאָן מען אפשר וויסן אויף וואָס?

באַצאָלט דער שניידערין, זי האָט שוין געננוג לאַנג גע־וואַרט... פון דעם וואָס דו גיסט מיר אויף דער הוצאה קאָן איך זיך דאָך נישט קליידן... בלויז א קאָנצערט־טואַלעט קאָסט אי־בער פופצענהונדערט פראַנק... דאָס ווייסטו זייער גוט! דאָס

האָט ער טאַקע געװוּסט, ער האָט אָבער אויך געװוּסט אַז ער איז דער קאָפּ פון דער פאַמיליע און דער אַליין — הערשער.

דער אַבסאָלוטער בעל־הבית איבערן געלט פון זיין פרוי, װעלכער האָט דערצו פולע רעכט איר אָפּצונעמען. זי איז זיין שטומע שקלאַפן זיין אייגענטום. ער האָט געשוויגן:

— נו, דאָס איז שוין אַביסל צו שטאַרק! די מאַדאַם גייט זיך טואַלעטן צו פופצענהונדערט פראַנק, כדי זיך מאַכן שיין פאַר די פיינע הערן! און דער הער זאָל זיך מאַטערן דאָס גאַנצע לעבן כדי צו שאַפן אויף דער הוצאה. װאַרט נאָר איך װעל דיר שוין אַרויסהאַקן פון קאָפּ די האַרפּע און די נאַקעטע הענט!

צו זיין אַנטוישונג װאָס ער האָט נישט די מעגליכקייט צו צאָלן דעם װעקסל איז איצט צוגעקומען דער כעס, אַז זי האָט דאָס געלט ממש אַרויסגעגנבעט ביי אים פון טאַש. אין מער נאָך האָט אים אַמפּערט די קאַלטבלוטיקייט פון אירע ענטפערס, די אומפאַרשעמטע רויקייט פון איר װידער שפּענסטיקייט.

מיטן זעלבן בליק פול שרעקליכן האַס, האָט ער אַרומגעכאַפּט זיין פרוי און דער שװעגערן, די אַלע איינפאַלן, מיט װעלכע פּאַולאַ האָט זיך אַרומגעטראָגן, דער באַרוף, פון װעלכן זי האָט כסדר געהאַט אַ׳אומקאָנטראָלירבאַרע הכנסה און פאַרדינט אַ לאַפּאַנג —דאָס אַלץ איז אַניקעס אויפּטו און זי איז דערפאַר פאַראַנטװאָרטליך. קומענדיק צו דעם דאָזיקן אויספיר האָט ער געפונען, אַז איצט איז דער ריכטיגער מאָמענט צו מאַכן די דאָזיקע װייבעלאַך, אַזאַ סצענע, אַז זיי זאָלן אים האָבן צו געדענקען...

— פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך, מיינע שיינהייטן! ביידע האָבן זיך אַהויב געטאָן פון די ערטער.

פּאַולאַ, נישט רעאַגירענדיק מער אויף זיינע באַליידונגען, האָט אַנעם געטאָן אַניקן פאַר די הענט; אַזוי האָט זי זיך געשפּירט שטאַרקער.

— צי װייסטו טאַקע, אַז דאָס װעט דיר אַזוי גלאַט דורכגיין?... ערשטענס װעט מען פון הייַנט אָן פירן אַ געגויעם

חשבון! איך האָב געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס איך האָב אָפּגעלאָזן די לייצעס, אַ בוך ווי יעדן טאָג מוז אַלץ ווערן פאַרשריבן! הכנסות: וואָס איך צאָל און וואָס דו פאַרדינסט. און אַלע הוצאות... ס'איז אַביסל צו באַקוועם אַרויסצוואַרפן אויפן גאַס פינפהונדערט פראַנק! און מיט דיין פרייהייט קאָנסטו זיך שוין געזעגענען, ווייל דו האָסט זי מיסגעברויכט. פון היינט אָן וועסטו מיר אָפּגעבן אַ גענויעם רעכענונג פון אַלע פּראָפּאָזיציעס וואָס סווערן דיר געמאַכט. פּריוואַט-לעקציעס, סודות, אַלץ... איך וועל דיר אָנלערנען ווי אַזוי צו האָבן פאַר מיר סודות...!

ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ טריומפירענדן געלעכטער.

— און אויף דעם האָב איך פּאָלקאָטע רעכט, די פרוי אַדוואָקאַטין וועט עס דיר באַשטעטיגן! אַזוי דיקטירט דאָס געזעץ... דער דין... הייב נישט די פּלייצעס... ס'וועט דיר נישט העלפן, נישטאָ קיין פאַרטיידיגונג. מ'בינט אייך און איר ליגט, און קאָנט זיך בלויז צאַפּלען!

— איר פאַרגעסט, האָט אַניקע געזאָגט, אַז פּאַולאַ האָט רעכט אויסצוגעבן אירע פאַרדינסטן אָן אייער הסכמה...

— יאָ, אָבער נישט אַרויסוואַרפן זיי אויף נאַרישקייטן און שמאַכטעס! אין אַ ווירטשאַפט איז ווי אויף אַ שיף. פירן, פירט איינער: דער קאַפּיטאַן. און דער קאַפּיטאַן דאָס בין איך...

— אַזוי לאַנג ביז ס'ענדיגט זיך דער קאָנטראַקט, האָט אַניקע געענטפערט.

הער מאַרטינעט האָט אונטערגעפייפט:

— פו — — — !

— פאַרדאָן, אַנטשולדיגט, הער רעכטס-געלערנטער! איר ווילט אפשר רעדן מכח אַ גט?... זייער גוט!... קלאָרע דבורים! ביים גט, ווי ביי דער חתונה, מיזן אָבעד זיין צוויי וואָס זאָלן זאָגן יאָ! נאָר דעמאָלט קאָן מען זיך אָפּדרייען. זאָגט אָבער איינער ניין, העלפט קיין זאַך נישט! איז אונמעגליך פּטור צו ווערן, זיך צו באַפרייען! סיידן, ס'זענען פאַראַן אַזעלכע מאָטיוון, און דער ריכטער גיט אַרויס דעם פּסק-דין... און ווי ס'זעט אויס, האַלט זי טאַקע דערביי! מיר וועלן נאָך

ווען... דערווייל דאַרף זי אָבער נישט, לויט מיין מיינונג, קיין שום פּאַרטייטיגער ווערן מ'מיינט דאָ פּאַרשטייט איר שוין אַליין! פּאַוולאַ איז אַזוי אויך גענוג צודרייט. איר וועט מיר דעריבער מאַכן דאָס פאַרגעניגן און איר לאָזן צו רו, און אָנהייבן טאַקע דערפון אַז איר זאָלט מער נישט אַריבערטרעטן דעם שוועל פון מיין, הויז... און דערמיט, גוטע נאַכט־

אַניקע האָט זיך שטאַלץ אַוועקגעשטעלט. מאַרטינעט האָט איר געוויזן די טיר:

— מיט דער געזעצ־מאַכעריי קאָנט איר זיך באַשעפטיגן אין דער היים, ביי אייער דעפּוטאַט, כּל זמן דאָס אַמוזירט אים. אָבער דאָ, ער האָט אַ האַק געטאָן מיטן פויסט אין טיש, דאָ מוז מען זיך פאָלגן!

ער האָט זיך אויסגעדרייט, אונטערזינגענדיק: „אין לעבן דאַרף מען זיך נישט נעמען צום האַרצן. און איך, איך נעם זיך נישט צום האַרצן...! דעם קאָפּ אין דער הויך האָט ער זיך אָפּגעטראָגן.

אַזאַ אומגעגליכער מענטש! האָט אַניקע אַמפּערט געזיפצט. פאָלגן!... זיך פאָלגן!... די בעסטע ווי די ערגסטע, האַלטן שטענדיק אויפן צונג דאָס דאָזיקע וואָרט!.. דאָס שליכל וואָרט פון דער הייראַט, וואָס פאַרשפּאַרט דער שקלאַפן אומברחמנותדיק אין תּפיסה... זי האָט אַרומגעכאַפּט מיט די הענט פּאַוולען וועלכע האָט זיך געוואָרפן צעווייט אויפן קול. אַרעאַקציע פון דער איינגעהאַלטענער עמאָציע.

— איך גיי מיט דיר פון דאַנען אַוועק. און גינען וועלן מיר מיטנעמען!...

— איך בעט דיך. האָב געדולד נאָך אַ פּאָר טעג. די צווייטע וואָך וועט שוין ראַגער דאָ זיין. האָסט שוין געוואַרט געדולדיג אַזוי לאַנג!... ווי אַפשיילעך און נידעריק די דאָזיקע גאַנצע סצענע איז נישט געווען, וועט זי דאָך אפשר ברענגען אַ געוויסן נוצן.. ווער ווייס צי וועט דער געדאַנק וועגן גט נישט פירן צו די געהעריגע רעזולטאַטן און אפשר טאַקע גאָר גיך!... פאַרליר נאָר נישט דעם מוט. מיר קאָנען זיך אַנדערשוווּ טרעפן. מאָרגן אויפן ראַספּאַל בולוואַר ווען דו ווילסט. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט!
ווידער האָבן זיי זיך הערצליך אַרומגענומען.

IV

פּאַאולאַ האָט קוים באַוויזן צוצושליסן די טיר הינטער איר שוועסטער, ווי זי האָט דערזען מאַרטינעט׳ן. ער האָט איר אָפּגעוואַרט ביי דער טיר פון זאַל.

— איך גיי שלאָפן, האָט זי געזאָגט.

— בלייב!

ער האָט אומרויק געבראָכן מיט די הענט, ער באַדויערט, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ ווילדן כעס. די אַפעקטירטע אַניקע איז אָבער אויך אומערטרעגליך. מיט פּאַאולן וואָלט ער נאָך ווי ס׳איז אויסגעקומען... זי מוז נאָך אַודאי האָבן ביי זיך אַ ביסל געלט. ער האָט זיך כלומרשט געמאַכט גוט:

— דו דאַרפסט נישט זיין אויף מיר אין כעס. איך בין אַן׳אָפענער מענטש. ווען נישט דיין שוועסטער, וואָס איז געקומען אונז פאַרדרייען דעם קאָפּ...! און ווי דו זעסט איז אין אַלעמען שולדיק דער פאַרלאָרענער פערל. איך האָב ווירקליך געמיינט, אַז איך קאָן רעכענען אויף דיר מיט׳ן אָפּצאָלן מאָרגן דעם וועקסל... איבעריגנס וואָלט איך דיר דאָך די דאָזיקע פיר הונדערט פראַנק צוריק געגעבן! זי האָט אים פאַרבלופט אָנגעקוקט, צו פעלט אים באמת דאָס באַוווסט-זיין? אָדער מאַכט ער בלויז דעם אָנשטעל? לכל הדעות איז זי געוועזן אַנטשלאָסן, זיך נישט אַריינצולאָזן מיט אים אין קיין שום דיסקוסיע. זי האָט ביטער געשמייכלט און געמאַכט אַן׳אויסווייכנדיקע באַוועגונג. ער האָט איר אַ נעם געטאָן פאַר׳ן עלענבויגן און געצוווּנגען מיט געוואַלד זיך אָוועקצוזעצ׳ן צו-ריק. זי האָט אָבגעווישט די טרערן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געוואַרט...

— דו וויינסט? וואָס וויינסטו אייגנטליך? נישטאָ נאָך

דערווייל פאַרוואָס צו וויינען! אַנ'אמתער פאָנטאַן! מ'קאָן באמת מיינען, אַז איך מאַטער איר! נעם זיך נישט אַזוי צום האַרצן. הער אויף צו וויינען, מיין ליבע! ער האָט געוואָלט אויפהויבן איר קאָפּ, פּאַאולאַ האָט זיך אָבער נישט געלאָזן:

— לאָז מיך צורו!

אַנשטאַט אָבער פון איר אָפּצושטיין, האָט ער אַרויפּגעלייגט איין האַנט אויף איר באַרקע און מיט דער אַנדערער איר געצוווּנגען אויפצוהויבן דאָס געזיכט. אירע אויגן האָבן פיבער-האַפט געלויכטן, די באַקן האָבן געברענט פייכט פון די טרערן... ער האָט דערשפּירט עפּעס אַ משונה'דיקן געפיל. ער איז נישט געווען גערירט פון איר שמערץ, נאָר פונקט פאַרקערט, ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט זיך צוצוקוקן ווי די אומגליקליכע לייד. דאָס האָט איר צוגעגעבן אין זיינע אויגן עפּעס גאָר אַ נייעם אויסדרוק, וואָס האָט אים שטאַרק גערייצט. זי איז אָפּגעשפּרונגען און האָט העפטיק אויסגעשריען:

— לאָז מיך אָפּ, דו ביסט אַ געמיינער מענטש!

מיטן פּלוצלינגן צאָרן — אויסברוך פון שוואַכע ברואים, וואָס פאַרטראָגן אַלץ ביז אַ געוויסן מאָמענט, האָט זי געשריגן אויפ'ן קול, פאַרגעסנדיק לגמרי, אַז אין איין מינוט האָט זי פאַרלאָרן אַלץ, וואָס זי האָט אין משך פון אַ גאַנצן יאָר דערגרייכט אַ דאַנק איר רעזיגנאַציע, באַהערשונג און אויסגערעכנטקייט.

— עלענדער מענטש! דו מיינסט, אַז עמיצער האָט מיר אונטערגעהעצט... דו, דו אַליין ביסט שולדיק, וואָס שוין אַ לענגערע צייט שפּיר איך צו דיר נישט בלויז קיין שום ליבע נאָר אַפילו קיין צוגעבונדנקייט אויך נישט... איך וואָלט דיר נאָך אפשר געקאָנט ליב האָבן, ווען דו וואָלסט מיך נישט געווען באַלד נאָך אונזער חתונה אָפּגעשטויסן דורך דיין ברוטאַליטעט, ווען דו וואָלסט מיך געווען באַהאַנדלט מיט מער צערטליכקייט. אָבער שוין פון ערשט'ן אָוונט אָן בין איך

פֿאַר דיר געווען נישט מער ווי אַ באַקוועמע געלעגנהייט צו באַפֿרידיקן דיין תאווה. אין פֿאַרלויף פֿון דו גאַנצע פֿיר יאָר בין איך דיר געווען נישט מער ווי אַ דינסט – יאָ, קודם כּל דיין דינסט!... יע, אַזאַ שקלאַפֿן-צושטאַנד קאָן מען נאָך אפשר פֿאַרטראָגן, אָבער נאָר פֿון אַזעלכן וואָס מ'האָט אים ליב...

דאָ האָט זיך איר, לעם דעם, וועלכן זי האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, פֿאָרגעשטעלט דאָס געזיכט פֿון יענעם, דעם ווייטן, דעם געליבטן, און זי האָט פֿאַרבראָכן מיט די הענט אַך! די ליבע!... דו און די ליבע! דיין גראָבקייט, דיין געמיינהייט, דיין גייציקייט! פֿאַר דיר עקזיסטירט בלויז איין איינציקע ליבע אויף דער וועלט, די ליבע צו געלט.

– אַזוי! איך, וואָס איך האָב דיר גענומען אָן אַ גראָשן!

– הייגט פֿאַרדין איך אַזוי פֿיל וויפֿיל דו. און איך ווייס לגמרי גאָר נישט מיט וואָס דו פֿאַרנעמסט זיך און וואָס דו גיסט אויס אויסערן שטוב. אָבער דערפֿאַר ווייסטו גאַנץ גענוי וועגן יעדער פֿראַנק וואָס איך פֿאַרדין... און ווען נישט דאָס וואָלסטו מיר שוין אפשר לאַנג אויפֿגעפֿאָדערט צו גיין שפּילן אויף דער האַרפֿע און דער פֿלייט – אַנדערשוווּ – איינער פֿון דיינע פֿיינע אויסדרוקן! זיי רויק, ס'וועט נאָך קומען דערצו. אַז –.

אַ צוּבראָכענע, האָט זי געשוויגן.

– האָסט אַ ברירה. די טיר איז אָפֿן. אַ שלעכטע מאַמע האַלט מען נישט מיט געוואַלד. קענסט גיין. גיכער וועל איך האַלטן. און פֿונעם קאָנסטו אויך גלייך מיטנעמען! צווי עסער ווייניקער.

– דאָס איז שוין אַ זיכערער פֿאַרדינסט.

זי האָט געשפּירט אונטערן סאַרקאַזם, אַז ער זאָגט דאָס וואָס ער קלערט... אַוועקגיין אָן גיכער!... ביים דאָזיקן געדאַנק איז איר אַנטשטאַנען דאָס בלוט. זי האָט געשפּירט ווי די טרערן שטיקן איר אין האַלדז איר עקזאַלטאַציע אין

געפאַלן. זי איז געבליבן אָן כּחות און אָן אַ שטום...

— איצט האָב איך אַ וואָרט, יאָ? צי דערלויבסטו?... מיט קיין אומדאַנקבאַרער וויל איך זיך בכלל און קיין טענות נישט אַריינלאָזן. דאָס אָבער דאַרפסטו וויסן, אַז כאָטש איך, האָב נישט דאָס גליק דיר צו געפעלן, פעלן נישט אַזעלכע וואָס פאַרשטייען ווי מיר אָפּצושעצן..! דו גופא האָסט אויך אַ מאָל אויף מיר קיין קלעק נישט געשפּיגן! גינעטע איז דער בעסטער באַווייז... איך און די ליבע, מיין קליינע דאָס פּאַסט זיך זייער גוט צוזאַמען!

— פרעג זיך נאָר...

— ביי ליזע בערטן?

— ער איז נישט געוואָרן אין כּעס, – ווי זי האָט גע־האָפט. ווייל אין דערדאָזיקער ווידערליכער דעבאַטע איז פאַר איר געווען בלויז איין מאָמענט וואָס האָט איר צוגעגעבן מוט, דער קליינער פּונק פון האָפענונג אין הינטערגרונד פון טונעל: די אויסזיכט אויף א גט. און די מעגליכקייט אַרויס־צורייסן פון זיינע הענט גינעטן.

ער האָט זיך שטאָלץ געבלאָזן!

— זי ליבט מיך. יאָ, אמת... און אַזוי – דיר וועט׳ס אפשר וווּנדערן, אָבער ס׳איז אַ פאַקט – אַז זי לומט וועגן איין זאַך: מיט מיר חתונה צו האָבן!... מיר׳ן זען, מיר׳ן זען.

דערנאָך האָט ער זיך ערשט געכאַפּט.

— אָבער, איין מאָמענט. פון וואַנען האָסטו זיך דער־ווּוּסט ווי זי הייסט? מערקווירדיג!... ווער האָט דיר אַזוי גוט אינפאָרמירט? זאָג!

זי האָט דערזען זיין דראָענדיקע פויסט. נאָך אַלעמען איז אפשר גלייך זיי זאָלן זיך איין פאַר אַלע מאָל דורכריידן און אויפקלערן דעם גאַנצן ענין, אפשר וועט׳ס טאַקע אָננעמען אַ בעסערע ווענדונג... נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען טויטמיד האָט זי אָנגעשטרענגט אַלע אירע קרעפטן און קאָנצענטרירט איר גאַנצע אינטעליגענץ אויף איר איינ־ציקן ציל.

— איך האָב געלייענט אַ בריוו, וואָס איז אַרויסגעפאַלן בײַ דיר פון קעשענע. דערנאָך האָב איך אים צוריק אַרײַנגעלייגט.

— ווען?

— מיט אַ מאָנאַטן זעקס צוריק.

— און דו האָסט׳ס אַזוי רויק געהאַלטן בײַ זיך? הייסט׳ס, אַז דו האָסט דערויף לגמרי נישט רעאַגירט... איך דאַנק דיר זייער פאַר דער אויפמערקזאַמקייט!... אויב אַזוי איז׳ס אמת, איך האָב פאַר דיר מער קיין שום ווערט נישט... איך בין בײַ דיר גאָרנישט?... פול עקל האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן.

— זייער קאָמיש! האָט ער געמורמעלט באַטראַכטנדיק איר מיט חשדפולע בליקן...

ביז דעם מאָמענט איז ער געווען פעסט איבערצייגט, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע אירע רייד, איז זי צו אים פיזיש בשום אופן נישט גלייכגילטיק. דערשיטערט פלוצלינג אין זײַן זיכערקייטס-געפיל אַלס העכער שטייענדיקער מאַן — האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם מאָטיוו פון דער דאָזיקער דערשיינונג. עפעס אַ מין חשד האָט אָנגעהויבן עגבערן זײַן מוח. אויב זי אַנטזאָגט זיך, לגמרי נישט קלערנדיק, פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זי געפינט זיך און פון אַזאַ מאַן ווי ער איז׳ס עפעס נישט גלאַטיק. וואָס? אַ סוד? וואָס פאַר אַ סוד?... קודם כל מוז מען עס דערגיין און דערנאָך זאָל זי דערפאַר גוט באַצאָלן. און כדי ס׳אַרויסצוקריגן, מוז מען זײַן כיטרע.

ער האָט כלומרשט געמאַכט אַ פריינדליכע מינע:

— אויב אַזוי דאַרף איך זיך, הייסט׳ס אַנטשליסן. אַז דו ווילסט נאָך מיר נישט וויינען, דאָס זע איך... דאָס איז מײַן שולד, אָבער קוים רעד זיך שוין וועגן סעפּאַראַציע, קאָן מען זיך דאָך ווייניגסטנס פונאַנדערגיין מיט גוטן, אָן האַס, מ׳קאָן בלײַבן גוטע פריינט... איך וויל דיר׳ס נאָך אַמאָל איבערחזרן, אין גרונט גענומען בין איך ברוטאַל, גראָב, אָבער נישט

שלעכט... דו ווילסט אַ גט? מיט'ן שענסטן הדר-הכבוד... ביטע
זייער, גינעטע? מיט'ן מאָמענט וואָס דו נעמסט זיך אונטער
פאַר איר צו זאָרגן און בתנאי, אַז איך זאָל איר קאָנען זען
ווען איך וועל נאָר וועלן... בין איך גרייט... ווי דו זעסט
קאָן מען נאָך מיט מיר דורכקומען. מ'דאַרף נאָר ריידן ווי
אַ מענטש... אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ! מ'וואַרפט נאָך
נישט אַוועק קיין גליקלעכע היים, איידער מ'ווייסט, אַז מ'האָט
ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן! דו פאַרלאָזט דאָך נישט דיין
הויז כדי צו לעבן, אַנ'איינגעבעטענע, ביי דיין שוועסטער...
אָ! אָ! איך קאָן זיך וועטן, אַז דו ווייסט ווהין דו גייסט?

איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געקלערט, איך בין אָבער
זיכער, אַז אַניקע.. !

—דו קאָנסט זיך דאָך אָבער נישט אַריבערקלייבן מיט
גינעטן צו איר אין קאַבינעט. הער אויס, מיין חיה'לה! ווי
איך פלעג דיך רופן אַ מאָל, געדענקסט אין יענע צייטן...
אַ טראָפּן צוטרוי!... יאָ, איך בין געווען אַ שוטה דערמיט וואָס
איך האָב נישט פאַרשטאַנען ווי דיר צוהאַלטן... דאָס קומט
מיר, בעסער האָב איך נישט פאַרדינט!... אָבער אויך איך
בין אַפילו נישט געווען קיין גוטער מאַן, קיין בעסערן גוטן
פריינט ווי איך וועסטו שוין קיין מאָל נישט האָבן... פאַרטרוי
זיך מיר, קום אַהער, רייד... און אויב דו האָסט ליב אַנ'אַנדערן,
דאַן, דאַן, באַקומסטו גט. באַפריי איך דיר גלייך.

די פרייהייט! ראגער אונטערוועגס... אַ צויבערפולע
בילד איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן. לויכטנדיק האָט זיך
געצויגן דער ים... די צוקונפט האָט געדרייצט. און פלומרשט
פאָטערליכן שמייכל פון איר מאַן האָט זי בלויז געזען די
פאַרשטאַרקונג פון זיין צוזאָג. און אין איר פשוטער נאַאיוויטעט
האָט זי זיך מודה געווען אין אַלץ... יאָ, אמת, זי האָט ליב
אַנ'אַנדערן. פונקט ווי ער האָט סענטימענטן פאַר ליזע בערטהא,
האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ יונגערן מענטשן..! ער האָט איר
אַרומגערינגלט מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט צערטלעכקייטן...
ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ביסלעכוויז איר צו באַזיגן, צו

געווינען איר האַרץ. מיט צען מאָנאַט צוריק האָט ער פאַרלאָזן פאַריז... אַ לאַנגע געשעפטס-רייזע קיין יאַפּאָניע... און די טעג דאַרף ער צוריק קומען.

אין דער אויפריכטיקייט פון איר ווידוי, און דער דערלייכטערונג, וואָס זי האָט דערביי געשפירט, האָט זי נישט באַוויזן צו זען די ווירקונג, וואָס אירע רעוואָלאַציעס האָבן אַרויסגערופן אויפן פנים פון איר מאַן אָן שום הינטערגעדאַנקען האָט זי אָפנהאַרציק געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן... רייך? ניין. אָבער ער פאַרדינט גענוג צום לעבן. זיין נאָמען? ווי נאָר זי האָט אים אָנגערופן, מאָמענטאַל האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ שרעקליכן געשריי.

דער מאַן האָט זיך געוואָרפן אויף איר מיט די פויסטן. זי האָט געקרעכצט אונטער זיינע גרויזאַמע קלעפּ. ער האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַלדז, געוואָלט דערשטיקן. ער האָט דערזען ווי אירע שרעקענספולע אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט, דאָס געזי׳כט ווערט בלוי... ערשט דאַן האָט ער איר אָפּגעלאָזן...

— שליאָך! געמיינע פרוי! האָף נישט אויפן טויט! פריי ווילסטו זיין? יאָ, תיכף!... קלעפּ. — אונטער פיר אויגן, און אין די פיר ווענט. אַרומשלעפּן זיך מיט דער נבלה, מיט דיין שוועסטער, אָן דעם מעגסטו שוין פאַרגעסן. איך דערלויב דיר נישט מיט איר זיך צו זען... פאַרשטייסט צי ניין? וואָס אַנבלאַנגט גיבעטן, ביסטו נישט ווערט איר צו דערציען... פון מאָרגן אָן וועל איך פאַר איר זוכן אַ דערציערן אויפן דאָרף. ס׳איז געזונטער. זי וועט האָבן גוטע לופט!... און דו! דו!... אַנשטאַט צו שפּילן מוזיק אויסערן הויז, וועסטו ס׳מאַכן אין דער היים, אויב דו האָסט דערצו חשק... אָבער אָן דער האַרפע... און אַזוי, אַז קיין לעבעדיקער מענטש, אַפילו פינע זאָל נישט הערן!... איבריגנס פינען וועל איך אויך דורכיאָגן! שוין גענוג פאַר מיר... זי און גינעטע וועלן פאָרן, וועסטו טאַקע האָבן מער צייט צו צירעווען מיינע זאָכן...

זי האָט געשריגן אויפן קול:

– ניין, ניין, מיין טאָכטער וועסטו ביי מיר נישט אָנ־נעמען, דערויף האָסטו קיין רעכט נישט!...

– דאָס רעכט? דאָס רעכט? פרעג ביי דער אַדוואָקאַטין. איז גינעטע מיין טאָכטער, יאָ צו ניין? אַ פאָטער האָט אַלע רעכט!

– גינעטע איז נישט דיין טאָכטער.

– וואָס זאָגסטו?

– איך זאָג, אַז...

ווי אַ ווילדער משוגענער האָט זיך הער מאַרטינעט אַ לאָז געטאָן צום צימער ווו דאָס קינד איז געלעגן. פּאַאולאַ, נישט ענדיקענדיק דעם זאַץ איז געלאָפן נאָך אים כּדי אים אָפּצוהאַלטן. אָבער מאָמענטאַל איז ער געשטאַנען ביים ווי־געלע... ער האָט שוין געהאַט אַ נעם געטאָן דאָס קינד, וואָס, נישט קוקנדיק אויפן ליאַרם, איז׳ס אַ רויזיגע, רויק ווייטער געשלאָפן.

פּאַאולאַ האָט זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן און אים געביסן די הענט. הער מאַרטינעט האָט דערזען פייער פאַר די אויגן, האָט תּיכּף איבערגעביטן דעם פּראָנט און אויס־געגאָסן זיין ווילדן צאָרן אויפ׳ן געזיכט און ברוסט פון זיין אָנפאַלערין אַ צוטומולטע, מיט אַנ׳אונטערגעהאַקטער, אָנגע־שוואָלענער אויג איז פּאַאולאַ אַנידערגעפאַלן אויפן בעט. האלב אין חלשות איז זי געבליבן ליגן מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס. אין דעם העפטיקן קאַמף, קערפּער לעם קערפּער, האָט זיך דאָס קלייד אויפגעהויבן און דורך די ברוינליכע זיידענע זאָקן, האָבן געלויכטן די ליטקעס און העכער איבערן רונדן קני, האָט זיך געזען די ווייסע הויט פון די לענדן. ווי אַ ווילדע חיה האָט ער זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן.

מיט דער פאַרשטעלונג פון אַ פאַרליבטער פּאַאולאַ האָט זיך, אין זיין תּאווה צו שענדן, צונויפגעמישט דאָס בילד פון איר נידעריקן ליבהאַבער. ס׳איז שוין נישט געווען בלויז די סאַדיסטישע אויפרעגונג, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט פריער בעת ער האָט דערזען איר פאַרוויינט פּנים, די אָנציונג פון

אַ נײַעם רייץ און שמערץ. ס'איז הויפּטזעכליך, און קודם כּל, געווען די נקמה פון אַנ'אָפּגענאַרטן מאַן, דער שטאָלץ פון זכר, וואָס פאַרגעוואַלטעוועט ווידער זײַן נקבה, דער אינסטינקט פון בגנבעטן באַזיצער, וואָס רײַסט אַרויס צוריק זײַן אייגענטום...

אַ בלינדע מאַסע האָט ער באַפרידיגט זײַן ווילדע תּאווה זיך וואַרפנדיק אויף זײַן קרבן... פּאַאולאַ האָט פאַרלאָרן דעם באַוווסטזײַן. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און געשריגן אויפן קול, בעת הער מאַרטינעט האָט קרעכצנדיק און סאָפּנדיק געקנאָטן דעם אינערטן קערפּער, וואָס האָט ביסלעכווייז, אין טויט-שרעק, אָנגעהויבן קומען צו זיך...

V

— וווהין וועסטו איר נעמען, אויב זי וועט פאַרלאָזן די „רעכטליכ[illegible]ים״ זיך אויסדריקנדיק מיטן לשון פון געזעצבוך...

— איך ווייס אַליין נישט...

אַניקע וועלכע האָט געהאַלטן אין מיטן טונקן דעם סוכאַרעק אין קאַווע, האָט אויפגעהערט עסן. זי איז געשטאַנען אַנ'אָנגעטאָנע צו גיין אויפן סען סולפּוץ-פּלאַץ דורכזען אירע אַקטן, ווייל אַלע אירע אַרבעטן זענען געווען אין דער גרעסטער אומאָרדנונג. אַ פאַרצווייפלטע האָט זי געקוקט אויף אַמעדייען, וועלכער האָט, שוין מיטן הוט אויפן קאָפּ, צוגעשפּילעט זײַן מאַנטל.

— און אַנ'האָטעל איז אומבאַקוועם... דאָ, אוממעגליך... ס'בלייבט, אַלזאָ, נאָר מײַן ביוראָ-וווינונג, נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג...

— און דײַנע קליענטן?

— אַך, יאָ!

— ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, אויסגעטאָן דעם מאַנטל, זיך אַוועקגעזעצט... און געקלערט... יאָ, ס'איז אַ גוטער אײַנפאַל!

— נעם זיי אַהער. מיר קאָנען זיך באַגיין מיט אַ געמיינזאַמען אַרבעטס-צימער. ס'איז אַ סך פּראַקטישער.

פאַרלירנדיק די מעגליכקייט נאָרמאַל זיך צו פאַרנעמען מיט איר באַרוף, וועט זי אפשר ביסלעכווייז ווערן אַ שטובזיצערן — און ווער ווייס — מיט דער צייט זיך טאַקע אַריינציען אין זייַנע אייגענע אָנגעלעגנהייטן. אויף דעם אופן וועט זי, אין זיין שאָטן, צוריק ווערן זיין טעגליכע און אויסגעצייכנטע מיט-אַרבעטערן... נישט האַבנדיק די קלענסטע אַנונג וועגן זיין קאַלקולאַציע, האָט זי צוגעגעבן:

— די ביסט, באמת, גערעכט — לעת-עתה איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, צייטווייליג... אַריין!

אין טיר האָט זיך באַוויזן דאָס צושראָקענע געזיכט פון מאַדאַם דאַנוואַא.

— דער מאַדאַם'ס שוועסטער מיט'ן קינד און דער באַנע. אַניקע איז איר אַנטקעגן געלאָפן.

נאָך דעם ווי ס'איז אַריבער די אויפרעגונג פון די ערשטע דערקלערונגען, האָט פּאַאולאַ, מיטן קינד אויף די קני, איבערגעגעבן אַמעדייען באריכות די גאַנצע דראַמע, בעת איר שוועסטער האָט אַרויסגעגעבן פאַרשידענע פאַראָרדנונגען:

— איר, פרוי דאַנוואַא, איר פאַרנעמט זיך מיט פינען... אַמעליע, נעמט ס'קינד אין אייער צימער, לעם קלוידן, לייגט איר אַריין אין קישן... זי האָט געפרישטיקט? נאַטירליך נאָך נישט... אַלזאָ, ביין אַ זייגער, און פינף מינוט אַרום, סטעריליזירטע מילך, אַזוי ווי קלויד... נעמט די רעזערוו-פלעשל, אָט איז זי דאָ.

און אָנגיסנדיק איר אייגענע טאַסע, בעת אַמעליע האָט צוגענומען די וויינענדיקע גי, האָט זי איינגערעט פּאַאולען אויסצוטרינקען אַ פּאָר לעפעלאַך.

— קלער נישט וועגן קיין זאַך... מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט וועגן דיר מיט אַמעדייען. אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. דו וועסט זיך באַזעצן אויף סען-סולפּוס פּלאַץ.

און דו, ד יינע אַקטן, דיינע שפּרעך-שטונדן?

— דאָ... און דיינע זאַכן?

— פון גרויס צוטומלעניש האָב איך אַלץ איבערגעלאָזן!

זי איז געוואָרן בלייך... אַלץ! אַפילו ראָגערס בריוו אין איר קליינעם שרייבטיש, ביז דער לעצטער טעלעגראַמע פון קאָלאָמבאַ, ווו ער איז איר מודיע וועגן זיין גליקליכן דורכפאָרן.

— דאָס איז פּשוט אַ משוגעת!... מ'מוז תיכף אַהינ-שיקן פינען... כל זמן דיין מאַן איז אין ביורא קאָנסטו מיט איר געשווינט אַהינגיין, איינפּאַקן דיינע קופערס צונעמען די בריוו און קומען צוריק אַהער. דירעקט סען-סולפּיס-פּלאַץ עלף אַ זייגער מיט דרייסיק מינוט. איך וועל שוין דאָ אַלץ צוגרייטן, ערטער צום שלאָפן פאַר פינען און גינעטן... פאַר דיר מיין זאָפע... און דאָס וואָס איך דאַרף פאַר מיר וועל איך מיטברענגען, אַז מיר וועלן אַהער קומען צו מיטאָג. ביסטו מסכים, אַמעדיי?

— בעסער קאָן שוין נישט זיין. יאָ; אַ מעדיצינישע באַשטעטיגונג וועגן די קלעפּ... עלענדע! דער מערדער האָט דיר פיין מכבד געווען!...

אויפן האַלדז זענען נאָך געווען שפּורן פון שטיקן. די רעכטע באַק פאַרלאָפן מיט בלוט...

מ'מוז תיכף טעלעפאָנירן דעם דאָקטאָר גיבאַן. אַזאַ צייגניש איז זייער וויכטיק אין פאַל, אויב אייער מאַרטו-נעט זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ פאָרמעלן גט.

אַז פּאַאולאַ האָט אין דריי שעה אַרום, לגמרי אַ צו-בראָכענע, אַנגעקלונגען אין טיר פון ביוראָ, — האָט אַניקע אויס-געשריגן אַ צושראָקענע:

— וואָס אַזוינס איז נאָך געשען?

— די בריוו!... ער האָט זיי געפונען און צוגענומען... מיין קליינער שרייבטיש איז געווען אויפגעבראָכן.. די שופ-לאָדן אויפן פּאָדלאָגע... און די קאָסטקע ליידיק.

— איצט האָט ער דיך אין האַנט.

— וואָס קאָן ער מיר נאָך טאָן?

— אַלץ וואָס זיין שלעכצקייט קאָן אים אינספּירירן! ווער קאָן עס דען פאָרויסזען?

אין איר פולשטענדיקער עס־הארצות בנוגע די געזעצליכע באַשטימונגען, האָט זי פאַרטרויונגספול דערקלערט:

— דו ביסט דאָך דאָ! און קוים האָב איך דיר ביי זייט, בין איך לגמרי רויק!

— אַ מערקווירדיגע פאַרענדערונג איז אין איר פאָרגעקומען. נאָך נעכטן אין אָוונט האָט זי געציטערט ביים געדאַנק, אַז פאַר ראָגערס צוריק־קומען, נאָך איידער זי וועט אים אַ לעבעדיקן האַלטן אין אירע אָרעמס — קאָן נאך קומען צו אַנ׳עפנטלעכן סקאַנדאַל — און איצט איז זי געווען אמת צופרידן וואָס די לאַגע האָט זיך אויף אַזאַ אופן אויפגעקלערט... זי האָט זיך געשפּירט באַפרייט פון דעם שרעקליכן טיראַן, צו וועמען זי איז נאָך נעכטן געווען צוגעשמיד, און האָט פריי אָפּגעאָטעמט, זעענדיק ווי דערדאָזיקער גאַרדישער קנויל איז איבערגעשניטן... אין צען טעג אַרום וועט ראָגער דאָ זיין, און מיט אַניקעס עצות און אַמעדייס מיטהילף...

דאָס אויסזען פון ביוראָ, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינדער צימער, די קופערט, וואָס אַדאַנק פינען האָט מען זיי איבערטראַנספּאָרטירט אַהער — האָט איר באַלד צושטריימט און אָפּגעווענד אירע געדאַנקען פון דעם וואָס ס׳איז געשען.

— איך וועל זיך דאָ גאַנץ גוט פילן, האָט זי געזאָגט... דאָ — זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל ביים פענצטער — וועל איך אַוועקשטעלן מיין האַרפע!... גליקליכער ווייזע האָב איך זי נאָך מיין לעצטן פרימאָרגן איבערגעלאָזן פאַרן קומענדיקן קאָנצערט אין גאַוואַ־זאַלאָן. ווען נישט וואָלט איך זיך נאָך מוזן צוליב איר מיט אים אַרומרייסן...

זי האָט געציילט אויף די פינגער... אין אַכט טעג אַרום... דינסטיג.

ביז דאַן וועל איך נאָך האָבן אַ טעלעגראַמע פון סופּ... איך וועל שפּילן מאָצאַרטס קאָנצערט... מיין שמאַראַגד-גרינע קלייד, ווי מיינסטו? און איבער-מאָרגן, דאָנערשטיק, וועט ראָגער אויסשטייגן אין מאַרסעל!

דאָס לעבן האָט זיך איינגעאָרדנט באַקוועמער ווי מ'האָט זיך עס פאָרגעשטעלט:

— איך האָב דיר, אייגנטלעך, נישט געדאַרפט באַלעס-טיקן! פרייליין האַרדי און פרוי ברוססאַט, וואָלטן מיך גערן גענומען צו זיך...

— דו שטערסט אונז לגמרי נישט, האָט אַניקע געענט-פערט.

מ'האָט אָפּגערעט, אַז פּאַולאַ וועט פרישטיקן אויפן ראַספּאַיל-בולוואַר און עסן מיטאָג אין ביוראָ, ווו פּינע האָט, אַ גליקלעכע, איבערגענומען די גאַנצע ווירטשאַפט אין אירע הענט... זי האָט באַוויזן צוגעגרייט די מילך, געפירט גינעטן שפּאַצירן און געמאַכט פאַר פּאַולן לייכטע מאָלצייטן... זעליאַנאָוו מיט זיין פּשוטער גוטמוטיקייט איז צוגעשטאַנען, אַז פּאַולאַ זאָל ביי אים נעמען אַ גמילת־חסד, צענטויזנט פראַנק.

— יאָ, אָפּגעמאַכט האָט ער געזאָגט, ס'איז בלויז אַ גמילת חסד!

דאָס געלט האָט ער געהאַט פון אַן'אומפאַרהאַפטיזר הכנסה. די גרעפין פון סען-וואַלענטין האָט אָפּגענומען ביי אים זיין „מאָן-פּעלד”.

שוין מיט אַ צייט צוריק האָט זי ביי אים געקויפט צוויי זיינע ווערק „בליענדיקע באַרנעבוימער” און דער „יאַרמאַרק אין נוילי”. זעליאַנאָוו האָט אויסגערעכנט (און זיך טאַקי נישט פאַררעכנט) אַז די גרעפין נעמענדיק די בילדער אָן געלט אויף פּראָבע, מיטן אויסרייד, אַז זייער ווירקונג קאָן מען ערשט זען אין עטלעכע טעג אַרום, האָט זיי פון איר האַנט פאַרקויפט פאַר אַ טאָפּעלן פּרייז איינעם פון די מאָדערנע אַמאַטאָרן, וואָס האָט זיך גערן געלאָזט עפּעס

קאָסטן, כּדי צו האָבן בּיי זיך בּילדער פון דער „גרעפין סען־וואַלענטינ׳ס קאָלעקציע״.

מער וועט זי מיר שוין נישט אונטערפירן, האָט ער באַשלאָסן, גלעטענדיק זיין באָרד.

אַניקע איז געווען גליקליך, וואָס זי דאַרף זיך נישט ווענדן וועגן דעם צו אמעדייען, קוים האָט ער אַליין נישט פאַרשטאַנען צו מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג!... זי איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט איר אייגענער אינסטאַלאַציע אין דער צו ענג געוואָרענער דירה און האָט געעצה׳ט פּאַאולן נישט צו רעאַגירן אויף מאַרטינעט׳ס עובדות ביז ראָגערס צוריק קומען. וואַרשיינלעך וועט ער נאָך די טעג געבן אַ ידיעה...

זי האָט אָגגעהויבן חרטה האָבן, וואָס זי האָט אַזוי נישט באַרעכנט געלאָזט עקספּראָפּריאירן איר וווינונג אויף סען-סולפּיס-פּלאַץ. ווו געפינט מען איצט אַ ווינקל פאַר די אַקטן? ווו און ווי אַזוי זאָל זי איצט קודם כל איינאָרדנען אירע שפּרעך-שטונדן? זי האָט צו דעם צוועק צוגענומען דעם קליינעם זאַל לעם איר צימער. איז ער אָבער געווען צו קליין, אַז מ׳זאָל דאָ גלייכצייטיק קאָנען אי אַרבעטן, אי אָננעמען קליענטן... געבליבן איז בלויז אַמעדיי׳ס ביוראָ.

— דו קאָנסט זיך מיטן צימער תמיד באַנוצן בעת איך נעם נישט אָן. מיר מוזן בלויז אויסאַרבעטן אַ שטונדן-פּלאַן... אין ערגסטן פאַל וועלן מיר איינער דעם אַנדערן אַ ביסל שטערן, און דאַן זעגען מיר קוויט! וואָס אַנבאַלאַנגט די קליענטן איז געגוג אַ געמיינזאַמער וואַרט-צימער. קוים וועל איך צופעליג דאַרפן האָבן דעם גרויסן זאַל, וועט עס שוין פּרוי דאַגוואַאַ אַראַנזשירן. דאַמאָלט וועסטו אָננעמען דיינע קליענטן אין קליינעם זאַל, אָדער זאָלן מיר אפשר נאָך אויסנוצן דערצו דאָס עס-צימער?...

— דאָרט אַרבעטן דאָך שוין אַזוי אויך דעם גאַנצן פאַרמיטאָג די סעקרעטאַרן און די מאַשינעסטינס! אַפילו

נאָך מיטאָג קלאַפּן זיי נאָך אויך אויף די שרייב־מאַשינקעס !...

— אַך ! האָט ער אַ זאָג געטאָן, רייבנדיק די הענט, ס׳וועט שוין גיין... ס׳מוז גיין, וועסט שוין זען.

סוף וואָך האָט זי זיך אָבער איבערצייגט, אַז ס׳איז אַזוי שלעכט וואָס ערגער קאָן שוין גאָרנישט זיין. אין דער גאַנצער וווינונג איז נישט געווען מער ווי איין איינציקער אַרבעטס־צימער און פּלאַץ איז אין אים געווען בלויז פאַר איין פּערזאָן, דער צווייטער, וואָס האָט זיך דאָ אַריינגערוקט, האָט געמוזט פאַלן אַ קרבן. צי דען האָט ער׳ס געוואָלט ?

—לכתחלה האָט זי גאָרנישט געקאָנט צולאָזן אַזאַ ביינ־אַרטיקן הינטערגעדאַנק... ניין, ער האָט דערין געזען נישט מער ווי אַ פּראָוויזאָרישן מיטל אויף אַ קורצע צייט, ביז פּאַאולאַ וועט האָבן אַן אייגענע וווינונג, ביז ראגער וועט צוריק קומען... זיך אַריינטראַכטנדיק, האָט זי געשפּירט ווי איר אומצוטרוי פאַרשווינדט. זי האָט זיך אַליין געמאַכט פאָר־ווורפן פאַר אַזאַ מין העסליכן חשד.

פּאַאולאַס ווידער אויפגעוואַכטע לעבנספרייד האָט איר שטאַרק אויפגעמונטערט. די פרייהייט האָט צוריק געבראַכט דער פאַרליבטער די גאַנצע פריערדיקע זאָרגלאָזיקייט. די שוואַרצע פויגל פון איר פאָרגעפיל זענען אַוועקגעפלויגן. דער הימל איז געווען קלאָר און באַשטראַלט פון האָפנונג. ווידער האָט זי, אַ פריילעכע, געקוקט דער צוקונפט אין די אויגן. פון דעם פלוצלינגדיקן ברוך מיט דער גאַנצער בייזער פאַר־גאַנגענהייט, האָט זי געשפּירט נישט מער ווי אַן׳אומענדליכע שכרות... די פריינטשאַפט מיט וועלכער די שוועסטער האָט איר אַרומגערינגלט און אַמעדייס אויפמערקזאַמקייט און מיט־געפיל האָבן נאָר פאַרשענערט די געגנוואַרט. איר בלאָנדע צערע האָט ווידער געלויכטן. דער צייכן פון קלאַפּ אויפן באַק האָט געשעמערירט ווי אַ בלאַסער בלויער פלעק און פון אונטערן פּודער האָט ער זיך קוים געזען. ווידער האָט זי זיך פריי באַוועגט, לויט אירע געוווינהייטן : צוגעטראָגן דעם קליינעם שפּיגעלע צו די אויגן, מיט אַ לייכטן זשעסט געפירט

די פודער-קוואַסטע איבערן געזיכט און געשמירט מיטן שפיץ פינגער די רויטע פאַרב אויפן קאַנטור פון די ליפן.

מיט אַנ'אָוונט פריער פאַרן קאָנצערט איז זי אָבער ווידער געוואָרן אומרויק. זי האָט נישט געהאַט קיין טעלעגראַמע. און דער „פאַאול-בער” האָט שוין גאַנץ זיכער פאַרלאָזן סועץ... דינסטאָק פרי איז איר באַפאַלן אַ שטאַרקע מורא:

– ס'איז עפעס געשען, האָט זי געזאָגט צו אַניקן... ווען נישט וואָלט איך שוין געהאַט אַ ידיעה.

– ער האָט וואַרשיינליך אָנגעגעבן אַ שלעכטן אַדרעס... איך וועל דיר היינט אין אָוונט זיכער ברענגען זיין טעלעגראַמע אויף אַוועני-קלעבער. ווייל פאַרן קאָנצערט זענען מיר צו אָוונט-ברויט ביי די ברוססאטס.

דעם גאַנצן טאָג האָט פאַאולאַ געוואַרט ביי איר שוועסטער. זי איז כסדר געוואָרן נערוועזער, וואָס מער ס'האָט זיך דערנענטערט דער מאָמענט ווען זי האָט געמוזט גיין זיך אָנטאָן, אַרויסטרעטן פאַרן פובליקום, זיך לאָזן אָנקוקן — ווען אַפילו מיט סימפאַטיע. זי איז אַוועק פון אַניקען אין דער לעצטער מינוט און איז שפעטער צוריק געקומען אַיר נעמען... דערזעענדיק איר אַנטוישטן געזיכט האָט זי זיך שיעור נישט פונאַנדערגעוויינט:

– גאָר נישט?

– גאָר נישט.

פאַאולאַ האָט געטופעט מיטן פוס. אין טאַקסאַמעטער האָט זי דעם גאַנצן וועג כסדר געחזרט: „איך וועל נישט שפילן”, „איך וועל נישט קאָנען שפילן”... די רייד פון פרוי ברוססאט און פון דער שוועסטער האָבן איר איינגערמאַסן באַרויקט. ס'איז אַ גרויסע נאַרישקייט זיך אומזיסט צו מאַכן קרענקונג... אויב נישט היינט, וועט זיין מאָרגן די טעלעגראַמע!... און אין אָוונט, נאָכן דערפאָלג, וועט זי אַליין זיין צופרידן וואָס זי האָט באַהערשט איר נעוואַסטעניע... מיט אַזאַ טאַלאַנט!...

– דאָס מוזט איר שוין טאָן צוליב אייערע פריינט...

„די סיציליענע פון פוירע״! — האָט זעליאַנאָוו באַגייסטערט אויסגערופן מיט זיין סלאַווישן אַקצענט — ווונדערפול! ווונדערפול!... און שיין זענט איר ווי אַ מלאך!... ס׳שטייט אייך אַזוי גוט, דערדאָזיקער שמאַראַגד-גרינער איבערוווּרף... ס׳אַראַ ליניעס... און די שיינע נאַקעטע אָרעמס!

דאָס אָנקומען פון זשאַקמענן, זיין פריילעכקייט האָבן פאַרשטאַרקט די גוטע שטימונג, וואָס מאַדאַם ברוססאַט האָט זיך באַמיט איר אויפצוהאַלטן דורך איר פריינטשאַפטליכער אַגיטאַציע. דאָס אָוונט ברויט איז אַריבער לוסטיק, און דעם וועג פון אַוועני-קלעבער ביזן גאַוואָ-זאַלאָן האָט דער אויטאָ, אין וועלכן זיי זענען געזעסן אַלע פינף צוזאַמענגעפּרעסט, געמאַכט אַזוי געשווינט, אַז פּאַאולאַ, נישט האָבנדיק קיין צייט צו קלערן, האָט זיך געטראָגן פון איין צושטרייונג אין דער אַנדערער.

די נאָטן פון איר פּראָגראַמשטיק? יאָ, זי האָט זיי דאָ, ביי זיך... די האַרפע?! אָט שטייט זי דאָ, באַלד וועט מען איר איבערטראַנספּאָרטירן אין ווינקל צווישן די גרינע פלאַנצן, נישט צו נאָנט לעם דער ראַמפּע... דאָס אייגנטימלעכע לעבן, דער אָנציענדיקער צויבער פון די קוליסן האָט איר לגמרי פאַרכאַפּט. אַלץ וואָס ס׳האָט נישט געהערט צו די פּאָרברייטונגען פון אויפטריט איז לחלוטין אַרויס פון זכרון. ווי תמיד האָט זי געדריקט די הענט פון אירע קאָלעגן: זינגער, פּיאַניסטן. אַ בליק אויפן צעטל... „איצט קומט איר לאָמבערזאַק!״ דאָס אַפּלאָדירן ביים ענדע פון די נומערן. די פאַרשטאַרקטע אַפּלאָדיסמענטן בעת ס׳עפענען זיך די טירן.

— איצט קום איך — האָט פּאַאולאַ זיך געזאָגט. מעכאַניש האָט זי געגלעט מיט די פייכטלעכע פינגער די ברעמען, קאָנטראָלירט דעם רייז-פּודער און די פאַרב. אָפּגעריסענע געשפּרעכן האָבן זיך געטראָגן אַרום איר, זי האָט געהערט ריידן, אָבער זיך נישט צוגעהערט. אַ פידלערן מיט קורצע האָר האָט גערעדט צו לאָמבערזאַקן, וואָס האָט זיך גראָד-

נעריבן דעם האַלדז מיט אַ צונויפגעדרייטער נאָזטיכל.

— איר האָט געליינט דעם „טעמס”? ס'איז שרעקלעך, בסדר קאַטאַסטראָפעס... ווידער איז אַ שיף אַרויף אויף אַ שווימענדיקער מינע און צוריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

— אין וועלכן אָרט?

מיט האַרצקלאַפעניש האָט זיך פּאַאולאַ צוגעהערט: פאַרן אַריינפאָרן אין סועץ-קאַנאַל... מיר דוכט, אַז ס'איז געווען אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען צוריק פון יאַפּאָניע... מער האָט זי קיין צייט נישט געהאַט צו הערן.

— איצט איז אייער רייע, מאַדאַם מאַרטינעט, האָט אויסגערופן דער רעזשיסאָר.

און באַמערקנדיק ווי זי וואַקלט זיך, האָט ער איר אַרויסגעשטופּט און צוגעגעבן — יאָ, אייער רייע!

פּלוצלונג איז זי געשטאַנען אויף דער באַלויכטענער בינע. צי וועט זי פאַלן אין חלשות?... די האַרפע! מיט אויטאָמאַטישע טריט איז זי צוגעגאַנגען אַהין. זי האָט נישט געהערט די בראַוואָ-רופן; זי האָט נישט געזען דעם רוישנדיקן זאַל, וואָס איז פאַר איר געלעגן ווי אַן אָפענער, פינצטערער תהום. זי האָט געדאַרפט שפּילן דריי זאַכן: די סיציליענע פון פּוירע, אַ מאַדריגאַל פון גויבערט און צוזאַמען מיטן פליטיסט אַלבערט פון דער קאָמישער אָפּערע דאָס קאָנצערטאָ פאַר פלייט און האַרפּע פון מאָצאַרט.

מעכאַניש האָט די סיציליענע אַנטוויקלט איר לייכטע טעמע. אין אַ מערקווירדיקער עמפּפינדונג, אַז אין איר זיצן איצט צוויי מענטשן, האָט פּאַאולאַ אויסגעפירט די געוויינלעכע זשעסטן: די טצנער האָבן זיך געטראָגן פון דער האַרפּע, פּונקט ווי נישט זי, נאָר פרעמדע פינגער וואָלטן איר באַרירט. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז טויט און, גלייכצייטיק, שפּילט זי אין חלום, אין מיטן פון אַ מדבר...

ביי די לעצטע נאָטן בעת ס'איז אויסגעבראָכן אַ צופרידענער געמורמעל, האָט אויפגעוואַכט איר באַוווסטזיין

און אַ ווילדער שמערץ האָט דורכגענומען אַלע אירע גלידער.

זי האָט אַ פּיר געטאָן מיטן האַנט איבערן שטערן...

זי האָט געמוזט שפּילן, נאָך שפּילן!... ביי די ערשטע אַקאָרדן פון מאַדריגאַל האָט זי געמיינט, אַז אירע לײַדן וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן. מיט איר אומבאַוועגלעכן קער־פּער און דעם שמערצפולן געזיכט האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ סטאַטוע. בלויז אין אירע אָרעמס איז געווען האַרמאָנישעס לעבן, זיי האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן לענגאויס די ציטערנדיקע סטרונעס אין זיסן ריטם פון בוקאָלישן שטיק.

אַ שטורעם פון טראַגישע וויזיעס האָט איר אַרומגעכאַפּט: דאָס שיף דערשיטערט פון אַ טעמפּן שטויס, די פּאַניק פון די פּאַסאַזשירן און דער גרויסער טויטער קערפּער פון האָלץ און אייזן, ציטערנדיק אונטער די לעצטע קרעכצן פון די מאַשינען, פאַרשווינט פּאַמעלאַך אונטערן וואַסער... זי האָט נישט געצווייפלט, אַז ס׳איז געווען „פּוילבערט”, — זי האָט געזען ראַגערן ווי ער רופט איר, ווי ער שפּרינגט אין אַ רעטונגס־שיפל, ווי ער ווערט אַרײַנגעשליידערט אין ים אַרײַן; ראַגערן אין ווילדער אַנגסט זיך אָנכאַפּנדיק אין אַ שטיק ברעט...

בעת זי האָט נאָכן מאַדריגאַל געדאַנקט פאַר די אַפּלאָדיסמענטן און אַלבערט איז אַרײַן, כּדי צו שפּילן מיט איר צוזאַמען דאָס דריטע שטיק, האָט זי זיך געפרעגט צו האַלט זי נישט ביים משוגע ווערן. דידאָזיקע רייען פּנימער, אָן אַ שום אויסדרוק, ווי די מענעקענס; דער גרויסער הענג־לאָמפּ מיט זיינע פונקלדיקע ליכט, די היץ... ס׳האָט איר געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. דער קאָפּ הייס ווי פייער, די הענט קאַלט ווי אייז. מיט אַ פאַרצווייפלטער אָנשטריינ־גונג איז איר אָבער דאָך געלונגען צו באַהערשן אירע נערוון...

פּלוצלינג, — דאָס קאָנצערטאָ האָט זיך געענדיקט, — און אירע אָרעמס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ווי אָפּגעשטאָרבענע

זיך בויגנדיק פֿאַר די אָוואַציעס פֿון פּובליקום, האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן, אַלבערט האָט פּונקט באַוויזן איר אונטער־צוכאַפּן, און אַ געחלשטע אַוועקצושלעפּן אונטער די קוליסן...

גלייך נאָך דעם האָט זיך באַוויזן אַ רעזשיסאָר און באַרויקט דאָס פּובליקום. אַן איינפּאַכער קאָפּשווינדל. די קינסטלערין אַנטשולדיקט זיך.

אַניקע, פּרוי ברוססאַט זעליאַנאָוו אמעדיי זענען גע־שווינט געקומען צו לויפֿן, און מיט ליבעפּולער אומרויקייט אַרומגערינגלט די קאַנאַפּע, וווּ פּאַולאַ איז געלעגן אויסגע־צויגן און האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. איצט האָט זי זיך צעוויינט אויפֿן קול אין אַניקעס אָרעמס... אומ־זיסט האָט איר זשאַקמען געטרייסט.

— ווער ווייס דען, אַז דער אונטערגעגאַנגענער שיף איז פּאַאול־בערט. אויפֿן ווייטן מזרח זענען פֿאַראַן אַ סך באַוויגאַציע־ליניעס... מ׳דאַרף זיך פֿריער דערוויסן, דערגיין אויף ריכטיק איידער מ׳פֿאַלט אַריין אין אַזאַ צושטאַנד.

צום אומגליק זענען די פּידלער׳ן און לאַמבערזאַק שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. קיינער האָט נישט געהאַט קיין אָוונט־בלאַט. פּרוי ברוססאַט און זעליאַנאָוו זענען צוגעשטאַנען, אַז פּאַולאַ זאָל גיין אַ היים. זי איז צובראָכן און מוז זיך אומבאַדינגט אויסרוען...

אָבער זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, גיין אַ היים! זיי מיינען עס דאָך נישט ערנסט...

— איך גיי זוכן אַ צייטונג. איך מוז עס האָבן.

ס׳איז צוועקלאָז. אַלץ איז געשלאָסן.

— ניין, ביים וואַקזאַל סען־לאַזאַר נאָך נישט. איך וויל וויסן, איך וועל משוגע ווערן פֿון שרעק, אויב איך וועל מוזן אויסוואַרטן די גאַנצע נאַכט.

— מיר וועלן מיט אייך מיטגיין. אָבער ווען מיר זאָלן שוין אפֿילו אָננעמען, אַז ס׳איז געווען פּאַאול־בערט,

בלייבט דאָך נאָך אויך אַ האָפֿנונג. גיין אַ היים שלאָפֿן וואָלט זיין אַ סך קליגער!

שלאָפֿן, ווען ראַגער איז שוין אפשר... זי האָט אים געזען אַ בלייכן, מיט משוגענע אויגן, מיט אַן אָפֿענעם מויל און אַ געשריי... ער איז אַראָפּ צום גרונט, ווידער אַרויפֿגעשווומען אַ טויטער אויפֿן איבערפֿלאַך און פֿאַרשווונדן. אָבער ניין! ראַגער איז נישט געשטאָרבן. מ׳האָט אים אין דער רעכטער צייט אַרויפֿגענומען אויף אַ שיפֿל. אויף די דראָטלאָזע הילפֿרופֿן זענען אָנגעקומען שיפֿן און האָבן אָרגאַניזירט דאָס רעטונגס-ווערק...

ביים וואָקזאַל סען-לאַזאַר איז אַמעדיי אויסגעשטיגן מיט קיאָסק. איר וואַרט דאָ אין אויטאָ...

אַנגסטפֿול האָט אים פֿאַאולאַ פּיקסירט מיט די אויגן. ער האָט אַן עפּן געטאָן די צייטונג:

— נו, וואָס, האָט זי געשריגן, זאָגט, זאָגט געשווינט...

אַמעדיי איז איינגעשטיגן:

— ס׳זענען נישטאָ קיין שום פּרטים.

— מ׳גיט פּשוט איבער אַז פֿאַאול-בערט איז אַרויף אויף אַ שווימענדיקע מינע. און דאָס איז אַלץ.

זי האָט אים אַרויסגענומען פֿון האַנט די צייטונג און געפּרובט לייענען. זי האָט אָבער אַזוי געציטערט, אַז די אותיות האָבן איר געטאַנצט פֿאַר די אויגן, כאָטש דער אויטאָ איז געווען העל באַלויכטן...

— לייען אַניקע!

און בעת די ווערטער האָבן איר געשטאָכן טיף אין האַרצן האָט זי געמורמעלט:

— איך האָב עס געוווּסט, איך בין אין דעם געווען זיכער! איך האָב געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, איך האָב דיר דערציילט וועגן מיין מורא, מיין איבערצייגונג... ראַגער איז טויט, איך שפּיר עס. אָה! ס׳אַרא קאַטאַסטראָפֿע... איצט וועל איך אויך שטאַרבן. נאָך אַפֿילו קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט.

אַ שאָד, אַ שאָד! אַלץ ערגער פאַר מיר! איך האָב געהאַט אַן אָרים קליין לעבן...

זי האָט קיינעם נישט געהערט, איז געווען פול מיט האַלוצינאַציעס. אַניקע האָט איר אַוועקגעפירט אויפן ראַספּאָל-בולוואַר און צוגעגרייט אַ געלעגער אין אַרבעטס-צימער. די גאַנצע נאַכט האָט אויף איר גיריק געשטורמט דער צוויל-דעוועטער ים... די נאַסע האָר האָבן זיך איר געקלעפּט צו די באַקן... שווערע כוואַליעס האָבן איר געהאַקט אין געזיכט און זי האָט זיך דערטרונקען צוזאַמען מיט ראַגערן.

VI

אַז ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן איז זי ערשט איינגעשלאָפן. זי איז געווען לגמרי אַ דערשלאָגענע. אַניקע גופא איז אויך ווייניק געשלאָפן, אַ בליאַסק אויף טאָג איז זי שוין געווען אויף. די גרוילעכע ווינטער-ליכטיקייט האָט זיך לאַנגזאַם דורכגעריסן. זי האָט געהאַט מיט אַמעדייען אַ לאַנגן, טרויריקן געשפּרעך וועגן דער צוקונפט פון איר אומגליקלעכער שוועסטער.

— אַך! ווען זי זאָל נישט געוועזן האָבן אָבגעטאָן די חכמה מיט דער געלונגענער חתונה! איצט בלייבט איר איין איינציקער טרייסט, איר טאָכטער... און ווער קאָן וויסן וואָס פאַר אַ צרות זי וועט נאָך האָבן אויסצושטיין פון מאַרטינעטן צוליב דעמדאָזיקן אָביעקט פון איר טרייסט! אַלט מאַן און געזעצלעכער פאָטער איז ער אַ טאָפּעלער הערשער... אָרימע פּאַאולא! מער ווי ליידן וואַרטן נישט אויף איר... זיי זיך ווייניקסטנס מודה, אַז די געזעצן זענען זייער שלעכט געמאַכט... און אַז די פרויען וואָלטן אין זיי געווען באַהאַוונטער...

— וואָלטן זיי ווייניקער חתונה געהאַט?... אפשר!... די מוזט דאָך אָבער צוגעבן, אַז אַלע מענער זענען נישט

מאַרטירערט!... דאָס פרייע צוזאַמענלעבן האָט אָבער אויך זיינע שלעכטע זייטן... אפשר נאָך ערגערע ווי די הייראַט, אויב די פרוי ווערט ברוטאַל אַרויסגעריסן פון איר היים אויפן גאַס אַרויס און מוז זיך אַליין אין עלענד און איינזאַמקייט דורכשלאָגן מיט די קינדער אויף די הענט...

— ווען אַלע וואָלטן געאַרבעט, אַזוי ווי איך...

— ווען זיי זאָלן אפילו אַרבעטן!...

— דאָס פרייע צוזאַמענלעבן! דאָס פרייע צוזאַמענלעבן! קודם כל איז עס נישט שטענדיק מעגלאַך. ביים המון, ביי דער מאַסע שוין גיכער!... ווייל אין גרונד גענומען, איז די מאַסע, אמת, גראָב, אָבער גוטמוטיק. און דער עיקר, זי שטויסט זיך נישט אָן אויף אונזערע פאַראורטיילן... אָבער ביי דער בורזשואַזיע! ביי אונז, למשל, מענטשן פון פרייע פראָפעסיעס יאָ, ביי אונז קאָן עס נאָך אָן שום צווייפל אָנגיין. אָבער אין אַזעלכע פאַלן, ווו דער מאַן איז אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפט... ווי די אוניווערסיטעט, די אַרמיי, די אַדמיניסטראַטיווע פאַרוואַלטונג... דאָ ווערט דאָס צוזאַמענלעבן, טאָלערירט ערשט דאַן, ווען דו האָסט דורכגעמאַכט די פעסטגעשטעלטע צערעמאָניע...

— גענומען אויף זיך דעם יאָך!

— יאָ, טאַקע.

— דו זעסט שוין, אַז מיר האָבן געהאַט רעכט, שטענדיק זיך אַלס ציל דאָס צו צוברעכן...

ער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אַ שווער שטיקל אַרבעט! ס'וואָלט געווען גוט ווען מ'קאָן עס וויינִיקסטנס לינדערן.

מער האָט זי שוין נישט גערעדט. אָבער די אידעע פיקס האָט נאָך כסדר עקזיסטירט און עקשנותדיק אים גענאָגט... זי האָט עס גאַנץ גוט געזען! בלויז די געוווינהייט וועט אפשר מיט דער צייט האָבן די געהעריקע ווירקונג... און ווידער האָט זי אָנגעהויבן ריידן וועגן פאַאולן: —

— איך באַדויער איר זייער! איך וואָלט זייער וועלן קאָנען איר איבערגעבן אַ ביסל פון מיין קאַמפּס-מוט... גליק־ליכערווייזע איז אויסער גינעטן, פאַראַן נאָך עפּעס אַזוינס וואָס קאָן איר צובינדן צום לעבן.

— איר קונסט?

— יאָ, און די נויטווענדיקייט צו זאָרגן פאַר איר קינד. זי האָט אַ באַרוף, וואָס זי האָט אים ליב, און דאָס האָט פיל צו זאָגן.

— ער גיט איר נאָך אָבער נישט גענוג צום לעבן.

— מ׳וועט איר העלפן.

— אָן שום ספק.

— און זייענדיק געצוווּנגען צו אַרבעטן, וועט זי זיך מוזן נעמען אין די הענט. די אָבליגאַטאָרישע אַרבעט פאַר אַלע און דער ארבעטסלוין לויט דער קראַפטאָנשטרענגונג — דאָס איז, זעסטו, דער גרויסער געזעץ פון מאָרגן. ווען די פרוי וועט קאָנען לעבן אָן דער הילף פון מאַן...

און נאָך אַ מאָל האָט זי אַקצענטירט:

— די אַרבעט! ווען דו וואָלסט וויסן ס׳אַראַ געפיל פון קראַפט און שטאָלץ ס׳גיט מיר מיין אַרבעט!

— איך ווייס, האָט ער געזיפצט...

— זי האָט אים צערטלעך אַרומגענומען:

— יאָ, אַפילו דו, וואָלסט אויך בעסער וועלן איך זאָל זיין אָפּהענגיק פון דיר! איך זאָל זיצן און שפּיגלען וואָל און אַכטונג געבן ווי ביי קלוידן שניידן זיך די ציין! וואַרט נאָר, ווען מיר אַלע פרויען, מאַמעס אָדער נישט, וועלן נאָר זיין פעיק זיך זעצן צום טיש אָן אייך, מיינע שיינע הערן...

— אַ רייצנדע אויסזיכט!

— אָ! דאָס וועט אָבער גאָר נישט שטערן זיך לייגן צוזאַמען אין בעט, האָט זי לאַכנדיק צוגעגעבן.

— דאַן גייט דאָס חתונה האָבן אין גאַנצן אַראָפּ פון דער סצענע.

— אַ שרעקלעכער אומגליק!
— די פאַמיליע וועט אָבער אויך אונטערגיין.
— די פאַמיליע איז ווי די ליבע, מיין טייערער! ס'איז דאָס וואָס שטאַרבט נישט. סוועט דאַן זיין אַן אַנדער פאָרם פון דער פאַמיליע, ווו אַלע קינדער וועלן זיין גאַטירלעכע און דער שטאַט וועט טאַקע פאַר זיי זאָרגען מער ווי איצט! און סוועט אויך זיין אַן אַנדער פאָרם פון ליבע, אפשר טאַקע אַ פרייערע אָבער דערפאַר אַ שענערע...
— הלואי זאָל דיר דער הימל פון דער צוקונפט אויסהערן!
דער הייניקער איז לעת-עתה טרויריק און פינצטער.
ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אַן עפן געטאָן דעם פענצטער.
— אַ גרויער, שמוציקער הימל!...
אַניקע האָט געזיפצט:
— עלענדע פּאַולאַ!... זי האָט זיך נאָך נישט גערירט. ווי שרעקלעך וועט זיין דאָס דערוואַכן.
— „אַ גרויער, שמוציקער הימל" דער טאָן מיט וועלכן אַמעדיי האָט אַרויסגערעט דידאָזיקע ווערטער האָט לאַנג געקלינגען אַניקען אין אויער.
פון דעם טרייסטלאָזן טאָג אָן, זינט די צייטונגען האָבן באַשטעטיקט די שרעקלעכע ידיעה וועגן דער קאַטאַסטראָפע, האָט זי זיך געשפּירט איינגעהילט און געדריקט פון געדעכטן דעצעמבער-נעפל ווי פון אַ שווערער דעקע!... דאָס „יאָר איינס" וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פריילעך, האָט זיך פאַר פּאַאולען אַזוי טרויריק געענדיקט!
... נישט געווען מער קיין שום האָפנונג. דער פּאַאול-בערט איז ביים עגיפּטישן ברעג מיט איין מאָל אונטערגעגאַנגען. ער האָט נאָך באַוויזן צו געבן הילף-סיגנאַלן אָבער די רעטונגס-שיפלעך האָט מען שוין אויפן ים נישט געקאָנט אַראָפּלאָזן. פראַכט-שיפן און אַן איינגלישער קריג שיף איז געלונגען צו ראַטעווען עטליכע פּאַסאַזשירן. ס'איז אָנגעקומען די ליסטע פון די געראַטעוועטע, ראגער איז אינטער זיי נישט

געווען. דערפֿאַר איז אָבער געשטאַנען זיין נאָמען אויף דער ליסטע פֿון די אומגעקומענע: ראַגער זשוב, 32 יאָר, אינדוסטריעלער פֿון פּאַריז...

דידאָזיקע אויפֿשריפֿט אויפֿן גרויסן אַנאָנימען קבר האָט פּאַולאַ געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַלשע... ער האָט געלעבט... וועלכער נישט איז זעגעל שיף האָט אים געקאָנט ראַטעווען... ד׳ערדאָזיגער פֿאַלשער האָפֿנונג האָט זי באַשטימט אַ געוויסן טערמין... ווי באַר די צוויי וואָכן זענען אַריבער, איז איר פּיבערהאַפֿטעס אויפֿרעגונג געפֿאַלן. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען. נאָר איר געזיכט האָט באַקומען אַן אַש פֿאַרב און אויף די שלייפֿן האָבן זיך געזען פּאַסמעס גרויע האָר. זי האָט אָנגעטאָן טרויער און פּונקט אַזוי עקשנותדיק ווי זי האָט זיך פֿריער געקלאַמערט אָן דער האָפֿענונג, אַזוי טיף האָט זי זיך ערשט פֿאַרגראָבן אין איר פֿאַרצווייפֿלונג... אויף אַלע איינווענדונגען פֿון דער שוועסטער, זי זאָל זיך נעמען אין די הענט, האָט זי געענטפֿערט מיט אַזאַ דעפֿיניטיוון „צו וואָס ?״ אַז אַניקע האָט געפֿונען פֿאַר ריכטיק צו שווייגן.

זי האָט געוווסט אַז ס׳זענען פֿאַראַן ליידן, וואָס קאָנען דורך ווערטער נישט געלינדערט ווערן. פּאַאולעס שמערץ איז געווען אַזוי טיף, אַז זי האָט אַפֿילו נישט רעאַגירט אויפֿן פֿאַקט, וואָס מאַרטינעט האָט דערלאַנגט אין געריכט אַן אָנקלאַגע וועגן גט און אַניקע האָט תּיכף געענטפֿערט מיט אַ קעגן-אָנקלאַגע.

אַניקע האָט מורא געהאַט, אַז נישט געקוקט אויפֿן איינפֿלוס פֿון ליזע הערטאָה, וואָס איז געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אַריינצוכאַפּן מאַרטינעטען אין גאַנצן אין אירע הענט, וועט דערדאָזיקער פֿאַרשוין פּאַאולן נישט באַפֿרייען בלויז כּדי אָן איר זיך נוקם צו זיין... זי האָט זיך דערפֿרייד, הערנדיק פֿון מאַרטינעטס אַדוואָקאַט, אַז ער פֿירט אויך גלייכצייטיק אַ פּראָצעס וועגן נישט אַנדערקענען די פֿאָטערשאַפֿט.

און איר פּשוטקייט און לויט איר געדאַנקען-גאַנגען איז׳ס געווען אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, אַז גינעטע דאַרף נישט

טראָגן קיין אַנדער נאָמען ווי איר מוטערס. פֿאַולאַ אָבער האָט זיך דוקא פֿאַר דער דאָזיקער נייער דראָונג שטאַרק דערשראָקן.

— דו מוזט דאָך אָבער זיין אַ ביסל ענערגישער. צו דען פֿילסטו נישט ווי עקלהאַפֿט ס׳איז בכלל די דאָזיקע בירגערליכע ווירטשאַפֿט! דאָס הייסט אַ פֿאַמיליע? ניין, בשום אופֿן נישט! דער דאָזיקער גאַנצער עולם איז דאָך צונויפֿגעבונדן בלויז צוליבן קאָכטאָפּ און צוליב די ירושה-אינטערעסן!

אַז זי איז שוין געווען גאָר פֿאַרצאָרנט, פֿלעגט זי צום גליק געפֿינען אַ טרייסט אין קלוידינעטן, וואָס נאָך דו ערשטע פֿיר מאָנאַטן האָט זיין געזיכט ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַקומען פֿיינערע ציגן... ער איז געווען ענליך צו איר...

— ווי אַ קאָפּיע פֿון דיר! האָט אַמעדיי כסדר געטענה׳ט נישט אָן אַ געוויסן פֿאָרוווּרף.

— ניין, ער האָט ש ו י ן דיין בליק!...

און אַז ער פֿלעגט זיך אַריבערבויגן איבערן קינד׳ס ליכטיקע אייגעלעך ווי צוויי שטערנדלעך — האָט זי ווידער, אייפֿערזיכטיק פֿון איר זייט, געזאָגט:

— דער בליק איז דאָס וויכטיקסטע, ס׳איז די נשמה... אין בליק זעט מען איר אַמדייטליכסטן בעת זי וואַרפֿט זיך, נישט ווילנדיק צום פֿענצטער...

אַניקע האָט זיך ווידער גענומען פֿעסט צו דער אַרבעט. זי האָט ווייטער אָנגענומען קליענטן און באַזוכט דעם יוסטיץ-פּאַלאַץ.

מיט אַ רעזיגנירטער מעלאַנכאָליע האָט זי איצט גאַנץ דייטליך געלייענט אַמעדייס געדאַנקען. ער איז נישט געווען אויפֿגעבראַכט בלויז צוליב דעם, וואָס די אַרבעט רויבט ביי אים אַוועק אַ טייל פֿון איר פּערזאָן — נאָר, ווער ווייס אים — צי איז נישט די גלייכקייט פֿון זייערע באַרופֿן אין דער אומשטאַנד, וואָס זי האָט זיך אין אירן אויסגעצייכנט, די סיבה פֿון זיין פּאַרמאַנענטער קרענקונג.

מכּח דעם ערשטן פּונקט האָבן זיך איר גלייך געעפֿנט

די אויגן, ווי נאָר זי האָט פֿאַרלאָזן דעם סען-סולפּיס-פּלאַץ. אַ קליענט, וואָס איז געקומען צו אים, איז על פּי טעות אַריינגעפֿאַלן צו איר. ער האָט דער פֿרוי דאַנוואַא געמאַכט דער פֿאַר אַזעלכע פֿאָרווורפֿן, וואָס זייער העפֿטיקייט האָט גערעדט פֿאַר זיך.

אַ צווייטן מאָל האָט זי, אין זיין אָפּוועזנהייט, אָנגענומען אירע קליענטן אין גרויסן ביוראָ-צימער אָנקומענדיק אומגעריכט, האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט'ן קליינעם זאַל און איבערוואַרטן דאָרט ביז די צווייט-ראַנגיגע קליענטין איז אַוועקגעגאַנגען... זיין שלעכטע שטימונג האָט אין יענעם אָוונט אַרויסגערופֿן צווישן זיי אַזאַ וכּוח, אַז ער האָט עס אַ צייט לאַנג נישט געקאָנט פֿאַרגעסן...

זי האָט אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן, נישטאָ קיין אַנדער מיטל ווי צוריק סעפּאַרירן זייערע קאַבינעטן... די סבּות פֿון די רייבונגען — וואָס זענען זעלבספֿאַרשטענדלעך, נישט איבעריק אָנגענעם, — מ'דאַרף אָבער נישט מאַכן דערפֿון קיין טראַגעדיע ווען במילא אויטאָמאַטיש פֿאַרשווינדן... פֿאַר פֿאַאולען איז דאָס ביורא-וווינונג געווען צו קליין און נישט איבעריק באַקוועם. אַניקע האָט באַשלאָסן צו זוכן אַ לאָקאַל, ווו זי זאָל גלייכצייטיק קאָנען איינאָרדנען דער שוועסטער אין איר קאַבינעט.

און דאָ איז איר געקומען צו הילף אַן אויסערגעוויינלעכער צופֿאַל. אויף סען-סולפּיס-פּלאַץ איז צופֿעליג פֿרייגעוואָרן אַ וווינונג, וואָס האָט זיך געפֿונען אינטער איר ביורא. דער שכן. אַן אָפֿיציר איז טראַנסלאָקירט געוואָרן אין דער פּראָווינץ.

— וואָס וואָלטסטו געזאָגט מיין טייערע, ווען איך זאָל וועלן דינגען די וווינונג?

איר גאַנץ נאַטירלעכע פּראָפּאָזיציע האָט פֿאַרשאַרפֿט אַמעדייס שלעכטע שטימונג. ער האָט עס אָפּגעוואָרפֿן און אַ זאָג געטאָן:

— אָבער צו וואָס! ניין, לאָז אָפּ, אַלץ וועט זיך איינאָרדנען, ביסלעכווייז... וואָס אָנבאַלאַנגט פֿאַאולען, וועט מען פֿאַר איר געפֿינען אַן אַנדער וווינונג, נענטער צו אונז...

אַניקע האָט זיך שוין אָבער נישט געלאָזט פאַרפירן דורך זײַן פלומרשטער ליבענסווירדיקייט...

אין מיטן מאָנאַט יאַנואַר, קומענדיק אין אָוונט אַהיים פון דער קאַמער, האָט ער אינטערן ביבליאָטעק-לאָמפּ געעפנט אַן אָוונט-בלאַט און ס'האָט זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַ מעלדונג...

– נאַ! לייען האָט ער אַ זאָג געטאָן, דערלאַנגענדיק איר די צייטונג.

ס'איז געווען אַן „אַרטיקל" וועגן די פּרויען-אַדוואָקאַטן אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער באַפאָרשטייענדיקער קאָנפערענץ, ס'האָט זיך גערעדט וועגן דער וואַרשיינלעכער וואַל פון אַניקע רעמברע אַלס וויצע-פּרעזידענטין.

– איך גראַטוליר! דו מאַכסט דײַן קאַריערע מיט ריזן-שרי[illegible]אַכן פּראָצעס פון די באַנק-בעאַמטענס, וואָס איך האָב דיר אי[illegible]עבן... און וועלכן דו האָסט געפירט — איך מוז עס קאָנסטאַטירן אַ סך בעסער ווי איך וואָלט עס געמאַכט...

– נישט בעסער, מײַן טײַערער, נאָר אפשר אַנדערש, מיט מײַן פּרויען-האַרץ...

– יאָ, די סאָלידאַריטעט! דאָס איז אונז באַקאַנט... אָבער נײַן, איך וועל ווירקלעך נישט אָנרירן דײַן כבוד. פאַרקערט איך האַלט עס פאַר אַ מעלה!... אָט באַקומסטו טאַקע אַן ערן-אַמט. פאַרוואָס האָסטו מיר וועגן דעם אפילו קיין וואָרט נישט דערציילט?

– ס'איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָיעקט... און לגמרי נישט קיין זיכערער. דעריבער האָב איך טאַקע פריער נישט געוואָלט וועגן דעם ריידן. איבעריגענס האַלט איך נאָך איצט אויך נישט דערפון. כּל זמן אַ זאַך איז נישט דורכגעפירט איז זי פאַר מיר...

– זײַ רויק, ס'וועט ווערן געמאַכט. און איך בין ממש אַנציקט.

– באמת? איך דאַנק דיר, מײַן טײַערער!

– פאַרוואָס, למשל, זאָל איך זיך נישט פרייען,

וואָס דו האָסט גליק?.. דו האָסט עס ערליך פאַרדינט.

ער איזווירקליך געווען אויפריכטיק און שטאַרק צופרידן מיט איר נייעם דערפאָלג. נאָך דער ערשטער איבעראַשונג האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ ליבעפולע צופרידענקייט אַז זי איז רויט געוואָרן ביים געדאַנק צו קאָנען אים חושד זיין איין מאָמענט אין אַ נידעריקן געפיל דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט זיך מודה צו זיין אין איר געפאַסטן באַשלוס פאָרויסזעענדיק אַפילו דערביי, אַז ער וועט האָבן דערפון קרענקונג:

— הער צו. דו וועסט זיך אפשר בייזערן... איך מוז דיר אָבער איבערגעבן וועגן דער דעציזיע, וואָס איך בין געווען געצוווּנגען אָנצונעמען, איידער איך האָב מיט דיר דעריבער נאָך אַ מאָל גערעדט... ס׳האַנדלט זיך מכּח מיין ביוראָ ווייטער קאָן עס אַזוי נישט בלייבן. ס׳איז אונמעגליך מיט די דריי פרויען...

— וואָס איינע איז נאָך גאָר אַ קליינע...

— זי האַלט אָבער כּסדר אין איין שרייען... אָן אַ קינד... די אוביקאַציע אין קאָרידאָר... און אָט בין איך אַוועק צום אינטערשטן לאָקאַטאָר. ער ווערט טראַנסלאָקירט קיין אָרלעאַנס. אין אַכט טעג אַרום איז די ווינונג פריי: פינף צימערן און אַ טעלעפאָן, מיר זענען מיט אים דורכגעקומען צו ליבן ווירט האָט מען זיך גלייך אויפן אָרט געמוזט דעצידירן, נישט געקאָנט אָפּלייגן אויף קיין מאָמענט. קיין אַמאַטאָרן פעלן נישט, דאָס פאַרשטייסטו מן הסתּם!... מאָרגן צען אין דער פרי מוז איך דאָרט זיין און אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט.

ער האָט איר פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט:

— דו האָסט געדונגען די ווינונג?...

— און ביי מיר אַפילו נישט געפרעגט?

— איך האָב שוין דערויף קיין צייט נישט געהאַט.

— ס׳איז דאָך נישט געגאַנגען אום דער שעה!

— טאַקע יאָ... דו ביסט בייז? פאַרוואָס?...

פּאַולאַ וואָלט קיין בעסערע ווינונג נישט געפינען. און איך באַקום צוריק מיין ביוראָ. איצט קאָן איך דיך באַפרייען פון מיינע שרייבערייען און פון מיין געגנוואַרט... אַלס אַרוואָקאַטין.

— ס'אַראַ משל

זיין אומעטיקער געזיכט האָט אויסגעדריקט אַזאַ אַנטוישונג, אַז אַניקע האָט גאַנץ דייטליך געזען די ווירקונג פון דאָזיקן קלאַפּ. זיין גאַנצער אין דער שטיל אויפגעבויטער פּלאַן, די איינציקע האָפענונג !... אַלץ צובראָכן אויף שטיקלאַך...

— איך וואָלט געווען צופרידענער, האָט ער דערקלערט...

— צו לאָזען מיר ביי זיך ?

— צי איז עס נישט נאַטירליך ?

זי האָט געלאַכט :

— קיין גרעסערע אויסצייכענונג קאָן איך מיר לכל הדעות נישט פאָרשטעלן... אָבער דו ווייסט, מיין טייערער, אַז סען-סולפּיס-פּלאַץ איז נישט ווייט... און אַז די אַדוואָקאַטין גייט אַפילו אַוועק, בלייבט דיר דאָך נאָך אַלץ די פרוי. און דאָס איז דאָך דער עיקר.

דער געמיינזאַמער מאָלצייט איז אין יענעם אָוונט אַ דורכגעגאַנגען אין אַ געדריקטער שטימונג. אַז דער ענין וועגן פונאַנדערטיילן זייערע ביוראָס איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט האָט זי זיך ערשט גראַטולירט מיט איר גוטען איינפאַל. פון טאָג צו טאָג האָט זי זיך אַלץ מער איבערצייגט ווי ריכטיק זי האָט געהאַנדלט, די רעזולטאַטן האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן: זייערע באַרופס-אָנגעלעגענהייטן זענען געווען סעפּאַרירט, דער קאָנטאַקט איז אָבער געבליבן גענוג נאָנט, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל קאָנען אונטערשטיצן, כאָטש יעדערער באַזונדער האָט זיך פאַרנומען ספּעציעל מיט זיינע... אויף דעם אופן האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיין געפערליכער אַטאַקע און, צוזאַמען מיט דער מעגליכקייט צו פאַרדינען איר ברויט, האָט זי אויך אָפּגעהיט די גאַראַנטיע פון איר אומאָפּהענגיקייט, די באַהויפּטונג פון איר פערזענליכקייט... און אַמעדיי, פון זיין זייט, האָט זיך צוגעוויינט... אין וואָס האָט ער, נאָך אַלעמען, פאַרלאָרן ?... לגמרי גאָר נישט. ער האָט בלויז געהאַט מער רו און האָט זיך סוף כל סוף מודה געווען, אַז אַניקע איז גערעכט. נאָכען דערפאָלג אין ענין פון די באַן-בעאַמטענס, האָט מען איר כסדר

אָנגעהויבן אָנפּערטרויען זייער וויכטיקע פּראָצעסן. אַ דאַנק איר רענאָמע אַלס טיכטיקע אַדוואָקאַטין און פּאָפּולערע פּאָרקעמפּערין פֿאַר פֿרויען-רעכט האָט זי געוווּנען דעם צוטרוי פֿון דער פֿרויען-וועלט און איז ממש געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט גט-פּראָצעסן אין פֿאַרשידענע אַנדערע שטרייט-אָנגעלעגנהייטן. זי האָט אָנגעהויבן גוט צו פֿאַרדינען און באַקומענדיק עטליכע גרעסערע האָנאָראַר-אַוואַנסן איז איר געלונגען איינצואָרדנען פֿאַאולעס וווינונג איינפֿאַך אָבער רייצענד.

אַניקע האָט גענומען די וווינונג אויף איר נאָמען, ווייל זי האָט געפֿונען, אַז נאָר זי וועט זיך קאָנען אַן עצה געבן מיט די אַלע עוונטועלע שוועריקייטן, אויסער דעם איז זי געווען גליקליך אַראָפּצונעמען פֿון איר שוועסטער אַזאַ מין הכבדה. איינס פֿון די פֿינף צימערן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן קאָרידאָר, (דער פֿריערדיקער זאַ"ל) איז געווען פֿאַראייניקט מיט איר ביוראָ דורך אַן אינעווייניגסטע טרעפּ. פֿינע האָט צו אירע אַלע פֿליכטן אויך איבערגענומען די אַרבעט צו עפֿענען די קליענטן די טיר און אויף דעם אופֿן האָט אַניקע געהאַט אַ וואַרטע-צימער און אַ הילפֿס-קראַפֿט צום באַדינען. אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט ביי דער שטאַרק אויסגעוואַקסענער פּראַקטיק.

און די איבריקע פֿיר צימער האָט זיך פֿאַאולאַ זייער באַקוועם איינגעאָרדענט:

— איך האָב נאָך קיין מאָל אַזעלכע גוטע באַדינגונגען נישט געהאַט.

דידאָזיקע דערקלערונג האָט זי אָפּגעגעבן מיט אַזאַ טרויריקער שטים, אַז זי האָט אַניקען פֿאַרשטערט איר גאַנצן שמחה.

דאָס קליינע עסצימער, אַנציקענד, מיט זיין דאָרפֿישער איינריכטונג, דאָס מוזיק-צימער מיט דער האַרפֿע אויבענאָן, דאָס צימער מיט די העלע קרעטאָן-פֿאָרהאַנגען, מיט דער וואַנע, און דער וועשקאַמער — דאָס דאָמיניום פֿון פֿינען און גינעטען — אַ קליינע קיכל, אָבער פֿולשטענדיק געבויט פֿאַר זייערע באַשיידענע פֿאַלצייטן, — די יונגערע האָט שיעור נישט מקנא געווען דער

עלטערער דאָס דאָזיקע נעסט, ווו יענע האָט איצט מיט אינטער־געהאַקטע פליגלען אויטאָמאַטיש פאַרבראַכט איר געשפּענסטער־לעבן.

פּאַאולאַ האָט איצט נישט רעאַגירט אויף קיין שום דערשיינונגען אין דער אויסערליכער וועלט, אויסער אויף דער גרויסער ענליכקייט פון איר טאָכטער מיטן טייערן פאַרשוווּנדענעם. אַ דאַנק גינעטען האָט זיך איר געדוכט, אַז ראַגער איז נישט געשטאָרבן, נישט אין גאַנצן געשטאָרבן... ער איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן אַזוי ווי זי האָט אים געזען דעם לעצטן מאָל אויפן שוועל בעת זיי האָבן זיך געזעגענט. אָדער זיי זענען געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט און ער האָט געלאַכט מיט אַ יונגלעכן געלעכטער... די האַלוצינאַציע איז געווען אַזוי שטאַרק אַז איר האָט זיך געדוכט, אַז זי גלעט נאָך זיינע ווייכע האָר אָדער זי קושט די גלאַטע הויט אונטער זיין אויער. אָפטמאָל האָט זי אים געשפּירט ביי איר זייט, זיי גייען צוזאַמען איבער די גאַסן.

— איך ווייס זייער גוט, אַז איצט איז אַלץ געענדיקט, האָט זי געזאָגט אַניקען, בעת יענע איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקומען איר איינרעדן זי זאָל גיין כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט אין דערבייאיקן לוקסענבורג־גאָרטן, ווו דער פרילינג האָט שוין באַשאָטן מיט קנאָספּן די נאָך שוואַרצע צווייגן — איך ווייס אַז אַלץ איז אויס און דאָך קאָן איך זיך בשום אופן נישט צוגעווינען צום געדאַנק, אַז דער טויט האָט מיר אים צוגענומען אין גאַנצן. זיין נשמה, איך שפּיר עס, רינגלט מיך אַרום... זי לעבט ווייטער...

— יאָ, האָט אַניקע געזאָגט, אין גינעטעס צאַרטע אָטעמצוגן...

— אָבער איך, האָט פּאַאולאַ געמורמעלט, אונטער אַן אַנדער פאָרם, כמעט אַ קערפּערליכער... מאָמענטנווייז דוכט זיך מיר, אַז איך ריר זיי אָן... בלויז איין זאַך לינדערט מיין שמערץ, דער געדאַנק, אַז ער האָט געהאַט אַ גאַנץ קורצע אַגאָניע, קיין שום אימת־מָוֶת, אַז ער האָט זיך אפשר גאָר נישט אָריענטירט אין דער געפאַר פון דער לאַגע... און אַז

ער געפינט זיך דאָ לעם מיר, אָט איצט... ער האָט שטענדיק דעמזעלבן אויסזען, זיין צוטרוי, זיין קראַפט. ער פאַרלאָזט מיך נישט אויף קיין מאָמענט.

אַ בלויער הימל האָט זיך געוועלבט איבער די גאָרטן־אָנלאַגען און זיך אָפגעשפּיגלט אין באַסיין, דער גלאַנץ פון באַנייאונג, נאָכן ווינטערדיקן אייז. די אַלעען האָבן געווימעלט פון שפּאַצירגייערס. זיי האָבן שפּאַצירט מיט לעבהאַפטע טריט, די באַקן רויטלאַך פון דער פרישער לופט.

פּאַאולע האָט געזיפצט.

— דאָס לעבן! ס׳אַ מיסטעריע. דו געדיינקסט מיין פאַרגעפּיל?... אפשר האָט געדאַרפט אַזוי זיין?... אפשר בין איך נישט ווערט געווען צו זיין גליקליך מיט אים בעת ער האָט געלעבט? אָבער ניין, ניין, ער איז דאָך נישט טויט!... איך וואָלט אים דאָך נישט געשפּירט לעם זיך, נישט געהערט זיין שטים, ווען ער זאָל זיין געשטאָרבן ווי דו מיינסט, אַז מ׳שטאַרבט! אין קיין זאַך פון אונז, קיין שום זאַך בלייבט נישט איבער!

ווער ווייס! קיינער קאָן וועגן דעם נישט האָבן קיין שום געוויסהייט אויסער זיין געפיל, און איך פאַרשטיי דיך זייער גוט, מיין טייערע... צו וואָס זאָל איך גאָר פּרובן אים צו באַקעמפן, קוים ברענגט ער דיר אַ טרייסט און אפשר ביסטו טאַקע גערעכט...

אַליין אַ מאַטעריאַליסטין, האָט זיך דאָך נישט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם ליכטשיין אין פּאַאולעס נשמה... אַ לעבן נאָכ׳ן טויט..! יאָ, געוויס איז עס דאָ אויב מ׳פאַרשטייט אונטער דעם בלויז דאָס סודות-פולע ווייטערווירקן פון קרעפטן, וואָס זענען נאָך לגמרי נישט אויסגעפאָרשט און וואָס צווישן זיי שפּילט זיך אָפּ די קורצע מענטשליכע עקזיסטענץ...

פּאַר אַניקן האָט זי זיך בלויז באַגרענעצט מיט דער קורצער צייט פון אינדיווידועלן לעבן. די נשמה און דער שטאָף, דער קערפּער, ווערן געבאָרן און שטאַרבן אָפּ צוזאַמען... אַ וואונדערפולער פּראָדוקט פון דער נאַטור, וואָס דער לאַנגזאַמער

גאַנג פון דער דערציונג, די צוואה פון דורות, פון ציוויליזאַציע צו ציוויליזאַציע – האַלט אים כסדר אין איין פאַרפולקאָמען... אַ פונק פון אייביקן לעבנס-פייער, וואָס זיין אומשאַצבאַרער ווערט ליגט דוקא אין זיין פאַרגייִנגליכקייט... ס'האָט דעריבער קיין זין נישט צו שטערן די דאָזיקע קורצע מאָמענען אויסצושטראַלן זייער גאַנצע ליכטיקייט! נישט דער העלישער פרעסנדיקער פייער פון די חושים, נאָר דער הויכער און ריינער פלאַם פון גייסט, וואָס שפייזט די חושים גופא.

פּאַולע האָט צו שפּעט געמאַכט די דאָזיקע אַנדעקונג!... עלענדע פּאַולע, אַ קרבן פון איר סאָציאַלער אַנטוויקלונג, איז זי, ביי איר פולשטענדיקן מאַנגל פון אינדיווידואַליטעט, געווען אַזוי אונטערטעניק די געזעצן פון מאַן, אַז איצט איז זי אַרונטער געפאַלן אינטער דער הערשאַפט פון אַ שאָטן!... אָבער, ווי ס'זאָל נישט זיין, מוז מען איר קודם כל אַרויסרייסן פון דער אַכזריות פון איר פאַרגאַנגענהייט.

דער גט-פּראָצעס און דער משפט וועגן דעזאַוואיר'ן, די פּאַטערשאַפט זענען זיך דערווייל געגאַנגען זייער וועג. פּאַולאַ האָט באַקומען ממש לעכערלעך קליינע אַלימענטן – די געזעצלעכע נדבות – און אויך דאָס פלעגט דער קמצן מאַרטינעט, דורך פאַרשידענע אויסריידן, קיין מאָל נישט צאָלן צו דער צייט. און זיין גראָבקייט האָט אַניקע געשפּירט די שטאַרקע השפּעה פון ליזע בערטאַה. ווי אַ שפּין אויף דער לויער האָט יענע באַשלאָסן נישט נאָכצולאָזן, ביז איר וועט געלונגען איינצושלינגען די פליג, וואָס האָט געהאַט די חוצפּה זיך אַריינצורייסן אין איר שפּינוועבס.

פּאַולאַס אַלע פּלענער זענען געוואָרן צו קלאַפּט. פון דער גאַנצער סקאַנדאַליעזער אַוואַנטורע איז זי אַרויס בשן ועין, עלענד, פאַרלאָזן, דערנידעריקט און איינגעטונקט אין דאגות, וואָס אַניקע איז נישט געווען בכח זיי צו לינדערן... גינעטע, אַ ממזר אָן אַ נאָמען, אָפּגעלייקנט פון מאַרטינעטן און פון דער פאַמיליע זשוב אָפּגעשטויסן!...

די אַדוואָקאַטין האָט אין דער שטיל געמאַכט אַ שפּאַציר

צו ראַגערס עלטערן. זי איז געווען איבערראַשט הערנדיק, אַז זיי ווייסן די גאַנצע געשיכטע, נישט געקוקט אויף זייער לייקענען און שרייען... ראַגער האָט אָן שום ספק, פֿאַרן אָפּ־פֿאָרן איבערגעלאָזן זיינע עלטערן אַ מין צוואה־בריוו, און זיי האָבן עס, — דאָס איז געווען אַניקעס פעסטע איבערצייגונג — פֿאַרניכטעט.

דעם מיאוס'ן איינדרוק פֿון דעמדאָזיקן באַזוך וועט זי אין לעבן נישט פֿאַרגעסן: די פּנימער, וואָס האָבן זיך איינגעשרומפּן גלייך ביי די ערשטע ווערטער, די ליפּן, פֿאַרהאַקטע ווי אַלטע געלט בייטלען, די בליקן, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איר ווי די מיילער פֿון פּיסטאָלעטן.

— איך בין נישט קיין גנבטע, האָט אַניקע אומזיסט דערקלערט, און איך פֿאַרלאַנג פֿון אייך קיין זאַך נישט. איך וועל אייך בלויז עפּעס איבערגעבן. די בריוו פֿון הער ראָגער זשוב, וואָס פֿרוי מאַרטינעט וויל זיך מיט זיי באַנוצן אין איר פּראָצעס, לאָזן נישט קיין שום צווייפֿל וועגן דער אָפּשטאַמונג פֿון דער קליינער גינעטע. איך האָב געהאַלטן פֿאַר ריכטיק אָנצעווייזן דערויף אירע אמתע קרובים נאָך איידער ס'וועט קומען צו אַן עפֿנטלעכן סקאַנדאַל...

דער סקאַנדאַל, מיין פֿריילין, ליגט אין דעם וואָס אַזעלכע שאַנטאַזשען זענען איבערהויפּט מעגלעך. די בריוו? אָבער ווער גאַראַנטירט אונז זייער ריכטיקייט?... איבעריגנס זייט רויק, מיר וועלן וויסן ווי זיך צו פֿאַרטיידיקן.

יאָ, געוויס, ווען ס'זאָלן זיין ריכטיקע באַווייזן ווי, למשל, אַ צוואה פֿון אונזער עלענדן ראַגער, וואָלט זיך אַזאַ בכּבודיקע משפּחה ווי אונזערע נישט אָפּגעזאָגט פֿון אירע פֿליכטן... אָבער צווישן זיינע פּאַפּירן איז קיין זאַך נישט געווען, לגמרי קיין זאַך נישט! און אַזוי ווי מ'האָט גאָר נישט געפֿונען, אַפֿילו ביים נאָטאַריוס אויך נישט...

אַניקע האָט געשפּירט אַ נישטגוטקייט. נישט ענטפֿערנדיק קיין וואָרט האָט זי זיך אָפּגעטראָגן, אין אירע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די שאַרפֿע שטים פֿון דער פֿרוי זשוב און די

הוק-ווערטער פון איר עלטסטער טאָכטער, אַ דיקע פרוי, וואָס האָט שטאַרק פאַרטיידיקט אירע ירושה-אינטערעסן. גליקליכער ווייזע, — און דאָס איז געווען דער איינציקער געדאַנק, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט איר עקל — גייט עס גינעטן — דער ממזרת — פונקט אַזוי אָן ווי קלוידינעטן, דעם נאַטירלעכן זון. ביז זיי וועלן אויפוואַקסן און אָנהייבן פאַרשטיין !...

אַ נייע אומדערוואַרטע קאַטאַסטראָפע האָט נאָך מער קאָמפּליצירט דעם גאַנצן ענין. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מאַרטינעט׳ס אַדוואָקאַט איבערגעגעבן אַניק׳ן דורכן טעלעפאָן, אַז זיין קליענט האָט צוריקגעצויגן זיינע ביידע אָנקלאַגן.

— וואָס איז געשען ? האָט זי געפרעגט שטאַרק צוטומלט.

— אויב איר ווילט, קומט גלייך אין יוסטיץ-פּאַלאַץ וועלן מיר זיך אַדורכשמועסן.

זי איז נאָך פריער פאַר אים געקומען אויפן ראַנדע-ווו און צושראָקענע זיך דערוווסט, אַז ליזע בערטאַה איז אין פאַרלויף פון עטליכע שעה געשטאָרבן פון אַן אינפעקציאָנער גריפּע. מאַרטינעט, בלייבנדיק ווידער אַליין, האָט זיך נאַטירליך, דערמאָנט אָן פּאַאולען. ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געוואָלט אָן איר נוקם זיין, ווי כדי צו לינדערן זיין שמערץ... ער האָט אָפּגעשטעלט דעם פּראָצעס און האָט אונטערגענומען געוויסע שריט כדי אַריינצוקריגן צוריק זיין פרוי און זיין טאָכטער...

— ער האָט זיך איינגעעקשענט, און ער וועט אויספירן. נישטאָ וואָס צו מאַכן.

אַ ווילדער איינפאַל ! אַניקע איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע, און פּאַאולע אַן אויפגעטרייסעלטע...

— וואָס טוט מען ?

— זיך אָפּטראָגן, פאַרשווינדן, זיך באַהאַלטן אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, דו און גינעטע.

— און אויב נישט דאָס ?

— ער קאָן אַלץ טאָן, ער קאָן דיר צווייגן זיך אומצוקערן הכנעה׳דיק איז שטאַל אַריין, צו נעמען ביי דיר מיט געוואַלד

דאָס קינד... דאָס געזעץ איז אויף זײַן זײַט. און די זשאַנדאַרמען אויך!

מאָמענטאַל האָט זיך אַניקע צוזאַמען מיט אַ מעדייען געגומען גרייטן צו אַ רייזע אויף דרום. זי האָט גלייך דעפּעשירט צו זשאַן רוססאַט און אויפ׳ן צווייטן טאָג באַקומען פון אים אַ טעלעגראַפישן ענטפער: איך ערוואַרט אייער שוועסטער מיט איר טאָכטער, געפונען אַ פּאַסענדע וווינונג.

זי האָט זיך געקליבן גיין אָנזאָגן דער שוועסטער די דאָזיקע גוטע בשורה, אָבער פּלוצלינג איז אַריין פינע, וועלכע האָט אויסגעזעען ווי אַן אמת׳ע משוגענע.

— וואָס איז געשען? איר דערשרעקט מיך...

כליפּנדיק האָט דאָס בראַווע מיידל איבערגעגעבן וועגן דער דראַמע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָבגעשפּילט. הער מאַרטינעט, וואָס האָט איר שוין וואַרשיינליך פאַרפאָלגט פון נעכטן אָן, איז צוגעלאָפן צו איר אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר בעת זי איז אַריינגעפאָרן מיט׳ן קינדער-וואָגן אין לוקסענבורג-גאָרט׳ן אויפן באַנאַפּאַרט-גאַס... ער האָט געוויזן פּאַפּיר׳ן, אויפגערודערט די פאַרבייגייער רופנדיק זיי צו הילף.

ער האָט געמאַכט אַזאַ ליאַרם, אַז דער גאַנצער עולם איז מיר באַפאַלן. דער קאָמיסאַר האָט מיך געוואָלט פאַרהאַלטן און, בעת איך האָב זיך מיט אים געראַנגלט, האָט הער מאַרטינעט אַ כאַפּ געטאָן דאָס וועגעלע. ביים פאַרקען האָט געוואַרט אַן׳אויטאָ... ער איז איינגעשטיגן צוזאַמען מיט׳ן קינד, און אַז דער קאָמיסאַר האָט מיך ענדליך פרייגעלאָזן, און דער עולם נייגעריקע איז געוואָרן שיטערער, איז שוין קיין זאַך נישט געבליבן! דער טאַקסאַמעטער איז פאַרשוונדן, דער קינדער-וואָגן איז געווען ליידיק... מיינע קולות האָבן נישט געהאָלפן... אַלע האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

אַניקע האָט אָנגעהויבן אַריינטראַכטן. דער קאָמיסאַר איז וואַרשיינליך געווען אַ מיט העלפער... און מאַרטינעט? אים קאָן זי בכלל נישט פאַרשטיין.

— און די מאַדאַם ?

— איך בין נאָר וואָס געווען אויבן, זי איז נישט געווען אין דער היים... זי האָט געהאַט אַסעאַנס ביי אירע פריינט... ווי הייסן זיי דאָרט ?... די אָקלוטיסטן... די וואָס רופן אַרויס די גייסטער...

דער קלאַפּ האָט געטראָפן פּאַאולען אין רעכטן האַרצן. אַלץ וואָס מ׳האָט געטאָן איז געבליבן אָן שום רעזולטאַטן. אומזיסט האָט אַניקע אויפגעזוכט מאַרטינעטן. גראָב און חוצפּהדיק האָט ער איר גלייך געוויזן די טיר. ער האָט געהאַט רעכט אָפּצונעמען זיין טאָכטער פון אַנ׳אומווירדיקער מוטער און אָפּצוגעבן גינעטען לטובת איר געזונט צו אַ גוטער אַם אויפן דאָרף. ווהין ? דאָס איז זיין זאַך...

אומזיסט האָט אַמעדיי פון זיין זייט אינטערווענירט ביים גענעראַל־פּראָקוראַטאָר און ביים פּאָליציי־פּרעפעקט... דער פאַקט אַן און פאַר זיך איז, ווירקליך, אַ טרויגער... אָבער זיי האַלטן פאַר איבעריק אַזאַ באַרימטן אַדוואָקאַט צו דערקלערן, אַז הער מאַרטינעט האָט מיט זיין האַנדלונג בלויז אויסגעאיבט צו אומבאַשטרייטבאַרע רעכט, וואָס ער האָט, לויטן בירגערליכן קאָדעקס, אַלס מאַן און פאָטער... כּדי דורכצוזעצן איר רעכט, בלייבט דער פרוי מאַרטינעט בלויז איין וועג ; דער טריבונאַל.

אַניקע איז געווען אויסער זיך דערהערנדיק דעם רעזולטאַט פון אַמעדייס באַזוך.

— אַפּעלירן צום טריבונאַל ! האָט זי אויסגעשריגן, אויסער זיך פון אויפרעגונג אַז אַמעדיי האָט געענדיקט זיין באַריכט, ס׳איז אַנ׳אַבסורד ! לעכערליך !... פּאַאולע איז לגמרי אָנמעכטיק און קאָן זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרטיידיקן. איר קעגנאָנקלאַגע ? זי קאָן זיך איצט ציען יאָרן ! און דער סוף קאָן זיין אַ פולשטענדיקער דורכפאַל ! דערווייל האַלט דערדאָזיקער אונמענטש גינעטען אין זיינע קלויען און לאָזט איר נישט אָפּ.

— יאָ, אַזוי איז עס, האָט אַמעדיי צוטראָגן אַ זאָג געטאָן. ווי יושרדיק די ריכטער זאָלן נישט זיין זענען זיי דאָך קודם

בל געבונדן דורך די קייטן פון געזעץ! ס'איז פּונקט ווי מ'זאָל קומען צו אַ מומיע און איר זאָגן: שטיי אויף און גיי!...

— דו זעסט, מיין טייערער, דו זעסט ווי גערעכט איך בין געווען ווע‏לנדיק קעמפן פאַר אַלע פרויען וואָס ליידן!... צי פאַרשטייסטו מיך שוין איצט בעסער?

צערטליך האָט ער איר געדריקט די האַנט ער האָט אָפּגעשאַצט איר אַמפּערונג און, איר גלויבן.

VII

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי כסדר געלעבט אין דערזעלבער אַטמאָספער פון דראַמאַטישער שפּאַנונג. נישט געקוקט אויף דעם וואָס מאַרטינעט איז ממש געוואָרן געשטורמט מיט אָנפראַגן האָט ער זיך אַנטשלאָסן צו געבן וועלכע ס'איז ידיעות וועגן גינעטען ערשט דאַן, ווען אַ צייטווייליקער געריכטס-באַשלוס האָט אָפיציעל באַשטעטיקט זיין רעכט. זיין טאָכטער איז ביי זיינער אַ מומע אַ גוטסבאַזיצערין אין סאָלאָניע. איר איז גאַנץ גוט... און מער זאָל מען אים בכלל נישט דרייען קיין קאָפּ!

אַניקע איז געווען פאַרצווייפלט, האָט אָבער נישט געפונען קיין שום אויסוועג. ס'איז נאָך געבליבן איין איינציקע עצה: אַז פּאַולע זאָל זיך אַנטשליסן גיין צוריק אין שפּאַן, און דאַן, אין דער געגענוואַרט פון עדות, פּראָוואָצירן אַ סקאַנדאַל... צוזאָגן מיט דער פריערדיקער באַשייניגונג פון ד"ר גיבאָן וועגן די באַקומענע קלעפּ, וואָלט אַזאַ מעשה געקאָנט פאַרשנעלערן אירע און גינעטעס באַפרייאונג... ווער ווייס צי וועט זי אָבער האָבן דעם מוט זיך ווידער צו פאַרשליסן אין דערדאָזיקער שטייג?...

זי האָט געפונען איר שוועסטער שפּילנדיק אויף דער האַרפע מיט אַ פאַרקלערטער מינע. אויף איר האָט זי זיך כמעט נישט אומגעקוקט.

צַניקע האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט איר פאַרוואונדערט

אָנגעקוקט... אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט פּאַאולע איבערגעריסן דאָס שפּילן:

— איך שפּיל פֿאַר אים, האָט זי פּשוט אַזאָג געטאָן. ער איז דאָ...

פּאַאולע האָט אַ ווייז געטאָן אויפֿן גרויסן פֿאָטעל, ווו זי פֿלעגט געוויינלעך זיצן, אַניקע האָט טרויריק באַטראַכט דעם פּוסטן חלל, ווו איר שוועסטער האָט אין דער פֿאַנטאַזיע געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿון איר טרוים. פּאַאולע האָט דערקלערט:

— אָן ראגער'ן, וואָלט איך זיך שוין לאַנג געמאַכט אַ טויט. אָבער ער פֿאַרווערט עס מיר. איך האָב אים אויך נאָר וואָס געפֿרעגט אַן עצה וועגן גינעט'ן... אָט נאַ קוק זיך צו! דאָס פּאַפּיר און די בלייפֿעדער ליגן נאָך אויפֿן טישעלע. דו קאָנסט עס לייענען.

מיט אַ שווערן האַרצן האָט זיך אַניקע אַריבערגעבויגן איבערן בלאַט פּאַפּיר, אויף וועלכער פּאַאולע האָט מיט אַ פֿיבערהאַפֿטן כּתב אינטערן דרוק פֿון אַ דיקטאַט געשריבן פֿאָלגענדע ווערטער: וועגן גינעטן זאָלסטו גאָר נישט זאָרגן... זיך אונטער וואַרפֿן דעם גורל...

— דו גיסט זיך הייסט עס אונטער...?

— איך פֿאָלג.

איר טאָן, איר אונטערוואַרפֿן זיך דעם גלויבן האָבן געווירקט אַזוי איבערצייגנדיק אַז אַניקע האָט נישט געוואַגט מיט איר דיסקוטירן...

זי האָט געשפּירט אַז דידאָזיקע מיסטעריעז, וואָס זי האָט זיי נישט באַגריפֿן, נישט געקאָנט דורכדרונגען זייערע פֿינצטערקייט, וואָס פֿאַר פּאַאולן האָבן זיי אָבער אויפֿגעדעקט דעם שאָטן פֿון זייער געהיימניספֿולן שלייער — טאָר זי אַלס אינטעליגענטער מענטש נישט באַקעמפֿן, נישט פֿאַרניכטן זייער עקזיסטענץ בלויז אינטערן אויסרייד, וואָס איר זענען זיי פֿרעמד. טיפֿענישן פֿון מעטאַפֿיזישע אָפּגרונטן, ווּהין

איר שכל האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַריינדרינגען, וועלכע האָבן אָבער פּאַאולען — דאָס האָט זי זייער גוט פאַרשטאַנען — און איר מורא צו פאַרלירן דעם לעצטן אינהאַלטס־פּונקט, אומגעהייער צוגעצויגן. אויפן טיש לעם רעגיסטר, וווּ איר שוועסטער פלעגט פאַרשרייבן די ידיעות פון יענער וועלט, איז געלעגן אַ באַנד פון אַללאַן קאַרדעק.

— דו זעסט! אָט דאָס איז מיין טרייסט. מ׳פילט זיך בעסער ביים געדאַנק, אַז מ׳הויבט זיך אויף אין די הויכקייטן פון די איבערנאַטירליכע קרעפטן. איך ווייס איצט אַז ראגערס נשמה שטייט מיר צו הילף... נישט אמת, מיין געליבטער?... יאָ, דער נשמה־סובסטאַנץ לעבט איבער אונזערע קערפּערס... קיין זאַך שטאַרבט נישט, אַלץ פאַרוואַנדלט זיך, לויטערט זיך... און איר קאָנצענטרירטער גקזאַלטאַציע האָט זי גערעדט אַזוי רויק, אַז אַניקע האָט זיך אַהויב געטאָן נישט דערמאַנענדיק מער קיין וואָרט וועגן דעם פאָרשלאַג זיך אומצוקערן צו מאַרטינעטן...

נאָכדעם ווי זי האָט איר אַרומגענומען, האָט זי אָבער געענדערט איר באַשלוס אין גאַנץ פאָרזיכטיק באַרירט דידאָזיקע פראַגע. פּאַאולע האָט אין גאַנצן אַ ציטער געטאָן און דערנאָך זיך פאַרקלערט:

— איך קאָן קיין זאַך נישט טאָן אָן ראגערס עצה. איך וועל אים פרעגן... און נאָך מיטאָג וועל איך דיר געבן אַן׳ענטפער... ניין?... אַ! איך האָב פאַרגעסן, דו פאָרסט קיין ווערסאַל, נו, איז אין אָוונט... און ווי ער וועט דעצידירן...

זיצנדיק מיט אַמעדייען צוזאַמען אין צוג האָט אַניקע נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם וואָס איר שוועסטער האָט לגמרי פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט... איר אומגליק קיין ווונדער נישט!... אָבער קודם כל אַנ׳אינסטינקטיווע באַדערפעניש און פאַרשקלאַפונג!... יאָ, עלענדע אָרעמע שקלאַפן

וואָס נויטיגט זיך אומבאַדינגט אין אַ הערשעו, און אין מאָ־
מענט, וואָס זי באַפֿרייט זיך פֿון אירע פֿאַקטישע קייטן
שמידט זי זיך אַליין, בידים, אויסגעטראַכטע!...

עלאַסטיש איז אַניקע אַראָפּגעשפּרונגען אויפֿן פּעראָן
און האָט אונטערגעשמייכלט צום בלויען הימל...

די זון האָט געשיינט כּמעט ווי זומער!

— אַך, ס'אַראַ טייערע זאַך, איינצוזאַפּן אַ ביסל
פּרישע לופֿט... מיט מערעטן, און מאַניקן קאָן מען זיך
ווייניגסטנס אַ ביסל דורכשמועסן!

לכתחילה האָבן זיי אָנגעקלאַפּט ביי פּריילין האָרדו.
זי איז געווען ביי די בלאַנשעט'ס.

— מיר רעדן טאַקע וועגן אייך, האָט זשאָרש אויס־
געשריגן.

ער האָט צוגערוקט אַ פֿאָטעל און דער קרייז אונטערן
אַקאַציע־בוים האָט זיך פֿאַרגרעסערט. דאָס ביר איז געווען
אַזוי פּריש, אַז דער שוים האָט זיך אַריבערגעגאָסן איבער
די ראַנדן פֿון די קריסטאָלענע קריג. אַניקע האָט איבערגע־
געבן די טרויעריגע נייעס און דערציילט וועגן דעם משונה'־
דיקן פֿאָרשלאַג וואָס זי האָט געמאַכט פּאַאולן.

— איך אויף איר אָרט, האָט מאַניקע געזאָגט, וואָלט
זיך געלאָזן אויף אַזאַ עקספּערימענט... פֿאַרשטייט זיך נישט
ביז צו אַ דעפֿיניטיוון אונטערוואַרפֿן זיך! געהאָרזאַמקייט
איז מעגליך נאָר בתּנאי, אַז מ'געווינט איר דורך צערטליכ־
קייט, אָט ווי ביי מיר למשל... זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו
בלאַנשעטן... ווייל געענדיגט האָט זיך עס דערמיט וואָס ער
האָט אויסגעפֿירט, מיין טיראַן, נישט איך. איך קאָן אייך איבער־
געבן, אַז נאָר וואָס האָב איך פֿאַרקויפֿט דעם בלויען דאָרן.

בלאַנשעט האָט צערטליך צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ
נישט באַהאַלטנדיק אָבער זיין צופֿרידענע מינע. מאַניקע
האָט נאָך צוגעגעבן:

— רעד זיך נאָך אָבער נישט איין, פּאַשאַ, אַז מיין

נאָכגעבן באַוויזט, אַז גערעכט ביסטו!... פֿרעג נאָר בײַ אַניקן צי זי וואָלט נאָכגעגעבן, זי? איך אין גרונד גענומען, בין קיין מאָל נישט געווען מער ווי אַ פֿאַרבלאָנדזעט שעפּסעלע, וואָס בליעקעט נאָכן שטאַל. איך בין אייגנטלעך געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ נאָרמאַלע, הכנעהדיקע ווייב. אייער חלום, מיינע הערן!

— זאָל לעבן דער שאָפּשטאַל! האָט בלאַנשעט באַ-מערקט.

מאַניקע האָט אַ ווייז געטאָן אויף ביידע מענער:

— איר הערט, אַניקע! זיי זענען זיך דערין נישט מודה, אָבער, אייגנטלעך באַטראַכטן זיי זיך שטענדיק ווי פּאַסטוכער מיט אַ פֿעסטן שטאָק אין האַנט!...

בלאַנשעט האָט געשמייכלט...

— וואָס ווילסטו? ביי מיין גאַנצן רעספּעקט פֿאַר דער פֿרויען-באַוועגונג, מוז דאָך אָבער אין יעדער פֿאַמיליען-לעבן איינער פֿון ביידע איבערנעמען די לייטונג! פֿאַרוואָס דוקא איר און נישט מיר?

— איך שטעל אייך די זעלבע פֿראַגע פֿאַרקערט, פֿאַר-וואָס דוקא איר און נישט מיר?

— גערייצט האָט אַניקע אינטערגעכאַפּט דעם געשפּרעך:

— ווייל מיר זענען מינדערווערטיק! וואָס, ניין? זאָגט עס אָפֿן!

— דרך-ארץ, האָט אַמעדיי אַ זאָג געטאָן, אַז אַניקע מישט זיך אַריין!

אָבער בלאַנשעט, אַ צופֿרידענער, האָט דערקלערט:

— מינדערווערטיק? יאָ, פֿאַקטיש, כמעט אַלע געלערנטע באַהויפּטען עס!

— ווייל זיי זענען חמורים! האָט אַריינגעוואָרפֿן פֿריילין האָרדי.

— אָ! אָ! זיי האָבן קאָנסטאַטירט דורך וויסנשאַפֿטלעכע באַווייזן, אַז די דאָזיקע מינדערווערטיקייט — און טאַקע נישט בלויז אין פֿיזישער הינזיכט — איז אַן אָנגעבאָרענע, און אַז...

— אַנגעבאָרן, אַוודאי, ווייל איר האָט דערצויגן די פֿרויען בלויז אַלס אָביעקט פֿאַר אייער פֿאַרגעניגן, אַלס ליידיגגייערינס פֿאַר די פֿרויען־הייזער און האַרעמס, פֿאַר דער פּוסטקייט פֿון בודואַר און פֿאַרן שטייג פֿון די קיכן!...

— פֿאַרדאָן! דידאָזיקע „חמורים" האָבן אָנגעטאָן זייערע ברילן און פֿעסטגעשטעלט, אַז דער אונטערשייד אין דער גרויס אין דער פֿאָרם פֿון מח...

— דער הער פּראָפֿעסאָר וועט פֿאַרצייען, וואָס אַ פּשוטע שול־דירעקטאָרן האָט דעם מוט מיט אים צו דיסקוטירן... אָבער ער ווייסט אַזוי גוט ווי איך וואָס פֿאַר אַ ווערט ס׳האָבן אַזעלכע באַהויפּטונגען וואָס היינט איז וויסנשאַפֿט, איז מאָרגן אַפּיקורסות! מ׳קאָן פּונקט אַזוי קרעפֿטיקן די קערפּערס ווי פֿאַרהאַרטעווען די נשמות. הונדערט יאָר שוועדישע גימנאַסטיק און די מאָדערנע מיידלאַך וועלן זיין פּונקט אַזוי באַוועגליך און שטאַרק ווי די בתולות אין ספּאַרטע... די פֿיזישע גלייכהייט? אַדרבא, פּרוווט נאָר איר אָפּצונעמען ביי די פֿרויען־משא־טרעגערינס, וואָס מאַרשירן איצט אונטער דער פֿייערדיקער זון פֿון אַפֿריקע!

אַמעדיי האָט מיט אַנ׳איראָנישער מינע געציפּט זיין שפּיציק בערדל.

— אָ! דו, דיינע טענות זענען מיר באַקאַנט! האָט אַניקע אַ זאָג געטאָן... געשווינט אַרויס מיטן לשון, ציטיר דיינע באַרימטע פֿערזן פֿון וויגני!

זי האָט דעקלאַמירט...

— „דער חבר וואָס מיט איר האַרץ ביסטו קיין מאָל נישט זיכער... די פֿרוי, אַ קראַנק קינד און צוועלף מאָל אומריין..."

אַמעדיי האָט זיך געכאַפּט צוריק, האָט אָבער פֿריער באַמערקט:

— אומריין, ניין. לאָמיר בעסער זאָגן... מיד. וויייניגסטענס יעדן מאָנאַט עטליכע טעג... שוין נישט ריידנדיק וועגן

די עטליכע וואָכן פאַר און נאָכדעם... וואָס איך האַלט — נישט מאַניקע און נישט דו וועלן עס באַקעמפן — ביז היינטיקן טאָג פאַר דער מיסיע פון דער פרוי פאַר עקסעלאַנס.

דוקא מאַניקע האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ פלוצלונגען ערנסט:

— יאָ, די מיסיע!... שאַפן לעבן און נישט בלויז דורך אַ צייטווייליקער צוזאַמענציונג פון די מוסקולן בעת די ווייען, נאָר חדשים לאַנג מיט אונזער פלייש און בלוט, מיט אונזערע אומגעוויינלעכע שמערצן! צי איז עס נישט אַ גענוג גרויסע לייסטונג וואָס פאַרדינט אַלס קאָמפּענסאַציע עטלעכע שעה ליידיק גיין? די פיזישע מינדערווערטיקייט פון די פרויען? ס'איז נישט מער ווי אַ שלעכטער תּירוץ, מיט וועלכן די מענער באַנוצן זיך כּסדר, אַ תּירוץ דורך און דורך אַ פאַלשער. וואָס האַלט נישט אויס קיין שום קריטיק, איז לגמרי אומבאַגרינדעט און מוז סוף כּל סוף פאַרשווינדן! ס'איז בלויז אַן ענין פון קערפּערליכער דערציונג און פון געהעריגע סאָציאַלע מאַסרעגעלן.

— בראַוואָ! האָט אַניקע אויסגעשריגן. איבעריגנס איז נאָך דאָ אַ פאַקט וואָס אַנטשייט אַלץ.

— וואָס, למשל? האָט בלאַנשעט אַ פרעג געטאָן.

— דאָס געזעץ פון דער סביבה, פון וועלכער איר זענט אָפּהענגיק! און די נייע עקאָנאָמישע וועלט־אָרדנונג, וואָס ענדערט אויך אונז מענטשן! ס'וואַקסט אויס אַניייער דור פאַר וועלכן די אַרבעט וועט ווערן אַן אַלגעמיינע פליכט, די אַרבעט, וואָס וועט אונטערן דרוק פון געמיינזאַמער נויטווענדיקייט, ברענגען דעם געהעריגן שלום צווישן די געשלעכטער...

— אָן שום ספק, האָט דער פילאָזאָף צוגעגעבן. גלייכע לאַסטן, גלייכע רעכט... אָבער דאַן באַפרייט אונז פון די אַלע פאַרצעלייענע ליאַלקעס, וואָס פאַרברענגען זייער לעבן אין זיך פודערן און פוצן די נעגל — אין פולן זין פון וואָרט

קרייען — ... און וואָס זייערע געדאַנקען זענען פאַרנומען בלויז מיט איין זאַך ווי אַזוי אָפּצונאַרן! פון די אַלע ווייבער ווי סימאַנע לורדאַל!...

— איר האָט פולשטענדיק רעכט! האָט אַניקע אויסגערופן. איך שעם זיך וואָס איך בין אַ פרוי בעת איך קלער וועגן דידאָזיקע ווייבער!... אָבער זייט אויפריכטיק, מיינע הערן. ווער איז דען שולדיק אין דעם וואָס דאָס האַרץ פון אייער חבר איז וואַקלדיק? צי איז דען דאָס האַרץ פון מאַן פעסטער, זיכערער? און צי איז עס ריכטיק פון אייך — וואָס איר גופא זענט די פאַרקערפּערונג פון עגאָאיזם און אומטרייהייט, פאַרצעוואַרפן אייער שקלאַפן די חטאים אין וועלכע איר האָט איר אליין מחנך געווען משש ת ימי בראשית, זינט די וועלט שטייט!... דלילה? אָבער סאיז דאָך אַפּראָדוקט פון אַ שמשון... וואַרט נאָר צו ביז די צוקונפט וועט דער אייביק מינדעריעריקער געבן די פרייהייט און דאַן וועט מען זיך איבערצייגן צו וואָס זי איז פעיק!

— זי וועט שטענדיק, און דירעקט, דענקען מיטן אוטערוס 1) האָט זיך בלאַנשעט געוויצלט

— אַ! זייט מיר מוחל! דידאָזיקע באַהויפּטונג שטאַמט נישט פון מיר, נאָר פון איינעם פון אייערע ליבלינגס-שרייבער, פון מויקלערן, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

— איר זענט זיך נישט טועה, האָט אַניקע באַשטעטיקט. אָבער דאָס באַווייזט בלויז, אַז די בעסטע פון אייך זענען נישט בכח זיך צו באַפרייען פון די אָפּגעלעבטע, פאַרעלטערטע פאַראורטיילן. און די מענער, מיט וואָס דענקען זיי?... ס'זענען אַלץ סאָפיזמען כדי צו פאַרדעקן דעם אמת... יאָ! בלויז איר האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף מייסטער ווערק... ס'זענען נישטאָ קיין געניאַלע פרויען נישט אין דער וויסנשאַפט נישט אין דער ליטעראַטור... און פרוי קוריע.

---

1 „אוטערוס" געבערמוטער.

קאָן זי זיך פאַרגלייכן מיט איר מאַן, יאָ צו ניין?

— און מאַדאַם נאָאיל? האָט מאַניקע אַ זאָג געטאָן, די גרעסטע דיכטערין פון אונזער צייט!...

— מ׳האָט געקאָנט ציטירן הונדערטער אַנדערע נעמען... האָט צוגעגעבן פריילן האָרדי.

— ס׳איז ווייניק? גיט אונז אייערע צוויי הונדערט טויזנט יאָר שטודירן, לערנען!

— ניין! גיט אונז פון איצט אָן בלויז די זעלבע דערציונג ווי די מאַנסלייט!... יאָ, יאָ, קאָך־און ווירטשאַפטס־קורסן אַצולייג, אויב איר ווילט... און אז איר דערלויבט מיר שוין צו פאָרמולירן מיינע פאַרלאַנגען, טו הויבט טאַקע אָן פון דער פאָלקס־שול, באַזייטיקט סוף כל סוף די נאַרישע באַריערע צווישן יינגלעך און מיידלעך.

— קויעדוקאַציע? האָט אַמעדיי געזאָגט, פאַרוואָס דען נישט?

— איר פרווי דירעקטאָרין, האָט זיך בלאַנשעט געווי־צלט, איר וועט ברענגען דערצו, אַז מ׳וועט אייך סוף כל סוף משלח זיין פאַרן פאַרשפּרייטן זיטענלאָזיקייט צווישן מינדעריעריקע.

— פאַרצייט, נישט זיטענלאָזיקייט פּראָפּאַגיר איך, נאָך נאַטורליכקייט און געזונט.

— צי דען שפּירט איר נישט, אַז בלאַנשעט מאַכט פון אייך חוזק? האָט אַמעדיי אַ זאָג געטאָן. אין גרונד גענומען זענט איר אין גאַנצן גערעכט. די באַציונגען צווישן די מענטשן־פּאָרלעך באַזירן נישט אויף דער איבערמאַכט לטובת פון איינעם און נישט אויף דער מינדערווערטיקייט צום שאָדן פון צווייטן דער מח איז געשלעכטלאָז. ס׳הערשט אַ גלייכגעוויכט און ס׳מוז דערגרייכט ווערן אַ פולשטענדיקע גלייכשטעלונג...

אַניקע האָט אים געדאַנקט מיט אַ ליבעפולן, טריומפירנדיקן בליק...

זייער פרייד וואָלט געווען אומגעשטערט ווען פּאַאולעס אומגליק זאָל נישט האָבן פאַרדעקט מיט אַ געדיכטן וואָלקן זייער לויטערן הימל. אַמעדיי האָט אָן שום הינטערגעדאַנקען געגעסן פון דאָזיקן פרייען לעבן. לויט אַניקעס געשמאַק נישט רעאַגירנדיק אויף דער נייער הייראַטס-פאָרם להכעיס די פעסטגעזעצטע כּללים. אָפטמאָל פלעגט ער פון איר חוזק דערלאַנגענדיק איר בריוו מיט דער אויפשריפט „הער און פרוי זשאָקמאַן; אַ פּראָספּעקט אַדרעסירט צו מאַדאַם אַמעדיי זשאָקמאַן"... זי פלעגט הויבן די באַרקעס און שמייכלען.

זיי האָבן געקויפט אַ קליינעם אויטאָ און זי האָט הנאה געהאַט אַליין אָנצופירן. אין עטליכע לעקציעס האָט איר זעליאַנאָוו אויסגעלערנט די גאַנצע תּורה.

זי האָט דעם זיכערן געפיל פאַר דער ריכטונג, האָט דער מאַלער דערקלערט.

— און פאָרן אָנפירן, האָט אַמעדיי צוגעגעבן מיט אַ צערטליכן חוזק.

— איז עס אַ פאָרוואורף?

— ניין, בלויז אַ קאָנסטאַטירונג...

— דו פירסט אָן מיט דער מלוכה, פאַרגין דיין דינערן דאָס פאַרגעניגן אָנצופירן מיט אַ קליינעם וואָגן פון אַכט פערד-קראַפט!

ער האָט זיך געריבן די הענט. אַליין קורצזיכטיק איז ער געווען צופרידן וואָס זי האָט אים געדינט אַלס שאָפער. ביידע קומענדיק פון געריכטס-זאַל אָדער פון דער קאַמער, האָבן געשפירט אַ קינדישן פאַרגעניגן אַרויסצונעמען פון גאַראַזש זייער שפּילצייג און זיך אַוועקלאָזן ערגעץ ווו צום ברעג פון דער איוועטע, דער מאַרנע אָדער דער אָאַזע אין אַ גוטן רעסטאָראַן... פאַרן אָבפאָרן פלעגט מען אַרומנעמען קלוידן. זיצנדיק ביי אַמעליען אויף די הענט האָט ער צו זיי געוווּנקן, געמאַכט אומבאַהאָלפענע זשעסטן, אַרויסגעלאָזן פאַרשידענע וואָרט-קלאַנגען, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן

„אויף ווידערזעהן"... דאַן האָבן זיי זיך זאָרגלאָז געלאָזן אין וועג אַריין און אַהיים פּאָרנדיק אונטערן גלאַנץ פון אויסגעשטערנטן הימל, זיך געזעטיגט מיט דער פרישער נאַכט־לופט און מיטן געפיל פון זייער שטענדיק יינגער ליבע.

לאַנגזאַם האָט זיי דאָס גליק פעסטער צונויפגעבונדן איינגעהילט אין אַ צויבער וואָס האָט ביי ביידן אַנטוויקעלט.

זיי האָבן עס אפילו נישט באַמערקט — די זעלבע געוואוינהייטן און פאַרפעסטיקט די זיסע קייטן. איצט האָט זי זיך אָפּטמאָל געמוזט אָנטאָן אַ כח זיך צוגיין אין דער פרי אויף סען־סולפּיס־פּלאַץ צו דער אַרבעט. און דער יוסטיק־פּאַלאַץ מיט זיינע אומבאַקוועמע געריכטס־זיצונגען, דער מוז צו עסן גאַנץ אָפט אַליין און נישט אין דער צייט, וואָלטן איר אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ שווערע פליכט, ווען זי זאָל נישט אַפּעלירן צו איר גאַנצער ענערגי, צו איר גאַנצער ווילנסקראַפט.

אַמעליע האָט איר אומגעריכט פאַרלאָזן באַשליסנדיק חתונה האָבן מיט אַ פריערדיקן קעלנער און איצטיקן פּאָר־טיער און שכנ׳ישן הויז...

— די מאַדאַם פאַרשטייט?... אַ סטאַבעלער פּאָסטן... אַנ׳אָרנטליכער מענטש...

— איר האָט אים ליב?

— מ׳פאַרטראָגט זיך גוט.

— אָבער וואָס הייסט... איר זענט דאָך אויך אַזוי צופרידן...

אַמעליע האָט זיך גערויטלט.

— איך בעט איבער דער מאַדאַם... חתונה האָבן איז שטענדיק זיכערער... אויסערדעם וויל ער נאָך צונעמען מיין מיידעלע... נישט צוליב דעם ווייל ביי מאַדאַם ברוססאַט איז איר חלילה שלעכט... נאָר שפּעטער וועט ער עס אַדאָפּטירן... ווי ס׳זאָל נישט זיין וועט דאָך די קליינע ווייניגסטנס האָבן אַ נאָמען...

— זי האָט דאָך אייער נאָמען...

— ס'איז דאָך נישט די זעלבע זאַך!...

אַניקע האָט זיך נישט געפּרוווט איר עס מסביר צו זיין!... יאָ, אויף אַנ'אויסגעטרעטענעם וועג גייט זיך עס לייכטער... מיט אַ פלוצלינגער ווייכקייט האָט זי געקלערט וועגן דער אָבדיקאַציע פון יענע, וואָס זייער עקזיסטענץ שטייט נישט אין אַזאַ שטאַרקן קאָנפליקט מיט דער פרידלע־כער רויקייט און, כאָטש זי האָט נישט מסכים געווען מיט זייער ליידיקגיין, האָט זי איצט פיל בעסער פאַרשטאַנען זייער דעזערציע... אַ שרעקליכע געשעעניש האָט ווי אַ דונערשלאַק, צומישט אירע געדאַנקען.

זי האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אירע שפּרעכשטונדן און זיך געקליבן אַראָפּצוגיין צו פּאַאולן, ווי פּינע, ציטערנדיק אין גאַנצן ווי אַ בלאַט, איז אַריינגעלאָפן איר רופן.

די מאַדאַם האָט נאָר וואָס באַקומען אַ בריוו פון הער מאַרטינעט. ס'קינד...

— אַ כליפּן האָט פאַרשטיקט איר שטים.

— וואָס...? גי?... שלעכטע ידיעות? פּינע האָט געיאָ־מערט:

— ס'איז געשטאָרבן!... ווי האָט עס גאָט דערלאָזן...

אַניקע איז אַרונטערגעלאָפן. מיט אַ זשעסט פון אַ סאַמ־נאַמבוליסטן 1) האָט איר פּאַאולע דערלאַנגט דעם מאַנס בריוו... אַנ'עפּידעמישע קינדערקראַנקייט... אַנ'אומגעריכטע קאַ־טאַסטראָפע... זונטיק אין קאַנטריי באַגראָבן...

די ווערטער האָבן זיך צונויפגעגאָסן. אַניקע האָט זיך אָנגעשטרענגט און געלייענט ביזן סוף: ס'איז אים געווען אונמעגליך אָנצוזאָגן פריער, ער אַליין איז אויך געקומען צו שפּעט... צום סוף אַ זאַץ, וואָס בלויז זיין ברוטאַליטעט האָט עס געקאָנט דיקטירן... „אַז פּאַאולע זאָל זיך אומקערן

1) סאַמנאַמבוליסטן — נאַכטוואַנדלערן.

אַהיים און פֿאַרנעמען צוריק איר פּלאַץ אַלס עקרת-הבית...״

אַניקע האָט שטיל אָנגעקוקט איר שוועסטער וועלכע איז געזעסן אַ דערשלאָגענע אונטערן דרוק פֿון איר פּאַטאַלען גורל. נישט לאָזנדיק קיין טרער האָט זי געקוקט מיט שטאַרקע בליקן... דערנאָך האָט זי געמורמעלט: —

— איך האָב געוווּסט, אַז זי מוז שטאַרבן... דאָס איז די שטראָף...

זי האָט אַרויסגענומען אירע צייכענונגען און אָנגעוויזן אויף איינער מיט שוואַרצע ראַנדן אַרום אַלע פֿיר זייטן..

— ראגער האָט עס פֿאָרויסגעזאָגט.

— און איצט?

פּאַאולע האָט אויפֿגעהויבן אירע שיפֿער-בלויע אויגן, איר בליק איז געווען פֿול רעזיגנאַציע.

— איך וועל זיך נעמען צוריק צו מײַנע לעקציעס, וועל פֿרוּוון אַרבעטן... איך וועל טאָן אַלץ וואָס ראגער וויל...

אַניקע האָט געזען אַז בנוגע דעמדאָזיקן פֿאַרלאָרענעם מענטשן איז איר גוטער ווילן אָנמעכטיק... ס'איז געווען איר שוועסטער, דידאָזיקע עלענדע פֿרוי, פֿאַר וועלכער זי מוז פֿון איצט אָן איבערנעמען אויף זיך די גאַנצע זאָרג, די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטליכקייט, ווי ס'געפֿעלט דעם וואָס זיצט דאָרט אויבן און הערשט איבער דער זיכטבאַרער וועלט מיט זײַן סוּווערענער אויטאָריטעט... אַ נײַע לאַסט, וואָס האָט איר אָבער נישט געדריקט, נאָר גראַדע פֿאַרקערט, אָנגעפֿילט מיט פֿרישער ענערגיע.

אין ערשטן מאָמענט איז איר אײַנגעפֿאַלן בעטן אַמע-דייען ער זאָל דערלויבן צונעמען פּאַאולען צו זיי. פֿינע וועט אויף איר אַכטונג געבן און גלײַכצײַטיק אַנשטאַט אַמעליען זיך פֿאַרנעמען מיט קלוידינעטן. אָבער די שוועסטער גופא האָט איר געבעטן זי זאָל איר איבערלאָזן אויף סען-סולפּיס-פּלאַץ:

— דו פֿאַרשטייסט? דאָ לעב איך מיט ראגערן... מיר זענען ווי בײַ זיך אין דער היים.

אַניקע האָט דערצו מסכּים געווען, מער נאָך ווײַל

גראָד אין דעם מאָמענט איז אַריין אַ יונגע ברעטאַנערין וואָס די מילך פרוי האָט איר געשיקט מיט זייער גוטע צייגנישן. זי איז אַניקן געפעלן, כאָטש איר פּנים האָט אויסגעזעצט ווי געשניצט פון האָלץ.

— מאַריע קערלאָדעק? גוט, קומט, מאַריע, וועט איר אָנקוקן דעם קליינעם יונג...

— אַנ׳אמתער יעזוס־פּנים! האָט די ברעטאַנערין אויסגעשריען... איך וועל אים היטן ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ!

דער דאָזיקער האַרציקער טאָן האָט אַניקן אונטערגעקויפט און זי האָט איר אָנגעטרויט קלוידינעטן.

אַניקע פלעגט איצט כמעט נישט אַרויס פון שטוב אויסער צו איר פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. דער פּאַרקער־קרייז האָט זיך באַשריינקט בלויז אויף די אינטימסטע פריינט. אין רעכטן מיטן פון פּאַריזער טרובל האָט זי, אין איר גליק, געלעבט ווי אין אַ קלויסטער. אַפילו אַמעדייס עפּטערע באַזוכן ביי זיין מוטער האָבן איר אויפגעהערט צו באַאומרויקן.

נאָך דריי אומגעלונגענע פּרוון האָט פרוי פון מאַרעוואַל געמוזט קאַפּיטולירן פאַרן געשעענעם פאַקט: נישט אַנטאָאַנעטע צעססאָן, נישט די יונגע טאַראַט־מאַריזע (ראַנשאַרדס אַקוזינע), מיט וועלכער זי האָטגעפירט אונטערהאַנדלונגען, געפינענדיק, אַז ס'איז אַ טייערער שדוך — האָבן נישט געקאָנט פאַרדריינגען אַניקן!

ס'האָט זיך אויך איינגערוקט, אַנ׳אמתע פריינדן, — די פּרינצעסן פון מאַרעוואַל — אַ יונגע אַמעריקאַנערין, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיטן טיטל געקויפט אַ פּאַראַליזירטן מאַן אין, נאָך זייענדיק פריילייין עריק, געפינען אַמעדייען פאַר זייער פּיקאַנט. איר אָ פערטע האָט אָבער אויך קיין דערפאָלג נישט געהאַט... דאָס שפּיל האָט איר אמת שטאַרק אומפאָגירט; דעראָבערן אַ באַרימטן פּאָליטיקער און גלייכצייטיק אויסאיבן אַנ׳אַקט פון עכט קריסטלעכער באַרמהערציקייט.

נאָך איר מפּלה אויפן דאָזיקן פעלד האָט זיך מאַדאַם מאַרעוואַל געלאָזט אויף אַנ׳אַטאַקע גאָר פון אַנ׳אַנדער זייט.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז מכּח אָנקניפּן באַציונגען מיט פֿרוי רעמבבערט האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין:

— דיין חברטע וואָלט עס זיכער די ערשטע אָפּגעוואָרפֿן...

...ס'האַנדלט זיך אָבער בלויז וועגן קלוידן... דו פֿאַרשטייסט צי ניין. שוין חדשים לאַנג דערציילסטו מיר כּסדר וועגן קינד, ווי געראָטן ס'איז!... און מיין פֿאַרלאַנג אים צו זען, צודריקן צו מיין האַרצן, מוזטו צוגעבן, איז אַגאַנץ נאַטירליכע זאַך... דאָס אומשולדיקע קינד איז דאָך סוף כּל סוף נישט פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר דאָס... פֿאַר דאָס... וואָס איז שוין איבעריגענס איצט פֿאַרגאַנגענהייט... ברענג מיר אים צו פֿירן. אַ מוטער קאָן נישט אָפּנעמען ביי דער באָבן דאָס פֿאַרגעניגן צו קענען איר אייניקל...

אַניקע האָט נישט געזאָגט ניין, כאָטש זי האָט געהאַט עפּעס אַ מין אומאַנגענעמען פֿאָרגעפֿיל. זי האָט געשפּירט, אַז די דאָזיקע קאָנצעסיע פֿאַר די לעגיטימע געפֿילן פֿון אַ פֿאָטער און אַן עלטערער פֿרוי, וואָס האָט ליב איר זון, וועט אַמעדייען פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן. קלויד איז נאָך געווען אַזוי קליין, אַז ס'וועט אים זיכער קיין בייז נישט זיין, וואָס שלעכטע ליפּן וועלן באַרירן זיין שטערן. ער איז נאָך נישט פֿעיק צו פֿאַרשטיין די ווערטער וואָס דידאָזיקע ליפּן וועלן אפשר אַרויסברענגען... און שפּעטער אַז ער וועט קליגער ווערן וועט איר געלונגען צו נייטראַליזירן דעם דאָזיקן גיפֿט!

— דו, מיין טייערע, וואָס דו האָסט דיין מוטער כמעט נישט געקענט, קאָנסט אפֿילו מיינע געפֿילן גאָר נישט פֿאַרשטיין... נאָכגיביקייט ווי צו אַן אַלט קינד, אַ געוויסער רעספּעקט פֿאַר איר באַשרענקטן אָבער שטרענגן קולט פֿון טראַדיציעס, אַן אינסטינקטיווע צערטליכקייט פֿאַרן דאָזיקן אַלטן קערפּער, דעם איינציקן, אָרעמען, אָפּגעניצטן פֿאָדעם וואָס בינט מיך נאָך צונויף מיט אונזער פֿאַמיליען-קרייז.

— יאָ, האָט אַניקע געזאָגט, איך פֿיל דיר מיט, כאָטש פֿאַר מיר הויבט זיך ערשט אָן די קייט פֿון קלוידן און דיר... דיינע פֿאַרליוט זיך אין דער פֿאַרגאַנגענהייט... מיינע גיסט

זיך צונויף מיט דער צוקונפט... ס'איז אַ נייע פאַמיליע וואָס הויבט זיך ערשט אָן שאַפן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז איך וועל קלוידן מיט געוואַלד אָפּרייסן פון די דייניקע... ס'לעבן וועט געווג גיך מאַכן דאָס זייניקע...

— און דער טויט!... איך דאַנק דיר וואָס דו פאַרשאַפסט דער אורמוטער איינע פון אירע לעצטע שמחות...

— אורמוטער!... אַ וואָרט פון די נייַנציקער יאָרן!

פאַרחלומטע האָבן זיי אין געדאַנקען געוואָרפן אַן'איבער־בליק אויפן וועג וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר: וועליסאָפּעדן, אויטאָמאָבילן, אַעראָ־פּלאַנען... איקאַר 1) טראָגט זיך אין דער לופטן... און דאַן, נישט געקוקט אויפן שרעקליכן רעגרעס דורכן קריג מיט זיין גאַנצן מבול פון באַרבאַריזם, אומעטום דער ציטער פון אַ נייעם אויפשוווּנג; די וויסנשאַפט, וואָס שלעפּט אַרויס פון די טיפענישן פון דער אורשפּרינגליכער נאַכט נאָך אומבאַקאַנטע אָבער אומבאַגרענעצטע קרעפטן. פון באַוועגונג, פון ליכט־וויברירן: דער דראָטלאָזער טעלעגראַף און טעלעפאָן...

דער סוד פון דער לעבנס־ענערגיע, טיילווייז אויסגעפאָרשט, מאָרגן אפשר שוין אַנדעקט...

— הייסט עס, האָט אַמעדיי געזאָגט, ביזטו מסכים. איך קאָן איבערגעבן מיין מוטער, אַז איך וועל איר ברענגען קלוידינעטן.

— דו קאָנסט איר אַפילו טעלעפאָנירן, אויב דיר מאַכט עס פאַרגעניגן.

— איך דאַנק דיר.

עם ערשטן ווּיזיט האָט אַמעדיי, וועלכער האָט באַגלייט

---

1) איקאַר (לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע) דעדאַלס זון האָט זיך באַפרייט פון לאַבירינט אויפן אינזל קרעט אין מיט דער הילף פון וואַקסענע פליגל געפלויגן אין דער לופטן. אַז ער האָט זיך דערנענטערט צו דער זון, איז די וואַקס צוגאַנגען, איקאַר איז אַרונטער געפאַלן און האָט זיך דערטרונקען אין ים.

מאַריען מיטן וועגעלע הין און צוריק, איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים! ער איז איר געווען אַזוי דאַנקבאַר און האָט געשילדערט דעם קבלת־פּנים מיט אַזעלכע פּשוטע און רירענדע פאַרבן, אַז אַניקע האָט איינגעוויליגט אויף אַזעלכע פּערמאַנענטע עקספּערימענטן איין מאָל אין וואָך. מאַריע פלעגט יעדן דאָנערשטיק פאַרבערענגען מיטן קינד אַ גאַנצע שעה ביי פּרוי מאַרעוואַל. אַניקע פלעגט איר בלויז יעדן מאָל אָנזאָגן, אַז לענגער זאָל זי דאָרט נישט זיצן און מ׳זאָל נישט אָנשטאָפּען דאָס קינד מיט קיין צוקערגעבעקס און אַנדערע נאַשוואַרג.

אין אַ מיטוואָך באָכמיטאָג, — קומענדיק ווי געוויינלעך אַ היים נישט אָנקלינקענדיק פריער אין טיר — האָט זי דערהערט, אין מאָמענט בעת זי האָט געוואָלט אַ שטויס טאָן די נישט פאַרשלאָסענע טיר פון קינדער־צימער, אַ שטילן שמועס. די בעדינטע — ס׳איז גראָד געווען אין אַ טאָג פון אַ גרינדליכן רייניגן די וווינונג — האָט געזאָגט צו דער ברעטאַנערין:

— געוויס האָט די באָבע רעכט, קינדער מוזן ווערן געטויפט.

אַניקע האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך צוגעהערט:

— נישט אמת, מיין קליין מלאכל, מאָרגן זייגער דריי וועסטו אויך ווערן געטויפט, מיין שיין, קליין יעזוסל!

— איך שטעל מיר פאָר ווי די מאַדאַם וועט זיך שליידערן, אַז זי וועט זיך דערוויסן.

— מ׳וועט עס איר גאָר נישט דערציילן.

— ס׳איז באמת גענוג וואָס זי פאַרזינדיגט, איר אייגענע נשמה דעם קינד׳ס נאָך אויך. זי גייט קיין מאָל נישט אין קירך, וואָס?

— קיין מאָל נישט.

— ווו וועט איר אים טויפן נישט דאָ?

— וואָס רעדט איר עפּעס אַזעלכע נאַרישקייטן! כדי זי זאָל אונז כאַפּן! ניין. אין סען־זשערמען ל׳אָקסעראָא, און ווען

מיטן דאָזיקן קליינעם מלאך זאָל חלילהווירקליך עפּעס געשען ווערט ער דאָך לכל הפּחות זיין אין גן־עדן...

וואָס זי האָט אָבער נישט דערציילט איז געווען דער פאַקט, אַז די פרוי מאַרעוואַל האָט איר צוגעזאָגט פאַרן דאָזיקן סוד גאַנצע פינף הונדערט פראַנק.

... אַ פּאַרציטערטע האָט אַניקע געוואָלט אַריינלויפן כאַפּן זיי ביידן ביין האַנט און תיכף דורכיאָגן... אָבער צי דען וועלן זיי איר פאַרשטיין? זי האָט זיך באַהערשט. געדולד! ביז מאָרגן!... זי וועט גאָר נישט פאַרלירן צוואַרטנדיק ביז מאָרגן... דריי אַ זייגער!... אין סען־זשערמען ל'אַקסעראָא.

מיט איין קלאַפּ האָט זיך הייסט עס אויפגעריסן דעם שלייער. זי האָט דערזען אין זיין גאַנצער גרויס דעם זומפּ, אין וועלכן זי איז שיעור נישט אַריינגעזונקן, ווו זי וואָלט זיך אפשר טאַקע דערטרונקן ווען נישט דער צופעליגער אָנווייז פון שיקזאַל; ווען זי זאָל פאַר[illegible]טיקן וואָלט זי אפשר, אין איר זיכער זאָרגלאָזיקייט, לגמרי פאַרלאָרן די קראַפט צו רעאַגירן...

אַמעדיי איז שוין דעם צווייטן טאָג נישט געווען אין דער היים. אַ קאָנפערענץ אין ליאָן. פריער ווי מאָרגן אין אָוונט וועט ער נישט קומען. באמת איז זי געווען צופרידן וואָס ער איז נישטאָ. ער וואָלט זיכער איר אויפרעגונג באַמערקט און זיך באַמיט אויסצומיידן דעם סקאַנדאַל.

די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אַנ'עק. ענדליך איז געקומען די באַשטימטע שעה. מאַריע האָט זיך רויק געקליבן אין וועג מיט איר קליינעם יעזוס. אַניקע האָט ווי תמיד פאַרן אַוועקגאַנג דאָס קינד געגלעט, כּדי די דאָזיקע אידיאָטקע זאָל זיך נישט כאַפּן... בעת פרוי מאַרעוואַל האָט אָפּגעוואַרט קלוידן ביי זיך אין דער היים, איז אַניקע גלייך אַוועק געלאָפן קיין סען־זשערמאַן ל'אַקסעראָא. פאָרזיכטיק האָט זי זיך אַרומגעקוקט... קיין לעבעדיקער נפש. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן טורם — זייגער ?

— האַלב דריי... איך האָב געגוג צייט ביז זיי וועלן אָנקומען.

זי איז אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס זענען געווען גלאַט אויסגעפּאַלירט דורך די פּיס פון די מחנות גלויביקע אין משך פון פינף דורות, און איז אַריין אין קירך, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַ בין־השמשותדיקער קעלער־ליכטיקייט. נאָר ווו נישט ווו איז דורך די קאָלירטע פענצטערשויבן געפאַלן אַ זונענשטראַל אויפן שטיינערנעם פוס באָדן. אַנ׳עפעקט־פולע טעאַטראַלע האַלב־טונקעלקייט, וואָס וואָלט אפשר אויף איר געמאַכט אַ געוויסע ווירקונג, ווען ס׳זאָל איר נישט אַ האַק טאָן אין נאָז דער איבעלדיקער גערוך פון אַנ׳אוראַלטער שטויב־שיכט און דער ריח פון פאַרשימעלטן ווייָרויך. עטליכע אַלטע ווייבער זענען געלעגן אויף די קני אין די פינצטערסטע קלויסטער־ווינקלען און האָבן אויסגעזען ווי פאַרגעסענע פעקלעך סינאַטעס. זי האָט זיך צוגעקוקט צום כאָר־געוועלב פון וואַנען די פריסטער פון אֱלֹהֵי־הָרַחֲמִים — פון באַרמהאַרציקן גאָט — האָבן געקלונגען אין די בלוטיקע גלאָקן בעת דער הייליקער באַרטאַלאָמיי־נאַכט, רופנדיק צו רציחות און מאָרד. אַ פאַרבייגייענדיקער קירך־שומר האָט איר דערקלערט:

... „דער טויפבעקן ?... יאָ, תיכף עפענט ער דעם טויער... דריי אַ זייגער קומט פאָר אַ טויף־אַקט...

אָט אַזוי פאַרפאָלגט די קירך כסדר מיט אַלע מיטלען, מיט געוואַלד און עָרְמָה, איר דעספּאָטישן ציל: צו פאַרשקלאַפן די וועלט אויף אייביק מיט דער הילף פון ווייבערשער שוואַכקייט און מורא. אַך! ווען נישט די מיטהילף פון די מענטשן־מאַמעס וואָלט דאָס־דאָזיקע ציל קיין מאָל נישט דערגרייכט געוואָרן...

אַניקע האָט זיך דערמאָנט אָן יענע פּשוטע גייסטליכע, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון גאַנצן קריג נישט פאַרלאָרן זייער גלויבן און געהאַלטן זייערע נדרים. אָן אַזעלכע, וואָס האָבן אויפן שלאַכט־פעלד געלעבט ווי הייליקע... אויסנאַמען וואָס באַשטעטיקן די אַלגעמיינע רעגל!

פאַרן אַלטאַר פון אַ קליינער קאַפעלע, אַזאַ פינצטערער, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ קעלער, זענען געלעגן אויף די קני צוויי פרויען... ווי גערן וואָלט זי זיי געוואָלט אויפהויבן און אויפקלערן:

— „דער גאָט וואָס איר זוכט אים איז אין אייך גופא!... בלויז פון אייך, פון אייער טאַטקראַפט איז אָפּהענגיק דאָס גאַנצע צוקונפטיקע לעבן, די אַנטוויקלונג פון אַ גאַנץ אַנדערער, פון אַ נייער וועלט!... אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן מיט אַ וואַקס-ליכט אין האַנט, וואָס זי האָט עס נאָר וואָס געקויפט ביי איינעם פון די קירך-איינגאַנגען — איז פאַרביי געלאָפן לעבן איר. ווי היפּנאָטיזירט האָט זי עס אָנגעצונדען אָן איינער פון די ליכט וואָס האָבן שוין געברענט אויף אַנ׳ אייזערנעם דריי פוס לעם איינעם פון די זיילן... דאָס וואַקס האָט, זיך שמעלצנדיק, געקאַפּעט און פ.רשפּרייט אַ גערוך פון פאַרברענטע שמאַלץ. אַניקע האָט זיך געטרייסלט... עס זענען די עשאַפאָטן פון טאַרקוועמאַדאָ וואָס האָבן נאָך כּסדר געפלאַקערט אין דידאָזיקע פאַרשטיקטע פלאַמען. און אַלע וואַסערן פון ירדן וואָלטן נישט גענוג געווען זיי ווען ס׳איז אויסצולעשן...

אַ שטאַרק אויפגערעגטע האָט זי געוואַרט ביי דער טיר זיך באַהאַלטנדיק, הינטערן האַנט-פּאַס מיטן הייליקן וואַסער... לכתחלה האָט זי געקלערט איר אָפּצוואַרטן אין דרויסןביים טויער... אויסשטייגענדיק פון אויטא וואָלט איר אָבער פרוי מאַרעוואַל אָדער מאַריע געקאָנט באַמערקן און טאַקע מאַכן השיבנו צוריק... גלייכער איז אָבצושטעלן זיי דאָ ביים אַריינגאַנג, שרייען... וואָס? זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס, און לגמרי נישט געקלערט וועגן דעם... די האַרץ האָט איר פאַרדריקט, ס׳האָט זיך אַנ׳עפן געטאָן די טיר.

לאַנג און שוואַרץ מיט אַנ׳אייזקאַלטן געזיכטס-אויסדרוק האָט זיך מאַדאַם מאַרעוואַל באַוויזן אויפן שוועל נאָך איר מאַריע מיט קלוידן אויף די הענט. ביידע האָבן איינגעטונקט די פינגער איז הייליקן וואַסער און זיך איבער-

רוסםאַט האָט באַוווּנדערט די צוויי נאַקעטע פרויען־געשטאַלטן, וואָס דאָס שוואַרצע טריקאָט האָט בלויז אונטער־געשטראָכן זייערע פאַרבן און ליניעס. ער האָט קאָנסטאַטירט:

— פאַקטיש קאָן איך זיך אויף מיינע מאָדעלן נישט באַקלאָגן!...

מאַניקע בלאָנד און ווייס איז געגאַנגען — אַ גליקלעכע מוטער — הינטער אַניקען, וואָס איז געווען קלענער און מוס־קולעזער. אין איר ברוינער שלאַנקייט איז געלעגן אַ טאַנצעני־דיקע גראַציע. זי האָט זיך געלאָזן לויפן צום ים.

— זי איז באַצויבערנד, האָט רוסםאַט געמורמעלט, און ווי באַלעבט האָט זיין קוילן־שטיפט געפאָלגט אירע באַ־וועגונג... ס'אַראַ שווּנג! קוקט, זי וואַרפט זיך אין וואַסער ווי איינע פון יענע אַמאַזאָנען, וואָס מ'ווייסט נישט צי שטאַמט זייער נאָמען פון אַ קריגערין אָדער פון אַ טייך!...

און מאַניקע הינטער איר!...

ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז ער כאַפּט אויף די צוגן אַמאָל פון איינער, אַמאָל פון דער צווייטער און פאָרמירט מיט דרייסטע שטריכן די פיגור פון אַן'איינציקער פרוי. טויזנט קאָמפּליצירטע אַראַבעסקן, — מער אָנדייטונג ווי אויספירונג — פון וועלכע ס'איז דאָך סוף כל סוף אַנטשטאַ־נען אַן'איינהייטלעכער אַנטוואורף, אַ פיינע ליניע.

— דאָס לעבן איז איינפאַך, האָט ער באַמערקט.

פרוי ברוסםאַט האָט אים אָנגעקוקט, זיין געדאַנקען־גאַנג איז איר כמעט געווען פרעמד.

— איך שיינט עס צו זיין נאַריש!... איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן אַז מ'מוז אַריינדרינגען אין זין פון לעבן... ס'איז די רעטעניש פון ספינקס: טרעף, אָדער איך שלינג דיך איין!

באַלד האָט ער אָנגעוויזן אויף די מענער, וואָס האָבן פון זייער דיט ארומגעשפּאַצירט אין וואַסער.

— אָט זעענען זיי אַלע דריי, זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן האָבן געפונען דאָס צויבערוואָרט... צום טייוול! רירט

זיך נישט! האָט ער פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן אויף זעליאַנאָוו'ן, וועלכער האָט געהאַט בדעה זיך אַ הויב צו טאָן פון אַ פעלזן-שטיק... ער איז אַן'אמתע שיינע חיה!

בלאַנשעט און זשאַקמען האָבן לאַכענדיק פּראָטעסטירט.

— נו, און מיר? מער וועלן מיר פאַר אייך קיין מאָל נישט אָפּזירן!

רוססאַט האָט פאַרענדיקט זיין סקיץ, צוגעמאַכט דעם בלאָק און אויסגערופן.

— דער צוקונפטס-שטאָט וועט דאַן געשאַפן ווערן אָן אייך, שיינע אַדמ'ס!

— דער עיקר איז, אַז עס זאָל בכלל געשאַפן ווערן, האָט בלאַנשעט געענטפערט אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך דעם באָדמאַנטל „סיק וואָס, נאָן וואָבּיס" 1) די אייביקע געשיכטע.

— ע! האָט אַמעדיי צוגעגעבן, ס'איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, צו האָבען געאַרבעט פאַר אַנדערע.

אַלע זיבן האָבן זיך איצט אַ וועקגעזעצט ביי אַ טיש פאַר אַן'איין-פּאַוויליאָן. מיט אַן'אויטאָריטעט, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין ווידער שפּרוך, האָט עס זעליאַנאָוו אויפגעצוווּנגען די מענער. די דאַמען האָבן זיך קאַטעגאָריש און פּרינציפּיעל אָפּגעזאָגט פון „אַפּעריטיוו" 2) ווייל ער איז געווען ביטער.

דער בריוטרעגער, אַ צופרידענער וואָס ער האָט אַלע דריי פאַמיליעס מיט איין קלאַפּ געקאָנט אָפּגעבן די פּאָסט, האָט זיך גלייך צוריק אַרויפגעכאַפּט אויף זיין, וועלאָסיפּעד.

רויק האָבן זיי געעפנט זייער קאָרעספּאָנדענץ. זעליאַנאָוו, נישט באַקומענדיק קיין בריוו, האָט אַן'עפן געטאָן די לאָקאַל-צייטונג, וואָס מ'פלעגט זיי ברענגען פון סען איגולף צוזאַמען מיט דער פאַריזער פּאָסט.

ער האָט אויסגעשריגן:

— איך בעט אַ וואָרט.

---

1) יאָ איר, אָבער נישט פאַר זיך.

2) „אַפּעריטיוו" אָבּפּיר-מיטל.

אַ צופרידענער מיט'ן עפעקט האָט ער געליינט:

אַ טויט-פאַל דורך אַנ'אויטאָ... נעכטן איז אויף דער שטרעקע צווישן לאַ קאַרניש און טראַיאָס פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע מיט אַנ'אויטאָ וואָס איז געפאָרן פון סען-ראַפאַעל קיין ניצע. ווערנדיק אויסווייכן אַנ'אָנפאָרנדיקן וואָגן, איז ער אַרויף אויף אַ ראַמפּע, האָט זי דעמאָלירט און איז אַריין געפאַלן אין ים. צוויי פון די פּאַסאַזשירן, הער ראַ-שאַרד, דער גרויסער אייגנטימער פון ווייגריי, דעפוטאַט פון דער אונטער-סענע און מאַדאַם סימאַנע לורדאַל פון פּאַריז, ווי אויך דער שאָפער, זענען געפאַלן טויט אויפן אָרט.

אַרטראַכטע האָבן זיי אַלע געשוויגן.

אויב אַזוי, האָט אַניקע באַמערקט, האָט סימאַנע לורדאַל גאַנץ ווייניק אויסגעשפּילט דער מיט וואָס זי האָט איבער געגעבן דעם „אַפּעל" אין די הענט פון דערלוים און פאַרביטן לעבאָ'ן מיט זיין עגזעמע אויף ראַנשאַרד'ן מיט זיינע מיליאָנען!

די שרעקליכע געשטאַלט פון פּאַמפלעטיסט, וואָס האָט איצט מיט זיין געפערליכער הויטקראַנקהייט. געלעבט ערגעץ ווו אין אַ סאַנאַטאַריע אָפּגעריסן פון דער וועלט, איז אַ מאָמענט געשטאַנען פאַר אירע אויגן און האָט איר אָנגעפילט מיט אַ שוידער... לעבאַ! האָט אַניקע געטראַכט מיט אַ ציטער. זיך דערמאַנענדיק אָן דער געפאַר פון וועלכער זי האָט זיך געראַטעוועט... לעבאַ פאַראורטיילט... און דאָרט אונטן, אין תפיסה, שמאַכט ראָזע אָפּקומענדיק פאַר אירע זינד...

— דאָס לעצטע מאָל, האָט געזאָגט, אַמעדיי אַז איך האָב אים דערזען, האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ שרעקליכן איינדרוק. אין גאַנצן באַדעקט מיט ווונדן. מיט הענטשקעס אויף די הענט, מיט שוואַרצע פּליאַסטערס אויפן פּנים, האָט ער דאָך נישט געקאָנט באַהאַלטן זיינע בלוטיקע מכות און זיין הויט וואָס האָט זיך כסדר געשיילט.

— איצט וועט ער שוין אויסהויכן זיין איידעלע נשמה, האָט געזאָגט רוססאַט. דערפון וועט ער קרעפּירן.

— „מיר גייען נישט מער און גרינעם וואַלד אַריין"...

האָט זעליאַנאָוו אונטערגעזונגען... דאָס איז דער סוף פון אַ מְנוּבָל. און איצט מיינע הערן און דאַמען, אַ פריילעכע נאַטקע: „די קאָנטראָל קעגן דער גרעפען פון סען-וואַלענטין, פאַרן פאַרקויפן קאָקאַאין און עפענען אַ שפּיל-האַלע אין ווילעבאַן ווערט אַמטלעך אָפּגעשטעלט... אָט וואָס ס׳הייסט האָבן איינפלוסרייכע באַציונגען!... אָבער אָט האָט איר אַ בעסערע זאַך!

... די רובריק פון געריכטס-זאַל איז באמת אַן אוצר: „דער און אַלע ספּאָרט-קרייזן גוט באַקאַנטער זשים איז פאַר אַ זשאַנטאַזש-פּרוב קעגן דעם מאַרקיז ד׳עסטראַג פאַראורטיילט געוואָרן אויף דריי חדשים זיצן. מ׳געדענקט נאָך געוויס, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אויפן באַרימטן ציכטער ער זאָל האָבן דאָפּטירט איינעם פון זיינע פערד, וואָס האָט געזאָלט באַקומען דעם דיאַנאָ-פּריז...

— צי זענט איר מעכטיק, אָדער איר גייט אויס פון הונגער... האָט זיך בלאַנשעט געוויצלט.

— ס׳איז מערקווירדיק, האָט אַניקע געזאָגט, ווי אַלע מעשיות פון דידאָזיקע אַלע לייט זענען עפּעס אויס פון דאַנען און אין אַזאַ אָוונט אַזוי קליין, גאַנץ קליין.

— יאָ, האָט געברומט זעליאַנאָוו, אָנפילנדיק זיינע לונגען מיט פרישער ים-לופט, דידאָזיקע לייט זענען פּאַקטיש עלענד און קליין, און ווער וואָלט דען באַמערקט זייער עקזיסטענץ, ווען זיי זאָלן נישט זיין ביי דער מאַכט!... די ווערניס! דו, רוססאָט, וואָס דו האָסט אויפגעדעקט זייער אמת׳ן פרצוף!...

— מעכטיק, יאָ, דאָס זענען זיי!... און ווען מ׳באַקלערט, אַז זיי זענען נישט מער ווי אַנ׳הויפן ווערם, וואָס פראַנקרייך לאָזט זיך פון זיי נאָגן, און איז דאָך דאַביי געזונט און שטאַרק!... ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט... זיי האַלטן זיך נאָר אַ דאַנק אונזער שוואַכקייט, אונזער קוועטשן מיט די באַרקעס און אונזער שמייכלען!... אין טאָג ווען ס׳וועט אַריינדרינגען דער גרויסער רוף פון אמת, ווען מען וועט זיי אָוועקשטעלן צום שאַנדסלופּ...

— וועט דאָס פֿאָלק דידאָזיקע ווערם צוטרעטן מיט די פֿיס! האָט אַמעדיי פֿאַרענדיקט... דו גייסט אַניקע?

ערנסטע האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויפֿשטייגן צו זייער קליינער וווינונג. פֿרוי דאַנוואָא האָט פֿאַר זיי געפֿירט דעם קינדערוועגעלע מיט קליידן. און זשאַן רוססאַט האָט געשפּרייזט ביין זייט. ביי דער זייטיקער וועגל צום פּיניען־וואַלד האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט און זיי נאָכגעקוקט, דורכן קלאָרן אָוונט ווי זיי שטייגן באַרג־אַרויף פֿעסט צוגעדריקט איינער צום אַנדערן.

און זייער גאַנג איז געלעגן אַ ריטם. זיי זענען געגאַנגען לאַנגזאַם, מיט אַ גלייכן טריט. און פֿון זייער האַרמאָניע האָט געשטרוימט אַזאַ קראַפֿט פֿון אייניקייט, אַז רוססאַט, שטאַרק באַוועגט, האָט דערזען פֿאַר זיינע אויגן דאָס סימבאָלישע פּאָרל, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן מאָלן... די אייביקע האָפֿענונג פֿון מענטשן־געשלעכט, וואָס טראָגט זיך, מיט פֿאַראייניקטע הענט, צום קינפֿטיקן גליק...

די צוויי זענען לכל הפּחות, אויפֿן גרויסן שטח פֿון חורבן, געגאַנגען פֿאָרווערטס... אַניקע איז געגאַנגען אַ שטאַרק פֿאַרטראַכטע. אַמעדיי האָט אַ פֿרעג געטאָן?

— צי זענען אין אונזער קאָרעספּאָדענץ היינט נישט געווען קיין שום אינטערעסאַנטע ידיעות?

— יאָ, געוויס, נאָר וואָס האָב איך וועגן דעם געקלערט... אַ פּאַק בריוו ווי תּמיד אָבער קודם כּל אָט די צוויי צייטונגען...

זי האָט אים דערלאַנגט צוויי קליינע איינפּאַכע בלעטער... „די פּרויען־שטים“ מיט אַ מוטיקן אַרטיקל פֿון פֿרוי דאָקטאָר פּעלעטיער איבער דער אומפֿאַרמיידלעכער עוואָלוציע פֿון דער פֿאַמיליע... די פֿאַרברייטערונג פֿון אייגענעם קרייז, דאָס איבערנעמען די קינדער־דערציונג פֿון שטאָט און אַ כּסדר וואַקסנדיקן אומפֿאַנג און פּערמאַנענט אויסגעבעסערטע פֿאָרמען...

— דאָס איז צוקונפֿטס־מוזיק! האָט אַמעדיי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל. אמת, מיט יעדער שעה רוקן מיר זיך צו נענטער צום דאָזיקן ציל. אַלץ איז בלויז אַן׳איבערגאַנג...

בינו לבינו וועלן מיר אָבער שוין האָבן דערצויגן קלוידן... און גינע!

— זיי, פון זייער זייט, וועלן שוין זען אַ ברייטערן האָריזאָנט... און אַ דאַנק אונז וועלן זיי אים אַרומכאַפּן מיט אַ מער זיכערן בליק. דערווייל...

ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן:

— דאַרף מען קלערן וועגן היינט! הערצו, אָט נאַ, דאָס איז שוין ספּעציעל דיר נוגע...

זי האָט אַנ׳עפּן געטאָן אַבריוו און אים געוויזן אַ צווייטע קליינע בלאַט: „לעבן”... די שרעקעדיקע שטים פון יענע, וואָס דערמאַנען פון תהום פון זייער עלענד וועגן זייער געאָפּפערטער עקסיסטענץ. כאָטש זיי האָבן ס׳רעכט צו פאָדערן אויפן קול די אָפּצאָלונג פון נאַציאָנאַלן חוב!...

די שטים פון די שווינדזיכטיקע און פאַרגיפטעטע דורך די גאַזן, — די שטים פון דעם אומגעהויער גרויסן קריגס-חורבן, איין געמיינזאַמער קלאַנג פון אַ מיליאָן קרעכצענדיקע קולות, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען ביי אַניקען אין האַרצן, פאַרשטאַרקט דורך די פּאָרווורפן פון די בלינדע, פאַרקריפּעלטע אָן הענט און אָן פיס, פון אַלע פאַרוואונדעטע און צוקאַלעטשעטע, וואָס פאַר אַ פּאָר אומגליקליכע סו אַ טאָג, האָבן זיי איצט געמוזט באַצאָלן מיטן רעשט פון זייער לעבן פאַר דער שטונדע פון העלדענטום, מקריב זיין דאָס לעצטע, כדי צו ראַטעוון פראַנקרייך, אָבער נישט צו פאַרגרעסערן די עשירות פון די שיבערס און שפּעקולאַנטן!...

דידאָזיקע דורכן אומדאַנק פון די לעבעדיקע, פאַרשטיקטע שטים, איז געווען אַזוי דורכדרינגענדיק, אַז זי האָט צייטווייליג אפילו פאַרהילכט דעם יאָמער פון די יתומים!

— הער ווייטער! ס׳ווערט קאַלט אין אַלע אברים: „אַזוי ווי מיר ווייסן, פריילין, ווי ווייט ס׳גייט די פרייקייט פון אייערע מיינונגען און די פאַרזאָרגונג”... וואַרט צו פיל קאָמפּלימענטן, איך לאָז עס דורך... „האַלטן מיר פאַר

אונזער פליכט אייך איבער צו שיקן דעם באַריכט פון לעצטן קאָנגרעס וועגן די קריגס-שווינדזיכטיקע"... איך האָב אים געלייענט. און ס'איז ממש שווער צו גלויבן... ס'זענען פאַראַן גאַנצע דריי הונדערט טויזנט, און ווייסטו וויפיל בעטן ס'איז דאָ פאַר זיי אין די סאַנאַטאָריעס? ניין הונדערט צען!... הער ווייטער: „אונזער קלאָגעדיקע, קעגן די עלעמענטאַרסטע מענטשליכע רעכט געשאַפענע לאַגע, איז נישט געקוקט אויף אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען, זייער ווייניג באַוווּסט! די פּאָליטיקער, וואָס האָבן אונז אויסגענוצט כּדי צו דערגרייכן זייערע צילן...

— דיר מיינט מען נישט — און וואָס האָבן איצט די מאַכט, „קענען גאַנץ גענוי אונזער נויט. אָבער, כאָטש זיי האָבן עס אין בורבאָן-פּאַלאַץ, אויף אַן אָפענער זיצונג הויך פּראָקלאַמירט, האָבן זיי נאָך עד היום קיין קלאַפּ נישט געטאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער אויף צו פאַרבעסערן אונזער לאַגע, פאַרקלענערן דעם פּראָצענט פון שטערבליכקייט, כּדי צו פּאַראַליזירן די שרעקליכע קאָנסעקווענצן פון מאַנגל און היגיענישע איינריכטונגען — די געפאַרן פון דער אָנשטעקונק...

— גיב מיר דעם בריוו, האָט אַמעדיי געזאָגט, און די באַריכטן... איך זאָג דיר צו אַז אויף דער ערשטער זיצונג נאָך די פּעריען...

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים:

— אַך, געליבטער, דיין ראָל איז אַזאַ שיינע! ווי קליין און נישטיק שפּיר איך זיך לעם דיר...

— דו ביסט די אָנרעגערין, דער עלעמענט וואָס באַלעבט, שפּאַרנט אָן די ענערגיע!

— דאָס וואָלט איך טאַקע וועלן זיין... אַזוי פיל ווונדן דאַרף מען היילן, אַזוי פיל עלענד לינדערן! יאָ, אַזוי אומענדליך פיל, אַז אַלץ וואָס דו קאָנסט טאָן מיט

דיין אינטעליגענץ, מיט דיין גוטהאַרציקייט, איז בלויז ווי אַ טראָפּן אין ים!... לעבן, קאָנען בעסער לעבן, מיין טייערער, דאָס איז דער עיקר צי וואָס מיר דאַרפן יעדערן און אַלעמען צו העלפן. אַזוי די, וועלכע האָבן דעם קריג מיטגעמאַכט ווי יענע, וואָס אויב זיי וועלן נאָר וועלן, וועט מען קיין קריג מער נישט פירן... אָבער מיט זייערע שטימען מוזן זיך אומבאַדינגט פאַרייניקן די שטימען פון די פרויען — פון אַ ל ע פרויען און דעריבער איז אונזער אויפגאַבע זיי צו באַפרייען פון זייערע קייטן... כל־זמן ס'איז נישטאָ קיין נייע געזעלשאַפט, הענגט דער גליק פון דער מענטשהייט לגמרי אָפּ פון די מאַמעס און נאָר פון די מאַמעס...

זי האָט אַ קלער געטאָן וועגן יענע בתולות וואָס האָבן אין טרויער פון זייער צעליבאַט 1) נישט געהאַט די דרייסטקייט צו לעבן, לעבן צו שאַפן... יענע, וואָס זענען אויסגעטריקנט, פאַרוועלקט געוואָרן ווי אַן׳אומפּרוכטבאַרע געוויקס-שוואַכקייט וואָס האָט געקאָנט ווערן אַ קראַפט... וועגן יענע אפילו, וואָס האָבן זיך אין די קלויסטערס אָדער אין ציוויל-מלבושים געוואָרפן אין די אָרעמס פון מיסטישן חתן אָדער זיך אויפגעלעזט אין פלאַם פון אַ צוועקלאָזן קרבן... קרעפטן האַלב פאַרלאָרענע פאַר דער פרוכטבאַרער לעבנסענערגיע...

זיי זענען צוגעקומען צו דער עספּלאַנאַדע. דער ריח פון די פּאָמעראַנצן-בוימער האָט זיי פאַרשכורת מיט זיין זיסקייט. אַמעדיי האָט אַרומגעכאַפּט מיט אַ בליק פול דאַנקבאַרקייט זיין גוטן וועג-חבר. די האָפענונג, וואָס זי האָט אין זיך געטראָגן און וואָס האָט שוין, אַלס אָפּגלאַנץ פון טירער, אויך געבליט אין די אויגן פון קליינעם קלויד.

---

1) צעליבאַט — בחורשאַפט, נישט חתונה-האָבן.

האָט געשטראַלט ווי די פּראַכט און דער רויקער פרידן פון
דאָזיקן טאָג.

אַניקעס פּאַרטרויען האָט זיך צונופגעגאָסן מיט זיינעם
זי האָט אַ ווייז געטאָן אויף קלוידן:

דער אַרבעטער פון מאָרגן!

ענדע